STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09241

# TSVISHN VILDE UN TSIVILZIRTE

Marcos Paryszewski

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

*This book once owned by a South African reader, has been preserved by the*

*Cape Town Yiddish Cultural Federation*

*and returned to circulation by the*

*National Yiddish Book Centre*

*of South Hadley, Mass. U.S.A.*

*May it thus inspire us to keep alight the flame of Jewish life and learning.*

מאַרקוס פאַרישעווסקי

מאַרקוס פאַרישעווסקי

# צווישן ווילדע און ציוויליזירטע

א באַשרייבונג פון אַ רייזע איבער פערואַנער
בערג און וועלדער, צווישן ציוויליזירטע
ישובים און אינדיאַנער שבטים

בוענאָס איירעס

1944

# אַרײַנפֿיר

דער אונטער־טיטל פֿון מאַרקוס פֿאַרישעווסקים בוך — אַ באַשרײַבונג פֿון אַ רײַזע —, פֿירט אַוועק אונדזער געדאַנק צו אַן אַלטן ליטעראַרישן זשאַנער, וואָס ציט זײַן יחוס נאָך פֿון דעם ערשטן היסטאָריקער העראָדאָט, וואָס האָט באַשריבן זײַנע רײַזעס איבער דעם נאָענטן מזרח, איבער צור און מצרים, איבער אשור און בבל, פּרס און מדי און איבער די באַלקאַן־לענדער און האָט מיט זײַנע באַשרײַבונגען געלייגט דעם גרונטשטיין פֿון דער געשיכטע־שרײַבונג; ער פֿירט אַוועק אונדזער געדאַנק צום אידישן רײַזנדן בנימין פֿון טודעלאַ, וואָס האָט אין זײַן ספֿר „מסעות של ר׳ בנימין" באַשריבן דעם לעבנסשטייגער פֿון די אידן אינעם נאָענטן מזרח און אין מזרח פֿון אייראָפּע פֿון זײַן צײַט, דער צוועלפֿטער יאָרהונדערט; צו מאַרקאָ פּאָלאָ, וואָס האָט אינעם דרײַצנטן יאָרהונדערט באַקאַנט געמאַכט די אייראָפּעער מיט דעם לעבנסשטייגער פֿון כינע און יאַפּאַן... באַזונדערס אָבער דערמאָנט ער אונדז — צוליב דעם לאַנד, וואָס ער באַשרײַבט — די רײַזע באַשרײַבונגען, וואָס האָבן זיך באַוויזן נאָך דער אַנטדעקונג פֿון אַמעריקע, ווען באַטייליקטע אין די ערשטע עקספּעדיציעס קיין אַמעריקע, מענטשן געניגטע צו אַוואַנטורע, האָבן, אַהיימקומענדיק, דערציילט פֿאַר שרײַבער אָדער אַליין באַשריבן די עקזאָטישע מענטשן און זייערע פֿירונגען אין די ווײַטע לענדער, ווי אויך די אייגענע איבערלעבונגען און די פּאַסירונגען, וואָס האָבן מיט זיי פּאַסירט צווישן די ווילדע מענטשן.

די אַלע באַשרײַבונגען פֿון די לענדער און זייערע באַוואוינער האָבן קיינמאָל נישט געגאָסן דעם פֿולן צוטרוי פֿון דער וויסנשאַפֿט. אין די רײַזנדער האָט מען, אַדאַנק זייער געניגטקייט צו אַוואַנטורע, געזען מערסטנס בעלי־גוזמא, פֿאַנטאַסטן, וואָס מיט זייער גאַנצער אָרנטלעכקייט, האָבן די זאַכן געמוזט אויסזען אין זייערע אויגן פֿאַרגרעסערט, לעגענדאַריש און פּאַבלהאַפֿטיק.

מאַרקוס פּאַרישעווסקי האָט דאָס פאַרשטאַנען, ער האָט געוואוסט, אַז ווי געטריי ער זאָל ניט זיין צו דעם אמת, און ווי געצוימט ער זאָל ניט זיין באַם איבערגעבן זיינע איינדרוקן און שילדערן די מאַיעסטעטישקייט פון די אַנדן־בערג און די פאַרביקייט און די עקזאָטישע באַוואוינער זייערע, וועט מען אים חושד זיין אין גוזמאות און פאַנטאַסטישקייטן, און ער האָט זיך באַוואָרנט קעגן דעם מיט דער פּינקטלעכקייט פון זיינע געאָגראַ־פישע און עטנאָלאָגישע דאַטעס, וואָס ער האָט קאָנטראָלירט בײַ אויטאָ־ריטעטן אין די דאָזיקע ענינים. ער גרענעצט זיך אָפּ פון דער פאַנטאַס־טישקייט מיט דער איראָנישער באַמערקונג זיינער אָפּן חשבון פון מנשה בן ישראל, וואָס האָט געהאַלטן די אַצטעקן פון מעקסיקע פאַר די אורייניק־לעך פון די עשרת השבטים אָדער ווייניקסטנס פאַר די יורשים פון זייער קולטור און אָפּן חשבון פון דעם מאַראַן מאָנטעסינאָס (אהרון הלוי ספרדי), וואָס האָט דערציילט אין אַמסטערדאַם, אַז ער האָט אין די קאָרדיליערן געהאַט אַ באַגעגעניש מיט אינדיאַנער, וואָס פירן אַ אידישע מלוכה און אַלס סימן האָבן זיי אויסגערופן „שמע ישראל” און אָנגערופן די נע־מען פון די אבות אברהם, יצחק און יעקב... פאַרט אַ איד אין די קאָרדי־ליערן, באַמערקט איראָניש פּאַרישעווסקי, כאַלעמען זיך אים די עשרת השבטים וואָס הינטער די הרי חושך...

מאַרקוס פּאַרישעווסקי איז, אגב, געפאָרן איבער די בערג און טאָלן און ווילדעמישן פון פּערו און אירע שכיינעסדיקע לענדער אין אונדזער רעאַליסטישער צייט, וואָס איר איז דערווידער יעדער פאַרשלייערונג פון די פאַקטן און ער, אַלס רעאַליסט, באַמיט זיך אויך די געזעענע זאַכן אויסצוטון פון זייערע מיסטישע שלייערס.

אויב די זאַכן קומען פאָרט אַרויס ביז גאָר אויסטערליש, איז עס דער ריינער אמת פון זייער אויסטערלישקייט, פון זייער עקזאָטישקייט.

געררייזט האָט פּאַרישעווסקי ניט צוליב שרייבערישע צילן און ניט צוליב אַוואַנטורעס. די אַוואַנטורעס אָפ זיין וועג רייסן זיך אַריין בעת זיינע וואַנדערונגען קעגן זיין ווילן, אַרויסגעקומענע פון די אומשטענדן און פון דער אויסטערלישערווירקלעכקייט גופא. אַזאַ איז די סענטימענ־טאַלע און טראַגישע אַוואַנטורע זיינע מיט דעם אינדיאַנער מיידל סורו־האַלפאַ, וואָס פאַרנעמט אַ זייער אָנגעזען אָרט אין דעם בוך.

אומגעפאָרן איז דער מחבר פון דעם בוך איבער די שטעט און שטעט־לעך פון די דרום־אַמעריקאַנישע לענדער פאַרשפּרייטן צווישן די עלע־מענטאַרע און מיטלשולן פאַר מיידלעך אַ נייע האַנטאַרבעט, בייוול־שטרי־קעריי, און דאָס וואָס ער האָט אויף זיין רייזע געהערט און געזען האָט

אים טיף פאַראינטערעסירט. אַזוי נאָנט האָט ער געפילט דאָס אויסטער־לישע לעבן וואָס אַרום אים, אַז ער איז שיר ניט אַליין דערין אַף שטענ־דיק אַריינגעצויגן געוואָרן, באַוואויגן פון זיינע סענטימענטן פאַר עכט־קייט און גערעכטיקייט. געזען האָט ער ניט נאָר די אַלטע אַרבעטזאַמע אַמעריקאַנישע ראַסן אונטערדריקטע, פאַרפאָלגטע און עקספּלאָאַטירטע פון דעם הערשזיכטיקן און אינקוויזיטאָרישן ווייסן מענטשן; אויך די עולות וואָס ווערן באַגאַנגען פון די מינען־מאַגנאַטן קעגן דעם רייכן מיט מעטאַלן אינגעווייד פון די אייביקע שניי־בערג, רירט אים.

דער מחבר איז גאָרנישט קיין גלייכגילטיקער צושויער פון דעם גאַנצן אינדיאַניש־שפּאַניאָלישן געמיש, דעם פיזישן און דעם גייסטיקן, אָנהויב־בנדיק פון דער מישלינגען־יעראַרכיע, וואָס גייט דורך די גאַנצע פאַרבן־גאַמע צווישן דעם עכטן אינדיאַנער, וואָס איז שטאָלץ אַף זיין שטאַם און טראַדיציע, ביז דעם ריינעם ניט געמישטן אָפּשטאַם פון די אַריינדרינ־גער, די שפּאַנישע שווערד און צלם־טרעגער און ענדיקנדיק מיט דעם געמיש פון דער אינדיאַנישער אַסטראָלאָסטישער מיטאָלאָגיע און רעשטן פון בלוטיקן קרבנות־קולט מיט די קריסטלעכע גלויבונגען און טעאַטראַ־לישן גאָטעסדינסט, וואָס פּערו איז פאַרפלייצט דערמיט. אויך צו אידן, וואָס מ. פאַרישעווסקי האָט אָנגעטראָפן אין די פּערואַנער שטעט צווישן די בערג — נישט פון די עשרת השבטים, נאָר בעסאַראַבער און פּוילישע, קויטעניקעס און טמאים, להבדיל, אַרויפגעאַרבעטע און זייערע קרבנות, באַציט ער זיך נישט גלייכגילטיק. און אַזוי אויך צו די יחידים אידן, וואָס זיינען אַוועק צום קלויסטער, זוכן אין אים אַ רו פאַר זייער געפייניקטער נשמה און זיינען אַריינגעפאַלן אינעם ווייערד־טשאַד און ראַנגלען זיך אין אים מיט דער טראַגישער ראַנגלעניש פון די פליגן אינעם שפּינוועבס.

און אַז מיר פאַרענדיקן לייענען דעם בוך אונטער די קלאַנגען פון פייפלעך־שטורמישן אינדיאַנישן געזאַנג בעת אַ לויה אין די וואָלקס צווישן די בערג, האָבן מיר דעם איינדרוק ווי מיר וואָלטן געהאַט פאַר זיך אַ לעבעדיקע ביז פּינקטלעכקייט, רייכפאַרביקע און פאָלקלאָגיקע פּאַנאָראַמע פון דעם שפּאַניש־אינדיאַנישן קאָרדילערן־לאַנד פּערו פון ערשט מיט צוויי צענדליק יאָר צוריק.

**פ. קאַץ.**

# דורך באָליוויע קיין פּערו

אָנגעלייענט זיך און אָנגעהערט זיך וועגן די פאַרבליבענע שבטים פון די אַלטע אינדיאַנישע ציוויליזאַציעס, די טיאַהואַנאַקער אין באָליוויע און די אינקאַס, נאַזקאַס און טשימוס אין פּערו, האָב איך זייער גערן און מיט אַ באַזונדערע כונה אָנגענומען, אין אַ האַרבסט־טאָג פון 1922, דעם פאָרשלאָג פון אַ געשעפט־הויז, וואָס האָט פאַרשפּרייט אַ נייע שטריקעריי־קונסט מיט בייוול, איך זאָל ווערן איר אַגענט־פאַרשפּרייטער איבער די פּערואַנער ישובים.

דעם וועג קיין פּערו, האָב איך באַשלאָסן צו מאַכן דורך באָליוויע, וואָס האָט אַמאָל, ביז סוף אכצנטן יאָרהונדערט, אויך געהייסן הויך־פּערו. דעם באַשלוס האָב איך אָנגענומען, מחמת אַ שטיק באָליוויע, איר טשאַקאָ־וואַלד, איז מיר באַקאַנט געווען פון פריער, נאָך פון מיינער אַ רייזע אין 1910 איבער פּאַראַגוואַי. איך האָב דעמאָלט אין איין וועג שוין אויסגעמאָסטן די טראָפּיקאַלישע באָליוויאַנער געגנט, כמעט דעם גאַנצן באָליוויאַנער טשאַקאָ.

די איינציקע שוועריקייט וואָס האָט זיך מיר געשטעלט אין וועג, איז געווען די וויזע. פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט מען אין די לענדער גאָרנישט געוואוסט פון אַט דער פּלאָג, וואָס הייסט „וויזע". ערשט ווען זיי האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין „טראַנזיט־לענדער" פאַר מאַסן אויסערקוואָטע עמיגראַנטן פון אייראָפּע קיין נאָרדאַמעריקע, זיינען די וויזעס געוואָרן אַ הכנסה־רובריק פאַר זייערע קאָנסולאַטן און פאַר די קאָנסולן גופא. יעדער קאָנסול האָט, לויט זיין איינזען, געצאַפּט וויפל עס האָט זיך נאָר געלאָזט. אז ניט, איז דער דורכרייזנדער געוואָרן אַן „אימיגראַנט" און דערצו נאָך אַ „אוימגעווינשטער", אַ „געפערלעכער", מיט „פאָרגעשריטענע אידייען"... האָט מען נישט נושא־חן געווען באַם קאָנסול אין די אויגן און האָט מען אים נישט געסילעקט וויפל ער האָט געפאָדערט, האָט מען ווייטער נישט געקענט פאָרן.

# מאַרקוס פּאַרישעווסקי

מיר איז די זאַך אָנגעקומען אַביסל גרינגער ווי אַנדערע. מיר איז בייגעשטאַנען מיין פראַנצויזישע בירגערשאַפט. איך האָב שוין געהאַט אַלע נויטיקע פּאַפּירן, מיט אַ פּאַס ביז מעקסיקאָ, אַריינגערעכנט. געפעלט האָט מיר בלויז די באָליוויאַנער וויזע. גיי אָבער ווייס, אַז מיין „ראַסן־נאָענטקייט" מיט דעם באָליוויאַנער קאָנסול אין אַרגענטינע, וועט מיר אַזוי פיל צרות פאַרשאַפן.

דער קאָנסול האָט זיך ממש דערפרייט איבער מיר און מיט פּאַטאָס רופט ער זיך אָן: אַלס ראַסן־ברודער, אַלס לאַטיינער, וועל איך אייך מאַכן אַ פאַרלייכטערונג, איך וועל אייך געבן אַ ספּעציעלן באָליוויאַנער פּאַס, ווי פאַר אַ באָליוויאַנער געבוירענעם און אין מיין ציוויליזירטן און קולטורעלן לאַנד וועט איר געניסן די זעלבע רעכטן ווי אַ באָליוויאַנער...

פאַר דער „טובה" האָט ער באַקומען אַ שיינעם דאַנק און גוטע דאָלאַרן. איך בין אַזוי איבעראַשט געוועזן פון דער פריינטשאַפט און פון דער טובה, אַז איך האָב אַפילו נישט אַריינגעקוקט אין דעם פּאַספּאָרט וואָס אַזוינס דער זייער קולטורעלער און געבילדעטער קאָנסול האָט אין אים אַריינגעשריבן. נאָר וועגן דעם שפּעטער.

דערווייל, איידער מיר פאָרן אַריין קיין באָליוויע, לאָמיר זיך באַקענען מיט אַ פּאָר זייער נויטיקע דאַטן וועגן דעם לאַנד, וואָס וועלן אונדז שפּעטער צונוצקומען נישט ווייניקער ווי די וויזע.

אַז באָליוויע האָט אַמאָל געהייסן אַלטאָ פּערו (הויך־פּערו), ווייסט איר שוין. און גערופן האָט מען זי אַזוי, מחמת העכער 700.000 קוו. קילאָמעטער פון איר שטח שטייען אויף אַ הייך צווישן 3.500 און 4.000 מעטער איבער דעם ים־פלאַך. איידער זי איז אַריין אין דער קאַטאַסטראָפאַלער מלחמה מיט פּאַראַגוואַי, האָט זי געהאַט אַ מיליאָן מיט 470 טויזנט קוו. קילאָמעטער באָדן. עס איז איר נאָך אָבער גענוג פאַרבליבן אויך נאָך דער אַמפּוטאַציע, נאָכדעם ווי מען האָט באַ איר אָפּגעשניטן דעם טשאַקאָ.

טאָפּאָגראַפיש איז באָליוויע אפשר דאָס געבראָכנסטע און דאָס באַרגיקסטע לאַנד אין גאַנץ אַמעריקע. און דערפאַר אויך איז איר קלימאַט אַ געבראָכענער און איר וועגעטאַציע אַ פאַרשידנאַרטיקע. אויף איר הויכן פליין וואַקסט כמעט גאָרנישט אַדאַנק דער שטענדיקער קעלט און די פּאָלאַרע ווינטן. דאָרט זיינען קאָנצענטרירט אירע גרויסע שטעט, איר „אינדוסטריע" און „קאָמערץ" (זאָלן זיי מיר אַנטשולדיקן וואָס איך שטעל זיי אין גענדזנפיסלעך). נאָר מיט עטלעכע שעה רייזע ווייטער פון איר

# צווישן ווילדע און ציוויליזירטע

הויפּטשטאָט, לאַ פּאַז, געפינט זיך דער פּרוכטבאַרער, כמעט טראָפּיקאַלישער טאָל צופוסנס איר ריזן־וואולקאַן אילימאַני.

אַדאַנק דער געבראָכנקייט פון איר באָדן, איז זי אויך רייך מיט אינדיאַנער ראַסן און שפּראַכן, אַזוי אַז איין ראַסע פאַרשטייט נישט די שפּראַך פון דער צווייטער. די צאָלרייכסטע ראַסן זיינען די טשיריגואַנער, וועלכע ריידן אַ מין גואַראַני און די אַימאַראַעס, וועלכע ריידן אַן אייגענע שפּראַך. ביידע וואוינען אַף דעם הויכן פּליין, און אַרום די שטעט לאַ פּאַז, אָרוראָ, פּאָטאָסי א״אַ. אַף די נידעריקע פּרוכטבאַרע בערג און טאָלן וואוינען: די טשונטשאָס, אַ שבט וואָס האָט געשעמט מיט זיין גוטוראַלער שפּראַך; די באָטאָקודאָס, אַ שבט וואָס וואוינט באַ דער גרעניץ מיט בראַזיל, באַרימט מיט דעם מאָדנעם צירונג זייערן, גרויסע רינגען איינגעשטאָכן אין דער אונטערשטער ליפּ אָדער אין דער נאָז און זיין שפּראַך איז קאַיגוואַ; די מבאָיאַס וואָס שעמען מיט זייערע אומטרייע ווייבער און קלינגענדיקן לשון; די טאָבאַס, וואָס ריידן אַן אַביפּאָנער דיאַלעקט; טשאַמאַקאָקאַס, טאַסיגאַס, קאַדואַוויאָס און אַנדערע, וואָס ריידן קיטשואַ־דיאַלעקטן. אַרום אַנטאָפּאַגאָסטאַ, באַ דער טשילעניש־אַרגענטינישער גרעניצן, וואוינען די בראַווע אומגעצוימטע אַראַוקאַנער און אַנדערע שבטים אויך מיט זייערע באַזונדערע שפּראַכן.

# אין לאַ קיאַקאַ

מיט אָט די ידיעות וועגן באַליוויע, מיט אַ רעוואָלווער אין טאַש און מיט מיין באַליוויאַנער פאַס, פאָר איך אַריין אין לאַ קיאַקאַ, דאָס אַרגענטינישע גרעניץ־שטעטל, אַפן רוקן פונעם הומאַהואַקאַ־באַרג, קעגניבער וויזשאַסאָן, דאָס באַליוויאַנער גרעניץ־שטעטל. לאַ קיאַקאַ, מיט אַ באַפעלקערונג פון עטלעכע הונדערט נפשות, באַשטייט איבערהויפט פון האָטעלען, רעסטאָראַנען, שפייז־קראָמען און שענקען. די הויפט־באַפעלקערונג באַשטייט פון אַרגענטינער און באַליוויאַנער רעגירונגס אָנגעשטעלטע מכל המינים, פון קרעמער און שענקער, אינדיאַנער לאַמאַ־טרייבער... איר טרעפט אויך אין גאַס אַ פליכטלינג פון דער קראַנקער אייראָפע.

אין לאַ קיאַקאַ, אַף דעם זאַמדיקן האַלב־פליין, רעגנט קיינמאָל ניט. אַרום, ווי ווייט דאָס אויג כאַפט, זעט מען נישט קיין גרינס, זעלטן נאָר טרעפט איר באַ אַ שטוב פון אַרבעטזאַמע מענטשן אַ ווערבע, אַן אייקאַליפטן־בוים, אַ נידעריק סאָסנעלע אָדער אַ גראָב־בלעטערדיקן קאַקטוס.

פונוואַנען ציען די אָרימע ביימער זייער יניקה? איך האָב זיך דאָס דערוואוסט מיט מיינע אייגענע מיטלען און אַף אַ מאָדנעם אופן. טאָג־טעגלעך פלעג איך אומבלאָנקען איבער די הויכע וואַנדערנדיקע זאַמד־בערגלעך. איינמאָל האָב איך באַמערקט צווישן עטלעכע גרעסערע פעלזן, אַ פוקסן־נאָרע. איך בין אַוועק אין האָטעל און האָב צוריקוועגס מיטגענומען מיט זיך דעם אַראַבישן האָטעל־אייגנטימערס צוויי הינטלעך. די נידעריקע און לאַנגע הינטלעך האָבן זיך גיריק אַריינגעקראָגן אינעם לאָך און באַלד טאַקע אַרויסגעיאָגט פון דאָרטן צוויי שיינע פוקסן, וועלכע איך האָב דערשאָסן. די הינטלעך זיינען אַריין אין אַמביציע און האָבן זיך גענומען צו אַ צווייטער נאָרע, אַ קלענערער. נאָר אָנשטאָט אַ פוקס זאָל אַרויסשפרינגען, האָט אַ שפריץ געטון פון אונטער דער ערד אַ שטראָם וואַסער. איך האָב מיך שוין אַליין גענומען גראָבן אינעם זאַמד און האָב אָנגעטראָפן אַף אַ טיף פון זיבעציק און וואו אויך פון פופציק צענטימעטער, קוואַלן וואַסער. דאָס וואַסער פון די צעגאַנגענע שנייען אַף דער קאָר־

# צווישן ווילדע און ציוויליזירטע

דיליערע גראַבט זיך איין אינעם זאַמד און פליסט אין אונטערערדישע טייכן און זיי שפּייזן דאָס די ביימער פון לאַ קיאַקאַ.

אין דעם אַרגענטינישן גרעניץ־שטעטל האָב איך מיך אויפגעהאַלטן עטלעכע טעג. איך האָב מיך צוגעוואוינט צו דער רייזע איבער דעם הויכן באָליוויאַנער קאָרדיליערן־לאַנד און נאָכדעם ווי איך האָב ווידער באַקוקט מיינע פּאַפּירן און האָב זיי געטראָפן „אין אָרדענונג", האָב איך געדונגען עטלעכע טשיריגואַנער, אינדיאַנער וואָס האָבן געהאַט אייגעפּאַסטע אין די שטערנס, טיף אונטער דער הויט, פאַרשידענע שטיינדלעך און ביינדלעך, און מיט זייערע לאַמאַס האָבן זיי מיך אַוועקגעפירט קיין וויזשאַסאָן, צו דער באָליוויאַנער טעריטאָריע.

אַף דער שמאָלער בריק איבער דעם געלעגער פון אַן אויסגעטריקנטן טייך, וואָס טיילט אָפּ אַרגענטינע פון באָליוויע, האָט די באָליוויאַנער גרעניץ־וואַך מיך אָפּגעשטעלט, באַקוקט מיינע פּאַפּירן און... מיך צוריקגעשיקט. וואָס איז געשען? דער קאָנסול האָט נישט ווי געהעריק וויזירט מיין פּאַס. אָנגעשריבן האָט ער, אַז איך בין אַ פראַנצויז, געבוירן אין באָליוויע, וואָס דאָס איז אַ אומזין. אויך מיינע בוענאָס איירעסער פּאָקן האָבן ניט געטויגט פאַר דער באָליוויאַנער פּאָליציי. מען דאַרף זיי שטעלן אין לאַ קיאַקאַ, אויב מען וויל זיי זאָלן גילטן... וויסן דאַרף מען נאָך, אַז געווען איז עס בעת איינעם פון די אָפטע מיליטער־אויפשטאַנדן, וואָס באָליוויע איז מיט זיי געבענטשט. פונדעסטוועגן האָט דער באָליוויאַנער סוב־קאָנסול אין לאַ קיאַקאַ גאַנץ פיין אויסגעפּאַריכט מיין וויזע און מיך שוין אויך באַזאָרגט מיט לאַ קיאַקער פּאָקן.

די דאָזיקע פּאָקן, אגב, זיינען מיר שטאַרק פאַרבליבן אין זכרון. געשטעלט האָט זיי מיר אַ גאָר וואַזשנער דאָקטער, אַ טשיריגואַנער, איינער פון די וואָס די שטערנס באַ זיי זיינען אויסגעפּלאַסטערט מיט שטיינדלעך און ביינדלעך. פון אָט די פּאָקן איז מיר דער גאַנצער אָרעם, פונעם אַקסל ביז די שפּיץ פינגער, געשוואָלן געוואָרן. פונעם אַקסל ביזן עלנבויגן איין בלאָטער. אונטערן לינקן אָרעם האָב איך באַקומען צוויי געשווירן און די זייט אפילו האָט מיר געגומען שווילן. מיט אָט די פּאָקן בין איך אָפּגעלעגן צוויי וואָכן אין אַ כינעזישן „האָטעל" אין טופּיסאַ און זעקס וואָכן אין לאַ פּאַז.

# אין לאַ פּאַז

ווי נאָר איך האָב מיך אויסגעהיילט פון די אָנגעטשעפּעטע פּאָקן, בין איך אַרויס אַף לאַ פּאַזער גאַסן זוכן אידן. געטראָפן האָב איך ניין קוועגטעניקעס, אַלע פון בעסאַראַביע און אַלע האָבן זיי באַוויזן שוין אָנצוגעבן זיך פאַר רומענער, כאָטשע אַוועקגעפאָרן זיינען זיי פון דער היים ווען בעסאַראַביע איז נאָך געווען אַ רוסישע גובערניע און כאָטשע פאַר דעם יאָר וואָס רומעניע האָט שוין געהאַט געהערשט איבער בעסאַ־ראַביע, האָבן די דאָרטיקע אידן שוין געהאַט פאַרזוכט דעם ביטערן טעם פון דער נייער אונטערטאַנשאַפט. אַ חוץ זיי, האָב איך אָנגעטראָפן דריי פאַראינדיאַנישטע קרעמער און איניקע גאַנץ רייך געוואָרענע דייטשע און טערקישע אידן, וואָס מען האָט זיי שוין אויך גאַנץ שווער געקענט אויס־טיילן פון די אינדיאַנער.

תחילת האָבן די טעלענעשטער און נאָוואָסעליצער בשום אופן נישט געוואָלט זיך אויסגעבן פאַר מיר אַלס אידן, כאָטשע איך האָב זיי פאַר־זיכערט, אַז איך וועל זיי נישט אויסגעבן. ווערליק דעם אַנטיסעמיטיזם וואָס האָט דעמאָלט געהערשט אין לאַ פּאַז, האָט מען געקענט מיינען, אַז דאָס לאַנד איז פאַרפּלייצט מיט אידן. דער אמת אָבער איז, אַז פאַרפּלייצט איז דאָס לאַנד געווען פון דייטשן, וואָס זיינען אַנטלאָפן פון דייטשלאַנד נאָך ווילהעלמס אַבדיקאַציע און פון עסטרייכישע, אונגאַרישע און צאַרישע פּאָגראָמשטשיקעס. דער הויפּט־שטאַב פונעם באָליוויאַנישן מיליטער איז פול געווען מיט דייטשן. אויך דער גרויס־האַנדל און טיילווייז אויך דער קליינהאַנדל איז איינגעשטאַנען אין דייטשע און שפּאַנישע הענט. אין דעם לאַנד וואו מען האָט צומאָל קיין פאָרשטעלונג נישט געהאַט וואָס אַזוינס איז אַ איד, איז דאָס גאַנצע קאַטויליש־פרומע אינדיאַנער־פאָלק, פּאַשעטע האָרעפּאַשניקעס, אַרומגעגאַנגען אין איינע זאָרג: וואָס טוט מען מיט די אידן, וואָס מאַכן אומגליקלעך באָליוויע און זיינען דאַנקבאַר געווען דעם

געזינדל „פּאַטריאָטן", וואָס זיינען געקומען אין לאַנד פון אַזוי וויים, זיי ראַטעווען פון די אידן...

איך האָב אָט דעם אַנטיסעמיטיזם דערפילט אויף מיין אייגענער הויט, כמעט באַלד ווי איך בין אַרויס אין גאַס. אַרויפגעגאַנגען בין איך מיט אַ מעשופּעדיקער גאַס, ממש צום קלעטערן אויף אַלע פיר, ביז איך בין אַרויפגעקומען גאָר הויך, וואו די גאַס איז עטלעכע קוואַרטאַלן האָריזאָנטאַל, גלייך און ברייט. פאַר מיינע אויגן דערזע איך אַזאַ בילד: צוויי דייטשן און איינער אַ שפּאַניאַל שלאָגן מערדערלעך אַן אינדיאַנער. עס זיינען אָנגעלאָפן נאָך אינדיאַנער און די שלעגער זיינען אַנטלאָפן. דער אינדיאַנער איז שטיין געבליבן, פאַר זיין טיר איז עס געווען, מיט אַ צעבייילטן קאָפּ, פון אַ שטיין, מיט וועלכן איינער פון די דייטשן האָט אים געשלאָגן. איך ביז אַריין מיט דעם אינדיאַנער צו אים אין דער הייזקע און אים צוגעלייגט צו די ביילן אַ נאַסע שמאַטע מיט גראָבער זאַלץ.

אויפן צווייטן טאָג אינדערפרי קומט צו מיר אין האָטעל דער צעבייילטער אינדיאַנער מיט זיינעם אַ פּלימעניק אַ גאַלעכל. ער האָט מיר געבראַכט אַלס דאַנק אַ מתנה, אַ פיינע וויקוניאַ־פעל און זאָגט מיר:

— נאָר אַן עכטער קאַטאָליק קען זיין אַזוי גרויסמוטיק, נאָר אַ הייליקער קאַטאָליק קען מיט בלויז אַ ביסל זאַלץ מיט וואַסער העלפן אַזאַ צעקלאַפּטן קאָפּ און עס זאָל כמעט קיין צייכן נישט בלייבן פון די ביילן...

— יאָ, יאָ, נאָר אַ קאַטאָליק און נאָר אַ פרומער און הייליקער קאַטאָליק, מיט אַ הייליקן שפּרוך, קען טון אַזאַ נס און אויסהיילן מיט אַ ביסל זאַלץ און פּאַשעטער וואַסער. — האַלט אים אונטער דאָס קליינע אינדיאַנער גאַלעכל. — פאַרשאָלטן זאָלן ווערן אַלע אידן און אַלע פּראָטעסטאַנטן, די אַנטיכריסטן. זיי האָבן פאַרפּלייצט באָליוויע, זיי זויגן אויס אונדזער בלוט און נישט גענוג, שלאָגן זיי נאָך אונדזערע ציוויליזירטע גאָטספאָרכטיקע בירגער!...

— פּאַטערל, — האָב איך אים איבערגעשלאָגן די רייד. — איר מאַכט מיט מיר בילעמס געשיכטע, נאָר פונקט פאַרקערט. איר זענט געקומען מיך בענטשן און מיר דאַנקען, מיר געבראַכט אַ שיינע מתנה פאַר מיין גוטסקייט און צום סוף שעלט איר מיך גאָר, איר באַליידיקט מיך און זידלט מיך בא מיר אין צימער!

## מאַרקוס פּאַרישעווסקי

— ניין, ניין! ווער? איך? ניין, ניין, זון מיינער, אין נאָמען פון אַלע הייליקע! איך וועל אַזאַ הייליקן מאַן, אַזאַ הייליקן קאַטאָליק ווי דו, זון מיינער, נישט שעלטן, נישט זידלען און נישט באַליידיקן. — ענטפּערט איבעראַשט דאָס גאַלעכל.

— איך בין אַ איד און נישט קיין קאַטאָליק און אויך נישט קיין קריסט פון קיין שום אַנדערן מין. און אויב איר האָט אַזוי שטאַרק געשאָלטן און געזידלט די אידן, האָט איר מיך אויך געשאָלטן.

— וואָס? דו, זון, אַ איד? נישט מעגלעך! ביזט נישט קיין איד, ניין, ניין, נישט מעגלעך?

דעם גאַלעכלס פּעטער, דער טאַמעוואַטער אינדיאַנער, האָט דערווייל געגומען שעפּטשען אַ תּפילה און דאָס גאַלעכל אַליין, מיט דעם בראָנדזענעם צלם אין דער האַנט, האָט מיט פּחד מיך באַטראַכט, מיר געטאַפּט דעם קאָפּ, אַפּאָנים, געזוכט די טייוול־הערנער מיינע און, אַ טויט־בלייבער געפּאַכעט איבער מיר מיט דעם צלם און מיך באַשוואוירן איך זאָל אים זאָגן דעם ריינעם אמת, צי בין איך טאַקע אַ איד, צי האָב איך נישט געמאַכט אַ שרעקלעכן שפּאַס מיט אים...

פאַר דעם ווי איך האָב פאַרלאָזט באָליוויע, האָב איך געהאַט די געלעגנהייט נאָך איין מאָל צו זען ווי נאַיוו עס איז, ממש קינדיש, אָט דאָס אינדיאַנער פאָלק און ווי גרינג אַזאַ פאָלק קען זיך אונטערגעבן דער אַנטיסעמיטישער פּראָפּאַגאַנדע פון די אויסוואורפן.

אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז אויך מיין גוטער פּאַספּאָרט טויג נישט און דער שעף פון דער פּאַספּאָרטן־אָפּטיילונג אין פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט דערקלערט מיר, אַז אויב איך וויל אויסמיידן אַן אינטערנאַציאָנאַלן פּלאָנטער, איז דאָס גלייכסטע איך זאָל מאַכן אַ נייעם פּאַספּאָרט. דער פראַנצויזישער קאָנסול וויל מיך שוין אויך נישט אָנערקענען. — וואָס איז עס מיט אייך? — זאָגט ער — זענט איר אַ פראַנצויז אָדער אַ באָליוויאַנער? דער פּאָליציימייסטער גיט מיר ענדלעך אַ בריוו צום מיניסטער פון אויסערן און איך שלעפּ מיך אַוועק איבער די מערקווירדיק־געבראָכענע גאַסן פון לאַ פּאַז, פּופּציק מעטער אַרויף און פופציק אַראָפּ, ביז איך בין אָנגעקומען צום געגאַרטן בנין.

אין אַ גרויסער צווישטאָקיקער געביידע פון גרויסע בלאָטע־ציגל, אין אַ לאַנגן און פינצטערן קאָרידאָר, דערשלאָג איך מיך צו דער ביוראָ פון זיין עקסעלענץ. באַ דער טיר טרעף איך אַ נידעריקן אינדיאַנערל מיט

## צווישן ווילדע און ציוויליזירטע

א ראָק ביז דער ערד. ער שטייט און קייעט קאָקאַ, דעם מין בלעטער וואָס די אינדיאַנער קייען ווי קיי־טאַבאַק.

— איך האָב אַ בריוו צו זיין עקסעלענץ, צום מיניסטער פון אויסערן — זאָג איך צום פּיצעלע מענטשעלע.

— גיט מיר דעם בריוו און זאָגט מיר נאָך וואָס איר דאַרפט צו זיין עקסעלענץ — זאָגט צו מיר באַפעלעריש דאָס אינדיאַנערל.

— איך קען אייך דעם בריוו נישט געבן — זאָג איך צו אים — און קען אייך אויך נישט זאָגן וואָס איך דאַרף ריידן מיט דעם הער מיניסטער. זאַכן וואָס מען דאַרף זאָגן זיין עקסעלענץ און אויך אַזאַ בריוו קען מען אַ פּאָשעטן דינער נישט אָנטרויען.

די אויגן בא דעם מענטשן מיט די ברייט אַרויסגעשטאַרצטע קינבאַקן זיינען אָנגעלאָפן מיט רציחה. ער האָט זיך אַ שטעל געטון אַף די שפּיץ פינגער, כדי אויסצוזען העכער און באַפעלעריש אַ געשריי געטון:

— גיט מיר תיכּף דעם בריוו און זאָגט וואָס איר פאַרלאַנגט! איך בין דער סעקרעטאַר פון זיין עקסעלענץ און שעף פון מיניסטעריום, ווען דער באַטיטלטער מיניסטער איז אָפּוועזנד!...

איך האָב מיך אַנטשולדיקט ווי נאָר איך האָב געקענט און האָב באַנוצט דערצו די שענצטע פראַזן פון מיין שפּאַנישן לעקסיקאָן. מיינע פראַזן האָבן געהאַט זייער ווירקונג און איך האָב באַקומען אַ פּאַספּאָרט, וואָס זאָל גילטן אַרומצופאָרן איבער גאַנץ באָליוויע און אויך אַף אַריינצופאָרן קיין פּערו. און געטראַכט האָב איך בעת מעשה: ווען חלילה אַזאַ אינצידענט מיט אַ מיניסטער טרעפט מיט מיר אין אַן אַנדער לאַנד, וואָלט איך שוין קיין פּאַספּאָרט נישט געהאַט און וואָלט אויך נישט אַהיימגעגאַנגען אין האָטעל זיך אויסציען שלאָפן אַף אַ ווייכן מאַטראַץ...

# אַ ים אין די בערג

די באַן, וואָס פירט מיך פון לאַ פּאַז ווייטער צו פּערו, קלעטערט באַרג אַרויף, ווי אַף גאַפּעראַלעכע שווינדל־טרעפּ, ביז זי קומט אַרויף אַף דעם הויכן פלאַך וואָס זעט אויס ווי אַ וואונדערלעכער דאַך. איך האָב, אַלנפאַלס, אַזאַ איינדרוק געהאַט, ווי מיר וואָלטן געקלעטערט איבער אַ לייטער אַפן דאַך אַרויף. אָבער ערשט אַפן דאַך, קנאַפּע פיר טויזנט מעטער איבערן ים־פלאַך, דערזעט מען אַ הויכע וואַנט פאַר זיך און פו־[illegible] אין שטאַרן אַרויס אַלערליי טורעמס, פאַרשפּיצטע, נידע־ריקערע און העכערע. דאָס זעען מיר די שפּיצן פון דער אַנדן־קאָרדיליערע.

די באַן שטעלט זיך אָפּ ווי נאָר זי קומט אַרויף, ווי אַף אָפּצואָטע־מען נאָך דעם איינמאַטערנדיקן קלעטערן און באַלד טאַקע צעפּייפט זיך דער לאָקאָמאָטיוו מיט פרישע כוחות, גיט אַ ריס די וואַגאָנען און די באַן לויפט שוין איצט דרייסט און פריילעך איבער דעם גלייכן וועג אַפן באַרג.

איר דערפילט גלייך ווי עס נעמט אייך האַמערן אין קאָפּ און עס פעלט אייך אויס לופט אין די לונגען. דאָס קומט אייך פון דער ממש פראַסטיקער שיטערער לופט אַף אַזאַ הויך. נאָר איך האָב דערצו אַ מיטל: איך קוק אַרויס דורכן פענצטערל אַף דער פרעכטיקער פּאַנאָראַמע, איך פאַרקוק מיך און פאַרטראַכט מיך איבער די דאָזיקע וואונדער, די צע־קאַרבטע, צעקנייטשטע און צעהויקערטע רוקנס פון די וועלט־שיינקייטן, איך טראַכט וועגן זייערע אַלטע יאָרן און פאַרצייטיקע און היינטיקע באַ־וואוינער. אַזוי ביז די באַן קומט צו צו די באָליוויאַנער האַפן־שטעטלעך הואַקי און טשילילאַיאַ.

— באָליוויאַנער האַפן־שטעטלעך? — פרעגט איר — און אַף אַזאַ הויך, פיר טויזנט מעטער איבערן ים־פלאַך? האָט איר דען ניט געהערט צום טויזנטסטן מאָל, אַז באָליוויע האָט נישט קיין אַרויסגאַנג צום וואַ־סער? און דאָך זעט איר פאַר זיך אַ ים, מיט ברויזנדיקע כוואַליעס, וואָס וואַשן די ברעגעס פון די הויכע שטעטלעך, און שיפן גייען אַף דעם ים



פּאַנאָראַמע פֿון דער
אָזערע טיטיקאַקאַ
און נאָענטן אַרום.

אורו־אינדיאַנער
אין זייערע
טאָטאָרענע
לאָדקעלעך.



אַן אורו־אַילו (דאָרף) אַפֿן הויכן פּליין לעבן דער אייז־קאַלטער אָזערע.



אַן אורו־פאַמיליע
פונעם טיטיקאַקאַ
מדבר.

אַן אורו־פישער
אָנגעטון ווי אפן
נ׳ פּאָל, נאָר
באָרוועס.

די שטאָט פּאָטאָסי (באָליוויע) — מער ווי פיר טויזנט מעטער הויך איבערן ים־פלאַך, אין הינטערגרונט דער באַרימטער באַרג וואָס האָט פּלאַטין, גאָלד, זילבער און קופּער.

א גרופּע אינדיאַ־
נער פונעם באָלי־
וויאַנער טראָפּיק:
מאַטאַקאָס, טשי־
ריהואַנאָס, טאָ־
באַס, טשאַמאַ־
קאָקאָס, קאַדואַ־
וועאָס, גיאַראַיאָס,
און מאָכאָס.

א טשאַמאַקאָקאָ־שיינקייט

און, ווי מען זאָגט, גייען דאָ אויך אונטער שיפן, ווי אַף אַלע ימים, פון די טייפון־ווינטן, ציקלאָנען און טראָמפּע־ווינטן.

ס'איז די טיטיקאַקאַ. די גרויסע אָזערע וואָס ליגט אַף דער גרעניץ צווישן באָליוויע און פּערו, 3.915 מעטער הויך איבערן ים־פלאַך. 240 קילאָמעטער די לענג אַף 120 די ברייט און גרייכט אין טייל ערטער ביז הונדערט מעטער די טיף. — דאָס איז דער באָליוויאַנער ים! — זאָגן באָליוויאַנער מיט שטאָלץ. — ער וועט נאָך שפּילן אַ גרויסע ראָל אין דער באָליוויאַנער ווירטשאַפט און אין דער אַמעריקאַנישער פּאָליטיק. זאָל נאָר אויסגעבויט ווערן די אינטערנאַציאָנאַלע באַן, וואָס וועט דורכשניידן גאַנץ אַמעריקע, פון אַלאַסקאַ ביז בוענאָס איירעס.

פאָרשער זאָגן, אַגב, אַז די אָזערע טיטיקאַקאַ, איז מיט צענדליקער טויזנטער יאָרן צוריק געווען אַן עמעסער ים. ער איז געווען אַ סאַך העכער ווי איצט און האָט פאַרדעקט ניט נאָר דעם גאַנצן הויכן פּלאַך, נאָר האָט דערגרייכט ביז די שניי־באַדעקטע שפּיצן. טייל פון די היינט באַשנייטע זקנים, זאָגן זיי, זיינען אַמאָל געליגן טיף אין וואַסער און נאָך היינט, ווייזן זיי אָן, זעצט זיך, אַפילו גאַנץ לאַנגזאַם, אָבער מיט געאָמעטרישער פּינקטלעכקייט, אַראָפּ אַלץ נידעריקער דאָס אייז־קאַלטע וואַסער און ווערט אַלץ וואַרימער, איבערלאָזנדיק נאָך זיך שאַרפע צייכנס אַף דער יבשה און קאַלטע אויספּרוכטבאַרע ערד.

שפּעטער, ווען איך בין שוין געשטאַנען אַפן דעק פון אַ שיף, וואָס האָט מיך געפירט איבער די ברויזנדיקע כוואַליעס פון דער טיטיקאַקאַ צו פּונאָ, האָב איך אַף די פיל־שפּיציקע גראַניטענע מויערן, וואָס באַזוימען דעם טיטיקאַקאַ, געקענט זען די צייכנס, וואָס די יאָרטויזנטער ים־סטאַדיע האָבן אַף זיי איבערגעלאָזט.

געזען האָב איך אויך, שטייענדיק אַף דער שיף, די שפּורן פון אַן אַנדער פאַרצייטיקער עפּאָכע, אַ פיל נענטערער אַפילו, די עפּאָכע פון דער טיאַהואַנאַקאָ־ציוויליזאַציע, די עלצטע אַף דעם וועלט־טייל. אַף דעם גרעסטן אינדזל פון דער אָזערע, וועלכער טראָגט אויך דעם נאָמען טיטיקאַקאַ, האָב איך געזען די חורבות פון דער פאַרצייטיקער פּריסטער־שטאָט, וואו עס זיינען אַמאָל קאָנצענטרירט געווען די מייסטערווערק, וואָס יענע מענטשן האָבן געשאַפן. מען זעט דאָרט די חורבות פון דעם טעמפּל קאָריקאַנטשאַ (גאָלדענער צוים), וואָס האָט אין זיך געהאַט מער גאָלד ווי שטיינער... דעם טעמפּל אינטיקאַנטשאַ, וואָס איז געווען דער

טעמפּל פון דעם אינקאַישן גאָט אינטי (די זון), דער הויפּט־גאָט פון די אינקאַס, די יורשים פון דער טיאַהואַנאַקאַ־ציוויליזאַציע און די לעצטע אַמעריקאַנער ציוויליזאַציע פאַר דער אייראָפּעישער.

אַף דעם אינדזל, ווי די אינקאַס האָבן געגלויבט, איז די זון געבוירן געוואָרן, זי איז אַרויסגעקומען פון אַ קאָנדאָר־איי. די אינקאַישע מיטאָלאָגיע דערציילט, אַז נאָכדעם ווי דער גאָט הוויראַקאָטשאַ האָט באַשאַפן די וועלט, האָט אינטי באַשאַפן פיר ברידער און פיר שוועסטער און די ברידער אַ נאָמען געגעבן: איאַר מאַנקאָ, איאַר אוקאַ, איאַר קאָטשי און איאַר אוטשי. און נאָכדעם ווי די דריי אינגערע ברידער זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין שטיינער, ווייל זיי האָבן געוואָלט שלעכטס טון דעם עלטסטן, האָט איאַר מאַנקאָ, וועלכער האָט אויך באַקומען דעם נאָמען מאַנקאָ קאַפּאַק, געהאַט די זכיה צו זען פּנים אל פּנים דעם גאָט אינטי און דער גאָט האָט אים געהייסן לערנען די מענער אַקערן און זייען און זיין ווייב, וואָס אינטי האָט איר אַ נאָמען געגעבן מאַמאַ־אָקלאָ, וועלכע איז אויך געווען זיין שוועסטער, האָט אינטי געהייסן זי זאָל לערנען די ערשטע פרויען שטריקן, העפטן, וועבן, קאָכן און באַקן...

אין אַ צייט אַרום האָבן אַלע מענטשן ווידערגעשפּעניקט קעגן דעם גוטן גאָט הוויראַקאָטשאַ, דעם פאָטער פון אַלץ וואָס לעבט און שטאַרבט, און ער האָט פאַר כעס אַלע דאַמאָלסטיקע מענטשן פאַרוואַנדלט אין שטיינער און דערנאָך פאַרגאָסן די וועלט מיט אַ שרעקלעכן מבול.

יאָרן זיינען אַוועק אין פוסטקייט און אין לערקייט, ביז הוויראַקאָטשאַ האָט זיך באַדענקט אַף דעם שרעקלעכן שלעכטס וואָס ער האָט געטון צו זיינע קינדער און ער האָט צעבלאָזן די נעפּלען און האָט ווידער באַפּעלקערט די וועלט. און דעמאָלט אויך האָט ער ווידער באַשאַפן דעם ליכטיקן גאָט אינטי און אַלע אַנדערע געטער וואָס שיינען אַראָפּ פונעם הימל מיט זייערע ליכטיקע פּנימער. און מיט זיין מעכטיקן קול, וואָס האָט זיך געהערט פון איין עק וועלט ביזן אַנדערן, האָט הוויראַקאָטשאַ באַשאַפן די ערשטע ריזן־מענטשן, וואָס זיינען אַרויסגעקומען פון די פעלזן, פון די קוואַלן און פון די זומפּן...

ווי ס'ווערט דאָקומענטאַל באַשטעטיקט, האָט אין דער אור־אַלטער שטאָט קאַכאַמאַרקאַ דער גרויזאַמער קאָנקוויסטאַדאָר פראַנציסקאָ פּיזאַראָ געהייסן פאַרברענען אַטאַהואַלפּאַן לעבעדיקערהייט. נאָך אַדאַנק דער גרויסמוטיקייט און ראַכמאָנעסדיקער קריסטלעכקייט פונעם קאַ־

## צווישן ווילדע און ציוויליזירטע

טוילישן גלח, פּראַי וויצענטע וואַלווערדע דע אָראָפּעסאַ, וואָס האָט איבערגערעדט אַטאַהואַלפּאַן, דעם לעצטן קעניג פון די פּערואַנער אינקאַס, האָט ער אין די לעצטע מינוטן פאַרן טויט אָנגענומען די קאַטוילישע אמונה, און אַלס אנערקענונג דערפאַר, האָט ער אים צוגעזאָגט ניט צו פאַרפּייניקן דורך פאַרברענען, נאָר אים שלאָגן מיט אַ שטעקן (גאַראָטע) ביזן פאַרמיימעסן. אַ טויט, האָט דער גלח אים דערקלערט, וואָס איך אַסאַך לייכטער און שנעלער ווי דער לאַנגזאַמער טויט דורך פייער... געשען איז דאָס דעם 29־טן אויגוסט פון יאָר 1533 לויט דער היינטיקער צייטרעכענונג.

און אויס פאַרצווייפלונג האָבן די טעראָריזירטע דינער זיינע אַרייַנגעוואָרפן, ווי די לעגענדע דערציילט, אין דער טיפעניש פון דער אָזערע די גאָלדענע כישוף־קייט מיט די טויזנט ריזיקע רינגען באַזעצטע מיט די טייערסטע איידלשטיינער, וואָס טויזנט כהנים־גיבורים האָבן געטראָגן, אַ רינג אַ מאַן, און געוואויגן האָבן די רינגען אַן ערך צוואָנציק קילאָ יעדער איינער. די דאָזיקע קייט, ווערט דערציילט, פלעגן אין אַ יום־טוב די טויזנט כהנים האַלטן אויפגעהויבן אין דער הויך אין אַ קרייז און הייליקע בתולות מיט דעם כהן־גדול פון דעם גאָט אינטיקאַנטשאַ, דעם גאָט איבער אַלע געטער, האָבן געטאַנצט אינדערמיט.

פּיזאַראָס מענטשן, ווערט ווייטער דערציילט, צווישן זיי דער גרויס־אינקיוויזיטאָר פּראַי ווינסענטע וואַלווערדע דע אָראָפּעסאַ און דער גרויס־קאַפּיטאַן דיעגאָ דע אַלמאַגראָ, די אַלע וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין דער פאַרפּייניקונג פון אַטאַהואַלפּאַ און זיינע נאָנטע, נאָכדעם ווי מען האָט זיי איינגעלאַדן אַף אַ מאָלצייט, האָבן דערנאָך געזוכט די שווערע גאָלדענע קייט, וואָס די אינקאַס האָבן אַריינגעוואָרפן אין דער אָזערע צוזאַמען מיט גאָלדענע און זילבערנע געטער, מיט די גאָלדענע כלים פון זייערע טעמפּלען און פּאַלאַצן און זיי האָבן גאָרנישט ניט געפונען. דער טיפער זומפּיקער אָפּגרונט האָט דאָס אַלץ איינגעשלונגען אַף אייביק. אויך אַסאַך פון די כהנים און ראַטגעבער אַטאַהואַלפּאַס האָבן זיך אַריינגעוואָרפן אינעם טיטיקאַקאַ, כדי נישט געבראָטן צו ווערן לעבעדיקערהייט אַפן לאַנגזאַמען פייער פון די שפּאַנישע גאָלדזוכער...

דער קאַפּיטאַן פון דער שיף, אַן עלטער קיטשואַ, מיט אַ גלאַטן האָרלאָזן פּנים, ווי אַ גלאַנציקער ברוינער זייד, האָט מיר זיין בינאָקל דערלאַנגט און מיר אָנגעוויזן אַף דעם אינדזל און אַף די חורבות פון דער

# מ אַ ר ק ו ס   פּ אַ ר י ש ע װ ס ק י

פֿאַרשװאונדענער גרױסקײט און רײַכקײט פֿון זײַן ראַסע און בעת מעשה איז אַף אים געפֿאַלן די שײַן פֿון דער טיטיקאַקער זון.

אַ רױטע זון, אַ שאַרלאַך־רױטע איז דאָס געװען, װאָס האָט טױזנטער געשטאַלטן געמאָלן אַפֿן האָריזאָנט, און אַ קאַלטע, אַן אײַז־קאַלטע איז זי געװען און בײדע, דוכט מיר, האָבן מיר אין איר אַרײַנגעקוקט און געזען אין איר בראַנדיקן פֿלאַקער דאָס געלעכל פֿון אַ קאָנדאָר־אײ...

שפּעטער איז זי אַלץ װאַרימער און װאַרימער געװאָרן און אױך העלער און האָט גאַנצע שטראָמען ליכט צעגאָסן איבער די װײַסע באַרג־שפּיצן װאָס האָבן זיך געשפּיגלט אין דעם גרין־בלױלעכן װאַסער פֿונעם באַרג־ים. ליכטיקער איז אױך געװאָרן דער גאַנצער אַרום און דער שיפֿס־קאַפּיטאַן האָט אַלץ גערנער אָנגעװיזן די פּאַסאַזשירן אַף די אינדזלען, אַף די חורבות:

— אָט זײַנען די אינדזלען אַמאַנטאַני, טאַקילי, פּאַטאַ און קאַאַטי, מיט די קרױנען פֿון זײערע זילבערנע טעמפּלען צום גאָט קיללאַ. ריזיקע פּאַלאַצן און טעמפּלען מיט זעלטענע אָרנאַמענטן, װאָס אַפֿילע הײַנטיקע אַרכיטעקטאָרן בלײַבן שטײן פֿאַר זײ מיט באַװאונדערונג. ברײטע גאַסן, מעגאַליטן פֿון פֿאַרשידענער פֿאָרעם, מערסטנס פּיראַמידאַלע, מעכטיקע פֿעסטונגען, װאָס די קאָנקיסטאַדאָרן איז נישט געלונגען צו צעשטערן... אָט דאָ, אַ סברה — װײַזט ער אָן — נאָך אַ קורצער הפסקה — האָבן די אינקאַס אַרײַנגעװאָרפֿן די הײליקע גאָלדענע קײט מיט אַלע זײערע אוצרות, װײַל דאָ איז טיף איבער הונדערט מעטער בלױז ביז דער בלאָטע און די בלאָטע אַלײן, אַ סברה איז נאָך טיפֿער װי הונדערט מעטער.

— אמת — האָט פֿאָטאַקעװעט אַ הױכער און רײַנגעקלײדטער סוחר מיט שיטערע קאַצענע װאָנציעס און העל־בלױע אַרבעס־אײגעלעך און שטאַרק אַנטװיקלטע אײבערשטע קינבאַקן, קענטיק אַ מישלינג פֿון אַ נאָרדיק מיט אַן אינדיאַנערן. — דאָ, זאָגט מען, האָבן אונדזערע אורעלטערן, די אומשטערבלעכע אינקאַס, אַרײַנגעװאָרפֿן פֿאַבלהאַפּטע אוצרות...

מיטאָג־צײַט האָט די זון שױן עטװאָס מער געװאַרימט און אױך צעװאַרימט מײַנע שיר ניט פֿאַרפֿרױרענע גלידער. אירע שטראַלן, װי מיליאָנען קאָלירטע פֿעדים האָבן צוגעגעבן דעם ים טיטיקאַקאַ אַ פֿאַנטאַסטישן און סױדעספֿולן אױסזען. הונדערטער לאָדקעס און קלײנינקע זעגל־שיפֿלעך פֿון געפֿלאָכטענעם טאָטאָראַ־טשערעט, אַנדערע געפֿלאָכטן פֿון יוקאַ־בלעטער,

# צווישן ווילדע און ציוויליזירטע

מיט לייוונטענע געצעלטן אינדערמיט, אנדערע ענלעך צו ווענעציאנער גאנדאלעס, האבן זיך ארויסגעלאזט איבערן וואסער.

מערסטנס זיינען זיי פארנומען געווען פון איין איינציקן אינדיאנער און די איבעריקע פון אן אינדיאנער און זיין פרוי. ער האט געצודערט און זי האט געכאפט פיש אדער געשניטן וואסער־גראזן, איבערהויפט טאטארא, וואס ווערט באנוצט אף פארשידענע אויסארבעטונגען און איז אויך די שפייז פון יענע ארימע און הונגעריקע בערג־אינדיאנער. די אינדיאנערקעס האבן געכאפט די פישלעך מיט מערקווירדיקער שנעלקייט און פליים.

די פיש פונעם טיטיקאקא זיינען ס'ראוו פעטע און וואגיקע; זיי וואקסן נישט גרעסער ווי ביז פערציק, העכסטנס פינף און פערציק צענטימעטער די לענג, נאר אזא פישל קען ווענן ביז צוויי קילא. אף דער שיף האט מען אונדז מכבד געווען מיט די פיש ווי מיט א געשמאקן מאכל, כאטש מיר האבן זיי גארנישט געשמעקט, נישט מיט זייער טעם און נישט מיט זייער פעטער קלעפיקייט.

---

הונדערט און פופציק פאסאזשירן האט געפירט די שיף. זעכציק ערשטקלאסיקע האבן געהאט קאיוטעס מיט בעטן, צו צוויי, צו דריי און צו פיר בעטן אין א קאיוטע. די איבעריקע ניינציק פאסאזשירן זיינען געליגן אינדרויסן, אפן געפרוירענעם אייזערנעם דעק. די גרעסטע טייל דעק־פאסאזשירן זיינען געווען אינדיאנער, אבער שוין „ציוויליזירטע". צווישן זיי א גרויסער טייל גאר נידעריקע, טייל דיקע און ברייטביינע־דיקע און טייל דינע, ממש ווי א שטרוי, די האר פלאקסענע, געל־רויטלעכע ווי מערן־קאליר, אדער שווארצע, געקרויזטע ווי קאראקול און שאטענע קאלטענעוואטע, ווי דער עק בא א פארדריפעטער קו, לויטן קאליר פונעם פרעמדן טאטן. אויך די אויגן בא זיי זיינען געווען פון פארשידענעם קאליר און פארשידענער פארם: בלויע, קאצענע, הינטישע, פערדישע און קעלבערנע, קיילכיקע, קרומע און האלב־קרומע, ווי בא די מאנגאלן. נאר דער קאליר פון זייערע ברייטע הארלאזע פענימער, איז בא די מערסטע פון זיי געווען אן אלציינער: ברוין.

# מאַרקוס פּאַרישעווסקי

אַרום איינס נאָך האַלבן טאָג האָט מען געקלונגען אַף מיטיק, אָבער נאָר פאַר די ערשטקלאַסיקע. די דעק־פּאַסאַזשירן, מענער, פרויען און קינדער, האָבן נישט קיין רעכט אַף מיטיק. אין אַ גאַנץ גערוימען פּירקאַנטיקן סאַלאָן זיינען געשטאַנען עטלעכע לאַנגע טישן מיט ווייסע טישטעכער באַדעקט און אַרום זיי לאַנגע סאָסנאָווע בענק פאַר די אויסדערוויילטע זעכציק. אַ גאַנץ דריטל פון די אויסדערוויילטע זיינען געווען נאָרדאַמעריקאַנער. די איבעריקע זיינען געווען ענגלענדער, פראַנצויזן, דייטשן און אַנדערע. כמעט אַלע באַהאָנגען מיט גאָלד, מיט פּערל און בריליאַנטן. ווען איך בין אַריינגעקומען, האָבן אַסאַך פון זיי שוין געהאַט פאַרלאָפענע אויגן פון די שאַרפע משקאות און נישט ווייניקער שאַרפע באַליוויאַנער מאכלים. דאָך האָבן זיי פאַרוואונדערט געקוקט אַף מיר:

— ווי קומט צווישן אונדז דער מיט דעם צעקנייטשטן שטערן און נאָך מער צעקנייטשטן אָנצוג?

פאַר מיר איז רעזערווירט געווען אַ פּלאַץ לעבן אַ אומגעהויער דיקער פינף און דרייסיק־יעריקער ענגלענדערן פון איין זייט און אַן אויסטערליש לאַנגן האָלענדער און זיין שוועסטער, נישט קיין סאַך נידעריקערער פון איר ברודער, פון דער צווייטער זייט.

איך האָב נאָך נישט באַוויזן רעכט אַריינצוזעצן זיך צווישן מיינע שכנים, ווי די שווערע לידי ווענדט זיך שוין צו מיר, אָן אַן ענטפער אַף מיין באַגריסונג אַפילו:

— דו יו ספּיק אינגליש? איי אַם וועריי סאָרי ביקאָז דיז וועריי באַ האָלאַנד־מען אַנד כיס סיסטער נאָט אַנדערסטאַנד מי... איך בין זייער בייז — הייסט עס — וואָס דער לאַנגער האָלענדער מיט זיין שוועסטער פאַרשטייען מיך נים.

און אַז איך האָב איר געענטפערט, אַז איך פאַרשטיי ענגליש, האָט זי מיך פאַר איבעראַשונג און צופרידנקייט שיר נים צעקוועטשט, אַזוי נאָענט האָט זי זיך צו מיר צוגערוקט מיט איר שיטער־שמאַלציקן גוף און ברייטלעך אַרויפגעלייגט אַפן טיש אירע פעטע הענט מיט די שמאַראַגדן און זאַפירן אַף אירע שמאַלציק־גלאַנציקע פינגער.

דער האָלענדישער עוג מלך הבשן, מיט דער פאַרדרייטער אָדלערנאָז, מיט כמעט ווייסע ברעמען און ווייסע וויעס באַ די רויטע אויגנלעדלעך, דורכגעוועבטע מיט טונקל־בלויע אָדערלעך און מיט זיינע ווייסע פלאַקסענע האָר, האָט, אויסהערנדיק דעם געשפּרעך, אָפּגערוקט פון זיך

# צווישן ווילדע און ציוויליזירטע

דאָס עסן. ער האָט אַ קוק געטון קרום אַף דער דיקער לײדי מיט די פּײער־רויטע האָר און אַרויסגעשטאַרצטע זשאַבע־אויגן און זיך אָנגעגאָסן אײנע נאָך דער צווײטער צוויי גלעזער פּאַראַגווײער „קאַניאַ". דערנאָך האָט ער אַרויסגענומען פון דער בוזים־קעשענע אַ לאַנג שטיק קײ־טאַבאַק, ווי אַן אײנגעדרײטער שטריק מיט שוואַרצן טראָן באַשמירט, וואָס האָט אַרויסגעגעבן פון זיך אַ שאַרפן ריח, האָט אָפּגעשניטן דערפון אַ שטיק מיט דעם טיש־מעסער און נערוועז גענומען קײען.

די ענגלענדערן, פּאַרקערט, האָט פון גרויס צופרידנקײט, אָנגעשטאָפּט אַ פול מויל מיט פעטע טיטיקאַקאַ־פיש און געפלוידערט אָן אויפהער, גאָרניט ווי עס פּאַסט פאַר אַ ספּלין־ענגלענדערן. איך האָב געוואָלט עסן און נישט געקענט; אַזוי צוגעדריקט בין איך געווען און האָב דערפאַר מער געקוקט אַף דעם ערשטקלאַסיקן עולם אַרום מיר. אַ מענטשן דערקענט מען באַם טרינקען, באַם געלט־געבן און באַם קאַעסן זיך — האָב איך מיך דערמאָנט אַ גמרא־וואָרט. די לײט אַרום האָבן זיך אויפגעפירט גאָרניט צערעמאָניעז, געלאַכט אַפן קול, געפּאַטשט זיך אין די פלײצעס און געוויזן פולע מײלער מיט גאָלדענע און פּלאַטינענע צײן...

אַ פּלוצימדיקער געשריי פון דרויסן האָט מיך פון אָרט אויפגעהויבן. אַפן דעק בין איך געוואָר געוואָרן: אַ ים־וויכער האָט עטלעכע לאָדקעס צוזאַמענגעשטויסן און אײנע פון זײ האָט זיך איבערגעקערט און דער אינדיאַנער און זײן פרוי, מיט אַ קינד וואָס זי האָט געהאַלטן אין אַ זאַק אַפן רוקן, זײנען אין וואַסער אַרײן.

דער קאַפּיטאַן האָט זיך אַ פּנים דערפון נישט געערגערט. נישט געערגערט האָט זיך אויך מײן שכנה די ענגלענדערן.

אין דריי שעה אַרום זײנען מיר אָנגעקומען קיין פּונאָ.

# פונאָ

פונאָ — נישט צו פאַרמישן מיט פונא, וואָס אַזוי רופט מען די גאַנצע אַנדן־געגנט פון באָליוויע, פּערו און טשילע, וואָס ליגט אַף אַ הויך ביז 5.000 מעטער איבערן ים־פּלאַך און איז קאַלט, טרוקן און פּרוכט־לאָז — איז די האַפּן־שטאָט אַף דעם פּערואַנער ברעג פון דער טיטיקאַקאַ. די שטאָט גופא שטייט אַ צוויי קילאָמעטער ווייטער פונעם האַפן און איר באַפעלקערונג ווערט געשאַצט אין אַ פּופציק טויזנט נפשות. דעם האַפּן קען מען באַטראַכטן פאַר אַ גאַנץ לייטישן, אין פאַרגלייך מיט די האַפנס אַף דעם באָליוויאַנישן ברעג, אָבער גאַנץ ווייט פון מאָדערן. אַ מאָדערנער האַפּן בא דער טיטיקאַקאַ וואָלט אפשר געווען אין סתירה צו דעם גאַנצן אַרום, וואָס דערמאָנט אַף יעדן טראָט אַז מיר געפינען זיך אַף דעם באָדן פון אַ ניט לאַנג צוריק „פאַרשוואונדענער" ציוויליזאַציע, וואָס די נייע ציוויליזאַטאָרן רופן זי אָן פּרעהיסטאָריע.

ווען די שיף קומט אָן, שטייט שוין גרייט אַ באַן, וואָס פירט צו מערב, קיין אַרעקיפּאַ, און ווייטער ביז דעם שיינעם האַפּן־שטעטל מאָליענדאָ באַם פּאַסיפיק, און דירעקט צו צפון, ביז קוזקאָ. נאָר איך בין אַריינגע־פאָרן אין שטעטל, אינעם ערשטן פּערואַנער ישוב אַף דרום.

אַריינפאָרנדיק, דערקענט מען צוערשט די ווירקונג פון די שפּאַנישע ציוויליזאַטאָרן: קלויסטערס און גלעקער־געקלאַנג. די גאַסן זיינען גלייכע, אָבער שמאָלע, אַזוי שמאָל, אַז ווען עס פאָרט אַהין אַריין אַ ברייטער וואָגן, מוז מען זיך גוט צושפּאַרן צו דער וואַנט, ניט צעקוועטשט צו ווערן. די נייערע גאַסן זיינען שוין ברייטערע. פאַראַן אַזעלכע וואָס האַלטן ביז צוועלף מעטער די ברייט. די הייזער, די אַלטע ווי די נייע, זיינען כמעט אַלע נידעריקע און זייערע פענצטער גייען אין גאַס אַרויס. די הייזער זיינען נישט געווייסט און געבויט זיינען זיי פון נישט געברענטע גרויסע ציגל, וואָס מען רופט זיי בא אונדז לאַמפּאַטש. בלויז די קלויס־טערס, די באַנק־בנינים, די הייזער פון די מינען־מאַגנאַטן, זיינען געבויט פון געברענטע ציגל. אין די הייזער פון די בלאָטע־ציגל, זאָגט מען מיר,

## צווישן ווילדע און ציוויליזירטע

איז פונדעסטוועגן גאנץ ווארים. די קעלט אין די הייזער, אף אזא הויך, איז דא א גרויסע פראבלעם. דער אמת אבער איז, אז ברענען ציגל קאסט דא זייער טייער, מחמת הונדערטער קילאמעטער ארום איז קיין וואלד נישטא און ס׳איז א דוחק אין הייץ־מאטעריאל.

דאס אלץ איז אבער בלויז די אפיציעלע שטאט, די באלעבאטישע, די ציוויליזירטע; די אינדיאנער, וואס באטרעפן ניינציק פראצענט פון דער באפעלקערונג, די פראלעטאריער און פאריער פון פערו, האבן צו־געשפארט זייערע וואוינונגען ווייט פון הינטן, הארט בא די ווערטיקאלע בארג־שפיצן, באם וואסער, אפן וואסער גופא אדער אף די זומפן. בא די בערג זעען אויס זייערע וואוינונגען ווי די נעסטן אדער גאר ווי מור־ראשניקעס, אנדערע זעען אויס ווי די בודעס פאר די הינט אדער ווי די בינשטאקן און מענטש און חיה לעבן טאקע דארט בשותפות. די וואס שטייען באם וואסער אדער אף די זומפן, זעען אויס ווי שווימענדיקע דערפלעך. די ציוויליזירטע זיינען שפאניאלן, מולאטן און סאמבאס (מיש־לינגען פון נעגערן מיט אינדיאנער), וועלכע קוקן אף די אינדיאנער ווי אף קרעציקע הינט און האלטן זיי מחוץ למחנה.

די אינדיאנער, פארקערט, וואס דא זיינען זיי מערסטנס אימאראער און א געוויסע צאל אוראס, האלטן זיך פאר די גרעסטע מיוחסים. זייערע שטאמען זיינען אלטע, גאר אלטע; ניט נאר האבן זיי דא געוואוינט און באפרוכפערט די היינט וויסטע טרוקענע געגענט איידער די ווייסע אינ־וואזארן זיינען אהער געקומען, נאר נאך איידער די אינקאס זיינען אהער געקומען און באזיגט די טיהואנאקאס און נאך איידער די טיהואנאקאס האבן דא זייערע שטעט און פעסטונגען און זייערע טעמפלען אויפגעבויט.

די אימאראער זיינען נאנטע קרובים פון דער גאר פארצייטיקער קאלא־ראסע, וואס זייער לאנד האבן זיי גערופן קאלאא. די פארשער האבן אט די קרויוועשאפט אויסגעפונען אדאנק די שארבן־אויסמעסטונגען, וואס זיי האבן פראקטיצירט אף אויסגעגראבענע מומיעס און שארבנס פון דער־וואקסענע און קינדער. זייער קרויוועשאפט האט מען אויך אויסגעפונען אדאנק דעם געמיינזאמען מנהג וואס זיי האבן געהאט מיט די קאלאס און זייערע יורשים די טיהואנאקאס, צו פארקריפלען די קעפ פון זייערע קינ־דער באלד ווי זיי זיינען געבוירן געווארן, איינפרעסנדיק זיי צווישן צוויי ברעטלעך און נאכן טויט זיי שפאלטן; א מנהג וואס איז מיט דער צייט פארבליבן בלויז צווישן די הייליקע און די הערשער.

# מאַרקוס פּאַרישעווסקי

די אוראָס וואוינען דאָ נאָך פון פריער. פאַראַן השערות, אַז זיי זיינען געווען די ערשטע מענטשן וואָס האָבן באַטראָטן די אַמעריקאַנער ערד. זיי זיינען עס די וואָס וואוינען מערסטנס אין די שווימענדיקע דערפלעך אַף די וואַסערן און זומפּן פון דער טיטיקאַקאַ און פונעם טייך דעסאַגואַדעראָ און די אימאַראַער האָבן זיי שוין דאָ געטראָפן. מען געפינט אויס אַן ענלעכקייט צווישן זיי און די באָטאָקודאָס פון בראַזיל, וואָס וואוינען באַ די טייכן פּראַדאָ און דאָזע אינעם שטאַט מינאַס זשעראַעס. די ענלעכקייט צווישן זיי איז ניט נאָר אַ פיזישע, נאָר מען זעט זי אויך אין זייער באַשעפטיקונג, פישפאַנג, און ביידע זאָגן זיי אַף וואַסער „קאָ". אַ סברה, אַז די מער פרידלעכע אוראָס האָבן איבערגעלאָזט זייערע שלעגערישע באָטאָקודאָ־ברידער אין בראַזיל באַם פּראַדאָ און זיינען אַוועק פון זיי ביז זיי זיינען צוגעקומען צום טיטיקאַקאַ־וואַסער. די יבשה איז זיי נישט אָנגעגאַנגען. און דעריבער טאַקע זיינען זיי פאַרבליבן אין זייער פּרימיטיוון צושטאַנד ניט ווייט אַוועק פון זייערע אור־אור־עלטערן, ווי זיי וואָלטן ערשט אַרויס פון דער שטיין־עפּאָכע, איצט אין דער צייט פון שיפן און באַנען, פון אויטאָמאָבילן און עראָפּלאַנען, וואָס האָבן דערגרייכט ביז זיי און לעבערן זיי ממש די אויערן מיט זייער פּראָגרעס־גערויש.

וואָס אמת איז אמת, פון קיין היגיענע ווייסן זיי ניט, נישט די אימאַראַער און נישט די אוראָס. פון אומריינקייט איפּעשט ממש פון זיי. אַ נישט צוגעוואוינטער מענטש קען לעבן זיי פאַרטשאַדעט ווערן. זיכער האָט דערין אַ חלק אויך די אָרימקייט זייערע און די נויט, די מיזעראַבלע לוינען, וואָס זיי באַקומען פאַר זייער אַרבעט, וואָס האָט קיין גרעניץ ניט, באַ די האַרצלאָזע אַרבעטסגעבער. ווי די לאַמאַס ווערן זיי געבוירן און ווי די לאַמאַס אַרבעטן זיי און איפּעשן. ניט עס קומט זיי אַפן געדאַנק זיך אָפּצעוואַשן, אָדער גאָר באַנוצן זיך מיט זייף און נעמען אַ באָד.

די ציוויליזירטע „בלוי־בלוטיקע" מישלינגען, איבערהויפּט די וואָס קומען אַרויס פון אַ ווייסן פאָטער מיט אַן אינדיאַנער מוטער און אַפילע די וואָס קומען אַרויס פון די געמישטע טונקל־הויטיקע פּאָרלעך, פון אַן אַפריקאַנער מיט אַן אינדיאַנערן, די „סאַמבאָס", וואָס פאַרנעמען די רעגירונג־שטעלעס און אוודאי שוין די מאַראָקאַניש־אַנדאַלוזישע מיוחסים — סוחרים און פאַרמיטלער — האַלטן זיי פאַר ניט עפּעס אַנדערש ווי פאַר לאַסט־בהמות. העכער ווי אַלע פילן זיך דאָרט, ווי אין גאַנץ דרום־אַמעריקע, די נאָרדאַמעריקאַנער און די ענגלענדער, וואָס זיינען די הויפּט

# צווישן ווילדע און ציוויליזירטע

אַרבעטסגעבער און צאָלן זיי מיט אַלקאָהאָל און מיט קאָקאַ־בלעטער, וואָס די אינדיאַנער קייען אַלס באַטויבונגס מיטל און אַף איינצושלעפֿערן דעם מאָגן.

פֿון די קאָקאַ־בלעטער און פֿון דעם קאָקאַ־צווייט טרייבט מען דאָס דעם באַקאַנטן נאַרקאָטיק קאָקאַין, פֿון וועלכן עס איז פֿאַראַן אַ גרויסע פֿאַבריקאַציע אין דער פּערואַנער שטאָט טרוכיליאָ באַם פּאַסיפֿיק. אַמאָל, דערציילט מען, אין דער צייט פֿון די אינקאַס, איז דאָס קייען די קאָקאַ־בלעטער געווען אַזאַ קולט. מען פֿלעגט זיך פֿאַרוועטן ווער עס וועט מער אויסהאַלטן אומגעגעסן אונטער זייער ווירקונג. אַף די געווינער פֿלעגט מען קוקן מיט גרויס דרך־ארץ, איבערהויפּט אַף יענע, וואָס זיינען פֿון דעם מאַלעגיירען די בלעטער אַריין אין עקסטאַז. אַזעלכע פֿלעגן באַטראַכט ווערן ווי געהייליקטע פֿון אינטי און הויראַקאָטשאַ.

די שפּייז פֿון די אימאַראַער און אוראָס באַשטייט מערסטנס פֿון געוויקסן, איבערהויפּט טאָטאָראַ־גראָז. איך וואָלט געזאָגט זיי זיינען וועגעטאַריאַנער, ווען זיי עסן ניט אויך די פּעטע פֿישלעך פֿון דער אָזערע. קיין פֿרעסער אָבער זיינען זיי ניט, זיי עסן בלויז צוויי מאָל אין טאָג, און אַז איינעם צופּט גוט דער מאָגן און מיט וואָס אָנצופֿילן אים האָט ער ניט, שיט ער זיך אָן אַ מויל מיט טרוקענע קאָקאַ־בלעטער, באַשיט מיט אַש אָדער מיט קאַלך און מאַלעגיירעט.

און דאָך זיינען זיי אַלע געזונט און קרעפֿטיק, ממש גיבורים, מיט הויכע ברוסטן און ברייטע פּלייצעס, ווי פּאָלירטער ברוינער גראַניט. איינעם אַזאַ אינדיאַנער, אַן עלטערן מענטשן פֿון אַ יאָר זעכציק, האָב איך דערזען אינעם צאָלאָמט מיט אַ שטריק אַרום די לענדן און מיט אַ בייטש אין דער האַנט. איך האָב אים אָנגענומען פֿאַר אַ בעל־עגלה און האָב אים פֿאַרגעשלאָגן אָפּפֿירן מיין באַגאַזש, אַ קאַסטן פֿון פֿונקט הונדערט מיט צוויי און זעכציק קילאָ, אין האָטעל אַריין. דער אַלטער האָט שווייגנדיק באַטראַכט דעם שווערן קאַסטן, האָט אים באַלד טאַקע אַרומגעכאַפּט צוויי מאָל מיט דעם שטריק, אַוועקגעזעצט זיך אַף די קניען און באַ די דורכגענומענע עקן שטריק, פֿאַרוואָרפֿן אַף ביידע אַקסלען, האָט ער לאַנגזאַם, אָן קיינעמס הילף, זיך אויפֿגעשטעלט מיט דער מאַסע. פֿאַרבליבן זיינען נאָך צוויי וואַליזעס, האָט ער איינע זיך געהייסן אַרויפֿלייגן אַפֿן קאַסטן און די צווייטע האָט ער זיך צוגעבונדן פֿונפֿאָרנט, צום שטריק פֿונעם

קאסטן, צוליב גלייכגעוויכט. און אזוי האט ער זיך געלאזט גיין מיט דער מאסע.

בא מיר אין די הענט איז פארבליבן בלויז מיין פאטא־אפאראטל און דאך איז דער אלטער אימאראער געגאנגען שנעלער פון מיר. א נישט צו־געוואוינטער צו דער שיטערער לופט, האב איך מיינע אייגענע פיס נישט געקענט שלעפן און איך בין געבליבן הינטערשטעליק. דער זעכציק־יערי־קער אימאראער, וואס גערופן האט מען אים טאריביא, האט זיך אומגע־קוקט, זיך אפגעשטעלט און רופט זיך אן צו מיר:

— קריך ארויף, הארעלע, צו מיר אפן קאסטן, האב קיין מורא ניט, וועסט נישט אראפפאלן, און זיי נישט קיין קארגער הונט, ווי אייערע ווייסע טייוואלים. איך וועל דיך נישט באריסן, עס וועט דיך קאסטן נישט מער ווי איין סאל מער.

איך האב, נאטירלעך, דעם פארשלאג נישט אנגענומען און האב מיך ווייטער געשלעפט הינטער אים.

— כי־כי־כי, — האט טאריביא קינדיש הילכיק געלאכט פון מיר און האט אויסגעשפיגן מיט גרינעם שפייעכץ פון די קאקא־בלעטער, וואס ער האט נישט אויפגעהערט קייען. עפעס האט ער א זאג געטון אף זיין לשון און דערנאך פארענדיקט אין שפאניש, קוקנדיק הינטערווייל׳עכס צו מיר מיט נאיווער פאראכטונג: — יא, יא גרויס הארעלע, אלע בלאנדע און נישט בלאנדע אויסלענדער זיינען קארגע הינט, קארגער פונעם טייוול אליין...

און געווען איז עס אף א הויך פון קנאפע זעכצן טויזנט פוס איבערן ים־פלאך און דערצו נאך גייענדיק בארג־ארויף. דארט וואו איך האב לייד־דיקערהייט נישט געקענט גיין און האב געפלאנטערט מיט די פיס, האב איך געזען יונגערע און אויך עלטערע אינדיאנער, מענער און פרויען לויפן מיט פולע זעק קאלך־שטיינער און מינעראל־שטיינער אף זיך בארג־ארויף צו א יענקישן מינעראל־דעפא, איבער דעם שארף־שטיינערדיקן באדן.

מיט א פאר וואכן שפעטער, נאכדעם ווי איך האב מיך דערהאלט פון דער בארג־קראנקייט, וואס כאפט אן יעדן נייעם נישט צוגעוואוינטן מענ־טשן און וואס מען רופט זי סאראטשא און אויך פונא, אפן נאמען פון דער הויכער, קאלטער געגנט, האב איך ווידער געהאט די געלעגנהייט צו זען די אימאראער בא דער ארבעט. געווען איז עס מיט דריי הונדערט מעטער נאך העכער אפן בארג איבער דער שטאט, וואוהין איך האב ארויפגעקלע־

## צווישן ווילדע און ציוויליזירטע

טערט, אביסל מעשה מענטש און דאָס איבעריקע ווי אַ קאַץ, אַ צעמאַ־זיקטער. איך האָב געוואָלט זען די מינעס וואו מען גראָבט דאָס גאָלד און דאָס זילבער, דעם קופּער און דעם מירמלשטיין, מינעס, וואָס געפינען זיך אויפן סאַמע רוקן פון דעם גרייז־ווייסן הימל־קראַצער. איבער די צעהוי־קערטע און צעברעקלטע שאַרפע פעלזן, איבער גריבער און קאַנאַוועס, האָבן קרעפּטיקע אינדיאַנער יונגען געטראָגן אויף זיך צוויי הונדערט קי־לאָדיקע שטיינער און... גרויס געמאַכט דעם נאָמען פון אימאַראַער גיבורים.

# מיט דער מאַפּע פאַר די אויגן

אין פּונאָ האָב איך פונאַנדערגעוויקלט פאַר מיר די מאַפּע פון פּערו. און די מאַפּע האָט פונאַנדערגעוויקלט פאַר מיר די רייכע פּאַנאָראַמע פון דעם לאַנד; דעם פּאַציפישן אָקעאַן און זיינע זאַמדיקע און ראַכיטיש באַוואַקסענע ברעגעס, וואָס די פּערואַנער רופן זיי אָן „רעכיאָן קאָסטעניאַ״; די קאָרדיליערעס, וואָס ציען זיך אין צוויי צעצווייגטע און צעאָדערטע רייען איבערן גאַנצן לאַנד, די מיירעוודיקע, לענגוים דעם ים און די מיזרעכדיקע, אַף וועלכער איך האָב מיך געפונען און ווערט איבערגעהאַקט אינדערמיט מיט דעם טייך פּערענע, וואו זי באַקומט דעם נאָמען צענטראַלע און די פּערואַנער רופן דאָס אַלץ צוזאַמען „לאַ סיערא״ און דאָס גרויסע פּלאַכלאַנד אין מזרח, צו בראַזיל צו און אין צפון צו קאָלאָמביאַ צו, די טראָפּיקאַלישע און האַלב-טראָפּיקאַלישע פּליינען און וועלדער פון דער אַמאַזאָנאַס-געגנט און לאָרעטאָ, וואָס די פּערואַנער רופן זיי אָן מיט איין נאָמען „טראַנסאַנדינאַ״.

פאַר מיר ליגט דער באַן-וועג קיין קוזקאָ, פונוואַנען עס הויבט זיך שוין אָן דאָס ווילדערניש פונעם מזרח, די גרויסע וואַלד-געגנט מיט אירע גרויסע טייכן, דער מאַראַניאָן, וואָס באַקומט אין בראַזיל דעם נאָמען אַמאַזאָנאַס און דער אוקאַיאַלי, וואָס לויפט פּאַראַלעל מיט דעם ערשטן, באַגעגנט זיך מיט אים און פאַלט אריין צוזאַמען מיט אים אין דעם גרעסטן טייך פון אַמעריקע; די טראָפּיקאַלישע געגנט פון די אָזערעס און זומפּן מיט זייערע שלאַנגען, עקדישן און קראָקאָדילן, מיט זייערע פליגלעך און שפּינען, די טרעגער פון געלן פיבער און אַנדערע פיבער-קראַנקייטן, אָבער אויך מיט אירע עקזאָטישע מאַלערישע פּייזאַזשן און מיט אירע פּרימיטיווסטע אינדיאַנער שבטים, די באַטאַקודאָס, די טשונטשאָס, וואָס איך האָב מיך אַזוי פיל אָנגעליינט וועגן זיי און זיי רייצן מיין נייגיריקייט.

עס ליגט פאַר מיר אויך דער וועג, וואָס פאַרנעמט זיך אין הויאַקאַ צו אַרעקיפּאַ, צו מערב צו, צו דער שטאָט באַ דעם מאַיעסטעטישן וואָלקאַן „מיסטי״ (דער ווייסער), פון 6.100 מעטער הויך איבערן ים — איי-

# צווישן ווילדע און ציוויליזירטע

נער פון די העכסטע פערואַנער וואולקאַנען, אַ ברודער פון דעם הואַסקאַן מיט זיינע 6.721 מעטער איבערן ים, פון דעם ראַיאַ מיט זיינע 5.300 מעטער און פון דעם מאַנט מעיגס מיט זיינע 5.356 — וואָס לאַכט מיך מיט זיין געקרויזטער שניי־דיאַדעמע און מיט זיין קראַטער.

און ווייטער, אַ שפּאַן וועג פון אַרעקיפּאַ, ליגט מאָליענדאָ, דאָס שיינע האַפן־שטעטל באַם פּאַסיפיק, וואו מען קען זיך אויפזעצן אַף אַ שיף און צופאָרן גלייך צו קאַליאַאָ, די האַפן־שטאָט באַ לימאַ, דער צענטער פון דער מאָדערנער פערואַנער ציוויליזאַציע. וואוהין זאָל איך מיך נעמען? מיין אויסוואַל איז געפאַלן אַף קאַליאַאָ און לימאַ, דורך דעם פּאַסיפיק.

פון דער שיף, וואָס פירט פון מאָליענדאָ קיין קאַליאַאָ, זעט מען דעם ברעג, אַ שטח פון פינף ביז פערציק קילאָמעטער ברייט ביז דער קאָרדי־ליערע, אַ טויטער מדבר פון זאַמד, שטיין און סאַליטרע, וואו ניט וואו באַוואַקסן מיט דערנער־ביימלעך פון דער קאַקטוסן־פאַמיליע און ווילדע פייגן: נאָפּאַלן, טונאַס און ציריעס. דער קלימאַט איז אַן אָנגענעמער, גאָר קיין געזונטער איז ער ניט. ווייטער שטייט דאָ כמעט אַ שטענדיקער נעפּל און דערפון נעמט זיך די מאַלאַריע־קראַנקייט, דער „פּאַלודיזם", ווי מען רופט זי דאָ. דער אַלגעמיינער איינדרוק פון דעם ברעג איז דעמאָלט ווי פון אַ געל־קויטיקן און אויסגעפּלעקטן ליילעך, וואָס פאַרלירט זיך אינעם האָריזאָנט. מען טרעפט אָבער אויך אָאַזיסן קליינע, איבער וועלכע עס הענגט אַ נידעריקער טונקל־גרויער וואָלקן־שיכט, וואָס פאַלט אַף זיי פונעם אָקעאַן. אין די שיינע לויטערע טעג, זעט מען די וואָלקנס גאָר הויך, איבער די העכסטע אַנדן־שפּיצן. אַ טראָפּיקאַלער ווינט טרייבט די וואָלקנס איבערן לאַנגן ברעג און איבער די קאָרדיליערן צו צפון און צו מזרח. דאָרט ווייט, אַריבער די אַנדן, גיסן זיי זיך אויס, ווי אַ מבול אָפּט, טרינקען אָן די הויכע ערטער און פאַרטרענקען די נידעריקע, דעם פּערואַ־נער זשאַנגל. דאָ אָבער, באַם ברעג האָט זינט די וועלט שטייט נאָך נישט גערעגנט און דאָרט וואו מען באַנעצט נישט קינסטלעך דעם באָדן, וואַקסט נישט. דער געדיכטער נעפּל וואָס פאַלט אויס אום ווינטער אַף דעם פּאַס ערד פון נאָך האַלבער נאַכט ביז אַזייגער ניין אינדערפרי, טרוקנט שנעל אויס ווי נאָר די זון באַווייזט זיך.

די אַגריקולטור, די פּערואַנישע, ווערט געפירט אין דער הויך, אַף די הויכפלאַכן, ווי דער טיטיקאַקאַ און ווי דער באַרבאַן, וואָס געפינט זיך כמעט אינעם סאַמע צענטער פון פּערו, זי ווערט געפירט אַף די טאָלן און

# מארקוס פארישעווסקי

אין די אפגרונטן צווישן די בערג, דורך די בארג־אינדיאנער, וועלכע זיינען כמעט די איינציקע, וואס קענען אזוי שווער הארעווען אף ארויסצוברענגען קערנער און פרוכט פון יענע הויכע צעהויקערטע און מעשופעדיקע פעלדער. דער שטח פרוכטבארע ערד ליגט דריי טויזנט מעטער הויך און יעדער שטיקל ערד, וואו נאר א קערנדל קען וואקסן, ווערט פון די אינדיאנער זארגפעליק צעאקערט און פארזייט, וואו נאר א ריטשקעלע וואס שטראמט אין די פאלדן, ווערט אויסגענוצט דעם באדן צו באפרוכטן. אסאך בערג, וואס זייערע קעפ זיינען באדעקט מיט היטלען פון אייביקן שניי, האבן א גאנץ פרוכטבארן באזים ביז 3.500 מעטער די הויך און נאך העכער. פונקט ווי אויבן איז פראסטיק־קאלט און שטיין־טויט, אז א קאנדאר אפילע פליט דארט קיינמאל נישט דורך, אזוי טרעפט מען נידעריקער געגנטן ווארימע און בא טויזנט מעטער די הויך אפילע שטארק ווארימע און עס הערשט דארט אייביקער הייסער פרילינג. דער גרעסטער טייל פון דער בעסערער ערד, ליגט, נאטירלעך, אויך דא אין די הענט פון לאטיפונדיסטן, שפאניאלן, ענגלענדער, יענקים, נאפט־מאגנאטן, מעטאל־מאגנאטן, קאווע־מאגנאטן, צוקער־מאגנאטן.

פאר די אויגן די מאפע פון די קארדיליערן, פון זייערע טאלן און שפאלטן, דערמאנט זיך מיר די זיכערקייט פון דעם אידישן געלערנטן מנשה בן ישראל, אז ערגיץ אין די דאזיקע בערג מוזן זיך געפינען די עשרת השבטים. ער האט דאס גענומען דערפון וואס די אצטעקן האבן אפגעהיט שבת, מילה, די דינים פון נידה און געפייערט דאס יוי־וול־יאר, ווען אלע פעלדער און הייזער האבן געמוזט צוריקגעקערט ווערן צו זייערע פריערדיקע אייגנטימער. ער איז זיכער געווען, אז די עשרת השבטים זיינען אריבער פון אזיע קיין אמעריקע דורכן בערינג־דורכגוס, דארט זאלן זיי האבן באהערשט די אמעריקאנער שבטים און איבערגעגעבן זיי די אידישע זיטן און מנהגים. שפעטער, אבער זאלן די אינדיאנער זיי האבן באזיגט און די אידן האבן זיך אויסבאהאלטן ערגיץ אין די בערג...

עס דערמאנט זיך אויך אנטאניא דע מאנטעסינאס, דער אמעריקאנער מאראן, וואס איז געקומען אינמיטן 17־טן יארהונדערט קיין האלאנד, דארט צוריקגעווארן א איד און אנגענומען דעם נאמען אהרן הלוי ספרדי. דער דאזיקער מארטירער און פאנטאסט האט דערציילט, אז איינער אן אינדיאנער, וועלכן ער האט אויסגעזאגט, אז ער איז א איד, האט אים צוגעפירט ערגיץ צו א טייך אין די קארדיליערן, אין א געגנט וואו עס גע־



לאַ פּאַז — די הויפּטשטאָט פון באָליוויע.



לאָדקעלעך פון טאָטאָרע־גראָז אױף דער אומענדלעך גרויסער אָזערע טיטיקאַקאַ

קאַדואַוועאָ אָדער מבאַיאַ אינדיאַנערן, ניט ווייט פונעם טייך נאַבילעקע.



לימאַ - די הויפּטשטאָט פון פּערו. אין הינטערגרונט דער באַרג סאַן קריסטאָבאַל.



דאָס געריכט-הויז פון דער הייליקער אינקוויזיציע.

שפּאַציר־פּלאַץ סאַן מאַרטין אין לימאַ.

לעצטע רעשטלעך
פון די
טשיפּאַיאַ אינדיאַנער
פאַר זייער „הויז״
אויפן הויכן פּליין
פונעם באַרג:
סעררא דע פּאַסקאַ.

פינט זיך א אומאפהענגיקע אידישע מלוכה. דער אינדיאנער האט געגעבן א סיגנאל און עס האבן זיך באוויזן דריי מענער מיט בערד און א ווייסע פרוי אין א לאדקע. און נאכדעם ווי דער אינדיאנער האט זיי עפעס אויפגעקלערט אף א אומפארשטענדלעכער שפראך, האבן זיי ארומגעכאפט מאנטעסינאסן, אים געהאלזט און געקושט און דערנאך אויסגערופן „שמע ישראל" און די נעמען פון די אבות אברהם, יצחק און יעקב. זיי האבן אים אבער נישט געוואלט ארויפנעמען צו זיך אין דער לאדקע און... אזוי ארום איז ווידער פארשוואונדן דער זכר פון די עשרת השבטים...

פארט א איד אין די קארדיליערן, כאלעמען זיך אים די עשרת השבטים וואס אין די הרי חושך... פונדעסטוועגן, איז ניט אויסגעשלאסן, אז צווישן די אינדיאנער, וואס לויט פארשידענע פארשער, זיינען זיי נישט קיין אויפגעקומענע פון דער אמעריקאנישער ערד, נאר איינגעוואנדערטע אין פארשידענע עפאכן, פון נאך דער אייז־עפאכע אן און ווייטער און פון פארשידענע ערד־טיילן, פון אזיע, אויסטראליע, פאלינעזיע, פיליפינען, איסלאנדיע און טייל אייראפעישע געגנטן, איז גאנץ מעגלעך, אז אויך אידן זיינען פאראן פאראינדיאנישטע. זיכער אבער זיינען פאראן אזעלכע, וואס שטאמען פון שפאניע און פארטוגאל אין דער צייט פון די קאנקוויסטאדארן, פונקט ווי עס זיינען פאראן אנדערע פאראינדיאנישטע אייראפעער. אזעלכע דערקענט מען באלד, זייערע סעמיטישע אדער אינדא־גערמאנישע שטריכן פאראטן זיי פאר דעם פארשערס אויג.

די פארשידענע אנדיאנישע גרופן אדער שבטים דערקענען די פארשער לויט זייער קערפער־געבוי, לויט זייערע אויגן־לעכער, ווי אויך לויט זייערע שפראכן, דיאלעקטן, לויט זייער מאראל, לויט זייערע זיטן און מנהגים. די וואס שטאמען פון אייראפע, וואס מען רופט זיי אלבינער (ווייסע) דערקענט מען אין זייערע בלאנדע האר און ווייסער באוואקסענער הויט. לויט די דערמאנטע פארשידנקייטן, ווי לויט דעם צושטאנד פון זייער קולטור, פארשט מען אויך די עלטער פון די אינדיאנער שבטים אפן אמעריקאנער קאנטינענט, דאס הייסט, אין וועלכער עפאכע זיי האבן איינגעוואנדערט, ווען אפילע אסאך שבטים האבן שוין גאר ווינציק שפורן פון זייערע פרימיטיווע עלטערן.

די ווייטסטע שפורן פון די אינדיאנער אין אמעריקע פירן צו דער שטיין־עפאכע. די פארשונגען באווייזן, אז די פארצייטנס איינגעוואנדערטע שבטים זיינען געשטאנען אף פארשידענע שטופן פון ציוויליזאציע לויט

## מאַרקוס פּאַרישעווסקי

דעם אָרט פון וואַנען זיי האָבן אויסגעוואַנדערט. די אַרכעאָלאָגן האָבן
אויסגעפונען אין די בערג אַזעלכע אויסגעקריצטע צייכנס וואָס זעען אויס
ווי אַ מין שריפט. מנשה בן ישראל גיט אָן, לויט דער עדות פון שפּאַניער,
אַז אַף אַ שטיין אין סאַן מיגעל האָט מען געפונען אויסגעקריצט מיט אידי־
שע אותיות די ווערטער: מאַטאַמעל שה לבן מאַטדולי, וואָס ער קען זיך
נישט דערקלערן זייער באַטייט. אויב דאָס זיינען נישט קיין פּאַשעטע
צייכנס, וואָס די אינדיאַנער האָבן געמאַכט אַף צו באַצייכענען זייערן אַ
מאַרשרוט, כאָטשע זיי האָבן אַ באַשטימטן סטיל, ווי דער סטיל פון די
צייכענונגען אַף זייערע כלים, געוועבר, וואווינונגען און שטיינער — מאָנו־
מענטן, מענגאַליטן און מאָנאָליטן, איז גאַנץ מעגלעך, אַז טייל אינדיאַנער
האָבן אין די גאָר אַלטע צייטן שוין געהאַט שריפט־צייכנס, וואָס זיי האָבן
מיטגעבראַכט פון אַן אַלט פאַרשוואונדן ציוויליזירט פאָלק.

פאַרקערט, באַווייזט די פאָרשונג פון די ווילדע אַף די פייער־אינדז־
לען, וואָס שטאַמען מעגלעך פון אויסטראַליע אָדער מאַלאַזיע, און פון די
באָטאָקודאָס אינעם שטאַט מינאַס זשעראַעס (בראַזיל) בא די טייכן פּראַ־
דאָ און דאָזע, וואָס זייערע וואָרצלען שטעקן מעגלעך ערגיץ אין ניי־זעלאַנד
אָדער פּאָלינעזיע, פון די ווילדע מאַאָריעס, אַז זיי זיינען פאַרבליבן אַף
דעם זעלבן ווילדן, פּרימיטיוון ניוואָ ווי זייערע אורעלטערן צוריק מיט
אייניקע טויזנט יאָר.

געפונען האָט מען אין אַמעריקע כלים און כלי זין, רודימענטאַרע
קברים, ענלעכע צו די וואָס מען האָט געפונען אין אייראָפּע און סיי די
ערשטע, סיי די צווייטע זיינען קאָפּירטע פון די וואָס מען האָט געפונען
בא זייערע עלטערע ברידער אין אַזיע. די לעצטע פון די איינגעוואַנדערטע
קיין אַמעריקע אינדיאַנער שבטים זיינען די אינקאַס, וועלכע זיינען גע־
קומען גוט אָרגאַניזירטע מיט פאַרטיקע מלוכה־פאָרמען און מיט אַ פאַר־
טיקער דיסציפּלין פון די אַמאָליקער כינעזער, פון וועלכע זיי שטאַמען
אפשר.

און ווידער טרעפט מען אַזאַ קוריאָז: אין אַריקאַ, אונטער אַ גאָר
פלאַכן שיכט ערד, בא דער פאַכווע פונעם באַרג מאָררא, האָט מען געפונען
שפּורן, וואָס באַווייזן, אַז די ערשטע מענטשן זיינען אַהין געקומען ערשט
מיט איין יאָרהונדערט פאַר דער קריסטלעכער צייטרעכענונג און דאָך זיי־
נען זיי געווען אַזוי אַפגעשטאַנען, אַז זיי האָבן נישט געוואוסט פון דער
פּרימיטיווער טעפּעריי־קונסט. נישט פון וועבעריי און נישט פון אַגרי־

# צווישן ווילדע און ציוויליזירטע

קולטור, און געקליידט האָבן זיי זיך אין די פעלן פון די ווילדע חיות, יאָון גענערט האָבן זיי זיך פון יאַגד, פישפאַנג, רויע פרוכטן און גראָזן. דער אויסזען זייערער איז ענלעך געווען צו די אוראָס, וואָס זיינען נאָך איצט פאַרבליבן אפן טיטיקאַקא־פליין, און אַלס אַזעלכע זיינען זיי אומגעקומען, נישט מאַכנדיק קיין איין שריט נענטער צו דער ציוויליזאַציע.

אף די אויסגעגראָבענע בית עלמינס זייערע האָט מען געפונען זייערע טויטע, מיט כמעט קיילכיקע שאַרבנס, איינגעוויקלטע אין ראָגאָ־זשעס פון טאַטאַראַק און זייער געווער: שאַרפע שטיינדלעך צו שניידן מיט זיי די קאָרע פון ביימער וואָס וואַקסן זייער ווייט פון יענע ברעגן, פון וועלכע זיי פלעגן מאַכן פאָדים און פון זיי געפלאָכטן זייערע נעצן. שפּיזן האָבן זיי געמאַכט פון דערנער און נאָדלען פון דינע פייגל־ביינער. פון פאַרדרייטע דערנער האָבן זיי געמאַכט ווענדקעס אף צו כאַפּן קלענערע פיש. אַלץ ווי באַ די אוראַלטע אייראָפּעער.

אין דרום פון דער זעלבער פראָווינץ, אויך אונטער אַ דינעם שיכט ערד, האָט מען שוין געפונען מומיעס פון מענטשן מיט לאַנגע שאַרבנס, איינגעוויקלטע אין הירשן־פעלן אָדער אין לאַמאַ־פעלן און אַלע מיט דעם פּנים צום ים. די געלערנטע זיינען געקומען צו דער מסקנא, אַז זיי זיינען געקומען אַהין מיטן ים פון דער ווייט און האָבן אים דערפאַר פאַרגעטערט. די זיינען שוין געשטאַנען אף אַ רעלאַטיוו גאַנץ הויכער מדרגה פון ציוויליזאַציע לגבי די מיזרעכדיקע אַריקאַנער. זיי האָבן שוין געוואוסט פון גאָלד און זילבער און פון קופער. אף זייערע העלדזער, אָרעמס, הענט און פיס האָבן זיי געטראָגן גאָלדענע, זילבערנע און קופערנע רינגען. זיי האָבן שוין אויך געוואוסט פון טאַבאַק און פלעגן שמעקן דעם טאַבאַק־רויך אָדער שטופּן דעם צעריבענעם טאַבאַק אין דער נאָז. דאָס „רויכערן" פלעגט באַ זיי צוגיין אף אַזאַ אופן: די טאַבאַק־בלעטער פלעגן זיי אַריינ־לייגן אין אַ כלי, אַרויפלייגן אף אים אַ ברענענדיקע קויל און דורך אַ גילדן רערל אַריינציען דעם רויך אין דער נאָז און אַרויסלאָזן דורכן מויל. פון זייער געוואוינהייט צו רויכערן און שמעקן טאַבאַק, דרינגט מען, אַז זיי זיינען שוין געהאַט געווען ערגיץ וואו אף די קאַריבער אינדזלען אָדער באַ די ברעגן פון קאַריבישן ים, פון וואַנען דער טאַבאַק שטאַמט בכלל און טראָגט נאָך דעם נאָמען וואָס די אינדיאַנער פון די קאַריבער לענדער האָבן אים געגעבן.

און אָט פאַלט דאָס אויג אף דער מאַפּע צווישן טשאַלאַ און סופּע,

## מאַרקוס פּאַרישעווסקי

ווייטער צו צפון, אַף דער אַנדער זייט קאַליאַאָ. מילדער איז דאָרט די ערד און פּרוכטבאַרער און אויך אינדיאַנער זיינען דאָרט אַמאָל געווען גאָר אַנדערע, הויכע, שלאַנקע מיט הערקולעס־מוסקולן. זייערע מומיעס האָט מען געפונען אין אַ זייער גוט קאָנסערווירטן צושטאַנד. גרויסע שווימער זיינען זיי געווען און שיפן פלעגן זיי זיך אַף קליינינקע לאָדקעלעך פון גראָבע קלעצער אויסגעהוילטע און אויך אַף גרעסערע שיפן, ווי טראַטועס פון צונויפגעבונדענע אויסגעהוילטע קלעצער און מיט דעם ברעג פונעם פּאַסיפישן אָקעאַן פלעגן זיי גרייכן ביז די ווייטסטע לענדער, אַזש ביז די קיטשים און די מאַיאַס און ביז די אַצטעקן, אויסצובייטן זייערע זאַכן אַף אַנדערע, פאַר זיי נויטיקע.

מיט טויזנטער יאָרן צוריק האָבן זיי דאָרט געלעבט און די וויסנ־שאַפטלער האָבן אויסגעפאָרשט די רעשטן פון זייערע מאָלצייטן, ווער־ווייס צוליב וואָס אָנגעזאַמלטע: מושלען, אויסטערן, ראַקעס און פיש, פייגל און אַלערליי חיות. און לעבן די רעשטן, טיף אין דער ערד, קליידער פון אַלערליי פּראַסט געאַרבעטע געוואַנטן, געוועבר און כלים פון ביינער, האָלץ און שטיין. ענלעך זיינען זיי געווען צו די אַמאָליקע מענטשן־פרע־סער אַף די קאַלטע פייער־אינדזלען און ווי יענע זיינען זיי אויך געווען מענטשן־פרעסער און האָבן געהאַט די זעלבע געטער און די זעלבע ימים טובים, מיט מענטשלעכע קרבנות, מערסטנס פון די געפאַנגענע אין די קעסיידערדיקע מילכאָמעס, אָבער אויך פון די אייגענע. געשאָנקען האָט אַ זון פאַר אַ קרבן צו גאָט זיין טאַטן אָדער זיין אַלטע מאַמע, דער פאָ־טער זיין קינד, דער מאַן זיין ווייב. אינדערמיט פון אַ שטיינערנעם צירקל, מיט אַן אַריינגאַנג פון מערב זייט, ווי עס ווייזט אָן דער פּראָפעסאָר מאַקס אוהלע, איז געשטאַנען אַ שטיינערנער מזבח, אַ מאָנאָליט; אַף דעם מזבח האָט מען אָפּגעבראָטן די מענטשלעכע קרבנות און דאָרט דערבײַ זיי אויפ־געפרעסן. דער פּראָפעסאָר האָט אַף איינעם פון די מזבחות נאָך געפונען אַ באַרג אַש און אַרום און צווישן דעם אַש רעשטן און מענטשלעכע גלי־דער...

איך לייג צונויף מיין מאַפּע און טו אָפּ מיין געדאַנק פון די פּאַר־צייטיקע אינדיאַנער. די שיף, וואָס פירט מיך צום צענטער פון דער מאָ־דערנער פּערואַנער ציוויליזאַציע, איז שוין בײַ קאַליאַאָ.

# קאַליאַאָ — לימאַ

אונדזער שיף איז שטיין געבליבן פאַראַנקערט עטלעכע קילאָמעטער ווייט פונעם פּערואַנער הויפּט־האַפן. פערוס גרעסטע האַפן־שטאָט האָט נאָך ניט דעם געהעריקן האַפן, וואו אַ מיטעלע פּאַסאַזשיר־שיף זאָל קע־נען צוקומען האַרט צום ברעג. צום האַפן, וואָס האָט מיר דערמאָנט די באַן־סטאַנציע טשאַקאַריטאַ אין בוענאָס איירעס, סיי מיט זיין פאַרנעם און סיי מיט זיין רייכקייט, בין איך צוגעפאָרן מיט אַ מאָטאָר־שיפל.

ווי נאָר דער וואַנדערער שטעלט אַוועק זיין פוס אַף דעם פעסטן באָדן פון דער האַפן־שטאָט, וואַרפן זיך אים באַלד אין די אויגן די מחנות באָר־וועסע און אָפּגעריסענע שטיוול־פּוצער און פּעקל־טרעגער. אָפט פילן זיי אוים ביידע שעליכעסן צוזאַמען. זיי באַפאַלן דעם רייזנדער ווי הונגע־ריקע, זשעדנע און אומטערטעניק. אין קאָנטראַסט צו זיי, זעט איר אַן עולם וואויל־געקליידטע פּוסטעפּאַסניקעס — אַזאַ איינדרוק מאַכן זיי — מיט ציינשטעכערלעך אין מויל, אַ פּנים, כדי צו באַווייזן די אָנגעקומענע, אַז זיי זיינען נישט אַבי־ווער, נישט קיין האָלעדראַנצעס און טויט־הונגעריקע, נאָר אָנגעטוענע און זאַטע.

איך האָב מיך אַרומגעדרייט עטלעכע שעה אינעם שטעטל. קיין פאַ־בריקן און אַנדערע אונטערנעמונגען זיינען דאָ נישטאָ. די הייזער זיינען נידעריקע און מענטשן זעט מען בלויז אין די גאַסן. וואָס באַם האַפן. די האַפן־גאַסן זיינען ממש אָנגעפּיקעוועט מיט געוועלבער און געוועלבלעך, וואו מען קריגט אַלץ, איבערהויפּט משקה און קאָקאַ־בלעטער. קומט אַריין אַ פּאַסיזשיר־שיף, ווערט קאַליאַאָ אַף עטלעכע שעה און אַמאָל אויך אַף עטלעכע טעג באַלעבט. דאָס שטעטל גופא שיט זיך אַרוים צום האַפן און אויך פון די אַרומיקע שטעטלעך און פון דער נישט ווייטער הויפּט־שטאָט, פון לימאַ, לויפן זיך אָן מעקלערס, שטיוול־פּוצער, געלט־טוישער, האָטעל־דינער, גנבים און סטאַם פּוסטעפּאַסניקעס. לעבעדיק ווערט אין די גע־שעפטן, אין די שענקלעך און אין די שרייענדיקע שאַנד־הייזער, וואָס אומגליקלעכערווייזע זיינען זיי דעמאָלט מערסטנס איינגעשטאַנען אין אי־

דישע הענט, מיט אַ גרויסער טייל מיידלעך פון פוילן, רומעניע און אַדעס.

דער האַפן באַ קאַליאַאָ איז נישט טיף און קיין גרעסערע שיף קען צו אים נישט צוקומען, כאָטשע מיט אַ שעפּ־מאַשין וואָלט מען עס גע־קענט מאַכן. האָט אָבער, אַ פּנים די רעגירונג פונעם דיקטאַטאָר לעגיאַ, וואָס האָט דעמאָלט געהערשט אין פּערו, דערצו קיין השגה נישט גע־האַט. דערפאַר אָבער האָט זיין רעגירונג אויסגעבויט פאַר קאַליאַאָ אַ שפּאַציר־פּלאַץ באַם ים, וואָס פאַרגיטיקט דעם רייזנדן די אומבאַקוועמ־לעכקייט אינעם האַפן. די ים־כוואַליעס אַרום דעם גאַנצן ברעג פון קאַ־ליאַאָ טראָגן צו פאַר פּערו אַ ריזיקן פאַרמעג אין דער פאָרעם פון מיליאָ־נען טאָנען קיילכיקע גלאַנציקע שטיינדלעך, פון די וואָס מען נוצט זיי אין בעטאָן און צעמענט־געבוי און אַף ברוק־אַרבעט. זיי קומען פון די הויכע בערג און די שטורמישע באַרג־טייכן וואָס פאַלן אַריין אין ים פאַרשלעפּן זיי מיט זיך אין רעגנצייט און דעם ים שלייפט זיי אַרום און גיט זיי די אָוואַלע פאָרם וואָס זיי האָבן. און אַף אָט די שטיינדלעך האָט לעגיאַס רעגירונג אויסגעבויט אַ פּראָמענאַדע, וואָס ציט זיך אַ שפּור שטיקל וועג און מען רופט זי דאָרט פּשוט „מאַלעקאָן", וואָס אין שפּאַניש מיינט עס דאַמבע.

פון קאַליאַאָ קיין לימאַ, אַכט קילאָמעטער בלויז, פאָרט מען מיט דעם טראַמוויי. דורכן פענצטערל זעט מען די שפע פון דער פּערואַנער ערד: צוקער־רערן הויכע און גראָבע, ממש ווי דיביימער און וואַטע־קנאָספּן ווי גרויסע שניי־בוקעטן צעעפנטע אַף די וואַטע־פּלאַנטאַציעס. די קאַווע און קאַקאַאָ־פּלאַנטאַציעס פאַרקישעפן דאָס אויג. און אָט זיינען מיר שוין אין לימאַ, די הויפּטשטאָט פון פּערו, די געוועזענע רעזידענץ פון די שפּאַנישע וויצעקעניגן און דער צענטראַלער פּונקט פון דער שפּאַנישער אינקוויזיציע אין אַמעריקע. די שטאָט וואָס פראַנציסקאָ פּיזאַראָ, דער מעכטיקסטער און בלוטיקסטער פון די שפּאַנישע קאָנקוויסטאַדאָרן האָט באַפוילן אויפ־צושטעלן נאָך אין יאָר 1535.

דידאָזיקע אַלטע שטאָט, איינע פון די עלטסטע שטעט אין אַמעריקע און הויפּטשטאָט פון איינער פון די רייכסטע לענדער אין דער וועלט, האָט פונדעסטוועגן לגבי אַנדערע אַמעריקאַנישע הויפּשטעט זייער ווינציק פאַר־שריט געמאַכט. איר באַפעלקערונג באַטרעפט קוים העכער צוויי הונדערט טויזנט נפשות. דאָך קען מען זי צורעכענען צו די שיינע לאַטיין־אַמערי־קאַנישע שטעט. זי איז אַ געמיש פון פּרעדאָמינירנדיקן אַלטן שפּאַנישן

סטיל מיט זיינע שמאָלע גאַסן און געסלעך און נידעריקע הייזער און
הייזקעס און מאָדערנע הייזער צו עטלעכע שטאָק אַף אייניקע ברייטערע
גאַסן און אַוועניִדאַס, אַרום דעם שטאָט־פּלאַץ, וואָס רופט זיך „פּלאַסאַ דע
לאַס אַרמאַס" (געווער־פּלאַץ). אַרום דעם פּלאַץ, וואָס פאַרנעמט אַ שטח
פון אַ הונדערט פופציק אַף הונדערט פופציק מעטער, געפינען זיך די
גרעסטע האַנדלס־הייזער און דאָ וואוינט אויך די סמעטענע פון דער לימער
אַריסטאָקראַטיע. געבויט האָט זיך דאָרט אויך צו יענער צייט דער באָלי־
וואַר־האָטעל, די שענסטע געביידע פון לימאַ.

דאָס ערשטע וואָס וואַרפט זיך אין אויג דעם נייגיריקן רייזנדער,
זיינען די אָן אַ צאָל קראָען אַף די שטאָטישע גאַסן. און מאָדנע קראָען
זיינען עס, ווי געגנדז די גרייס, מיט אַ קורצן עק, מיט אַ לאַנגן שנאָבל וואָס
איז באַם ברייטלעכן שפּיץ עטוואָס אַרונטערגעבויגן און מיט אַ בלוילעך־
שוואַרצן נאַקעטן האַלדז ווי מיט קרעץ אויסגעשאָטן. איבער די מענטשנס
קעפּ האָב איך זיי געזען פליען און ווי נאָר אַ פערד האָט אין גאַס אָנ־
געמיסטיקט, האָבן זיי זיך גלייך אַרונטערגעלאָזט און דאָס איינגעשלונ־
גען. וואו נאָר אַביסל מיסט — און קיין מיסט אַף די גאַסן האָט נישט גע־
פעלט — האָב איך זיי געזען אומגיין אין די הונדערטער.

דער פּערואַנער מישלינג, דער מולאַט, דער מעסטיסאָ און דער סאַמ־
באָ, (מולאַט — אַ נעגעריש־ווייסער מישלינג; מעסטיסאָ — אַן אינדיאַ־
ניש־ווייסער און סאַמבי אָדער סאַמבאָ — אַ נעגעריש־אינדיאַנער) האַלטן
זיך לגבי דעם עכטן אינדיאַנער, שוואַרצן אָדער כינעזער, אַלס מענטשן
פון העכערן שטאַנד. זיי האַלטן פאַר נידעריקער פון זייער כבוד צו טון
פיזישע אַרבעט און וואַרטן געדולדיק אַף רעגירונגס־פּאָסטנס. זיי זיינען
די שטאָטישע פּאַצעטן, וואָס דרייען זיך אַרום אָפּט מיט אַ ליידיקן מאָגן
אָדער זיי נאַרן אים אָפּ מיט אַ טעלערל האַלב־רויע רייז פאַרפּראַוועט מיט
ביטערע פעפערלעך, נאָר מיט אַ ציישטעכערל אין מויל און אַ צווייטס
הינטערן אויער און פאַר די טירן פון די ערשט־ראַנגיקע האָטעלן פליר־
טעווען זיי מיט די פאַרבייגייענדיקע „טשאָליטאַס" (אינדיאַנער מיידלעך).

איינגעשטאַנען בין איך אין האָטעל „קאָמערסיאָ", איינער פון די
דאָזיקע האָטעלן, וואו איך האָב פאַרנומען איינער אַליין אַ צימער אַפן
ערשטן עטאַזש, אַ טיר קעגן אַ טיר מיט דעם צימער פונעם אויסטראַליאַ־
נער אינזשעניער און דערפינדער דזשיימס רידער, אַ זון פון אירלענדישע
עלטערן, אַ פרומער קאַטויליק און געוואוינט האָט ער מיט אַ אידישער

# מארקוס פארישעווסקי

פרוי פון נאווידוואר, א געוועזענע קאבארעט־זינגערן אין דער בראזיליענישער שטאט פעלאטאס, וואס אינעם שטאט ריא גראנדע דא סול. די באלעבאטים פונעם האטעל, ער א זון פון שפאנישע עלטערן און זי א פראנצויזקע,ביידע וואוילע מענטשן און זייער פרומע קאטויליקן. די דינערשאפט, איבער צוויי טוץ ציוויליזירטע אינדיאנער, סאמבאס און מולאטן. איבער זיי — אן אויפזועער א „מעסטיסא" און איבער אלעמען — אן אדמיניסטראטאר א סאמבא, וואס האט געהערשט ביד רמה, געטריי און שוויינגדיק.

די אטמאספער אין שטאט איז דעמאלט געווען אן אנגעלאדענע מיט דעם פולווער פון דעם סיכסוך צווישן פערו מיט טשילע איבער די צוויי פראווינצן טאקנא און אריקא, וואס טשילע האט געהאלטן פארנומען זינט נאך דער מלחמה איבער די אטאקאמער זאלץ־פעלדער. קעגנאיבער מיין האטעל האב איך געהאט די מארעשכווירעדיקע געביידע פון דער פאליציי־פרעפעקטור, וואס האט אויסגעזען ווי אן אלטע קאזארמע, מיט אירע שרעקלעך גראבע ווענט און זייער ווינציק פענצטער, גאנץ הויך איבער דער ערד. און אף יעדן טראט שפורן פון דער קאלאניאלער, אינקוויזיטארישער און קאנקוויסטאטארישער הערשאפט. א גאס מיט דעם נאמען „מאטא כודיאס" (הארגע אידן), א צווייטע מיט דעם נאמען „לא אינקוויזיסיאן" (די אינקוויזיציע) און נאך אזעלכע רעליקוויעס, וואס גרוילן אויף א אידן און א פרייען מענטשן. אט איז די קירכע, וואו עס געפינט זיך נאך די איינריכטונג פון דעם אויטא דע פע (דער שייטער אף וועלכן מען האט געברענט די אידן און אפיקורסים), די תפיסה, וואו מען האט זיי געמאטערט און דער טיש, בא וועלכן די הייליקע ריכטער האבן געפירט די משפטים איבער די וואס זיינען אין זייערע הענט אריינגעפאלן. איך באגעגנט הייזער פארצייטיקע, הייזער־פעסטונגען, מיט הונדערטער יארן צוריק געבויטע, נאך פון פראנציסקא פיזאראס צייטן, דיקע מויערן פון רויע נישט געברענטע ציגל, געמישט מיט שטיינער.

שווער איז מיר געווען זיך צו באפרייען פון דעם ערשטן פיינלעכן איינדרוק וואס לימא האט אף מיר געמאכט און איך האב אים ארויסגעפילט אפילע פון דעם רעגירונגס־הויז, פון דעם פארלאמענט־הויז און פון דער אוניווערזיטעט־געביידע מיט זייערע דיקע פעסטונג־ווענט, וואס איך בין געגאנגען אנקוקן אלס די מערקווירדיקייטן פון לימא. דעם טייך רי־

## צווישן ווילדע און ציוויליזירטע

מאַק, וואָס קרייצט דורך די שטאָט און טיילט זי אָפּ פון די פאָרשטעטלעך, וואָס בעת עס רעגנט אין די בערג, פילט ער זיך אָן מיט שוימיקן וואַסער און שטורעמט און ברומט ווי דער סמבטיון, האָב איך געטראָפן כמעט א טרוקענעם. וועשנס האָבן אין זיינע קויטיקע וואַסערן געוואַשן וועש און קינדער און עלטערע מענטשן אָן באַשעפטיקונג האָבן אין אים געכאַפּט ראַקעס און מושלען.

וואָס זיינען דאָ די מענטשן אַזוי בלייך און מאַכן אַזאַ איינדרוק פון פאַרשמאַכטע און ווילנסלאָזע? דאָס מאַכט זיי אַזוי דער קלימאַט דאָ. הייס איז דאָ און דושנע אום זומער, נאָס איז דאָ אום הארבסט און אום ווינ־טער, כאָטשע דאָ רעגנט קיינמאָל נים. א געדיכטער נעפּל הויערט דאָ אין די ווינטער־חדשים און זעצט זיך אָפּ אַף אַלץ און דרינגט דורך די ביי־נער און ער ברענגט די מאַלאַריע און מאַכט די איינוואוינער אַזוי קרענק־לעך־בלייך און ווילנסלאָז און מאָרעשכוירעדיק.

נאָר אָט גייט אַרויס די זון, אַרום ניין, צען אַזייגער, אַלץ ווערט טרוקן און אַ ליבער פרימאָרגן צעשפּרייט זיך איבער לימאַ און איר אומ־געגנט. שיין ווערט לימאַ און די נאַטור אַרום. אַ פּרעכטיקע פּאַנאָראַמע באַווייזט זיך: דער באַרג סאַן קריסטאָבאַל, וואָס מען האָט אים בעת דער מלחמה צווישן טשילע און פּערו פאַרוואַנדלט אין אַ פעסטונג און איצט דערפרייט ער אַלעמען מיט זיין שיינקייט.

# אַ וויזיט אין אַ סאַמבאַ־משפחה

אַ זונטיק נאָכמיטיק האָט דער אויפזעער פונעם האָטעל, דער סאַמבאַ דאָן פּאַטריסיאָ, מיך איינגעלאַדן אַף אַ וויזיט צו אים אַהיים. ער וויל מיך באַקענען מיט זיינע דריי שוועסטער און דערנאָך וועט ער מיך פירן צום סאַן קריסטאָבאַל, וואו די פעסטונג איז געווען און נאָך אַנדערע זאַכן, וואָס אינטערעסירן אַלע „גרינגאָס".

— איר זיינט דאָך אַ איד — זאָגט ער מיר — און נאָך אַ פראַנצויזישער איד, פעלט דאָך אייך זיכער נישט קיין געלט, איז אויב איר ווילט אייך מטריח זיין און מיך פיין באַלוינען, וועל איך אייך פירן צו מיינע דריי שוועסטער, די שענסטע פון מיין משפחה. איר וועט קענען מיט זיי פאַרברענגען לויט אייער וואוילטעטיקייט, אין אַ היימישער סביבה...

קיין אידישע פאַמיליען־שטוב איז נאָך דעמאָלט אין לימאַ נישט געווען. די עטלעכע ספאַרדישע און דייטשע אידן האָבן זיך ניט אויסגעגעבן פאַר אַזעלכע און די רוסישע און רומעניש זיינען מערסטנס געווען בחורים אָדער האָבן געהאַט זייערע ווייבער און פאַמיליעס אין אייראָפּע. געווען זיינען אַפילע אידן מיט ווייבער, נאָר אַזעלכע וואָס ס'איז אַ בזיון וועגן זיי צו ריידן. און איך בין גערן געפאָרן צו דער פאַמיליע פון דאָן פּאַטריסיאָ.

אין דעם פאַרשטעטל מיראַפלאָרעס, אַף אַ באַבלימטער וועראַנדע פון רערן־שטעקלעך דורכגעפלאָכטן מיט קלעטער־רויזן און ווילדע יאַסמינען, האָב איך געטראָפן זיצן דעם כמעט שוואַרצן קאָפּ דאָן אַנאַסטאַסיאָ, דאָן פּאַטריסיאָס פאָטער און זיין ווייב, די טשימו־אינדיאַנערן דאָניאַ פילאָמענאַ, אָגב גאָרנישט קיין מיאוסע. ביידע האָבן זיי געהאַלטן אין רייניקן פון פליי אַ גרויסן קודלאַטן ווייסן הונט. רעכטס פון דער וועראַנדע זיינען געזעסן, איינע אַף דער ערד און צוויי אַף נידעריקע שטרויענע בענקלעך, פּאַטריסיאָס דריי שוועסטער און געלויזט איינע די צווייטע. אויך די שוועסטער זיינען געווען גאַנץ ביינעוודיקע.

## צווישן ווילדע און ציוויליזירטע

— סעניאָריטאָס, — רוף איך מיך אָן צו זיי, — איר זיינט דאָך דריי און אַז איר לויזט איינע די צווייטע, בלייבט איינע אומגעלויזט, ווייל זי האָט ניט קיין פּערטע שוועסטער, וואָס זאָל זי לויזן.

— זאָרגט נישט, סעניאָר, — האָט דערויף געענטפערט די אומגע־לויזטע, די איינגסטע, וואָס איז געזעסן אַף דער ערד, — ווי נאָר מען וועט פאַרענדיקן מיט מיין קאָפּ, וועלן מיר בייטן די פּאָזיציע...

— אַזוי, אַזוי, סעניאָר, — האָט דער כמעט שווארצער דאָן אַנאַס־טאַסיאָ אַ זאָג געטון צווישן די ציין און נישט אויפגעהערט זוכן די פליי אינעם קודלאַטן הונט, — זינט די שפּאַניאָלן האָבן פאַרכאַפּט פּערו, איז די שטאָט פאַרפלייצט מיט לייז און פליי און וואָראַנעס... איר זעט די העסלעכע קראָען מיט די נאַקעטע העלדזער, דאָס זיינען נישט קיין פּאָ־שעטע קראָען, דאָס זיינען בויטרעס, מאַראַבוס, וואָס אין זייערע גופים זיצן די נשמות פון די קאָנקוויסטאַטאָרן און אינקוויזיטאָרן. יעזוס האָט זיי פון הימל אַראָפּגעוואָרפן און אריינגעבלאָזן אין אָט די העסלעכע גרויע קראָען, אַ שטראָף פאַר זייערע גרויזאַמקייטן, ביז זיי וועלן געלייטערט ווערן. אַזוי לאַנג וועלן זיי זיין אַף דער זינדיקער וועלט, ביז גאָט וועט ניט פאַרגעבן זייערע זינד...

איך האָב שוין נישט געוואַרט ביז די סעניאָריטאַס וועלן זיך פול־שטענדיק אויסלויזן און זיך נעמען מיך צו אַמוזירן און האָב מיך אָפּגע־זעגנט, נישט דערלאַנגענדיק קיינעם די האַנט, און צוגעזאָגט קומען אַן אַנדערשמאָל. מיט דאָן פּאַטריסיאָ בין איך פונדאַרטן אַוועק צום סאַן קריסטאָבאַל־באַרג.

# דאָניאַ וויקטאָריאַ, איך און איר מאַן

צום באַרג סאַן קריסטאָבאַל זיינען מיר צוגעקומען אַרום דריי נאָכמיטיק. צופוסנס דעם באַרג שטייט אַ בודקעלע, פונוואַנען עס ציט זיך אַרויף ביז דעם סאַמע שפּיץ באַרג אַ שטאָלענער קאַבל, איבער וועלכן עס לויפט אַרויף מיט דעם כח פון אַן עלעקטרישן שטראָם אַ וואַגאָנדל. פאַר 20 סענט קען מען מיט דעם וואַגאָנדל אַרויפפאָרן. פאַר איינעם אַליין וועט די ווינדע זיך נישט מטריח זיין, סיידן מען זאָל באַצאָלן פאַר עטלעכע פערזאָן. שטייט לעבן דעם בודקעלע אַ זעלטן בלאָנד געפאַרבטע פרוי פון אַ יאָר צוואַנציק, ברעכט פאַרצווייפלט מיט די הענט און קוקט אַלץ אַרויף צום שפּיץ באַרג, צום וואַגאָנדל, וואָס איז דאָרט געבליבן שטיין און צו דעם סטעזשקעלע וואָס פירט פון דאָרט נאָך ווייטער. זי האָט אונדז דערזען, דערציילט זי אונדז, איבערהויפּט מיין באַגלייטער, וואָס האָט איר געגריסט און זי אָנגערופן דאָניאַ וויקטאָריאַ:

— מיין מאַן האָט מיך דאָ געלאָזט אַליין מיט מיין טשאָלאַ (די אינדיאַנישע דינסט) וואַרטן אַף אים... איך האָב מורא געהאַט אַריינגיין אין דעם הענגענדיקן טראַמווייעלע, ווייל עס האָט שוין געטראָפן עטלעכע מאָל אומגליקן מיט די וואָס זיינען אַרויפגעפאָרן. און ער איז אַרויפגעפאָרן צוזאַמען מיט אַ צווייטער פרוי, מיט איין יאָר יונגער פון מיר... מיין מאַן, דאַכט מיר, איז צו איר נישט גלייכגילטיק... איך בין אַפילע אַבסאָלוט נישט אייפערזיכטיק, מיך פאַרדריסט נאָר פאַרוואָס בין איך נישט מיטגעפאָרן, וואָלט אפשר די הייליקע בתולה דערהערט מיין געבעט און וואָלט געמאַכט, אַז דער קאַבל זאָל זיך איבעררייסן און איך מיט מיין מאַן און מיין מאַנס געליבטע, מיין ריוואַלן, זאָלן אַראָפּפאַלן אין אָפּגרונט און געהאַרגעט ווערן...

בעת מעשה האָב איך מיר געטראַכט: ביזט אפשר גערעכט, וויקטאָריאַ, מיט דיין אייפערזוכט. דיין מאַן, מיסטאָמע, איז אַ פערואַנער מיט אַראַביש־אַנדאַלוזישע בלוטן, דערצו נאָך מיסטאָמע אַ געבוירענער אין דעם טראָפּיקאַלישן איקיטאָס און, וועלכער געבוירענער פערואַנער האָט עס פיינט אַ צווייטע פרוי?... און דו, וויקטאָריאַ, מיט דיין רייץ און מיט דעם

## צווישן ווילדע און ציוויליזירטע

פלאַם אין דיינע שמאַראַגדן־אויגן, ביזט דאָך אויך אַ פּולבלוטיקע פּערזאַ־נערן, פון דער הייסער טרופּיליאַ, מיסטאַמע...

דערווייל האָט מען פונעם שפּיץ בארג געמעלדעט טעלעפאָניש, אַז אינעם מאָטאָר איז עפּעס קאַליע געוואָרן און עס וועט געדויערן ביז מען וועט אים פאַריכטן, דער וואַגאָן זאָל זיך קענען אַראָפּלאָזן. און איך וויל די שלאַנקע בלאָנדינקע באַרויקן:

— אפשר האָט איר אַ טעות מיט אייער אייפערזוכט, סעניאָראַ?

— אָ, ניין, מיין אינטויציע אַלס פרוי גענאַרט מיך ניט. דערין זיי־נען מיר פרויען אַזוי ווי דער לוקס מיט זיינע שאַרפע אויגן און שאַרפן חוש הריח. אַלע מענער, אָן אויסנאַם, זיינען אַ בינטל קאַנאַליעס. טאָמער דערזעען זיי אַ פרוי מיט געטאַקטערע היפטן אָדער ליטקעס, גייט זיי באַלד אויס דאָס חיות. איך וואָלט געשוואוירן באָם הייליקן סאַקראַמענט, אַז עפּעס טוען זיי דאָרט... אַזוי לאַנג און מיין בענכאַמין איז נאָך אַלץ אַפן שפּיץ באַרג מיט יענער, וואָס שיינט מיר צו זיין אַ וואַמפּירן, אַ קלעאָ־פּאַטרע...

— אפשר וואָלט געווען אַ פּלאַן — רוף איך מיך אָן — מיר זאָלן נישט וואַרטן אַף דער ווינדע, נאָר אַרויפקלעטערן ביידע מיט דער סטעזש־קע און איר וועט אייך קענען איבערציינגן, סעניאָראַ, צי אייער פאַרדאַכט איז אַ באַגרינדעטער?

— אפשר איז עס נישט מער ווי אַן איינרעדעניש? — גיט פּלוצים אַ פרעג דער סאַמבאָ, מיין באַגלייטער.

די אייפערזיכטיקע פרוי האָט מיך אָנגענומען באַ דער האַנט ווי אַן אַלטע באַקאַנטע און נאָכדעם ווי זי האָט מיר אַריינגעקוקט אין די אויגן, האָט זי מיך געבעטן כ׳זאָל זי נעמען אונטערן אָרעם און זיך געבעטן:

— קומט טאַקע, פירט מיך גוט און פעסט, ווייל מיר פאַרדרייט זיך דער קאָפּ אין דער הויך. קומט שנעלער, וועל איך זיי אפשר כאַפּן באַ דער סאַמע אידיליע. און איר, דאָן פּאַטריסיאָ, — האָט זי זיך געווענדט צו מיין באַגלייטער, — זייט אַזוי ליבלעך, פאַרברענגט דערווייל מיט מיין טשאַליטאַ ביז מירן צוריקקומען. — האָט זי אָנגעוויזן אַף דעם אינדיאַ־נער מיידל, וועלכע איז געזעסן אַף אַ שטיין און געקייעט אַ צוקער־רער.

דער שמאָלער וועג, עפּעס מער ווי אַ מעטער די ברייט, וועלכער פירט אַרויף, איז אינדערעמעסן גאַרנישט אַזאַ שרעקלעכער, די צרה איז

נאָר וואָס ער איז געשניטן באַם סאַמע ראַנד באַרג. אַ חידוש איז מיר וואָס ער איז נישט אַרומגעצוימט, כדי די טוריסטן וואָס קלעטערן איבער אים, נישט געוואוינטע צו די הויכקייטן, זאָלן נישט אַראָפּפאַלן, ווען עס פאַר־דרייט זיך זיי דער קאָפּ. דער באַרג איז אַ שטיינערנער, נאָר אַף אַסאַך ערטער האָט ער ערד און די ערד איז באַוואַקסן מיט גראָזן און קוסטעס און אַפילע מיט ביימער.

דער וועג צום שפּיץ באַרג איז, ווי אַף אַלע בערג, געדרייט און גע־שלענגלט, מיט אַסאַך זיגזאַגן און ווי מיט ספּעציעלע טיפע ווינקלען פאַר פאַרליבטע און אַף אַפּרוען. איך האָב שוין געקלעטערט אַף הויכע בערג, מיינע קניען האָבן זיך אָבער נאָך קיינמאָל אַזוי נישט געבויגן און קיינ־מאָל נישט אַזוי געוואַקלט ווי דעמאָלט גייענדיק מיט דער בלאָנד־געפאַרב־טער ברונעטקע. באַ יעדן קוויטש אירן און באַ יעדן מאָל וואָס זי האָט זיך אָן מיר מיט פּחד אָנגעהאָנגען, האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך וועל אַט פאַלן מיר ביידע אַרונטער אין דעם זיסן אָפּגרונט אַף די שמעקעדיקע פעלדער מיט צוקער־רער.

— סעניאָר, סעניאָריטאָ, — האָט זי געוויינט און זיך געקלאַמערט אָן מיר היסטעריש יעדן מאָל ווען זי האָט אַ קוק געטון אַף אַראָפּ, — דאָ וועל איך שוין, דאַכט זיך, שטאַרבן, דערהאַרגעט ווערן, און די קראָען וואָס זיצן דאָ אַף די ביימער, די בויטרעס, וועלן איבער מיין לייכע אַ מלחמה האַלטן, אַזוי ווי די „ראָטאָס" (טשילענער) קעגן פּערו, זיי וועלן איבער מיר שפּרינגען און אַ סעודה פּראַוועןן און מיין קאַנאַליע וועט גיין וואוינען מיט יענער, מיט מיין קאָנקורענטקע...

געוועןן איז שוין אַרום פינף פאַרנאַכט. די זון האָט זיך אַף איין אָרט באַהאַלטן הינטערן שפּיץ באַרג, כאָטשע אַף אַ צווייטן אָרט האָט זי גע־שיינט מיט די פּערואַנער פאַרנאַכטיקע חנען. איך האָב אַראָפּגעקוקט צום אָפּגרונט, צו די פעלדער פון צוקער־רער, קאַקאַאָ און וואַטע אין דער־נידער און מיינע קני האָבן אַ ציטער געטון לעבן דער שרעקעוודיקער פּרוי. נאָכן אָפּקלעטערן אַ קנאַפּע צוויי הונדערט מעטער אין אַן אומ־קרייז באַרג־אַרויף, האָט וויקטאָריאַ אַזוי צוזאַמענגעבראָכן, אַז איך האָב זי ממש געמוזט טראָגן אַף די הענט.

— אפשר ווילט איר צוריקגיין? — האָב איך זי אַ פרעג געטון.

זי האָט אַ ווײַלע אַ טראַכט געטון און געענטפערט:

— זייט אַ קאַוואַליר, אָבער אַ קאַוואַליר אין פולן זין פון וואָרט. איר

# צווישן ווילדע און ציוויליזירטע

זיינט דאָך אַ פּראַנצויז, זאָגט איר. לאָמיר זיך אַביסל אָפּרוען. אָט דאָ אין דעם פֿאַלד. אין אָט דעם ווינקל קענען מיר זיך אַנידערזעצן און אַפּילע זיך אויסציען. קיינער גייט נישט מער אין דער צייט און די בויטרעס, כאָטשע מען זאָגט אַז זיי זיינען טייוואָלים, גילגולים, ריידן זיי דאָך ניט... זייט זשע אַ קאַוואַליר און האָט געדולד. איך וועל נעמען אַן אַספּירין און אַ שלוק קאָניאַק, וועט מיר אפשר איבערגיין דער ציטער און דער טיק אין מיין גאַנצן לייב. און אַז מיין נערוועזיטעט וועט אַריבער, וועלן מיר קענען ווייטער קלעטערן, וואָרום איך מוז אים, מיין תכשיט, פֿאַקן באַ דער עבירה. און פֿאַק איך אים, וועל איך אַף אים אויסליידיקן אַלע פינף קויל; פון מיין „מאַטאַ גאַטאָס" — ווייזט זי מיר אָן אַף אַ קליינינקן קאַלדרעוואָלווער.

אין אַ טיפֿן ווינקל פונעם באַרג, צווישן קוסטעס און צעקרומטע ראַביטישע ביימלעך, האָבן מיר זיך אַנידערגעזעצט. וויקטאָריאַ האָט ארויסגענומען פונעם אויסטערליש גרויסן קראָקאָדילענעם האַנט־בייטל אַ פלאַטשיק פלעשל קאָניאַק און אַ זילבערן צוזאַמענגעלייגט בעכערל און האָט אָנגעגאָסן פאַר מיר. אַליין האָט זי אַ זופּ געטון גלייך פונעם פלעשל. זי האָט מיר געגעבן עטלעכע שאָקאָלאַדלעך און אַליין אויך געגעסן.

— גוט וואָס דער עקלהאַפטער סאַמבאָ אייערער איז נישט מיטגעגאַנגען — רופט זי זיך פלוצים אָן — איך האָב זיי אַזוי פיינט, זיי זיינען פרעך, שמוציק און פאַרעטער. עפּעס וואָס און די גאַנצע וועלט וויים שוין מער נאָך ווי עפּעס איז געווען. אַליין זיינען זיי הוילע ליידנשאַפט און אַ דאַמע פון מיין שטאַנד טאָר זיי נישט אַרויסווייזן די מינדסטע ליידנשאַפט... אייך, פראַנצויזן, פעלט אויך נישט קיין ליידנשאַפט... גוט אַזוי, הערנער פאַר הערנער!... מיין מאַן איז אַ פאַרעטער. דריי יאָר ווי איך האָב מיט אים חתונה געהאַט און ער וויל ניט כ'זאָל האָבן אַ קינד. ער איז אַ בלאָנדער אַזוי ווי דו, נאָר אַ פאַרליבטער טויגעניכטס... אַז איך וועל האָבן אַ קינד, וועל איך אים אַ נאָמען געבן מאַרקאָס... איאָ מאַרקאָס הייסט איר? כאַ־כאַ־כאַ! הערנער פאַר הערנער... פאָר טשאַנטשאָ — טשאַנטשאָ אי מעדיאָ... פאַר איין חזיר — אָנדערהאַלבן...

אַפן פלאַטשיקן שפּיץ פונעם באַרג, אַ דרייסיק מעטער קווער, שטייען נאָך די אַלטפּרענקישע גראָבע און קורצע האַרמאַטן, וואָס די פערואַנער העלדישע פאַרטיידיקער האָבן מיט זיי באָמבאַרדירט די טשילענישע חילות, וואָס האָבן געשטורעמט די שטאָט.

# מ א ר ק ו ס  פ א ר י ש ע ו ו ס ק י

וויקטאָריאַס מאַן מיט זיין באַגלייטערין האָבן מיר שוין דאָרט נישט געטראָפן. ווי דער אויפזעער פון דער „פעסטונג" האָט אונדז דערציילט, האָט די ווינדע גענומען פונקציאָנירן ערשט מיט אַ פּאָר מינוט פריער איידער מיר זיינען אַרויף און דאָס פּאָרל מיט די אַנדערע טוריסטן האָבן זיך נאָר וואָס אַראָפּגעלאָזט. געוועזן איז שוין גאַנץ שפּעטלעך, די זון האָט זיך שוין גענומען זעצן רויט און מיר האָבן זיך געמוזט צוויילן אַראָפּצוקלעטערן איידער עס ווערט פינצטער.

בעיסן אַראָפּקלעטערן איז וויקטאָריע אַ שפּאָרע ווייִלע געגאַנגען אַליין און שטיפעריש געשפּאַנט פאָרויס. אַ דרייסיק מעטער פאַר דעם אָרט וואו מיר האָבן געהאַט אונדזער אָפּרו, האָט זי מיך גענומען אונטערן אָרעם און שטיל גערעדט, ווי זי וואָלט מורא געהאַט פאַר די קראָען, וואָס זיינען געפלויגן שיר ניט פאַר אונדזערע פּנימער:

— מיין אַלטער איז פּונקט אַזאַ אייפערזיכטיקער טויגעניכטס ווי אַ מולאַ, ווי דאָס ממזר־באַשעפעניש וואָס טויג ניט פאַר קינדער באַשאַפן. ווי אַלע מישלינגען, איז ער אַ היים־בלוטיקער, ווי די בוהייען פון אַנדאַ־לוזישן סעררא מאָרענאַ איז ער אַן אויסוואורף און אַ אומפאַרשעמטער, פּונקט דער היפוך פון מיר... וויפל פרויען ער זעט, אַזוי פיל וויל ער, אַן עמעסער סולטאַן. איך בין גאָר אַן אַנדערע, איך בין אַן עמעסע צנועה, כ'בין זייער פרום ווי עס דאַרף זיין אַן עכטע פּערואַנער פרוי. ביז זעכ־צן יאָר האָב איך געלערנט אין אַ קאָנווענט. אין דיר האָב איך מיך אַף אַן אמת פאַרליבט, ווי נאָר איך האָב דיך דערזען און דערנאָך ווען דו האָסט איינער אַליין אַראָפּגעוואָרפן דעם שטיין, אפשר מער פון הונדערט קילאָ, וואָס האָט פאַרשטעלט דעם וועג. איך האָב אין דיר דערקענט אַ מענטש מיט אַ כאַראַקטער... יאָ, יאָ, ביזט טעמפּעראַמענטפול און אייזן־שטאַרק און קענסט זיך באַהערשן, ניט אַזוי ווי מיין מאַן מיט דער איינ־געפאַלענער ברוסט און שמאָלע פּלייצעס, ווי אַ זיבעלע... און באַזונ־דערס, הערנער פאַר הערנער! די אָרנטלעכסטע שיינע פרוי איז ווי דאָס פיינע קרישטאָל־גלאָז, אַז מען פאַרלאָזט עס אַף גאָטס באַראָט, אַף פּלוצ־צימדיקער היץ אָדער קעלט, פּלאַצט עס...

— איך בין דאָך אָבער אַ פרעמדער — שלאָג איך איר איבער דאָס פּלוידערן, וואָס זי קען אַליין ניט אָפּשטעלן, — דאָ אין לימאַ זיינען פאַראַן גענוג יונגעלייט, וואָס וואָלטן מיט חשק אָנגענומען די פריינט־שאַפט פון אַזאַ שיינער פרוי ווי דו ביזט...



אַ שיינע מאַכאַרי־אינדיאַנערן.



א מאַטאַקאָ־קאַציק מיט זיינע ווייבער.

אַ טשונטשאָ־אינדיאַנער שפּילט זיך מיט אַ שלאַנג.

א טשונטשא־אינדיאנערן.

## מאַרקוס פּאַרישעווסקי

— יאָ, ס'איז אמת, ס'איז נאָר אַ גרויס געפּאַר פאַר אַ פרוי פון מיין איבערזעדיקן און רייכן שטאַנד צו פאַרפירן פריינטשאַפט מיט אַ הי־זיקן יונגעמאַן.

— פאַרוואָס? — האָב איך געפרעגט אַ פאַרכידעשטער.

— פאַרוואָס? ווייל זיי האָווקען!... — האָט זי לאַקאָניש געענט־פערט.

מיר האָבן זיך ווידער צוגעזעצט אויף דעם אָרט וואו מיר זיינען פריער געזעסן. אין אַ פופציק מינוט אַרום האָט אַ טשאַכאַ (אַ מין בושעל מיט שאַרפע שפּאָרן אין די פליגל) גענומען פליען אַרום אונדז מיט אַ מעשו־נענדיקן קראַקען.

— אַ געפּאַר! — האָט וויקטאָריאַ זיך אָנגערופן. — דער טשאַכאַ איז אַ גרויסער מענטשן־פריינט, ווען עפּעס אַ געפּאַר, זאָגט ער אָן.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָבן מיר מיט אַן אמת דערהערט קלעטערן און עטלעכע מענטשן ריידן צווישן זיך. מיר האָבן קוים צייט געהאַט אויסצוגלייכן אויף אונדז די מלבושים, כדי עס זאָל אויף אונדז נישט פאַלן דער מינדסטער פאַרדאַכט און גענומען קלעטערן אַראָפּ, זי אַפריער און איך מיט אַ פינף מעטער הינטער איר, ווי מיר האָבן זיך אָנגעטראָפן מיט דעם מאַן פון דער אייפערזיכטיקער דאַמע מיט נאָך דריי מענער.

וויקטאָריאַס מאַן, אַ העל בלאָנדער, מיט אָנגעצונדענע גרויע אויגן, האָט מיך באַטראַכט פון אַלע זייטן און אויך אַזוי וויקטאָריען. דערנאָך האָט ער זי געפרעגט ווי איך בין מיך מיט איר באַגאַנגען און זי האָט אים דערויף געענטפערט:

— ווי אַ קאַוואַליר דאַרף זיך באַגיין מיט אַ דאַמע.

ער האָט צוריק אַריינגעלייגט דעם רעוואָלווער, וואָס ער האָט שוין געהאַט אַרויסגעכאַפּט פון דער קעשענע און גאַנץ העפלעך מיך איינגע־לאַדן צו זיך ווען איך וועל נאָר וועלן קומען...

# ווייערד

אין לימאַ פילט מען דעם ווייערך אפילע דאָרט וואו מען רויכערט אים ניט. פּראַפּאַרציאָנעל האָט נישט לימאַ אזוי פיל קלויסטערס ווי די אַנדערע פּערואַנער שטעט, נאָר דער הייליקער ווייערך־געררך פאַרשפּרייט זיך פון די קלויסטערס און דרינגט אריין אין אַלע ווינקעלעך פונעם לעבן, ביז דער טיפסטער טיפעניש פון דער פּערואַנער אָרימשאַפט און ביז דער העכסטער אריסטאָקראַטיע. די קאַטוילישע פרומקייט דאָ איז אזוי גרויס, אַז איך האָב אָנגעטראָפן מענטשן, וואָס שטעלן אריין הייליקע בילדער מיט אָנגעצינדענע ליכטלעך פאַר זיי אין די באָד־צימערן און קלאָזעטן.

דער קלער האָט דאָ א גוואַלדיקע השפעה און א ריזיקע מאַכט. וואָך נאָך וואָך האָב איך דאָ געזען הייליקע פּראָצעסיעס און געטראָגן האָט מען אין די פּראָצעסיעס מאָדנע ריזיקע הייליקע סטאַטועס. צוואָנציק פעסטע אינדיאָנער־יונגען טראָגן אף די אַקסלען די שטאַנגען פון א בריקל, אף וועלכן די סטאַטועס זיינען ארויפגעשטעלט און צוגעפעסטיקט. בעת זיי גייען, טענצלען זיי אונטער ווי פרומע אידן וואָס טאַנצן מיט די ספר תורות, להבדיל, בא די הקפות און די וואָס טראָגן די קלענערע סטאַטוען און בילדער, מאַכן מיט זיי „נענועים", ווי דער חזן מיט דעם לולב.

די אָרימקייט איז דאָ גרויס, די גרויסע פּערואַנער מאַסן לעבן אין דחקות, הונדערטער טויזנטער זעט מען אָן שיך און מיט שמאַטעס אָנ־ שטאָט קליידער, נאָר מען קען באמת זאָגן, אז זיי לעבן מיט דער טרייסט פון דעם אפּאָסטאָל לוקאַס, אז זייערע איז די מלוכה פונעם הימל. זייער גאַנצער וועזן איז אריינגעטון אינעם קלויסטער. דער גלח איז זייער שטאָלץ. עס בלאָזן שוין אפילע נייע ווינטן, צווישן פאַבריק־ארבעטער האָב איך אָנגעטראָפן סאָציאַליסטן און אזוי גערופענע פאָלקס־רעוואָלוציאָנערן און אויך דער אטעיזם וועט זיך מאַכן א וועג צווישן פאָלק באַגלייך מיט דער רעבעלישקייט און אומצופרידנקייט, וואָס מאַכט זיך דאָרט א וועג, נאָר די אַלגעמיינע אטמאָספער, וואָס איך האָב אָנגעטראָפן איז געווען גע־ דיכט אָנגעזאַפּט מיט ווייערך, מיט קלויסטער.

## צווישן ווילדע און ציוויליזירטע

און אזוי ווי פּערו איז צווישן אַלע אינדאָ־שפּאַנישע לענדער, דאָס שפּאַנישסטע און האָט איינגעהיט נישט בלויז די רעליקוויעס פון איר קאָנקוויסטאַטאָריש־קאָלאָניאַל־אינקוויזיטאָרישער פאַרגאַנגענהייט. נאָר אויך כמעט דעם גאַנצן שפּאַנישן שטייגער און זיטן פון די אַנדאַלוזישע הידאַלגאָס, צוויאַקישע פּרומאַקעס און פּוילענצער, איז זיך נישט צו וואונדערן, וואָס אינעם פאָלק און אין דער פּרעסע שלאָגט מען זיך אָן אָף טריט און שריט מיט די אידעאַלן פון דער פאַרגאַנגענהייט און אויך מיט דער בענקשאַפט נאָך יענע אַלטע פאַרוויילונגען פון אַקסן־געפּעכט און... אויטאָ דע פע...

אָפּטמאָל פאַרבייגייענדיק דעם קלויסטער, וואָס די שפּאַנישע פּאָטערלעך פלעגן דאָרט פּראַוועט דעם העכסטן אינקוויזיציע־געריכט, פלעגט זיך מיר דאַכטן, אַז צוזאַמען מיט דעם ווייערעך־געראַוך, וואָס טראָגט זיך פון דאָרט, טראָגט זיך פון דאָרט אויך דער סמאַלינע־ריח פון מענטשן־פלייש און בלוט און אין דעם שוידער, וואָס האָט מיך אַרומגענומען, האָב איך ווי געהערט שרייען: שמע ישראל...!

איך בין אַ בעלן געווען גיין צום בית עולם זוכן דעם זכר פון יענע אידן. נאָר, אַ פּנים, אַז אויך נאָכן טויט זיינען זיי פאַרבליבן אַנוסים אַזוי ווי בא זייער לעבן. געטראָפן האָב איך אַלטע מצבות מיט העברעישע אויפשריפטן, אָבער פון דייטשע, אַראַבישע און מאַראָקאַנישע אידן, שוין פון שנת תר׳ און ווייטער.

# קוענטעניקעס

דריי מאָל האָב איך באַזוכט לימאַ אין משך פון די דריי יאָר, וואָס איך האָב געמאַכט מיינע רייזעס איבער די בערג און וועלדער פון פערו און עקוואַדאָר און איבער די צענטראַל־אַמעריקאַנער זשאַנגלס און יעדן מאָל האָב איך דורכגעפירט אַ ציילונג פון מיינע ברידער אידן אין לימאַ, די קוענטעניקעס.

דעם ערשטן מאָל האָב איך דאָ געטראָפן נישט מער ווי אַ צענדליק. כמעט אַלע אין אַ גאַנץ פיינעם פינאַנציעלן מעמד. קיינער אָבער פון זיי האָט זיך נישט אויסגעגעבן פאַר אַ אידן. פּריוואַטליקע מאַראַנען. זיי האָבן זיך אָנגעגעבן פאַר דייטשן, עסטרייכער אָדער רומענער. אין אַ יאָר אַרום האָב איך שוין געטראָפן דאָ אַריבער הונדערט. בעת מיין דריטן באַזוך, האָב איך שוין איבערגעציילט אין דער בערך קליינער שטאָט לימאַ צו־זאַמען מיט קאַליאַאָ — איבער פינף הונדערט קוענטעניקעס. אָבער שוין אויך עטלעכע אידישע שניידער, בעקער, טריקאָטאַזש־אַרבעטער און רויב־וואַרג־אַרבעטער מיט אייגענע קליימלעך.

צווישן זיך האָבן זיי זיך געטיילט אויף רייכע, שוין אייגעזעסענע און פאַרפונדעוועטע און אויף „קלאַפּערס", אַזעלכע, הייסט עס, וואָס קלאַפּן אָן קליענטן פאַר די רייכע אָדער „יאַגערס", ווי עס האָט זיי אַ נאָמען געגעבן איינער פון זייערע, אַ גרינער פּוילישער בחור, אַ ווייצלינג, מחמת קלאַפּנדיק אין די טירן, יאָגן זיי זיך איבער די גאַסן מיט די שווערע פּעק „קאָלטשאַס" און „קאַרפּעטאַס" (דעקעס און טישטעכער), וועלנדיק איי־נער דעם צווייטן אַריבעריאָגן און יאָגן אָן אָפּטמאָל אַלע צו דער זעלבער „מאַריע", צו דער זעלבער קליענטקע, הייסט עס.

נישט געהאַט האָבן זיי דעמאָלט די מינדסטע אָרגאַניזאַציע, נישט קיין עקאָנאָמישע, ווי די קאָאָפּעראַטיוועס פון די קוענטעניקעס אין די אַרגענטינישע שטעט און אין מאָנטעווידעאָ, און נישט קיין קולטורעלע. נישט געלוינט האָט זיך דאָס די רייכע אייגעזעסענע קוענטעניקעס און זיי האָבן דערצו נישט דערלאָזט. דער תירוץ איז געווען, אַז גלייבער זאָל

# צווישן ווילדע און ציוויליזירטע

מען נישט וויסן ווער מיר זיינען, ווארום צוזאמען מיט די קוענטעניקעס זיינען זיך אנגעלאפן קיין פערו פרויען־הענדלער, אנטלאפענע פון אר־גענטינע נאך דעם בארימטן פאלאסיאס־געזעץ און סתם שווינדלער און אנזעצער, פארפאלגטע פון דער יוסטיץ אין אנדערע לענדער.

אגב האט די מערסטע זייערע נישט אינטערעסירט קיין קולטור און געזעלשאפטלעכקייט, דער עיקר בא זיי איז געווען מאכן געלט. מערסטנס זיינען עס געווען אידן פאשעטע, געוועזענע דארפסגייער פון בעסאראביע און פון פאדאליע, און זיי האבן טאקע געמאכט פארמעגנס. „זאל זיין אפ אן אינדזל ערגיץ אפן אמאזאנאס, צווישן די ווילדע באטאקודאס, אבי געלט מאכן" — האט מיר איינער א רייכער קוענטעניק, א נאוואסעלי־צער, געזאגט.

— ווי אזוי האט איר געמאכט אזא פארמעגן אין אזא קורצער צייט?

— האב איך אים געפרעגט. — איר האט מיסטאמע געמאכט די גראנדע... דא שפילט מען, זע איך, אזש צוויי מאל אין וואך...

— זייט נישט קיין יאלד, סעניאר, און פרעגט נישט אזעלכע זאכן!

— גיט ער א פארזשמורעטע זיינען קאשטאן־אויגן און מיט א שמייכעלע דערציילט ער גראד גאנץ גערן: — מיט דריי יאר צוריק, ווען איך בין אוועק פון ארגענטינע, האב איך בא מיר אפגעמאכט ווערן א וויטישער, אן ארנטלעכער, און מיט די דריי טויזנט אכט הונדערט ארגענטינער פע־זעלעך, וואס איך האב ארויסגעראטעוועט פון בוינעסראקעס (בוענאס איירעס) און מיט דעם ביסל צירונג, וואס איך האב געהאט בא זיך בא־האלטן, האב איך זיך גענומען צו קוענטע. און איך קען אייך זאגן, אז א דאנק גאט, האט עס מיר געגעבן א בעסערן רעזולטאט ווי דאס מין מעק־לעריי איך די הייזלעך בא אייך אין בוענאס איירעס... איר ווייסט דען וואס פאר א קאנקורענץ דארט איז געווען אין דעם מסחר? די בעסטע שטיקלעך סחורה פלעגט מען אויסדינגען, שטענדיק האט מען זיך גע־שלאגן, געמוזט געבן אין דער יד אריין און דא נאך איז אונטערגעקומען אייער „פרעסע", אז נישט געדאכט זאל זי ווערן. קיין אנדער נאמען האבן מיר בא איר נישט געהאט ווי נאר „טמאים", ווי מיר וואלטן חלילה געווען קרעציקע אלע... מען האט שוין אין טעאטער נישט געקענט גיין... און מיינט נים, אז איך בין אבי ווער, איך בין געווען און וועל פארבלייבן אן ערלעכער איד. איך האב נאך אפ מיין לעבן אוימגעדאוונט נישט גע־געסן. נאר וואס פארשטייען זיי דארט? געשעפט איז געשעפט, פרנסה

## מארקום פארישעווסקי

האָט מיט אידישקייט נישט צו טון. ווי זאָגט בא אונדז דער קאַצאַפּ: רופ ניע דיענגי א מוזשיק ניע בראט... איצט, דאנקן גאָט, קלאַפּ איך שוין נישט אליין. אז איך האָב געזען די קוענטע גייט ווי אַף פּאַרע, האָב איך אראָפּגעבראַכט אביסל פּאַיסאַנעס, לאַנדסלייט מיינע, און זיי איינגע־שפּאַנט אין דער גאָלדענער פּרנסה. און איר מעגט מיר גלייבן, איך דער־לייג נישט צו זיי. זיי האָבן מיר אריינגעבראַכט א מאַטמען מיט געלט. און זיי, מיינט איר, האָבן חלילה דערלייגט צו מיר זייער באָבעס ירושה? די וואָס האָבן זיך אויסגעטויגט, שטייען שוין היינט אליין מיט גרויסע קליענטעלעס אין ארעקיפּאַ, אין טרוכיזשאָ, אין קוזקאָ, אין אַראָזשאָ... א קוענטעניק, א קלאַפּער, אין דעם אינדיאַנער לאַנד, דאַרף נאָר האָבן שכל... איר זאָגט בושה, געווויסן... מוז איך אייך זאָגן, אז ס'איז גאָר דערביי נישטאָ קיין שלעכטער געוויסן. איך פּאַרדין טאַקע בא דער קאַלטשע טייל־מאָל דריי מאָל אזוי פיל וויפל זי קאָסט מיך, נאָר טייערער ווי אין די געשעפטן בא די שפּאַניאָלן, בא די דייטשן, בא די פראַנצויזן און בא די ענגלענדער, נעם איך ניט. דערצו נאָך גיב איך אויך אַף אויסצאָלן און שטעל איין און זיי שטעלן גאַרנישט איין, פּאַרקויפן אַף מזומן... ווען ניט דער קוענטעניק, וואָלטן נאָך אלע אינדיאַנער און אפילע ניט אינדיאַנער געגאַנגען נאַקעט און באָרוועס, וואָלטן נאָך היינט געזעסן אָן א טיש און אָן א בעט, אָן א שאַפע און אָן א בענקל צום זיצן... א פּערואַנער קריאָ־זשאָ האָט מיך געלערנט: אז דו ווילסט מאַכן געשעפט, דאַרפסטו דעם געוויסן מיט דער בושה אוועקלייגן אָן א זייט. אז מען שפּייט דיר אין פּנים זאָלסטו זאָגן סע רעגנט און אז מען הייסט דיר קושן אין הינטן, קוש, ווען דו דאַרפסט אָנקומען צו יענעמס לאַסקע. שפּעטער אָבער, ווען דו שטייסט שוין אַף דיינע רגלים, הייסט מען יענער זאָל ד י ך קוי־שן. אזוי מאַכט מען אמעריקע. פאַרשטאַנען?...

אין דעם איז אריינגעקומען אָן אָפיציר צו אים אין געשעפט און ער האָט מיר א וואונק געטון איך זאָל צו אים נישט ריידן קיין אידיש.

מיט א פּאָר מינוט שפּעטער בין איך שוין געשטאַנען אין גאַס און האָב פאַרפירט א שמועס מיט צווי „יאָגערס".

— ווי גייען די געשעפטן?

— עט, נישט דאָס וואָס אמאָל, — רופט זיך איינער אָן, — לימאַ און קאַליאַאָ און אפילע די אַנדערע פּערואַנער שטעט זיינען נישט מער דאָס וואָס זיי זיינען געווען צוריק מיט א פּאָר יאָר. אמאָל האָט איר דאָ

# צווישן ווילדע און ציוויליזירטע

געקענט זען פינף, זעקס יאָגערס, האָבן זיי אויך אָנגעקלאַפּט איינער נאָכן אַנדערן צו דער זעלבער טשאָלאַ. און אַז איר האָט איר געזאָגט מאַדרעסיטאַ (מוטערל) און האָט געמאַכט פאַר איר אַ קרום פּנים: קויף, זיסינקע, איך וויל נישט מער ווי פאַרדינען אַף ברויט פאַר מיין ווייב מיט מיינע גיינצן קינדערלעך, האָבן זיי געגלויבט, סיי די אינדיאַנערקעס און סיי די ווייסע און געקויפט: — זיי זיינען גוטינקע, די גרינגאָס, אַזוי ווי די חזרים, האָבן זיי צו ניינצן קינדער... עלע, נאָכדעם פלעגט דער גרינגאָ איר ווייזן זיין עמעסן פּנים, ווען די אָרימע מאַדרעסיטאַ האָט נישט געהאַט צו באַצאָלן פאַר דער קאָלטשע אָדער פאַר דער קאַרפּעטע, וואָס זי האָט געקויפט פאַר רחמנות, כאָטשע זי האָט קיין בעט נישט געהאַט און קיין טיש ניט, וואָס זי זאָל זיי דאַרפן פאַרשפּרייטן... עלע נאָכדעם האָט דער נעבעכדיקער קוענטעניק פאַר אַ טרונק בראָנפן געפּויעלט באַ אַ פּאָליציאַנט ער זאָל אויספּרואוון אַף די אויסגעדאַרטע פּלייצעס פון דער זיסינקער מאַדרעסיטאַ זיין רעבענקע... איז עס אָבער כדאי געווען.

— זיי, דאָרט, אינעם יודאָפּאָבישן רומעניע און גאַליציע — כאַפּט אונטער דער צווייטער — אַז זיי האָבן דערהערט און טאַקע דערזען מען מאַכט דאָ מיליאָנען לעי און זלאָטעס און אין אַזאַ קורצער צייט, האָט זיך זיי אַלעמען פאַרוואָלט ווערן מיליאָנערן... גאַנצע שטעטלעך כמעט האָבן זיך גענומען אויספאַרקויפן, שטיבער פאַרקויפט פאַר אַ שיבוש, און זיך געלאָזט אין וועג אַריין. יונגעלייט האָבן בעכיפאָזנדיק זיך פאַרליבט, אויסגענאַרט באַם מיידל דעם פאַרהאָרעוועטן נדן, געשטעלט אַ חופּה, און היידאַ קיין פּערו, ווערן אַ מיליאָנער... איצט איז לימאַ און קאַליאַאָ פאַרפלייצט מיט פּעקל־טרעגער... די אַלטע הויטשינדערס, די אַרויפגעאַר־בעטע, האָט עס גראָד הנאה געטון, זיי האָבן פון וואָס אויסצוקלייבן...

— און אַז מען איז געקומען צו זיי — זעצט פאָר דער ערשטער — און מען האָט זיי געזאָגט: אַזויאון אַזוי, מען דאַרף עפּעס טון פאַר די יונגעלייט..., האָבן זיי זיך צעשריגן: „איך בין ניט גאָטס סטראַפּטשע, איך האָב נישט געהאָרעוועט פאַר דעם בינטל שלעפּער. דאָ איז אַמעריקע, ווער עס וויל אַרבעטן, דער האָט אי עולם הזה און אי עולם הבא. ווער עס וויל נאָר אַרבעטן און פאַרדינען געלט, זאָל ער קומען, וועל איך אים געבן אַ פּעקל און זאָל ער גיין קלאַפּן און ווער עס וויל ניט, זאָל ער אַפילו פייגערן פאַר הונגער ווי אַ משוגענער הונט אין גאַס, אַרט מיך אויך ניט. מיר האָט אויך קיינער גאָרנישט נישט געגעבן...” איז וואָס

זשע מיינט איר, ווער עס האט נישט געוואלט אויסגיין פאר הונגער, האט ער געמוזט גיין צו זיי קלאפן און יאגן און אויסגעריסן ווערן...

— און ווי אזוי זאלן טאקע די רייכע קוענטעניקעס ניט רייכער ווערן פון טאג צו טאג, אז זיי עקספלואטירן אזוי סיי די קליענטן און סיי אונדז, וואס מיר ארבעטן בא זיי ווי די שקלאפן? אט האבן מיר אנגעקלאפט ביידע בא איינעם א לערער, א מעסטיסא, א כועגא דארמיטאריא, ס'הייסט, א שאפע, אן אייזערן בעט מיט מעשענע גאלקעס און צוויי מעסיטאס דע לוס (נאכט־שאפקעלעך), וואס ארום און ארום האבן זיי געקאסט אונדזער באלעבאס זיבעציק סאל און האט פאר זיי גענומען גאנצע פיר הונדערט מיט צוואנציק. האט ער הונדערט קארבוינים גענומען גלייך אין דער יד אריין און די רעשט אף אויסצאלן צען סאל א מאנאט. איז עס ניט א הויט־שינדעריי? די רעגירונג אפילע האט שוין גענומען קוקן דערויף קרום. ווער ווייס ווי אזוי מיר וועלן אפשניידן צוליב זיי...

— איז פארוואס זשע טאקע נעמט איר זיך ניט צו אן אנשטענדיקער ארבעט? — פרעג איך זיי. — אן ארבעט ווי עס פאסט פאר אזעלכע אינטעליגענטע יונגעלייט ווי איר זענט.

— נאך היינטיקע וואך גייען מיר אוועק פון דעם אויסוואורף... ער — ווייזט איינער אן אף דעם צווייטן — האט געקראגן ארבעט פאר א צושניידער בא דאמען־שניידעריי און איך אלס שטריקער אין א טרי־קאטאזש־פאבריק. נאך מיט א יאר צוריק, ווי נאר מיר זיינען אנגעקומען, האבן מיר זיך איינגעשריבן אין א באנאכטיקער שולע, פון דער רעגירונג, וואו מען לערנט אוים א פאך, און באטאג האבן מיר געקלאפט בא דעם קוענטעניק...

— גייט זשע — געזעגן איך זיך מיט זיי און דריק זיי די הענט — און זייט מצליח. פערו איז זייער א רייך לאנד. רייך איז איר אויבערפלאך מיט צוקער און קאווע, מיט וואטע און קאקאא, און נאך רייכער איז איר אונטערגרונט מיט די טייערסטע מעטאלן און מיט די נויטיקסטע, מיט גאלד און זילבער און מיט אייזן און קופער, מיט צינק און בליי און מיט קוועקזילבער און אויך מיט מינעראלן, נאפט און שטיינקוילן און טארף אן א שיר. ארבעט פעלט דא ניט, זאל זי נאר גוט באלוינט ווערן און א פאלק איז פאראן אין פערו, וואס קליידט זיך און דארף זיך קליידן און וויל לעבן מיט אלע באקוועמלעכקייטן פון דער ציוויליזאציע און אויך

# צווישן ווילדע און ציוויליזירטע

פאַר אידישע שניידער און שטריקער און פאַר אידישע מעבל־אַרבעטער און מעטאַל־אַרבעטער, פון שלאָסער ביז גאָלדשמידן וועט דאָ קיין אַרבעט נישט פעלן. זאָגט דאָס אייערע חברים און זאָלן זיי זיך אָפּלאָזן פון דער מחיה בזויה...

## אַ „פרומער איד"

איינמאָל שטיי איך אין קאַליאַאָ אַף דעם „מאַלעקאָן", אָנגעלענט אָן דעם גראָבן געמויערטן פּאַרקן און זע ווי אַ הייפיש צערייסט אַ גאָר גרויסן הונט פון רייגבלוטיקער דייטשער ראַסע, וועלכער איז פון אַ לאָדקע אַרויס־געשפּרונגען כאַפּן אַ פּילקע, וואָס איינער פון די באַלעבאַטים זיינע האָט אַריינגעוואָרפן אין וואַסער. פון גרויל האָב איך עפּעס אַ געשריי געטאָן אַף אידיש.

דערהערט מיין אידישן אויסגעשריי, קומט צו מיר צו אַ איד מיט אַ גראָבן פּעמפּיק און רויטן קאַרק, מיט אַ גראָבן ציגאַר אין מויל, מיט אַ שווערער גאָלדענער קייט אַריבערגעוואָרפן פון איין וועסט־קעשענע צו דער צווייטער און מיט סיגנעטן אַף שמאַלציקע פינגער מיט פּאָלירטע נעגל און רופט זיך אָן צו מיר:

— ערעב יונגערמאַן, ווייסט איר כאָטשע, אַז היינט איז ערב יום כיפור? אַז אפילו פיש אין וואַסער ציטערן? באַ מיר וועט יום כיפור זיין אַ מנין, ווערט איר איינגעלאַדן צו מיר צום דאַוונען, ס'הייסט, היינט צו כל נדרי און מאָרגן מירצעשעם... אַז איר ווילט, קומט צו מיר איצט אַף מיטיק. מיר האָבן אָנגעגרייט פון דאָס שענצטע און דאָס בעסטע. כפּרות און קרעפּלעך... איר'ט עסן בשר ודגים וכל מטעמים... דעם בעסטן קאַ־שערן שאַמפּאַניער, בראָנפן און וואַרשעווער מעד... בעסער ווי באַ אבֿאַ־שוויירישן אַף דער סעודה פאַר דער מלכה ושתי... צוליב אייך, וועל איך אַריינכאַפּן אַף יום כיפור עטלעכע מצוות: ראשית, הכנסת אורחים, די צווייטע מצוה וועל איך האָבן וואָס איר וועט דאַוונען בציבור. און טאָמער האָט איר נישט געשלאָגן קיין כפּרות, וועל איך אייך געבן אַ תרנגול, אוי אַ תרנגול!... און נאָך און נאָך מצוות וועל איך מיר פאַר־דינען צוליב די מצוות וואָס איך וועל גורם זיין... איר ווייסט ניט — האָט ער אַ זשמורע געטון מיט זיינע גרויסע פעך־שוואַרצע אויגן — אַ גאַנץ יאָר טוט מען בלויז עבֿירות, איינע גרעסער פון דער אַנדערער, וועלן מיר די עטלעכע מצוות צוליב אייך גאָר גוט צונוץ קומען אַף יענער וועלט

# צווישן ווילדע און ציוויליזירטע

פארן רבונו של עולם... איכ'ל נאך אפשר אפגעווינען א שטיקל עולם הבא, וואס איך האב פארלוירן איבער די עבירות מיינע פון א גאנץ יאר...

דער האלב ערנסטער און האלב הומאריסטישער טאן פון דעם מאד־נעם אידן, וואס בראווירט מיט קענטעניש אין אידישקייט האט מיך פאראינטריגירט.

פארנאכט איז דער זאל בא דעם אידן שוין פול געווען מיט אן עק־זאלטירטן עולם: בא אן אנדערהאלבן טוץ מענער און זעקס מאל אזוי פיל ווייבער. מיר איז אפילע אויפאלנד געווען וואס איך זע נישט מער ווי א צען עלטערע פרויען און די איבעריקע זיינען יונגע, אפילע גאר יונגינקע, אפשר זעכצן און פופצן־יעריקע, אלע אין טייערע זיידענע קליידער, בא־האנגען מיט פערל, מיט בריליאנטענע אויררינגען, מיט בראסלעטן און פינקלענדיקע פינגערלעך. נאר קיין אויסטערלישעס האב איך דאך נישט געזען. די מענער האבן געדאווענט אין טליתים און אפילע אין קיטלען, גרויסע פוילישע טליתים, קלענערע און גאר קליינינקע, ווי האנטעכלעך, טייל אויך, בחורים אוודאי, אן טליתים. אלע האבן זיי זיך געשאקלט און טייל אפילע זיך געווארפן, מיט פרומע כסידישע האוואיעס, ווי פרומע פוילישע און גאליציאנער כסידישע אידן. די ווייבער האבן געוויינט און געליארעמט, אסאך פרומער פון די קליינשטעטלדיקע ווייבער אין די פוי־לישע און גאליציאנער שילן. די יונגע מיידלעך און ווייבלעך האבן אזוי געשריגן, אזוי געליארעמט און געספאזמירט, אז ס'איז געווען א גרויל. עטלעכע פון די גאר יונגינקע און פון די שטארק געפארבטע צווישן צוואנ־ציק און פינף און צוואנציק יאר, האבן בא כל נדרי געבאלעשט. דאס איי־גענע באטאג, ווען דער חזן האט געזאגט „הנני העני ממעש" און בא הזכרת נשמות. אנדערע האבן אין מאמענט פון העכסטן עקסטאז און ספאזמען, זיך די הענט צעביסן ביז בלוט, האבן פון זיך געריסן די שנירן פערל, די גאלדענע און פלאטינענע רינגען, די זייגערלעך און בראס־לעטן און דאס געשליידערט צו די דיקערע, בעקאוועדיקערע ווייבער מיט די גרויסע הוטן און גאלדענע פענסנע.

געקומען צו תקיעות, ווייזט זיך ארויס, אז ס'איז נישטא ווער ס'זאל בלאזן. דעם בעל תוקע איז נישט גוט געווארן און פון די איבעריקע אידן ווייסט קיינער נישט ווי מען נעמט א שופר צום מויל. מיר איז איינגעפאלן צו ווייזן א בעריעשקייט און בלאזן שופר. און באמת, איך האב געבלאזן אפשר בעסער פון א פראפעסיאנעלן בעל תוקע. איך געדענק אז נאך אלס

## מאַרקוס פּאַרישעווסקי

אינגל פֿלעג איך אין אַ שבת נאָכמיטיק אַרויסשלעפּן אַ שופר, וואָס איז געלעגן באַ אונדז באַהאַלטן און מיט אַ חבֿרה אַוועק אין וואַלד שופֿר בלאָזן...

נאָכן שופר בלאָזן האָבן די ווייבער און אויך אייניקע מענער מיר גע־פּאַטשט בראַוואָ, ווי דאָס וואָלט נישט געווען יום כיפּור באַם דאַווענען, נאָר אין אַ טעאַטער צי אין אַ צירק נאָך אַ געלונגענעם קונצשטיק.

נאָך נעילה, הער איך ווי אַ „זאָגערן" וואָס האָט פֿאַרגעלייענט און פֿאַרטייטשט פֿון איר מחזור פֿאַר אַ צענדליק ווייבער אַרום איר — אַ זייער רייך געקליידטע און אפשר זעקס פֿוס די הייך מיט אָלימפּישע פּלייצעס — רופֿט זיך אָן צו אַ צווייטער, אַ אידענע פֿון אַ יאָר פֿופֿציק, אַ נידעריקערע, נאָר דערפֿאַר אַ דיקערע, מיט כמעט רויט געפֿאַרבטע האָר און אַ צענדליק שוואַרצע בראָדעוווקעס אַף איר רעביצן־פּנים:

— ווער איז ער דער יאָלד, וואָס האָט אַזוי גוט געבלאָזן שופֿר? עץ ווייסט, פּאַולינע, דער יאָלד זעט מיר אויס צו זיין אַ וויטישער, נישט פֿון אונדזעריקע...

— עץ זענט גערעכט, רעגינע, מיר זעט ער אויך אויס צו זיין אַ ווי־טישער. און כ׳לעבן יעך וואָלט געוואָלט ער זאָל צו מיר קומען. אַלע מיינע זעקס מיידלעך האָבן זיך אין אים פֿאַרליבט. יעדע באַזונדער האָט מיר איינגערוימט אַ סוד, אַז זי וואָלט וועלן זיין די גליקלעכע אים צו גע־ווינען פֿאַר זיך, ווייל זי שפּירט אַז ער וועט איר גליק ברענגען...

— און עץ ווייסט, וואָס די סמאַרקאַטע פֿופֿצניעריקע כאַשע מיינע פֿון פּאַניעכאָוו האָט מיר געזאָגט? — האָט זיך אַריינגעמישט אַ דריטע דאַמע, אַ שלאַנקע בלאָנדינקע מיט פֿייערלעך אין די אויגן. — דער יונ־גערמאַן, זאָגט זי צו מיר, מוז זיין אַ באָקסעאַדאָר... זעט נאָר אַ ברוסט באַ אים, אַ פּאָר פּלייצעס, זאָגט זי, ער וואָלט זי פֿאַרטיידיקט פֿון אַלע שלעק...

דער איד וואָס האָט מיך איינגעלאַדן האָט זיי געזאָגט, אַז איך בין אַ פֿראַנצויזישער איד און גערעדט האָבן זיי דעריבער אַף פּויליש, גע־מישט מיט אידישע און העברעישע ווערטער, כדי איך זאָל נישט פֿאַר־שטיין.

פֿאַרן אַוועקגיין, באַם געזעגענען זיך, האָט די רעביצן מיט די רויט געפֿאַרבטע האָר און מיט די בראָדעוווקעס אַפֿן פּנים מיך איינגעלאַדן צו איר אַף מאָרגן צום מיטיק און יעדע פֿון אירע זעקס „טעכטער" האָט מיר

# צווישן ווילדע און ציוויליזירטע

געגעבן איר וויזיט־קארטל, איך זאָל זי די ערשטע וויזיטירן...

ווי נאָר די רעביצן מיט די „טעכטער" איז אוועק, האָט די אטלעטישע דאַמע מיט די גאָלדענע פענסנע און פלאַטינענעם קייטעלע זיך אראָפגעבויגן צו מיר און מיר א זאָג געטון אפן אויער:

— זאָץ ניש קא יאָלד, גייץ ניש צי איאָ, זי איז א האַלבע שמאדקע, וואוינט מיט א שווארצן, מיט א טשאָלאָ און צומאָל אפילע ניש אים יום כיפור ציגעמאכט ס'געשעפט... אונדזער סאָסיעדאַד וועט זי זיכער אויסשליסן און ארייַנלייגן אין חירום פאַר אזא חילול השם.

דער געשפרעך האָט מיר געעפנט די אויגן און פון איר בין איך געוואָר געוואָרן, אז דער פרומער איד, וואָס האָט מיך איינגעלאַדן צו זיך ערב יום כיפור, איז רובין קאַראָ, דער פרעזידענט פון די פרויענהענדלער אין קאַליאַאָ.

# מיטן אוקאיאַלי צו איקיטאָס

מיין ערשטער ארויספאָר פון לימאַ איז געווען גאָרנישט קיין גע־ראָטענער. איך האָב מיך אוועקגעלאָזט אין דער טשאַנטשאַמאַיאָ־געגנט, אף צפון־מזרח צום פערואַנישן אמאַזאָנאַס־געביט, צווישן די גרויסע טייכן פון אוקאַיאַלי און מאַראַניאָן, מיט זיינע וועלדער און זומפּן, מיט זיינע ווילדע און בייזע טשונטשאַ־אינדיאַנער און מיט זיינע טראָפּיקאַלישע קראַנקייטן. אין די גאַנץ שיטערע ישובים באַם טייך טשאַנטשאַ־מאַיאָ האָב איך זייער ווייניק פאַרבראַכט, איך בין פּשוט געלאָפן פון איין ישוב צום צווייטן און אזוי האָב איך אין אַ קורצער צייט אָנגע־שפּאַרט אַזש אין איקיטאָס, די הויפּטשטאָט פון דער וואַלדיקער לאָרע־טאָ־געגנט, וואָס גרעניצט מיט בראַזיל.

דריי און זעכציק קילאָמעטער פון לימאַ, אין דעם שטעטל אַגואַ דע ווערדוגאַ פוענטע, האָב איך מיך אָנגעטראָפן מיט די ערשטע סימנים פון דער טראָפּיקאַלישער געגענט: די בראָדעוווקע־פּעסט. די וואַסער אין דער געגנט האָט אין זיך אַ מיקראָב אַזאַ, וואָס אַז מ׳טרינקט זי אומגעזאָטן, באַ־קומט מען איבערן גאַנצן לייב אָן אויסשיט פון בראָדעוווקעס און אַז מען היילט זיך ניט באַצייטנס, שטאַרבט מען פון זיי אָדער מען פאַרבלייבט פון זיי אַ קריפּל אויפן גאַנצן לעבן. אין דעם שטעטל איז די סאַניטאַרע הילף אַ גאַנץ ענערגישע. וואָס ווייטער, אָבער, אַלץ מאַנגלהאַפטער זיי־נען די סאַניטאַרע באַדינגונגען און דער טויט גייט דאָרט אום מיט זיין קאָסע צווישן די מענטשן מיט פענימער ווי פון קאָרע.

פּול איז די געגנט מיט קאָלערליי פליגלעך, וואָס טראָגן מיט זיך מאַלאַריע און ענלעכע קראַנקייטן און מען מוז דאָרטן שיר ניט אומגיין מיט אַ מאַסקע אויפן פּנים כדי ניט גיפטיק געביסן צו ווערן. טיר און פענצ־טער זיינען אין יענע ישובים באַשלאָגן מיט געדיכטע שטאָלענע זיפּלעך און קיינער שלאָפט נישט אָן אַ טול איבערן בעט. די איינציקע וואָס זיינען פון זייער ביס אימוניזירט, זיינען די טשונטשאַ־אינדיאַנער.

# צווישן ווילדע און ציוויליזירטע

אינעם הויפּט־שטעטל פון דעם טשאַנטשאַמאַיאַ־געביט, סאַן וויסענ־טע, בין איך געקומען צום יאַריד, וואָס שטעלט זיך דאָרט יעדן מיטוואָך פאַר די טשונטשאָס, וועלכע ברענגען אַהין צום פאַרקויפן זייערע פּרי־מיטיווע אויסאַרבעטונגען: בויגנס און פיילן, כלים, עקזאָטישע פייגל און קליינע חיות, ווי מאַלפּעס און וועווערקעס, און קויפן איין פאַר זיך אַביסל „ציוויליזאַציע". אָנגעקומען בין איך דאָנערשטיק, א טאָג נאָכן יאַריד. איך האָב אָבער ווייטער ווי ביז מאַנטיק נישט געקענט איבערטראָגן און צוזאַ־מען מיט א דעפּוטאַט, וואָס איז צוריקגעפאָרן פון לימאַ קיין איקיטאָס און איז איינגעשטאַנען אין דעם זעלבן „האָטעל" ווי איך, האָבן מיר גע־דונגען צוויי האַלב־ציוויליזירטע הואַנקאַ־אינדיאַנער מיט פיר מויל־אייז־לען און רייטנדיק האָבן מיר דורכגעמאַכט דעם וועג ביז איקיטאָס.

צוויי וואָכן האָבן מיר געריטן צווישן די ווילדערנישן און זייערע גע־פאַרן. וואו ניט וואו איז די עקזאָטישע וואַלדיקע געגנט, מיט אירע זומפּן און טייכן, בערגער און טאָלן, איבערגערייסן געוואָרן מיט א באַאַרבעט שטיקל פעלד. באַאַרבעט פון ווילדע געבירטיקע אונטער דער בייטש פון אַן אויס־לענדישן גוטבאַזיצער מיט דער טראַדיציע פון א שקלאַפן־טרייבער. א ליאַדע מינוט האָט געקענט אַרויס פון צווישן די קאַקטוסן און אור־אַלטעביימער א בייזע חיה אָדער א טשונטשאַ־אינדיאַנער, וואָס איז פּונקט אַזוי בייז ווי א חיה, און א סוף מאַכן צו אונדז.

די גאַנצע צוויי וואָכן האָבן מיר קיין איין רעגנלאָזן טאָג נישט גע־האַט. און האָט נאָר אויפגעהערט רעגענען, האָט גענומען ברענען די זון מיט א טייוולאָנישער עקשנות. מיר האָט זיך געדוכט, אז מיין ביסל פעטס ווערט צעשמאָלצן אונטער מיין הויט און איך האָב מיך געבראָטן אַפן האַרטן און מיט שוויים באַגאָסענעם רוקן פון מיין מויל־אייזל. די בהמות האָבן קוים געפּלאָנטערט מיט די בלאָטיקע פיס, באַקלעפּטע מיט בייזע פליגן און כמאַרעס מאָסקיטן האָבן אַרום זיי געזשומעט און געזויגן בא זיי דאָס בלוט פון די אָדערן און שיר ניט די אויגן בא זיי אויסגעגעסן. מיר האָבן די קעפּ זיך איבערגעדעקט מיט טיכער איינגענעצטע אין קע־ראָסין און אויך די הענט אַלע ווייַלע אָנגעשמירט מיט קעראָסין. כדי די פליגלעך זאָלן אונדז ניט פרעסן און דריי מאָל אין טאָג האָבן מיר איינגענומען כינע, א פאַרהיטונג פון מאַלאַריע, טאָמער ווערן מיר פאָרט געביסן פון אַן אַנאָפאַלעס־פליגל.

ס'איז נאַכט. די לבנה און די שטערן גיסן מיט זילבער און פאַר־

# מאַרקוס פּאַרישעווסקי

וואַנדלען אַלץ אַרום אין אַ זילבערנעם ים. דער הימל איז לויטער, סאַמעט־בלוי, העל־בלוי, מען זעט נישט קיין ברעקל וואָלקן. איך באַוואונדער דעם זעלטענעם גרויסן הימל־רונד מיט זיינע שימערירנדיקע שטערן, איך בין אַנטציקט פון זיין שיינקייט און עס נעמען זיך מיר דערמאָנען שורות פון דיכטער, וואָס זינגען פון צעגאָסענער זילבער־שיין אַף מדבר־וועגן... פּלוצים אָבער נעמט דונערן און בליצן. עס דונערט אַזוי שנעל איינס נאָכן אַנדערן, ווי שנעל־שיסנדיקע האַרמאַטן. די קעסיידערדיקע בליצן בלענדן די אויגן און שוין גיסט דער רעגן, שוין האָבן זיך אין הימל די רעגן־פענצטער געעפנט... איר טראַכט זיך, אַז ס'איז בעסער אַזוי, דער רעגן וועט די לופט אָפּקילן, נאָר ס'איז אַ טעות, די לופט איז נאָך הייסער, נאָך שטיקנדער געוואָרן, ממש דערשטיקט צו ווערן. אַ גליק, וואָס דער פּערוואַנער באָדן איז אומעטום אַ מעשופּעדיקער, לויפט דאָס וואַסער שנעל אָפּ און פונעם נאָר וואָס אַראָפּגעפאַלענעם רעגן־גאָס, בלייבט קיין זכר ניט.

מיר שטעלן זיך אָפּ, מיר לאָזן די מויל־אייזלען אונדזערע זיך אונטערפּאַשען און איך האָב חשק אַריינצודרינגען אין וואַלד עפּעס שיסן. נאָר ניט דער דעפּוטאַט און נישט די האַלב־ווילדע אינדיאַנער ווילן מיך באַגלייטן אַף דער יאַגד. אַכוץ שלאַנגען און יאַשטשערקעס און קראָקאָדילן, קען מען פונפאָרנט אין וואַלד באַטאָג נישט געפינען. די חיות באַהאַלטן זיך דעמאָלט וואָס טיפער אין וואַלד. און אַריינדרינגען טיף, איז די סכנה צו גרויס. עס האָט שוין אַסאַך מאָל געטראָפן, האָבן זיי מיך געוואָרנט, אַז רייזנדער זיינען אַריין אין וואַלד און צוריק נישט ארויסגעקומען. אַ בייזע חיה האָט זיי צעריסן, אַ גיפטיקע שלאַנג האָט זיי געביסן אָדער זיי האָבן פאַרבלאָנדזשעט און צוריק דעם וועג נישט געטראָפן און אַזוי דאָרטן אומגעקומען פון הונגער.

און די האַלב ווילדע הואַנקאַס האָבן באַזונדערס אונטערגעשטראָכן: אין די אוקאַיאַלי־וועלדער, אַז מען וויל טיפער אַריינדרינגען, דאַרף מען מיט זיך מיטנעמען וואָס מער געווער און אויך שפּייז אַף מערערע טעג, וואָרום דער ווילדער טשונטשאָ, אַז מען פאַרבלאָנדזשעט צו אים אין זיין נאָרע און מען רעדט נישט צו אים אין זיין שפּראַך, וועט ער דעם פרעמדן ווייסן גאָרנישט פאַרקויפן... נאָר אַז מען איז גוט באַוואָפנט, קריגט מען בא אים מיט בייזן וואָס ער גיט נישט מיט גוטן...

א באָטאָקודאָ־קריגער

דאָניאַ לאַקטאַ.

א דאָרף פון די טשאָלאָ־אינדיאַנער.

# הואַיקאַטשינאַ

מיין צווייטן אַרויספֿאָר פֿון לימאַ האָב איך געמאַכט צו דרום. לענ־
גויס דעם ברעג פֿונעם פּאַסיפֿיק ציען זיך אַ ריי שטעטלעך: טשאָריליאָס,
מאַלאַ, קאַניעטע, טשינטשאַ אַלטאַ, פּיסקאָ (די שטאָט וואו מען טרייבט
דעם געשמאַקן פּערואַנער בראָנפֿן, וואָס טראָגט דעם זעלבן נאָמען) און
איקאַ. לעבן פּיסקאָ געפֿינען זיך די טשינטשאַ־אינדזלען, וואָס זיינען באַ־
רימט אַף דער גאָרער וועלט מיט דער פֿייגל־קויט (גואַנאָ), וואָס מען
פֿירט פֿון דאָרט אַף באַמיסטיקונג און צאָלט זיך זייער גוט. אַף אָט די
אינדזלען קומען זיך צונויף די ים־פֿייגל פֿון טויזנטער מייל אַרום, די
מעוועס, די אַלבאַטראָסן, די וואַסער־שוואַלבן און אַזוי ווייטער, אַף אי־
בערנעכטיקן. זינט טויזנטער יאָרן מיסטיקן זיי דאָרט און פֿון דעם קויט
און פֿון זייערע פּגרים, האָבן זיך די אינדזלען אויפֿגעהויבן צענדליקער
מעטער איבערן ים. אָט דאָס מיסט גראָבט מען און מען פֿירט דערמיט
גרויסע מסחרים.

די אינדיאַנער פֿון די ברעג־ישובים זיינען טיילווייז באַשעפֿטיקט באַ
דער אַרבעט פֿון גראָבן דאָס מיסט און שיטן אין די זעק, באַם אָנלאָדן
און אַזוי ווייטער. טייל זיינען באַשעפֿטיקט באַ דער בראָנפֿן־אינדוסטריע
פֿון פּיסקאָ, באַ די אייזן־מינעס פֿון דער געגנט און שטעלן מיט זיך
פֿאָר די ציוויליזירטסטע שבטים. זייער יחוס ציען זיי פֿון די נאַזקאַס,
וואָס האָבן אויך פֿריער, פֿאַר דער קאָלאָניאַלער עפּאָכע, געפֿירט דאָס צי־
וויליזירטסטע לעבן אין פּערו. די חורבות פֿון זייערע טעמפּלען, פֿעסטונ־
גען און פּאַלאַצן פֿאַרנעמען דעם ערשטן אָרט לעבן די אינקאַס און טיאַ־
הואַנאַקאָס. באַזונדערס זיינען באַרימט די חורבות פֿון דעם פּאַטשאַ־
קאַמאַק־טעמפּל — דער טעמפּל פֿונעם נאַזקישן גאָט פּאַטשאַקאַמאַק —
און דער טעמפּל פֿון זייערע וועסטאַלקעס. די נאַזקאַ־אינדיאַנער צייכע־
נען זיך אויס מיט זייער סטאַטישער און ווירדיקער האַלטונג און מען טרעפֿט
צווישן זיי אַ גרויסע צאָל שטודירנדיקע יוגנט און באַוואוסטזיניקע אַר־

# מאַרקוס פּאַרישעווסקי

בעטער מיט סאָציאַליסטישע אידייען, באַפאַרבט מיט אינדיאַנישע בענקשאַפטן. דער טיפּ זייערער איז אַ גאַנץ שיינער, מיט פּראָפּאָרציאָנעלע געזיכט־שטריכן, קלוגע אויגן און עטוואָס איינגעשלאָסן אין זיך.

געוויינלעך מאַכט מען די רייזע איבער די ברעג־ישובים מיט טשילענישע שיפן, וואָס קורסירן לענגויס דעם פּאַסיפישן ברעג ביז גוואַיאַקיל, די האַפן־שטאָט פון עקוואַדאָר. מען מוז אָבער וואַרטן אָפט אַ גאַנצן חודש ביז אַזאַ שיף גייט פאַרביי. און מען ריזיקירט דעריבער צו מאַכן די רייזע מיט אַ קאַמיאָן איבער גאָרנישט באַקוועמע וועגן. מען מוז אַריבערפאָרן טייכן, וואָס האָבן קיין בריקן ניט. טייכן, וואָס אין טרוקענע צייטן האָבן זיי קוים אַ פּאָר צענדליק צענטימעטער וואַסער אויפן דעק און בעת עס צעשפּילן זיך די שניי־בלאָקן אויף די בערג, פילן זיי זיך אָן מיט שטורעמדיקן וואַסער.

איך האָב די רייזע געמאַכט מיט דער יבשה און בין טאַקע שיר נישט אומגעקומען בעת אַן אַקצידענט מיט דעם קאַמיאָן, וואָס האָט אונדז געפירט. אין אַ צוזאַמענשטויס מיט אַ צווייטן קאַמיאָן, וואָס איז געפלויגן אין דער קעגנריכטונג, אויף אַ הויכן און שמאָלן וועג, איז אונדזערער אָראָפּגעפאַלן פון צוואַנציק מעטער די הויך. אַ גליק איז געווען, וואָס דער קאַמיאָן האָט זיך פאַרטשעפּעט, באַם אַראָפּגליטשן זיך, אָן אייניקע דינע אייקאַליפּטן־ביימלעך און מיר זיינען אָפּגעקומען מיט בלויז איין געהאַרגעטן און די רעשט צוואַנציק פּאַסאַזשירן, איך אַריינגערעכנט, זיינען מיר בלויז צעקלאַפּט און פאַרוואונדעט געוואָרן. געשען איז דאָס לעבן קאַניעטע און דאָרט האָב איך פאַרבראַכט אַ פאַרבאַנדאַזשירטער צוויי וואָכן צייט.

אין איקאַ האָט מיט מיר פּאַסירט אַ מאָדנע אומגליק. און ווען די פערואַנער נאַטור וואָלט נישט באַשאַפן, ווי גאָט, כביכול, די רפואה פאַר דער מכה„ וואָלט איך דאָרט זיכער פונעם זינען אַראָפּ. איך בין דאָרט געשלאָגן געוואָרן מיט אַ מין וואַריאַציע פון דער דריטער מכה, מיט וועלכער גאָט האָט געשלאָגן די מיצריים, מיט דעם מין לייזל, וואָס עסט זיך איין אינעם באַהאָריקטן לייב. און קיין איינע פון די באַקאַנטע סגולות האָט דערצו נישט געהאָלפן, ביז איך האָב מיך אָפּגעבאָדן אין דער הואַיקאַטשינאַ־אָזערע, וואָס געפינט זיך אַ צען קילאָמעטער ווייט פון איקאַ, צווישן די בערג, און בין פון דאָרט אַרויס אַ ריינער.

די הואַיקאַטשינאַ, אגב, איז איינער פון די פּרנסה־קוואַלן פאַר דעם

# צווישן ווילדע און ציוויליזירטע

קרייז־שטעטל איקאַ, וואָס האָט נישט קיין איבעריקע פּרנסה, און איז דאָך אַ גאַנץ ריינער ישוב פון אַן ערך זיבן טויזנט איינוואוינער, מיט נישקאָשעדיקע הייזער און גלייך געשניטענע גאַסן און געסלעך. דער „האָטעל", וואו איך בין איינגעשטאַנען, איז אויך געווען אַ גאַנץ ריינער. פונדעסטוועגן גלויב איך מער נישט דער ריינקייט פון דעם מין האָטעלן פון זינט דאָס אומגליק איז צו מיר געקומען.

וואָס קען, דאַכט זיך, זיין ריינער? די באַלעבאָסטע. אַ נאַזקאַ־אינדיאַנערן, אַ גאַנץ סימפּאַטישע אַלמנה מיט צוויי אַכצן־יעריקע טעכטער, אַ צווילינג, וואָס גיבן פּענסיאָן פאַר אַ צוויי טוץ יונגעלייט און איך בין דער איינציקער גאַסט מיט נאַכט־לעגער. און דאָס בעט וואָס איז פאַר מיר אָפּגעגעבן איז אויך גאַנץ ריין, מיט געמאַנגלטע ווייסע ליילעכער און ציכלעך. און די אַלמנה האָט אַזעלכע גרויסע בעקענדיקע אויגן און איר צווילינג דאָס אייגענע און אַלע דריי זינגען זיי אַזוי מעלאַנכאָליש פאַרבענקט אינדיאַנער לידער אין קיטשואַ און אַימאַראַיש ביז האַלבער נאַכט. און האָר האָט זי, די אַלמנה, דאָניאַ לאַקטאַ, שוואַרצע ווי פּעך און גלאַטע, ווי פון אַ פערדישן עק, וואָס גרייכן איר ביז די קניען און אַרומגענומען זיינען זיי באַם קאָפּ מיט אַ זילבערנעם רייפל און אויערינגען טראָגט זי גרויסע און שנירלעך קרעלן גלעזערנע און פון אַלערליי קאָלירן אָן אַ צאָל און בראַסלעטן אַף די הענט אויך אָן אַ צאָל, אַן עכטע ציגיינערן, און פרום איז זי אויך, זי, ווי איר צווילינג, איליאַפּאַ און אַקלאַ, מיט די גרויסע שוואַרצע און פייערדיקע האַלב־מאַנדל־אויגן. זייער פאָטער, לוקאַ־לין, דערציילן זיי, איז געשטאָרבן פון די קלעפּ וואָס ער האָט באַקומען אין אַ זשיו־זשיצאַ־שטייערונג מיט זיין יאַפּאָנישן קעלנער, און זינט דעמאָלט שטייט דאָס בעט, וואו איך שלאָף, ליידיק...

און דאָך האָט מיר שפּעטער דער קאַציק פּאַטשאַטשאַקאַ טשימפּויהויווילקאַ אויפגעקלערט, אַז די מכה איז מיר געקומען פון דעם ליילעך, אַף וועלכן עס איז מיסטאָמע געשלאָפן אַ „כאַזעריש פּאָרל", וואָס ווילן נישט האָבן קיין קינדער... און מען האָט דאָס ליילעך נישט אויסגעוואַשן און שוין אַוודאי נישט אויסגעפּרעסט מיט אַ הייסן פּרעסל...

דאָס האָט טאַקע דער קאַציק מיך געראָטן איך זאָל מיך אָפּבאָדן אין דער הואַיקאַטשינאַ־אָזערע. — באָד זיך אָפּ — האָט ער מיר געזאָגט — איין מאָל אָדער צוויי מאָל אין דעם הייליקן וואַסער, אין וועלכן עס פלעגן זיך באָדן אונזערע מלכים, פירשטן און כוהנים, און דו וועסט ווי לאַנג דו וועסט לעבן מער נים האָבן קיין פּאַראַזיטן אַף דיין לייב...

# מ א ר ק ו ס  פ א ר י ש ע ו ו ס ק י

איך האָב אים געפאָלגט. עטלעכע קילאָמעטער פאַר דער אָזערע, האָב איך שוין דערשפּירט די שאַרפקייט פון דעם וואַסער. געשפּירט האָט זיך אין דער לופט שוועבל, יאָד און יאָדאָפאָרם און אַז איך בין צוגעקומען, האָט זיך פאַר מיר אויסגעשפּרייט אַ גרינער, איילבירט־קאָלירטער שלייִ־מיקער געמויזעכץ, איינגעראַמט צווישן בערג און באַ דעם געמויזעכץ אַ פּאָר ליימענע הייזקעס און עטלעכע קעמערלעך פוןברעטלעך צוזאַמענ־געשלאָגן, אַף איבערצוטון זיך.

דאָס געמויזעכץ, ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, איז אינדערעמעסן אַ קרישטאָל־ריין וואַסער, ווי שמאַראַג־גרינער ים און איז ביז גאָר־טיף. מיט מיין גאַנצער שווים־קונסט און געדיכטקייט פונעם וואַ־סער, וואָס הויבט ממש דעם מענטשן פונעם וואַסער אַרויף, בין איך שיר נישט דערטרונקען געוואָרן ווי נאָר איך האָב געשטעלט די ערשטע צען טריט אינעם וואַסער. איך האָב באַקומען אַ שרעקלעכן קראַמף אין די הענט און אין די פיס און דער גוטער קאַציק פּאַטשאַטשאַקאַ טשימ־פּוהוייווילקאַ האָט געמוזט אַריינשפּרינגען און מיך אַרויסשלעפּן מיט פּו־לע לונגען וואַסער.

די מעלה פון דעם הויקאַטשינאַ־וואַסער איז וואָס צו די אַלע מינע־ראַלן וואָס געפינען זיך אין דעם, האָט עס ווייניק זאַלץ און די גרויסע דאָזע זאַלץ איז דער חסרון פון אַלע אַנדערע קור־ערטער. דאָס וואַסער איז ווייך און גליטשיק און מאַכט אַ שוים ווי די טייערסטע זייף. מער ווי איין מאָל אָפּבאָדן זיך אין דעם וואַסער האָב איך נישט באַדאַרפט. אַרויס־געקומען בין איך אַ ריינער און אַ רויטער. מיינע בלאָנדע האָר אָפּגעפאַרבט אַף רויט. איך בין שוין אויך מער אין דעם בעט פון דעם פאַרשטאָרבענעם לוקאַ־לין נישט געגאַנגען שלאָפן...

נאָכדעם ווי פּאַטשאַטשאַקאַ האָט מיך אַרויסגעראַטעוועט פון דער אָזערע, האָט ער מיר דערציילט:

„הויקאַטשינאַ האָט אַ טיפעניש פון פינף הונדערט מעטער. אויסגע־פורעמט און אָנגעפילט האָט די אָזערע מיט דעם געטלעכן הייל־וואַסער אַ קעניג־גאָט מיט דעם נאָמען פּאַטשאַקאַמאַק.

„צו יענער צייט איז געווען אַ גרויסער מלך פון קוים צוויי איילן די הויך, דערפאַר אָבער אַ קלוגער, דער קלוגסטער פון אַלע הערשער. זיין נאָמען איז געווען טשו־קים־מאַנקו.

ער איז געווען דער וואָס האָט פאַראייניקט די קעניגרייכן פון נאַזקאַ,

# צווישן ווילדע און ציוויליזירטע

טשינטשאַיסויאַ, טשימו, יונגאַס, הואַרקאַ, לונאַהואַרקאַ, מאַלאַ, טשיקלאַ און הואַראַטשירי. ער איז אויך געווען דער וואָס האָט אויסגעפונען די וואונדער פון דעם וואַסער און האָט די אָזערע אָנגערופן אַפן נאָמען פון זיין טאָכטער, הואַיקאַטשינאַ, די שענסטע פון אַלע שענסטע, פון אַלע לענדער און פון אַלע צייטן.

געהיילט האָט דאָס וואַסער אַלע קראַנקייטן און איז געווען אַ מיטל צו ליבע, צו פרוכטבאַרקייט, צו לעבן און צו וואַקסן. און טשוקים־מאַנקו האָט געהיילט מיט דעם וואַסער אויך די האַרצלאָזע, די גייציקע און די נישט פאַרגינער, די גרויסהאַלטער, ווי די שאָפעלע, די פאַלשע און די כניפעניקעס.

„טשו־קים־מאַנקו אַליין איז פון באָדן זיך אין דעם וואַסער אויסגעוואַקסן ביז זעקס איילן און איז געוואָרן אַזוי ליכטיק, אַז די זון פלעגט זיך פרייען מיט זיינע האָר און איינפלעכטן אירע שטראַלן אין זיינע לאָקן. אַף באַנאַכט פלעגט די זון זיך אַראָפּלאָזן אין די וואַסערן פון הואַיקאַטשינאַ און דעריבער ווערט יעדער איינער וואָס באָדט זיך אין זיי, אַ רויטער.”

צוריקפאָרנדיק קיין לימאַ, האָב איך מיטגענומען מיט זיך אַ פלאַש פון דעם וואַסער. מיין פריינט דער כעמיקער האָט דאָס אַנאַליזירט און האָט אויסגעפונען דערין הונדערט גראַם סאָלידן שטאָף אַף אַ ליטער. אויסגערעכנט האָט ער, אַז ווען מען זאָל די אָזערע אינדוסטריאַליזירן, וואָלט מען פון איר געקענט ציען מעדיקאַמענטן אַף אַן ערך דרייסיק טויזנט יאָר פאַר דער גאַנצער מענטשהייט. וואָס טיפער דאָס וואַסער, האָט ער מיר געגעבן צו פאַרשטיין, אַלץ געדיכטער איז עס, אַלץ מער מינעראַלן האָט עס אין זיך און אַפן דעק איז עס געדיכט ווי אַ סמעטענע.

ווען איך בין ראָטשילד — האָב איך אַ טראַכט געטון ווי יענער מלמד בא שאָלעם אַליכעמען — וואָלט איך גענומען די קאָנצעסיע איבער דער הואַיקאַטשינאַ־אָזערע און וואָלט געהיילט די גאַנצע וועלט אומזיסט ביזן סוף פון אַלע דורות...

## אונטער דער פּאַן פון די שטערן און שטרייפן

דעם 14טן יאַנואַר 1924 האָט זיך מיר פאַרגלוסט מאַכן אַ שפּאַציר צו די באַרימטע מעטאַל־שמערצערייען, די שמעלצערייען פון גאָלד, פון זילבער און פון קופּער, וואָס געפינען זיך אויף די העכסטע אַנדן־בערג, די בערג וואָס זייערע שפּיצן זיינען באַדעקט מיט אייביקן שניי און שטע־קן אין די וואָלקנס.

פון לימאַ ביז אָראָיאַ, איז נישט מער ווי אַ צוויי הונדערט מיט צוואַנ־ציק קילאָמעטער, נאָר דער אונטערשיד אינעם קלימאַט איז אַ גוואַלדיקער, דער אונטערשיד צווישן דעם קלימאַט באַם ים־ברעג און דעם קלימאַט פון די הויכע בערג. בעת באַ די פּערואַנער ברעגן פונעם פּאַסיפיק איז ווינטער — דער וואַרימער ווינטער וואָס אין אַנדערע לענדער קען ער אָנגיין פאַר פרילינג און מען רופט אים אַזוי בלויז צוליב די געדיכטע נאַסע נעפּלען וואָס פאַלן אויס יעדן פרימאָרגן אין דער צייט פון יאָר — איז אויף די בערג זומער. זומער, ווייל עס רעגנט נישט. נאָר טרוקענע שנייען פאַלן און ברענענדיקע פרעסט שטייען. און ווען באַ דעם פּערואַנער פּאַסיפישן ברעג איז זומער — ווען עס פאַלן נישט די נעפּלען און די זון באַקט פייער־פלאַם און אין די לויטער־בלויע נעכט הערן ניט אויף זילבערדיק צו גלאַנצן לבנה און שטערן, איז אין די קאָרדיליערן ווינטער. שנייען שנייט דע־מאָלט בלויז אויף די גאָר הויכע באַרג־שפּיצן, נאָר אין דער נידער, מיט פיר טויזנט מעטער נידעריקער, הערט נישט אויף רעגענען איבער זעקס חדשים.

לאַנגזאַם, זייער לאַנגזאַם גייט די באַן קיין אָראָיאַ, נישט זי גייט, נאָר זי שלעפּט זיך, פּויזעט ווי אַ שלאַנג און דרייט זיך און נישט קיין לאָקאָמאָטיוו, דאַכט זיך דעמאָלט, שלעפּט די וואַגאָנען, נאָר עפּעס אַ שרעקלעכע, מעכטיקע און פאַנטאַסטישע חיה. שוין אַ שעה, צוויי, דריי און פיר, ווי מיר פאָרן באַרג־אַרויף און מיר געפינען זיך נאָך אַלץ אַקעגן און איבער דעם שנעל־לויפנדיקן און רוישיקן טייך רימאַק און נאָך אַלץ

# צווישן ווילדע און ציוויליזירטע

אקעגן דעם זעלבן שווארץ־שטיינערנעם בארג, וואָס איבער דעם צעוואָר־פּענעם שטעטל קאסא־פּאלקא, וואָס די שטיבלעך זיינע שטייען אַף בערג־לעך אָדער צופוסנס די בערגלעך, וועלכע וואַקסן ארוים פון די הויכע בערג ווי קרעצלעך ארום א גרויסן געשוויר.

אין די געפּערלעכע טיפע און שמאָלע טאָלן און שפּאַלטן, צווישן די פאַרשידנפאַרמיקע בערגלעך, האָבן די דאָרטיקע ארבעטער זיך געמאַכט זייערע וואוינונגען. טייל הייזער אין די טאָלן זעען אוים פון דער שרעק־לעכער הויך אראָפּ ווי קינדער־שפּילעכלעך.

טיילמאָל דאַכט זיך ווי די שלאַנג, אונדזער באַן, דרייט זיך ארום א קאָלאָסאַלן מאָנסטער מעטער־גראָבן בוים, וואָס צווישן זיינע טרוקענע צווייגן און שפּאַלטן, ווינקלען און הוילקייטן, האָבן קאַפּריזנע מייזלעך זיך זייערע נעסטן געמאַכט. דאַך קלעטערט זי אַלץ העכער און העכער. דאָ דרייט זי זיך שוין ווי א פּרוזשינע, ווי א גראַצער און טאַנצט מיט זיגזאַגן, כדי אויסצוגעפינען א שטיקעלע האָריזאָנטאַלן גלייכערן וועג און געפינט זי אים, באַווייזט זי, די באַן, אַז זי קען אויך לויפן און טאַקע גאַנץ שנעל.

צום שטעטל קאסא פּאלקא, וואָס ליגט אַפן בארג מיט דעם זעלבן נאָמען, דרייצן טויזנט פוס הויך איבערן ים־פלאַך, זיינען מיר צוגעפאָרן שוין שנעלער, נאָר די שמעלצערייען געפינען זיך נאָך העכער. ארויסגע־פאָרן זיינען מיר אויך גאַנץ שנעל, נאָר דאָס האָט געדויערט נישט מער ווי עטלעכע מינוטן. דער מעכטיקער לאָקאָמאָטיוו האָט ווידער גענומען סאָפּען שווער און קרעכצן, שלעפּנדיק די וואַגאָנען מיט אַלע זיינע כו־חות. ער פייפט, ווי ער וואָלט מיט דעם פייפן זיך אונטערגעהאָלפן, און וואָס אַמאָל אַלץ שטאַרקער, ער פייפט שוין ניט, נאָר ער ריטשעט היי־זעריק, ווי עס וואָלט אים לופט אויסגעפעלט, נאָר אונדז פּאַסאַזשירן פעלט נאָכמער לופט. ער, דער לאָקאָמאָטיוו, געפינט זיך כאָטשע אַף דער פריי, אינדרויסן, און ווארים איז אים, ווייל ער הייצט זיך, און מיר, די מענטשן, זיצן אין די הערמעטיש צוגעמאַכטע וואַגאָנען, וואו עס איז ענג און שמור־ציק און עס אָווערט פון די אינדיאַנער און עס עקלט פון זיי, ווייל זיי זיצן און פרעסן זייערע אייגענע לייז און אויך פרעמדע פאַר אַלעמען אין די אויגן.

מיר ווערט ענג אין גוף און אין דער נשמה, איך וויל מיך אויס־דרייען און איך קען ניט, עס שטיקט מיך אין האַלדז און אין די לונגען.

## מארקוס פארישעווסקי

איך ווער, דוכט מיר, געדריקט פון אלע זייטן. עפענען א פענצטער, כדי עס זאל ארייַנקומען אביסל פרישע לופט, לאזן נישט די אינדיאנער. און באמת איז קאלט און עס ווערט וואס ווייטער אלץ קעלטער מיט די צוגעמאכטע פענצטער. ס'איז קאלט פאר אייראפעער פון די קאלטע מקומות און א פשיטא שוין פאר די אינדיאנער פון דער טראפיקאלישער טשאנטשא־מאיא געגנט. בא מיר אליין נעמט קלאפן א צאן אן א צאן, איך פיל ווי איך ווער דערפרוירן. ווען איך ווייס אז דא איז אזוי קאלט, וואלט איך מיטגענומען ווארימע אונטערוועש, א סוועטער, א מאנטל. מיך ווארפט עס שוין אין א קדחת און איך האב שוין אף מיר צוויי גראבע וואלענע פאנטשאס וואס איך האב אפגעקויפט בא צוויי אינדיאנער, און ס'איז מיר נאך אלץ קאלט. געווען מאמענטן ווען נאר די לייז, וואס איך האב אפגעקויפט צוזאמען מיט די פאנטשאס, האבן מיר צו וויסן געגעבן, אז איך לעב נאך, אז איך בין נישט אף טויט פארפרוירן. איך האב געקויפט א דריטן פאנטשא, אן עמעסע מציאה, פון עכטער וויקוניא־וואל, פאר פינף און צוואנציק סאל, וואס די ווערט זיינע איז זעקס הונדערט, נאר מיר איז נאך אלץ ניט ווארימער...

איך גיב א קוק אין פענצטער און מיר גלייבט זיך גארניט. גאנצע בערג מיט שניי, ווי ערשט אנגעשאטענער ווייסער פוך, און אף די שויבן — פראסט־בלומען, שיינע וואונדערלעכע פלאנצן און קוויטן, ווי ווינטער אף די שויבן אין דער אלטער זיסער פוילישער היים. מיר ווילט זיך מיטן געדאנק איבערטראגן צו יענער אנגעווארימטער שטוב דער היימישער לעבן דעם רייסעוועד וואלד מיט זיינע באשנייטע טאסנעס און דעמבעס, מיט זיינע געקרויזטע בערעזעס, נאר אויך דאס קען איך ניט, מיר ווערט אזוי קאלעמוטנע אפן הארצן, אזוי עקלדיק ענג, עס ווילט זיך ברעכן... בלייך־שנעל הויבט אן פעלן לופט. עפעס, דוכט מיר, פעלט און עפעס האב איך צופיל. איך שטיק מיך מיט עפעס פליישיקס, כאטשע איך האב נאך גארניט געגעסן פון זינט איך בין ארויסגעפארן פון לימא. אין די שלייפן פיל איך א קראמפיקן ווייטיק, ווי מען וואלט זיי מיר איינגעפרעסט און איינגעקלעמט. א קאלטער שוויים באגיסט מיך, א קלעפיקער, שטיקנדיקער שוויים באדעקט מיר דאס פנים, דאס גאנצע לייב, די האר אפן קאפ זיינען מיר צונויפגעקלעפט אין איין שטיק און אט נעם איך גויסעסן, דוכט מיר, מיט אזא פיינלעכער אגאניע.

ס'איז די סאראטשע. אזוי רופן די אינדיאנער אט די אנגסטלעכע

# צווישן ווילדע און ציוויליזירטע

איבערלעבעניש.

איך האָב געפּויעלט באַ מײַנע מיטרײַזנדע זיי זאָלן מיר לאָזן עפֿענען דאָס פֿענצטערל און ווי אַ צוגעשמידטער זיץ איך און קוק אַראָפּ מיט מײַן בינאָקל. פֿונויבן איז אַלץ אַזוי ווײַס, ווי מיט אַ בלענדנדן ווײַסן שניי־טעפּיך באַדעקט און טיף אונטן איז אַלץ אַזוי גרין, אַלץ אַזוי צווי־בערנד און פּראַכטפֿול גרין. טויזנטער שאָף און רינדער, לאַמאַס, ציגן, אייזלען און מולאַס, וויקוניאַס און אַלפּאַקאַס, זײַנען צעשפּרייט איבער די גרינע שטאַמען פֿון די שניי־בערג, אַף וועלכע די באַן קלעטערט מיט אַזוי פֿיל מאַטערניש. איך קען ניט אָפּרײַסן מײַנע פֿונעם סאָראָטשע צעווייטיקטע אויגן פֿון די טויזנטער וואַסער־שטראָמען, וואָס פֿאַלן אַרונטער פֿון די צעלאָזענע שנייען און באַטרינקען די סאַמעט־גרינע פֿעלדער אינעם טאָל, די פֿרילינגדיקע בליענדיקע פֿעלדער... נאָר איך מוז ווידער צומאַכן דאָס פֿענצטערל. אַ שניי־שטורעם האָט אָנגעטראָגן און רײַסט זיך אין וואַגאָן אַרײַן.

אַף דער בערך קליינער שטרעקע, וואָס טיילט אָפּ לימאַ פֿון אָראָיאַ, מוז די באַן דורכגיין ניין און פֿופֿציק לאַנגע טונעלן און יעדן מאָל ווען די באַן קומט אַרײַן אין אַזאַ טונעל, וואָס איז דורכגעהאַקט אין די הויכע בערג־רוקנס, ווערט נאָך ענגער אַפֿן האַרצן, דער מאָגן ווערט אײַנגעדרייט ווי אַ שטיקל וועש וואָס די וועשנעס דרייען אײַן, כּדי אויסצופּרעסן דער־פֿון דאָס וואַסער, עס ווילט זיך ברעכן און מען קען ניט און דאָס בלוט פֿונעם האַרץ און פֿון די לונגען שפּאַרט אין די געהירן און פֿון די גע־הירן אין האַלדז אַרײַן. דאָס קומט פֿאָר אַזוי כּמעט מיט יעדן נישט צו־געוואוינטן, ביז נאָך טילקאַ.

טילקאַ איז אַ קליינע, אָבער גאַנץ וויכטיקע באַן־סטאַנציע. וויכטיק איז זי מיט דער גרויסער צאָל טויט־פֿאַלן וואָס קומען פֿאָר אַף דער הויכ־קייט, איבערהויפּט פֿון טובערקולאָזע און האַרץ־קראַנקע, וועלכע מוזן דאָרט אַדורכפֿאָרן אין באַרימטן סאַנאַטאָריום פֿון כאַוכאַ. טילקאַ ליגט אין אַ פֿאַכווע פֿונעם שניי־באַרג מאָנטמעגס אַף אַ הויך פֿון 15.865 פֿוס. באַלד נאָך דער סטאַנציע, שטייט אָט דער ריזן־טורעם, וואָס אין זײַנעם אַ קנייטש ליגט דאָס שטעטל. מיט זײַן ווײַסער שניי־הילע צווישן די אַנדערע אַביסל נידעריקערע בערג, זעט ער אויס ווי אַ ריזיקער חזן מיט אַ קיטל איבערן קאָפּ, אַרומגערינגלט מיט זײַנע משוררים אויך אין קיט־לען אײַנגעהילט. פֿון זייער בלענדנדער ווײַסקייט, וואָס שלאָגט אָפּ מיט

## מאַרקוס פּאַרישעווסקי

נאָך מער ווייסקייט אונטער די קאַלטע זון־שטראַלן, מוז מען אַף אַ ווײַלע צומאַכן די אויגן, וואָס זײַנען נישט צוגעוואוינט צום דעם בלענד, כּדי אַף אַן אמת נישט בלינד צו ווערן. דאָ געפינט זיך אויך דער טונעל וואָס טראָגט דעם נאָמען פּאַסאָ דע לאַ גאַלערא, אַף אַ הויך פון 16.123 פוס. די אינדיאַנער האָבן אים אַ נאָמען געגעבן איאַ־טונעל (דער טונעל פון טויט).

טילקאַ איז אַ שטעטל פון אַ טויזנט נפשות, איבער וועלכע עס גע־וועלטיקן די יענקישע אָנגעשטעלטע פון די דאָרטיקע מינעס. די רעשט מענטשן דאָ זײַנען די אינדיאַנער, וואָס גראָבן דאָס גאָלד און ווערן אויך באַגראָבן אין די מינעס.

כאָטשע דאָס שטעטל געפינט זיך זייער הויך, לײַדן דאָך ניט די גע־בירטיקע פון דער שיטערער לופט. זייערע לונגען זײַנען שוין צו דער לופט און צו דער קעלט צוגעוואוינט, אַזוי ווי בײַ די עסקימאָסן אַפן נאָרד־פּאָל. אויך איך, ווען איך האָב מיך אַרויסגעריסן פון דעם שטיקנדיקן הערמעטיש צוגעמאַכטן וואַגאָן און זײַנע אינדיאַנער און האָב אָנגעהויבן אײַנאָטעמען די שטאַרק קאַלטע און שיטערע, אָבער דאָך זויבערע און פרישע לופט, בין צו זיך געקומען. און פאַר מיר האָט זיך אַנטפּלעקט די שוין באַלד פאַרגעסענע אייראָפּעישע ווינטער־פּאַנאָראַמע, מיט איר גאַנ־צער קישעפדיקער אַטראַקציע. דער אייביקער ווינטער פון די קאַרדי־ליערן, דער אייביקער שניי האָט געקרוכעט אונטער מײַנע פיס.

די באַן בלײַבט דאָ שטיין אַף אַ האַלבער שעה צײַט. דאָס מאָל, אָבער, ווי אַף מײַן גליק איז די באַן געשטאַנען גאַנצע אַכט שעה. עפּעס האָט זיך אין די געדערים פונעם לאָקאָמאָטיוו צעריסן. און מיר, אַ פּאָר רייזע־קאַלעגן צוזאַמען מיט אַן אָרטיקן אינדיאַנער, נאָכדעם ווי מיר האָבן זיך איבערגעוואָרפן מיט שניי־באַלן, האָבן זיך גענומען קלעטערן אַפן העכסטן פון די נאָנטע שפּיצן, 17.856 פוס הויך, וואו מיר האָבן געזען פלאַטערן אַ נאָרדאַמעריקאַנער פאָן. די פאָן וואָס פלאַטערט איבער דער גאָלד און קופּער־מינע.

איך האָב באַקומען בײַ אַ נאָרדאַמעריקאַנער זשענטעלמען געבאָרגט אַ פּאָר וואַרימע שטיוול און אין מײַן וואַרימער וויקוניאַ־פּאַנטשאָ, מיט אַן אַלפּאַקענעם פוטערנעם הוט, האָבן מיר גענומען שפּאַנען צו דער באַ־שטערנטער פאָן אַפן שפּיץ פונעם מאָנט מעגס, וואו מיט אינדיאַנער מאַרך און בלוט איז אויסגעהאַקט געוואָרן אַ לאָך אין שטיינערנעם גע־

# צווישן ווילדע און ציוויליזירטע

פרוירענעם בארג און בראָנזענע מענטשן, ווי אויך אייניקע ווייס־הויטי־קע„ שלעפּן פון דאָרט פּאַר אַ הונגער־לוין גאָלד און קופּער פאַר אַמעריקאַנישע מיליאָנערן.

אינמיטן דעם קלעטערן האָט פּלוצים אָנגעיאָגט אַ זאַווערוכע און מיר האָבן געמיינט אַז אָט נעמט שוין אָן עק צו אונדזער לעבן. דער פראָסט האָט דורכגעדרונגען אַפילו די וואַרימע קליידער, ווי מיר וואָלטן ערגיץ אין אַ פאַלאַרן געביט געווען. צום גליק איז אין אַ האַלבער שעה אַרום ווידער שיין געוואָרן, ממש וואונדער, און די זון האָט מיט צאָרן דעם נאָר וואָס אָנגעשאָטענעם שניי פאַרוואַנדלט אין עמעסע טייכן, וועלכע האָבן גלייך אַראָפּגעשטראָמט מיט אַ מעשונעדיקער שנעלקייט. כדין זי־בערער אַרויפצוקלעטערן, האָבן מיר צוערשט געמוזט זיך אַראָפּלאָזן אַ טויזנט מעטער און דערנאָך ערשט טרעטן אָפּן אָנגעוויזענעם „גוטן” וועג.

פּלוצים האָט גענומען דונערן און בליצן און די שטיינערנע ריזן האָבן אָנפגעענטפערט דעם הימל מיט געקנאַל און ס'האָט גענומען גיסן אַ רעגן. מיר האָבן זיך געמוזט אויסבאַהאַלטן, וואָרום דאָ רעגנט ניט, נאָר עס פּלייצט, יאָמען גאַנצע פאַלן פון הימל מיט אַ שרעקלעכן גערויש און געפּילדער. פעלדזן רייסן אויס די שטראָמען מיט זייער אימפּעט־פולן געיעג. אַזאַ איז די נאַטור אַף די דאָזיקע הימלקראַצער. דאָ קען דאָס וועטער זיך בייטן צען מאָל אין טאָג. אָט רעגנט און אָט האָגלט און עס שנייט, אָט ברענט די זון און אָט נעמט אייך דורך דער פראָסט.

גאַנצע דריי שעה האָט געדויערט ביז מיר זיינען צוגעקומען צו דעם באַפלאַגטן שפּיץ, און געווען איז עס אַף אַ גוטן וועג מיט טרעפּ אויס־געהאַקטע אינעם זעלבן באַרג־שטיין. דאָס האַרץ האָט מיר האַסטיק גע־קלאַפּט און אין די שלייפן האָט געקלעמט, געפרעסט און געזעצט ווי מיט האַמערס און אָטעמען האָב איך אויך נישט געקענט, ווייל מיט יעדן שפּאַן העכער איז די לופט געוואָרן אַלץ שיטערער. מיינע צופעליקע רייזע־קאָלעגן, וואָס האָבן מיטגעמאַכט דעם געוואָגטן שפּאַציר, זיינען שוין לאַנג געבליבן הינטערשטעליק און האָבן זיך באַהאַלטן אונטער אַ פעלז, וואַרטן אַף מיין צוריקקער. איך האָב אויך אַלעמאָל געמוזט זיך זעצן אָפּ־רוען, מחמת די פיס, האָט זיך מיר געדאַכט, ווערן מיר מיט יעדן שפּאַן אַלץ לענגער און איך האָב זיי שוין כמעט נישט געקענט שלעפּן. די פרענגעס אונטער מיינע קניען, האָט זיך מיר געדאַכט, ציען זיך מיר איין

אַלץ מער און מער. נאָר דער אינדיאַנער מיינער האָט מיך אַלע ווײַלע געמונטערט:

— סומאַק פּוקאַ טאַטאַיאַ, יאַ, יאַ... (שיין בלאָנד טאַטעלע, שוין, שוין...)

מיין אומבאַגרעניצטער פאַרלאַנג צו זען ווי אַזוי מענטשן אַרבעטן אינעם סאַמע מח פון דעם שטיינערנעם באַרג איבער די וואָלקנס, איז געווען שטאַרקער פון אַלע שוועריקייטן און איך האָב ענדלעך, נאָך אַ ביטערן געראַנגל מיט דער נאַטור, מיין ציל דערגרייכט און בין מיט גאַנצע אברים צוגעקומען ביז צו דער מינע.

דער קאָפּ פונעם מאָנט מעגס, וואו עס פלאַטערט די באַשטערנטע פאָן, וואָס פון דער ווייט זעט ער אויס שפּיציק, איז גראָד גאַנץ פלאַך, פילקאַנטיק און פאַרנעמט אַ שטח פון איבער הונדערט מעטער אין קוואַדראַט. לינקס און עטלעכע מעטער נידעריקער פון דעם אָרט אַף וועלכן עס פלאַטערט די פאָן, אין אַ געמויערט שטיבל, וואו עס איז די קאָנטאָר, איז אויסגעהאַקט אַ פינצטערער לאָך, אַ דריי מעטער די ברייט און נאָך אַנדערע לעכער, גרעסערע און קלענערע. דאָס זיינען די אַריינגענג און אַרויסגענג פון דער מינע. דאָרט אינעווייניק, אין די האַרטע ערדישע געהירן אַרבעטן מענטשן. אין דער מינע האָט מען מיך נישט אַריינגעלאָזט, צוליב דער גיפטיקער לופט אין וועלכער עס אַרבעטן די ברואים וואָס רייסן דעם גאָלדענעם מאַרך פון דער מאַמע ערד, און איך האָב מיך געמוזט באַגנוגענען מיט שטיין אַ ווײַלע באַם אַרויסגאַנג פונעם שוואַרצן מינע־לאָך און זיך צוקוקן ווי די מענטשלעכע געשפּענסטער, לעבעדיקע מתים, פאַרשמירטע און צעבלוטיקטע, שטופּן די טאַטשקעס פול מיט רויב פונעם באַרג אַרויס און לייגן זיי הויפנווייז, ביז עס קומען אונטער אַנדערע און פירן די טאַטשקעס ווייטער.

— וויפל פאַרדינסטו? — פרעג איך איינעם אַ ריזיקן אינדיאַנער, פונעם טשימו־שבט, וועלכער האָט געפירט אַ גרויסע אייזערנע טאַטשקע אָנגעלאָדן מיט אַ ווערך און געקייעט קאָקאַ.

— איין סאָל מיט זיבעציק סענט דעם טאָג. — ענטפערט ער מיר און פירט ווייטער די שווערע טאַטשקע.

— און וויפל שעה אַרבעטסטו יעדן טאָג? — גיי איך נאָך.

— איך ווייס נישט פון קיין שעהן. איך און אַלע אינדיאַנער דאָ אַרבעטן מיר אַפן טאָג.

# צווישן ווילדע און ציוויליזירטע

— ווען זשע גייסטו אינדערפֿרי צו דער אַרבעט און ווען הערסטו אויף?

— ווען דער גרויסער שטערן באַגלייט שלאָפֿן פֿאַרטאָג די געטן פֿון דער נאַכט, די זילבערנע קילאַ, גייען מיר צו דער אַרבעט. האַלבן טאָג עסן מיר וואָס די ווייבער אָדער די טעכטער ברענגען אונדז און ווי מיר ענדיקן נאָר עסן, קלינגט דער גלאָק צו דער אַרבעט. און ווען די זון גייט אונטער, קלינגט ער ווידער מיר זאָלן גיין שלאָפֿן צו די ווייבער.

— און קינדער האָסטו?

— זעקס אינגלעך און פֿינף מיידלעך. — האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און זיך געקראַצט פֿאַרלעגן אין הינטן. איך האָב מיך אָוועקגעדרייט פֿון אים און ער איז אייליק פֿאַרשוואונדן אינעם פֿינצטערן לאָך פֿון דער מינע.

אין אַ צען מינוט אַרום זיינען אַרויסגעקומען פֿון אַ צווייטן לאָך זעקס אינדיאַנער מיט אָנגעלאָדענע טאַטשקעס און איין ווייסער, אַ גוט אָנגעטוענער יענקי, אַן אויפֿזעער איבער פֿופֿציק אינדיאַנער, וואָס אַרבעטן אין דער הייל אונטער זיין אויפֿזיכט. ער האָט איבערגענומען די נאַהייקע מיט דעם זילבערנעם הענטל אין דער לינקער האַנט און, מיינענדיק, אַ פּנים, אַז איך בין אַ געהיימער שליח פֿון זיינע באַלעבאַטים, האָט ער זיך פֿאַר מיר זייער האַכנאָעדיק פֿאַרנויגט און מיר העפֿלעך דערלאַנגט די האַנט מיט די באַגילדעטע פֿינגער.

— איר אַרבעט שווער, זייער שווער, ניט אמת? — פֿרעג איך אים.

— אָ, יעס, סער — ענטפֿערט ער — איך אַרבעט איבער מיינע כּוחות און פֿאַרדין צו ווינציק.

— ווען קומט איר צו דער אַרבעט? — פֿרעג איך ווייטער.

— צען אינדערפֿרי קום איך און גיי אַוועק פֿיר נאָכמיטיק. מיין אַרט פֿאַרנעמט דערמאָלט אַן אונטערגעקויפֿטער אינדיאַנער, וואָס גיט אַכטונג אַף די בעסטיעס. גאַנצע זעקס שעה בין איך דאָ צוגעבונדן ווי אַ שקלאַף און היט אָט די פֿוילע שאַקאַלן, וואָס אַרבעטן אָן חשק און גאַנווענען נאָך דערצו, ווען זיי געפֿינען אַ מאַסיוו שטיקל גאָלד, פּלאַטין אָדער אַ שטיקל מינעראַל, וואָס האָט אין זיך באַהאַלטן אַ טייערן איידלשטיין. זיי זיינען גרויסע מבֿינים, די הינטישע זין, און דערקענען אין דער פֿינצטער וואָסאַראַ איידלשטיין דער מינעראַל האָט אין זיך. אָ, יעס, סער, זיי זיינען גרויסע באַנדיטן. איך לאָז מיך אָבער ניט נאַרן. יעדן טאָג מוזן זיי

# מארקוס פארישעווסקי

ארויסגעבן א געוויסע צאָל מינעראַל, אַז ניט, שמיים איך מיט אַט דער נאַהייקע ביז בלוט. זיי זיינען זייער כימרע, איך בין אָבער קליגער פון זיי. איך האָב איינגעפירט אַ סיסטעם אַזאַ, אַז איינער שפּיאָנירט דעם צווייטן און איינער מאַסערט דעם צווייטן. אַזוי אַרום ווייס איך אַלץ וואָס באַ זיי טוט זיך און צי פון זיי אַרויס דעם לעצטן טראָפּן לעבנס כוח.

— און וויפל פאַרדינט איר פאַר אייער טירכע און טרייהייט?

— ניט מער ווי זעקס הונדערט דאָלאַר אַ מאָנאַט און הונדערט דאָלאַר עקסטרא פאַר מיין פרוי און קינד, וואָס איך האָב געלאָזט אין פּיטס־בורג־פּאַ.

מיין נייגיריקייט איז שוין געוועז געזעטיקט און האָב אויך מורא געהאַט צו פאַרלירן די באַן. מיט דער הילף פון מיין פירער, האָב איך מיך לאַנגזאַם אַראָפּגעלאָזט צו מיינע הינטערשטעליקע חברים און פון דאָרט האָבן מיר צוזאַמען אַרויפגעקלעטערט די טויזנט מעטער ביז דער באַן.

ניין אַזייגער באַנאַכט בין איך ווידער אַריין אין דעם עטוואָס אויס־גערייניקטן און אויסגעלופטערטן וואַגאָן. מיט גרויס פּאַרזיכטיקייט, ווי מיט פּחד פאַר עפּעס נישט זעבאַרע משחיתים, האָט דער לאָקאָמאָטיוו לאַנגזאַם און שווער סאָפּענדיק געגומען זיך אַריינרוקן אינעם איא־טונעל, דער „טונעל פון טויט", דעם העכסטן אָרט וואָס די באַן דערגרייכט צווישן לימאַ און אָראָיאַ.

ער ברומט ווי אַ צערייצטער לייב, דער לאָקאָמאָטיוו, און אַף זיין פּייפן און ברומען ענטפערן אָפּ מיליאָנען קולות געהיימע פון די נאָנטע און ווייטע בערג. אין דער פינצטערניש פונעם טונעל שפּריצן זיינע אויגן מיט פייער, ווי מיט צעגליטער לאַווע און עס זעצט קאָכעדיקער דאַמף פון זיינע נאָזלעכער. טיר און פענצטער און אפילע די אויבערלופטן אין אַלע וואַגאָנען ווערן הערמעטיש צוגעהאַקט, כדי דער דאַמף, דאָס פייער און דער רויך זאָלן זיך נישט אַריינכאַפּן אין די וואַגאָנען און נאָכמער פאַרסאַמען די אַזוי אויך פאַרפעסטעטע לופט. ווידער קלאַפּט מיר אין קאָפּ ווי מיט האַמערס און די קישקעס אין בויך ווערן באַ מיר ווי גע־פּלאָכטענע צעפּ און ס'האַרץ, דוכט מיר, וויל אַרויסשפּרינגען פון מיין ברוסטקאַסטן.

אַ זעכציק פּראָצענט פון די פּאַסאַזשירן האָבן געבראָכן און איינער אַ ריזיקער איטאַליענער, אַ זעקס און צוואָנציק יעריקער פּיעמאָנטער,

# צווישן ווילדע און ציוויליזירטע

וועלכער האָט ערשט מיט אכט טעג צוריק חתנה געהאַט און איז געפאָרן מיט זיין כיינעוודיק ווייבל אַף אַ רייזע אין אינערן פון לאַנד פאַרברענגען דעם האָניק־חודש, האָט שטאַרק גענומען הוסטן און עס האָט זיך אים געלאָזט דאָס בלוט פון דער נאָז, פון דעם מויל און פון די אויערן. איך ווייס ניט וואָס מיט דעם פּאָרל איז געוואָרן, ווייל מען האָט זיי, ווי די באַרמינאָנס, גלייך נאָכן טונעל אַראָפּגעטראָגן און מיר זיינען ווייטער געפאָרן באַרג אַראָפּ, ביז אָראָיאַ, די שטאָט פון די באַרימטע שמעלצערייען, וואו מען שמעלצט דאָס גאָלד, דעם זילבער און דעם קופּער, וואָס מען ציט אַרויס פון די בערג.

# אין דער שמעלץ־פאבריק פון אָראָיאַ

פינף דעם זייגער נאָך מיטאָג איז די באַן אָנגעקומען קיין אָראָיאַ, 222 קילאָמעטער ווייט פון קאַליאַאָ און 12.800 פוס איבערן ים־פלאַך. די שטאָט איז צעטיילט אין צווייען: אַלט און ניי אָראָיאַ. ביידע טיילן צוזאַמען האָבן אַ באַפעלקערונג פון אַן ערך 25 טויזנט נפשות, וואָס אַן ערך זעכציק פּראָצענט פון זיי אַרבעטן אין דער שמעלצעריי פון דעם מעכטיקן נאָרדאַמעריקאַנער טרעסט „סעררא פּאַסקאָ קאָרפּאָריישאָן".

צווישן אַלט און ניי אָראָיאַ לויפט דער טייך מאַנטאַראָ אין אַ בלענדנ־דיקן טיפן בעט, וואָס די נאַטור האָט גאָרניט אַרכיטעקטאָניש אויסגע־פּורעמט. פון איין זייט איז דאָס וועגטל פון דעם בעט נישט מער ווי אַן ערך פופציק מעטער הויך איבער דעם וואַסער־שפּיגל, בעת פון דער צווייטער זייט הייבט זיך אַ שטיינערנער מויער פון איבער טויזנט מיט צוויי הונדערט מעטער. טיף איז דאָס וואַסער נישט מער ווי אַן ערך דריי מעטער און האַלט אַן ערך פופציק מעטער די ברייט ווען עס רעגנט נישט. נאָר דאָס גערויש מיט דעם געליאַרם, וואָס ער מאַכט מיט זיין שטור־מישן שטראָמען, איז ווי הונדערט וועגענער מיט אייזערנע רעדער וואָלטן מיטאַמאָל געפאָרן אויף אַ שלעכט ברוקירטן שאָסיי.

די סעררא־פּאַסקאָ קאָרפּאָריישאָן, צו וועלכער עס געהער ניי־אָראָ־יאָ, האָט געלייגט איבערן טייך אַ שווערע אייזערנע בריק, וואָס איז אויך די גרעניץ צווישן ביידע שטעטלעך. אַלט אָראָיאַ איז באמת אַן אַלט שטע־טעלע, מיט צעדרייטע שמאָלע געסלעך, פון פופציק ביז הונדערט מעטער די לענג, וועלכע וואַקסן אַרויס פון דער הויפּט־גאַס, וואָס פירט קיין טאַרמאַ און טשאַנטשאַמאַיאָ. איין געסל איז העכער פונעם צווייטן מיט צען, מיט דרייסיק און מיט הונדערט מעטער און פול זיינען זיי מיט גרי־בער, מיט שפּאַלטן און מיט טאָלן. אין דער סאַמע מיט ציט זיך די אומ־ענדלעך לאַנגע און הויכע גאַס און פון ביידע זייטן, וואו עס ענדיקן זיך די קורצינקע געסלעך וואָס שניידן דורך די הויפּט־גאַס, הויבן זיך אומ־ענדלעכע הויכקייטן, בערג, וואָס וואַרפן אַן אַ פּחד.



אין טאָל פון מאָנט מיעגס.

אייביקער אייז און שניי אפן בארג אנטיקאנא.

מאַראַקאַטשאַ בארג.

הואַנקאַוועליקאַ אינדיאַנערן.

# צווישן ווילדע און ציוויליזירטע

די הייזקעס זיינען מערסטנס פון בלאָטע געמישט מיט גראָז אָדער פון שטיינער געקלעפּט מיט בלאָטע. אנדערע בידעס זיינען פון בלויזע נישט צוזאַמענגעקלעפּטע שטיינער. דאָ וואוינען אינדיאַנער, וואָס זיינען אויך אַזוי צעקרימט און ראַכיטיש ווי זייערע הייזקעס. אַף דער הויפּט־גאַס טרעפט מען שוין אַ „הויז" מיט אַביסל אַן אָנשטענדיקערן אויסזען, אַ קלייטל אָדער אַ שאַנד־הייזל. באַנאַכט איז דאָ פינצטער ווי אין מצרים, נישט קיין עלעקטריש לעמפּל זעט מען, נישט קיין לאַמטערן. אפשר האָבן די הייזקעס פענצטער, נאָר צו דער גאַס קומען זיי נית אַרויס און מען זעט דעריבער נית קיין שיין פון זיי. אפילו די לבנה זעט מען דאָרטן זעלטן. די בערג פון ביידע זייטן שטעלן פאַרשטעלן זי. אין דער פינצטערניש, אויסגעמישט מיט דעם געדיכטן שאָטן פון די קעגנבערדי־קע בערג, האָט מען דעם איינדרוק ווי מען וואָלט זיך געפינען אין אַן אָפּגע־נעם טיפן קבר פול מיט לעבעדיקע מתים. באַנאַכט איז דאָ פינצטער און באַטאָג איז דאָ דומפּיק און איפּעשדיק.

דערפאַר איז ניי אָראַיאַ זויבער און ציכטיק. אויך ניי אָראַיאַ האָט בלויז איינציקע לאַנגע גאַס, פינף און דרייסיק מעטער די ברייט, אָבער זי איז פיין אַספּאַלטירט, האָט פון ביידע זייטן בלאָקן הייזער פון ציגל, צעמענט און שטיין. די נייע שטאָט ליגט מיט אַן ערך הונדערט מעטער נידעריקער ווי די אַלטע און אירע הייזער זעען אויס ווי שיינע צאַצקעס באַהאַלטענע אין אַ טיפן אָפּגרונט, אַרומגעצוימטע מיט אומענדלעך הויכע און שרעקלעך גרויסע אַלבאַסטער־ווייסע מירמלנע מויערן, פון דער נאַטור אַליין אויסגעבויטע. די פיינערע בלאָקן הייזער געפינען זיך שוין אַף אַ הויך פון איבער 12.800 פוס, דאָך האָבן זיי אַרום זיך נישט מער ווי עטלעכע הונדערט מעטער פלאַכלאַנד און איבער זיי הויבן זיך פון אַלע זייטן ווידער בערג־בלאָקן, העכער פיר טויזנט פוס. פון מזרח־זייט זעען אויס די הייזער ווי איינגעקלאַמערט אין דער הויכער בלענדנד ווייסער וואַנט כאָטשע צווישן זיי און דעם באַרג איז פאַראַן אַ דיסטאַנץ צווישן פינף און עפּעס מער ווי פופציק מעטער, וואו עס לויפט די באַן און עס געפינט זיך די באַן־סטאַנציע. די הייזער פון מערב־זייט קוקן אַרויף צו די קעגנבערדיקע הויכע בערג און צום טיפן טאָל מיט זיינע גראַניטענע ווענט, צווישן וועלכע עס לויפט דער שטורמישער מאַנטאַראָ־טייך.

נאָך מיט איין זאַך שיידט זיך אונטער ניי אָראַיאַ פון דער אַלטער. אין ניי אָראַיאַ הערשט אַן אַנדער גאָט, דער פּראָטעסטאַנטישער, צו

# מאַרקוס פּאַרישעווסקי

להכעיס דעם אָפיציעלן קאַטוילישן גאָט, וואָס מען לאָזט אים נישט אַריבערטרעטן די שוועל פון דער נייער שטאָט. אונטער דער ממשלה פון מאָרגאַן און ראָקעפעלער האָבן אַלע אינדיאַנער פון ניי אָראָיאַ, פון מאָראָקאָטשאַ, סעררא דע פּאַסקאַ, קאַסאַ פּאַלקאָ, טילקאַ, הואַנקאַ־וועליקאַ און אַנדערע ערטער, געמוזט אָנעמען די פּראָטעסטאַנטישע אמונה. און די קאַטוילישע קירכע צוזאַמען מיט דעם קאַטויליש־פרומען דיקטאַטאָר לעגיאַ האָבן קעגן דערדאָזיקער שמד־גזירה אָנגענומען אַ פול מויל מיט וואַסער און געשוויגן. און ווי דען אַנדערש? איש בשם אלהיו... יעדער קאָנקיסטאַטאָר צווינגט אַרויף אַף די אינדיאַנער שקלאַפן זיין גאָט...

צווישן דעם טייך און דעם באַרג זעט זיך אַ סטעזשקעלע, אַ שמאָלס. דאָס איז דער שווינדל־וועג איבער וועלכן עס קלעטערן די פּראָטעסטאַנטישע אינדיאַנער פאַריער, וועלכע האָבן גאָר קיין הייזער ניט און האָבן זיך אויסגעהאַקט נאָרעס און נעסטן אין די פעלזיקע ווענט פונעם באַרג. אין אָט די לעכער וואוינען גאַנצע אינדיאַנער משפּחות, צוזאַמען מיט זייערע אייזלען, לאַמאַס און ציגן. דער פאָטער מיט די עלטערע זין אַרבעטן אין דער שמעלצעריי אָדער זיינען טרעגער, שטיוול־פוצער, קיכער און דינער אין די רייכע הייזער, האָטעלן און רעסטאָראַנען. די טעכטער זיינען וועשנעס, דינסטן אָדער פּראָסטיטוטקעס און די מאַמע מיט די יונגערע קינדער העפטן, שטריקן, וועבן און פאַרבן מאַנטלען, דיוואַנען, גאָבעלינען, טיכער און פּאָטשאָס פון וויקוניאַ, וואָס די פיפיקע אויסלענדער נאַרן אויס בא די נאַיווע קונסטוועבער פאַר אַ קלייניקייט. פונעם פינף יאָריקן קינד ביז דעם אַכציק יאָריקן גרייז אַרבעטן זיי און דאָך פעלט זיי דאָס פּאָשעטע שטיקל ברויט צו דער זעט און אַ קליידל קעגן דער קעלט און אַף צודעקן די נאַקעטקייט. ווי די מערעזשקעס, זעט מען זיי זיך באַוועגן און זיך קרייצן איבער דעם שמאָלן סטעזשקעלע פון קוים אַ מעטער די ברייט און ווי די מערעזשקעס, זעט מען זיי צושפּאַרן זיך צו דער וואַנט און אָפּוואַרטן ביז דער אַנטקעגנקומענדיקער מיט אַ גרעסערער מאַסע וועט דורכגיין, כדי ער זאָל נישט אַראָפּפאַלן אינעם טיפן תהום אַראָפּ.

ניט שפּיציק, ווי די מערסטע בערג, זיינען די בערג אַרום אָראָיאַ, ניט ווי די עגיפּטישע פּיראַמידן און אָבעליסקן און ניט ווי די קאַטוילישע קירכעס מיט זייערע שפּיצן און קופּאָלן, נאָר פלאַך און פירקאַנטיק אָדער פילקאַנטיק, ווי די פעסטונגען אָדער ווי די גרויסשטאָטישע מויערן וואָס

זיינען באזעצט מיט שכנים. איין בארג העכער איבער דעם צווייטן און אלע זיינען זיי אזעלכע, ווי די נאטור וואלט זיי בא אן ארכיטעקטאר ספעציעל באשטעלט. און ווייס זיינען זיי, ווייסער גראניט און ווייסער מירמלשטיין און נאר וואו ניט וואו שטעקט ארויס א שטיינדל, פון עטלעבע מיליאנען טאנען די וואג, וואס איז עטוואס טונקעלער; פון זון און פון רעגן אפגעברענט און אויסגעפלעקט. און אונטער דעם שטיין, ווי אונטער א ריזיקן אפדאך — גאנצע קווארטאלן הייזער, פון מענטשן באוואוינטע. זאל חלילה אזא שטיין פארלירן די גלייכגעוויכט און אראפפאלן, וואלט ער א האלב שטעטל צוגעדעקט אף אלע אייביקייטן.

די לופט איז דא, פון דער נאטור, א גוטע, ניט צו קאלט און ניט צו ווארים. דער הארבסט פון די סובטראפיקאלע לענדער, א גאנץ יאר. ווינטער איז דא פונקט אזוי ווארים ווי די איבעריקע ניין חדשים אין יאר, מער ניט, וואס אין דער צייט רעגנט זייער אפט, כמעט יעדע צוויי אדער דריי טעג, זעלטן אבער פאר מיטאג. נאר דאס וואס די נאטור האט דא געמאכט גוט, האט די סעררא־פאסקא קארפאריישאן פארדארבן מיט דעם רויך פון אירע שמעלצערייען. ווי דער הויפט־כעמיקער פון די שמעלצערייען האט מיר דערקלערט, אנטהאלט אין זיך דער רויך א געמיש פון אייניקע גאנץ געפערלעכע שטאפן, ווי: קופער־זויער, שוועבל־זויער, זילבער־ניטראט, צינק־סולפאט, בליי־זאלץ, קלארהידריט־זויער און אנדערע גאזן, וואס כאפן זיך ארויס פון די פיר הויכע שווארצע פאבריק־קוימענעם צוזאמען מיט דעם געדיכטן רויך און צעשפרייטן זיך אינעם כאלאל און אדאנק דער שיטערקייט פון דער לופט, וואס קען ניט דערהאלטן די שווערע גיפטיקע מאסע, שפרייטן זיי זיך אוים ברייט און ווייט איבער די נידעריקע בערג און פרוכטבארע טאלן, וואו זיי ברענגען גרויסע שאדנס.

אין שטאט גופא פאלט דער רויך זייער ווייניק, מחמת די קוימענעם זיינען זייער הויכע און דער ווינט צעטראגט אים זייער שנעל און נאר ווען עס איז פאראן א ניט־גינסטיקער ווירבל־ווינט, ווערט מען דא שיר ניט דערשטיקט פון דעם רויך. מיט עטלעכע צענדליק יאר צוריק איז אראיא געוועזן א היילונגס ארט פאר לונגען־קראנקע און היינט איז עס פונקט פארקערט. די געזונטסטע לונגען קענען דא פון דעם טויטלעכן רויך פארוואנדלט ווערן אין לעבערדיקע שוואמען.

ווי באוואוסט, זיינען די מעטאלן אין זייער פרימיטיוון צושטאנד ניט אזוי ווי מיר זעען זיי שוין געלייטערטע, ריינע. גאלד איז אין זיין

פרימיטיוון צושטאנד אויסגעמישט מיט קופער, בליי, אייזן, שוועבל און אסאך שטיין. זילבער איז אויסגעמישט מיט בליי, מיט צינק, מיט שוועבל און אנטימאניום. ניקל ווערט געפונען אין דער פארעם פון שוועבל, בלענדא אדער קאלאמינא. קופער איז אויסגעמישט מיט שוועבל און קאמבינירט מיט אנדערע מינעראלן. אלע זיינען זיי תמיד אויסגעמישט מיט שטיין, מיט זאמדיקן שטיין, כאטשע ניט זעלטן געפינט מען אין די בערג אדערן אדער שטיקלעך מעטאל אין א ריינעם און ניט געמישטן צושטאנד. אט די אלע מינעראלן ווערן קודם צעמאלן אזוי דין ווי שטויב, ערשט דעמאלט ווערט דער שטויב געוואשן מיט אזעלכע ספעציעלע אפאראטן. באם וואשן לויפט אראפ דער שטיין־שטויב אין טייך, ווייל ער איז גרינגער, בעת דער שווערער מעטאל־שטויב ווערט אפגעזעצט. דערנאך ווערט דער מעטאל־שטויב אריינגעשאטן אין די טיגלען, וואו זיי ווערן צעשמאלצן און מיט כעמישע מיטלען אפגעטיילט איין מעטאל פונעם צווייטן. בעת דעם שמעלצן, צעשמעלצן זיך אויך די גיפטיקע שטאפן, מיט וועלכע די מעטאלן זיינען אויסגעמישט, ווערן פארוואנדלט אין גאז און, הגם זייער א שווערער, איז ער דאך גענוג גרינג ער זאל זיך אויפהויבן צוזאמען מיט דעם רויך און דער ווינט צעשפרייט אים איבער די פעלדער און וועלדער, איבער די טייכן און אזערעס און פארסאמט אלע באשעפענישן וואס האבן טויעם געוועזן פון זייערע פרוכטן, פון זייער וואסער.

אינעם טייך מאנטארא זיינען אפילע די פיש געהאט אויסגעשטארבן. און אזוי ווי דער טייך פאלט אריין אינעם מאראניאן, וואס איז איינדערעמסן דער ריזיקער אמאזאנאס טייך, איז געוועזן א סכנה, אז אויך ער זאל נישט פארסאמט ווערן. ביז די בראזיליענער רעגירונג האט אריינגעשיקט א ווארענונג דער פערואנער. ערשט דעמאלט האט די מינען־געזעלשאפט אויפגעהערט וואשן די מינעראלן אינעם טייך און האט זיך געמוזט באגנוגענען בלויז מיט פארגיפטן די לופט א שטח פון פופציק קילאמעטער ארום. פון דעם רויך שטארבן טאקע ניט אויס מיטאמאל ווי פון א פעסט די בהמות און די מענטשן, נאר לאנגזאם און בערך גאנץ שנעל שטארבן זיי פון טובערקולאז, פון האריץ־קראנקייטן און אנדערע כאלאאסן, וואס קומען פונעם רויך. און דאס, נישט געקוקט וואס די מענטשן וויסן שוין ווי זיך צו היטן פון דעם טויטלעכן רויך, פארשטעלנדיק זיך דאס מויל, די נאז און די אויגן מיט א טיכל.

די אינדיאנער פון ארום האבן שוין אסאך מאל פראטעסטירט, אז זיי ,

# צווישן ווילדע און ציוויליזירטע

ווערן קראנק, אז זייערע בהמות פייגערן אוים, ווייל זיי עסן דאס פארפעסטעטע גראז און אז זייערע קינדער שטארבן, ווייל זיי טרינקען דאס וואסער פון די טייכן און קוואלן, וואס האבן אף זייער אויבערפלאך דעם סאמיקן רויך, פון זינט די יענקים האבן אויפגעשטעלט די פיר שווארצע קוימענעס. ביטעם מיט טויזנטער אונטערשריפטן האט מען אין יענער צייט אריינגעשיקט צום דיקטאטאר לעגיא, ער זאל פאדערן פון דער רייבער מינען־געזעלשאפט, זי זאל אריינשטעלן א מאדערנעם רויך־קאנדענסאטאר, וואס טיילט אפ פונעם רויך די גאזן. די מינעראל־מאגנאטן האבן דעמאלט באצאלט לעגיאן שאדנערזאץ פאר די טויטע מענטשן און בהמות. נאר די טויטע און די קריפלס האבן דערפון גארנישט געהאט און די לעבעדיקע אויך ניט. מען האט אפילע אריינגעשטעלט א קאנדענסיר־מאשין, אבער א זייער נישט פערפעקטע און די פאר מיליאן דאלאר וואס די פערפעקטע און קאמפליצירטע מאשין דארף קאסטן, זיינען פארבליבן אין די אייזערנע קאסעס פון די שמעלץ־מאגנאטן, און די מאגנאטן זיינען פארבליבן פריי צו טויטן מענטש און חיה.

---

צוועלף קווארטאלן, אן ערך 1.500 מעטער די לענג און צוויי קווארטאלן, אן ערך 260 מעטער די ברייט פארנעמט די שמעלצעריי. די פאבריק וואלט אוודאי באדארפט האבן נאך א ברייטערן פלאץ, דערלאזן עס אבער ניט די הויכע קוואדראטנע בערג, צווישן וועלכע די פאבריק איז געשטעלט געווארן. זיי האבן פון אלע פיר זייטן געשטעלט א גרעניץ פאר איר. אחוץ דער נאטירלעכער גרעניץ, האבן נאך אירע באלעבאטים זי ארומגערינגלט מיט א הויכער מויער פון צעמענט, גראניט און שטאל, אזוי אז די פאבריק איז ארומגערינגלט מיט צוויי פעסטונגען, איינע מעכטיקער פון דער צווייטער. די פאבריק גופא זעט אויך אויס ווי א פעסטונג. און אין דער פעסטונג ארבעטן פערמאנענט, טאג ווי נאכט, אן איבעריים 4.000 מענטשן, זיך בייטנדיק יעדע אכט שעה.

צען טויזנט טאנען ברוטא־מינעראלן קומען אריין טעגלעך אין די טיגלען און עס קומען פון זיי ארויס מיט שטראמען פליסיקן פייער בלאקן שטראלנדער קופער געמישט מיט גאלד, מיט ניקל און זילבער, וואס ווערט ארויסגעשיקט פונעם לאנד אלס „ריינער קופער”. די קופער און גאלד־מינעראלן פון די מאראקאטשער און סעררא פאסקא־בערג, זעען אויס אין

## מאַרקוס פּאַרישעווסקי

זייער פּרימיטיוון צושטאַנד מערסטנס ווי גדאַפּיט אָדער ווי איבערגעבראָכענע קאָקס־קוילן, נאָר זייער שווער און זיי ווערן צוזאַמען מיט די אַנדערע מינעראַלן מיט דער הילף פון ספּעציעלע שטאָלענע וואַלצן פאַרוואַנדלט אין שטויב, דערנאָך געוואַשן און מיט הויב־מאַשינען געשאָטן אין די שמעלץ־טיגלען אָדער קעסלען.

די מענטשן דאָרט, ווי שוואַרצע געשפּענסטער, פאַרשוואַרצטע פּנים רויך וואָס פאַלט אויף זיי, לויפן אום אַרום די פלאַמיקע טיגלען הין און צוריק מיט לאַנגע אַמיאַנטענע לאָפּעטעס און שייער־שטאַנגען אין די הענט. מיט זייערע פאַרסאַרפּעטע, פאַרקוילטע פּנימער, האָבן זיי אויף מיר געמאַכט אַן איינדרוק פון שוואַרצע שרעקלעכע טייוואָלים אַרום די פייער־קעסלען אין דאַנטישן גהינום.

די אַרבעטער דאָ זיינען איינגעטיילט אין עטלעכע קאַטעגאָריעס. פון אונטן ביז אַרויף: די אינדיאַנער שוואַרץ־אַרבעטער, וואָס טוען די שווערסטע אַרבעט און ווערן אומענטשלעך עקספּלואַטירט און באַקומען פאַר איר נישט מער ווי צוויי סאָל טעגלעך; די איירראָפּעער, וואָס באַקומען פאַר דער זעלבער אַרבעט איבער דריי סאָל טעגלעך; די אינדיאַנער מעכאַניקער, וואָס באַקומען פינף סאָל טעגלעך, מעגן זיי זיין ווי קוואַליפיצירט און קאָמפּעטענט; די איירראָפּעער: דייטשן, פראַנצויזן און אַנדערע, וואָס באַקומען פאַר דער זעלבער אַרבעט אַכט און מער סאָל טעגלעך און די העכסטע קאַטעגאָריע — די ענגלענדער, וואָס מען צאָלט זיי די העכסטע לוינען. מער ווי אַלע אַנדערע פאַרדינען די יענקים, אָבער זיי זיינען בלויז אָנגעשטעלטע, אויפזעער און אַנדערע מינים פאַרשוינען מיט אומבאַשטימטע באַשעפטיקונגען, וואָס זויפן וויסקי, מאַכן סקאַנדאַלן און האַקן ציין און אויגן בא די פאַרהאָרעוועטע אינדיאַנער און שטעקן אָן מיט סיפילים זייערע ווייבער און טעכטער. דאָס זיינען די אַלע וואָס באַוואוינען די פראַכטפולע שאַלעטן מיט אַלע נויטיקע און אומנויטיקע באַקוועמלעכקייטן, וואָס שטייען קעגניבער די „קאָנווענטיזשאָס" מיט זייער נויט און קויט, מיט זייערע שטשורעס און אומפלייט, וואו מענטש און חיה לעבן צוזאַמען און אין פיזישער און מאָראַלישער דעגענעראַציע.

# 4387 פוס טיף אין דער ערד

גאַנצע 4.387 פוס טיף אין די שטיינערנע גערעדים פון דעם באַרג אַנטיקאָנאַ האָב איך מיך אַראָפּגעלאָזט ביז די מאַראַקאַטשער מינען פון גאָלד און זילבער און פון קופּער. איידער אָבער איך האָב מיך אַראָפּגעלאָזט, האָב איך מיך באַדאַרפט אויפהייבן. און אויפהייבן זיך האָט באַטייט זיך באַרייכערן מיט אייניקע דערפאַרונגען אַף די הויכקייטן, וואו עס געפינט זיך דאָס שטעטל מאַראַקאַטשאַ און נאָך העכער וואו עס געפינט זיך דער אַריינגאַנג אין די מינעס.

אין דעם שטעטל, קנאַפּע 17.000 פוס איבערן ים־פלאַך, האָב איך איבערגענעכטיקט און בין דאָרט שיר ניט פאַרפרוירן געוואָרן אַף אַן אמת. און גראָד אין בעט. ביז אַזייגער עלף האָט אין מיין האָטעל־צימער געברענט אַן אייזערן אייוועלע. נאָר געווען איז דאָרט אַזוי קאַלט, אַז זיצנדיק ניט ווייט פון דעם אָנגעגליטן אייזן, האָט מיר דאָך געקלאַפּט אַ צאָן אָן אַ צאָן. צום שלאָפן האָט די באַלעבאָסטע מיר אַריינגעלייגט אין בעט אַריין צוויי גרויסע ערדענע פלעשער מיט קאָכעדיק וואַסער אַף אָנצעוואַרימען מיינע האַלב־פאַרפרוירענע פיס. אַ דערוואַרימטער, בין איך שטאַרק איינגעשלאָפן און דאָ איז געשען אַן אַקצידענט. אין שלאָף האָב איך אוודאי מיט די פיס אויפגעשטעקט דעם פּראָפּן פון אַ פלאַש און די שוין אָפּגעקילטע וואַסער האָט זיך צעגאָסן איבערן גאַנצן בעט און מיך אָפּגענעצט ווי אַ קאַץ. איך בין אָבער אַזוי געשמאַק געשלאָפן, אַז איך האָב גאָרניט געפילט. ערשט אַזייגער אַכט אינדערפרי, ווען מ'האָט מיך אויפגעוועקט, האָב איך דערזען, אַז איך בין געפרוירן שטייף, שיר ניט אַ פאַרשטאַרטער, אַ צוגעפרוירענער צום לײַלעך און צום שטרויענעם מאַטראַץ, וואָס זיינען שטייף ווי אַ בלעך. די אַנדערע פלאַש מיט וואַסער, וואָס איך האָב אינעם שלאָף אַראָפּגעוואָרפן פונעם בעט, איז געלעגן אַפן דיל מיט אַ מאַסיוו שטיק אייז אינעווייניק.

# מאַרקוס פּאַרישעווסקי

כמעט יעדע נאַכט פֿאַלט אויס אַ געדיכטער שניי אין דעם שטעטל און באַטאָג, בעת די זון שיינט אויף, ווערן די אָנגעשאָטענע שנייען אַקעגן אירע שטראַלן אין יאַמען פֿאַרוואַנדלט. עס טרעפֿט אָבער אויך, אַז דער קלימאַט זאָל זיך דאָ בייטן עטלעכע מאָל אין טאָג, ווי עס טרעפֿט, אַז פֿיר, פֿינף און אַפֿילו צען מעת־לעת נאָכאַנאַנד זאָל האַלטן אין איין שנייען און רעגענען. אין דעם לעצטן פֿאַל, ווערן די טיפֿע שמאָלע טאָלן און טייכן אָנגעפֿילט און כאַטשע די טאָלן און די טייכן צווישן די בערג לויפֿן אַלע מיט אַ שטאַרקן מעשופּע אַף אַראָפּ, ווערט דאָך אין די הויכ־קייטן אַ געוויסער און אונטן אַ קאַטאַסטראָפֿאַלע פֿאַרפֿלייצונג.

איר קענט דאָ טרעפֿן אַזאַ דערשיינונג: איר שטייט מיטן פּנים צו דער זון אין אַ שיינעם זוניקן טאָג און איר פֿילט אַזאַ אָנגענעמע וואַרימ־קייט, ווי לעבן אַן אָנגעצונדן אייוועלע אין אַ ברענענדיקן פֿראָסט. איר שטייט נאָך אַ ווײַלע און איר דערפֿילט ווי עס בריט אייך, ווי די שטראַלן וואָלטן זיך קאָנצענטרירט אַף אייך דורך אַ ברען־גלאָז. אין דער זעלבער צייט אָבער דערפֿילט איר אין דער פּלייצע אַ שטעכיקע פֿראָסטיקע קעלט. אייער פּלייצע איז געווען אין שאָטן, בעת אייער פּנים איז געווען אין דער זון. די פֿיזיק דערקלערט דאָס דערמיט וואָס סיי די זון און סיי דער פֿראָסט טרעפֿן ניט אָן דאָ אויבן דעם ווידערשטאַנד, וואָס זיי טרעפֿן אָן אין דער אונטערשטער אַטמאָספֿער אין דער פֿאָרעם פֿון די שטויבעלעך, פֿון די מיקראָסקאָפּישע באַשעפֿענישן, פֿון די זויערשטאָפֿן, פֿון דעם ניטראָגען און הידראָגען, פֿון די אַטאָמען־קערפּערס און עלעקטראָנען, אַ געדיכט־קייט, וואָס לאָזט נישט צו אַזוי גרינג סיי די היץ און סיי די קעלט. אויבן איז דאָס אַלץ כמעט נישט בנמצא און די היץ ווי די קעלט, האָבן אַ פֿרייען צוטריט צום מענטשן.

און אָט אַ צווייטע דערשיינונג: קלעטערנדיק אַרויף צו דער מינע, האָב איך מיך פּלוצים דערזען צווישן וואָלקנס. אַ צען מעטער ווייטער, אָן אַ זייט, קעגנאיבער אַ שרעקלעך גרויסן שניי־בלאָק, איז געפֿאַלן אַ טרוקענער שניי, וואָס האָט זיך אויפֿגעהויבן ווי אַ ווייסער אַש־שטויב. פֿאַר מיר און הינטער מיר, האָט די זון זיך דורכגעריסן די געדיכטע שניי־וואָלקנס. וואו נאָר די זון־שטראַלן האָבן אָנגעריפֿן, איז דער שניי פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין וואַסערפֿאַלן. פֿון דעם וואַסער, ווידער, האָט זיך געהויבן אַ געדיכטער דאַמף, וואָס איז געוואָרן וואָס העכער אַלץ גע־דיכטער און אין איין אויגנבליק זיך פֿאַרוואַנדלט אין אַ געדיכטן נעפּל.

## צווישןווילדע און ציוויליזירטע

דער נעפּל האָט זיך ווידער אראָפּגעלאָזט אין דער פּאַרעם פון א וואָלקן־זייל, וואָס האָט מיר ניט נאָר די זון פאַרשטעלט, נאָר אויך דעם באָדן א פּאָר שפּאַן פאַר מיר און מער ווי דעם וואָלקן האָב איך נישט געזען.

אין דעם וואָלקן בין איך דורכגעגאַנגען א הונדערט מעטער, וואָס האָבן בא מיר געדויערט אוודאי א שעה צייט. אזוי געדיכט איז ער געוואָרן, אז איך האָב געגוי געפילט זיין שווערן איבער מיר. איך האָב געקוקט צו דער זייט וואו די זון איז ערשט געווען און האָב זי געזען ווי א מאַראַנץ די גרויס, איינגעהילט אין א געדיכטער טונקעלער הילע. און אויסגעמישט איז נאָך דערצו געווען דער וואָלקן מיט די גאַזן, וואָס שלאָגן אַרויס פון די מינעראַלן אין די בערג. וואָרום אויך דאָס דאַרף מען וויסן; כאָטשע אַף אַלע בערג איז די לופט שיטער, איז זי אָבער ניט אַף אַלע בערג דורכגעזאַפּט מיט אַזעלכע שעדלעכע גאַזן ווי דאָ, וואָס שטיקן אין האַלדז און בייסן אין די אויגן דעם ניט צוגעוואוינטן מענטשן. און וועט איר אייך גלויבן? מיט אַן ערך פופציק מעטער ווייטער, ווי עס האָבן מיר פאַרזיכערט די מענטשן, וואָס האָבן דאָרט געאַרבעט באַם אויסהאַקן א לאָך פאַר א טונעל צו א נייער מינע, האָט אַף א רגע נישט אָויפגעהערט שיינען די זון. איך האָב עס, אגב, דערקענט אָן זייערע מלבושים, וואָס האָבן אַף זיך קיין סימן נישט געהאַט פון רעגן, שניי אָדער נעפּל.

זייער ווינציק פרעמדע מענטשן זיינען דעריבער פעיק אויסצוהאַלטן יענע קאַפּריזנע טעמפּעראַטורן און קלימאַטן, וואָס בייטן זיך אזוי שנעל. מיר איז דער גאַנצער מהלך אַרויף צו דער מינע אָנגעקומען מיט אומבאַשרייבלעכער מאַטערניש דורך די אַלערליי פּעריפּעציעס. קעגן אַנדערע „פרישע" קלעטערער, האָב איך מיך דאָך ניט אזוי שלעכט געפילט. ערשט ווען איך בין אַרויפגעקומען אַף דעם פאַרשנייטן קאָפּ פונעם באַרג. קנאַפּע צוואַנציק טויזנט פוס איבערן ים־פלאַך, פונוואַנען איך האָב ערשט באַדאַרפט אַרויפקלעטערן צו דער מינע, האָט מיר גענומען שרעקלעך קלאַפּן אין די שלייפן, ווי א טייוולאַנישע מאַשין וואָלט זיך אין מיין מוח באַזעצט און וואָלט מיט טויזנטער רעדער געדרוישט. פלוצים האָט זיך מיר דאָס האַלדז־צינגעלע איבערגעדרייט אַף אַרויף פון מיין שטאַרקער אָנשטרענגונג עפּעס אַרויסצוריידן צו מיינע פירער און פון מיין שטאַרקן סאַפּען. דאָס איבערגעקערטע צינגעלע האָט מיר פאַרשאַפט א פאַרלאַנג צו הוסטן און צו ברעכן, נאָר איך האָב מיך איינגעהאַלטן מיט די לעצטע כוחות, ווייל דאָס וואָלט פאַר מיר זיכער געווען פאַטאַל.

# מאַרקוס פּאַרישעווסקי

די טיר פונעם טונעל, וואָס פירט אין באַרג אַריין, איז עטלעכע מע־טער די ברייט און געגוג הויך און דער טונעל האָט טרעפּ אויסגעהאַקטע אינעווייניק אינעם באַרג אַף אַראָפּצוגיין און בײַ דער זייט פון די טרעפּ זיינען אויסגעלייגט צוויי ליניעס דינינקע רעלסן, איבער וועלכע עס הערן נישט אויף קורסירן הין און צוריק קליינע לאַסט־באַנדלעך. וואָס טיפער ווערט דער אַריינגאַנג אַלץ ברייטער און צעצווייגט אין אַן אַ שיר געסלעך און פּאַסאַזשן, באַלויכטענע מיט עלעקטרישע לעמפּלעך. יעדע עטלעכע מעטער אַן עלעקטריש לעמפּל.

איידער איך האָב מיך אַרונטערגעלאָזט מיט איינעם פון די באַנד־לעך, האָב איך געוואָרפן אַ קוק אַף דער אויבערשטער פלאַך פון עטלעכע צענדליק טויזנט מעטער קוואַדראַט. וואו ניט וואו אַ הויקער, אַ שפּאַלט, אַ קנייטש מיט טויזנטער מעטער קוביק אייביקן אייז און שניי; די לאַ־גערס מיט די וואוינונגען פאַר די מינען־אַרבעטער; אַן אַזערע, גרויס אַן ערך אַ דריטל פונעם גאַנצן שטח, און גלייך קעגניבער דעם אַראָפּגאַנג אַ גרויסע געביידע פון שטיין, פון צעמענט און שטאָל: די מיל, וואָס צע־מאָלט, וואַשט און קאָנצענטרירט די מינעראַלן און מאַכט זיי גרייט צום שמעלצן.

דאָס עלעקטרישע וואַגאָנדל, וואָס פירט מיך אַראָפּ לויפט ניט אַזוי שנעל ווי עס לויפן די אַנדערע. דער סופּער־אינטענדענט פון דער מינע האָט אַזוי באַפוילן, מחמת פונעם שנעלן בייטן די לופט, פון הויכער, פראָסטיקער און שיטערער, גלייך אין דער אונטערערדישער הייסער, דוש־נער און פייכטער, קען איך נאָך באַקומען אַ בלוט־שטורץ. וואַגאָנדלעך לויפן אומאָפּהענגיק איינס פונעם צווייטן, יעדעס מיט זיין אייגענער עלעקטרישער קראַפט, פון זיין אייגענעם אַקומולאַטאָר, באַגלייט פון אַ מאָטאָרמאַן, און פאַרשווינדן מיט בליץ־שנעלקייט אַראָפּ אָדער אַרויף.

און אָט בין איך שוין אין דער ערשטער גאַלעריע.

דאָס פּלאַץ, וואו דאָס וואַגאָנדל איז מיט מיר געבליבן שטיין, בײַ די אַכט הונדערט פוס טיף, פאַרנעמט אַ שטח פון אַ הונדערט מעטער ברייט אַף אַן ערך צוויי הונדערט מעטער לאַנג, שוין אינגאַנצן אויסגע־נוצטע. אַלע איינריכטונגען דאָ, די באַנדלעך, די עלעקטרישע אַפּאַראַטן, זיינען דאָ אָפּגעשטעלט. איך האָב דאָ פאַרבראַכט נישט מער ווי אַן ערך צוואָנציק מינוט און האָב מיך געלאָזט פאָרן ווייטער און טיפער, ביז אַ צווייטער גאַלעריע, וואו עס האָבן געאַרבעט דריי הונדערט אינדיאַנער.

# צווישן ווילדע און ציוויליזירטע

פון דער צווייטער בין איך אראפ אין א דריטער, און א פערטער, און א פינפטער, אף דער טיף פון 4.387 פוס. אט די גאלעריע, די פינפטע, האט א הונדערט מעטער די ברייט און איבער דריי טויזנט די לענג און א וואנט פונעם בארג גופא טיילט זי אפ פון נאך אנדערע דריי גאלערייעס, מיט דורכגענג פון איינער אין דער אנדערער. די ווענט האט מען איבערגלאזט בדי צו פארהיטן די גאלערייעס פון א מעגלעכער איינוואלגערונג. 2.680 ארבעטער, פרייוויליק רעקרוטירטע, גייען דא אום ווי מאגערע צוויי־פיסיקע אייזלען, מיט פענימער פון אלטע אויסגעטרוקנטע סקעלעטן. מתים, לעבעדיקערהייט באגראבענע, ארבעטן פלייסיק אונטער דער בייטש און קאמאנדע פון הארצלאזע דייטשע און איטאליענישע קאפאטאזן, איבער־הויפט פון די קאנטראטיסטן. אט די לעצטע קען מען פארגלייכן נאר צו בייזע בלוטדורשטיקע חיות.

דער סופיט איז אין די גאר נידעריקע ערטער אונטערגעשפארט מיט ריזיקע עקאליפטן־קלעצער. אין די העכערע, ד"ה, דארט וואו ס'איז העכער און נישט צו זיכער, זיינען זיי אונטערגעשפארט מיט אייזערנע געקרייצטע זיילן פון אבציק צענטימעטער אין פראפיל. אין די גאר גרויסע און הויכע באלעס, זיינען די סופיטן אונטערגעשפארט מיט גיגאנטישע זיילן פון פרימיטיוון בארג גופא, וואס די אינזשעניערן האבן צוליב דעם איבער־געלאזט. און דאך קומען דא פאר שוידערלעכע קאטאסטראפעס; עס ברעכט זיך איין א באלקן, עס פאלט אראפ אף די פארשמייעטע, פארהארעוועטע מענטשן א גרויסער שטיין, א שטראם גיפטיקע גאזן רייסט זיך אריין אדער גאר דאס וואסער פון דער טיפער אזערע וואס אף דער אויבער־פלאך און דערטרינקט מיט איין מאל הונדערטער מענטשן.

אין דער גרעסטער סכנה אבער ווערט די קאטארזשנע ארבעט נית אפגעשטעלט און אן אויפהער געיאגט. די מענטשלעכע מוראזשקעס טארן אף א מינוט נית שטיין בלייבן. דער גאנצער ארום, דער געוואגטער פאר־נעם, דער ווייטער באלעל אין דער טיפעניש, די שווערע ארבעט מאכט אן איינדרוק אף דעם פרישן מענטש, ווי ער וואלט דורך א שפיצל פון שדים אריינגעפאלן אין גיהנום און די מענטשן דא זיינען גארנית קיין מענטשן, נאר מחנות גילגולים פון זינדיקע, וואס זיינען באשטראפט פונעם הימל דא צו גראבן און זיך מאטערן ביז זייערע זינדיקע נשמות וועלן אויס־געלייזט ווערן.

יעדע צען מעטער שטייט א גראבער עקאליפטן־סלופ אדער אן אייר־

# מ א ר ק ו ס  פ א ר י ש ע ו ו ס ק י

זערנער זייל, יעדע פופציק מעטער — אַ שטיינערנע קאָלאָנע, וואָס גלאַנצט מיט מיליאָנען שימערירנדע בליטשקעס, ווי זי וואָלט זיך באַרימט מיט די מיליאָנען דאָלאַרן ווערטפולע מעטאַלן, וואָס ליגן אין איר באַהאַלטן פון אייביק אָן און דאָך איז זי פאַרבליבן אַ געשווינטע, אַ אומבאַרירטע, אַ „שארית הפליטה" פון אונטער דער האַנט פון דער ציוויליזאַציע און פון דער מענטשלעכער אַמביציע.

דער גערויש און דער געפילדער פון די מאָטאָרן, פון די שטאָלענע קירקעס און לאָפּעטעס און די טייוולאָנישע פייפעריי פון די הונדערטער און הונדערטער עלעקטרישע וואַגאָנדלעך, וואָס פליען ממש אום, לייַדיקע און אָנגעלאָדענע מיט מינעראַלן צווישן די סלופּעס און זיילן מאַכט אַלעמען שווייגן. אַף יעדן סלופּ, אַף יעדן זייל און אַף יעדער נאַטור־קאָלאָנע הענגען צו פיר מעכטיקע רעפלעקטאָרס. און דאָך איז דאָ פינצטער, אַ כאַשכעס, די שאָטנס פון די סלופּעס, זיילן און קאָלאָנעס גופא פאַרשאַפן די פינצטערניש, ווי אויך דער געדיכטער שטויב פון די מינעראַלן, וואָס מען רייסט זיי אויף מיט דינאַמיט. די איינציקע מענטשלעכע קולות, וואָס מען הערט אַרויס פון דעם פאַרטויבנדיקן גערויש און כאַשכעס, אין דעם קנאַלן און קראַכן, זיינען די געשרייען פון די אונטערטרייבער און אַמאָל אַ האַרצרייסנדער וויי־געשריי, גאָר ניט אַף לאַנג, אַלץ איז גובר דער מעכאַנישער שטאָלענער געפילדער.

אָט נעמט אַ קאָנטראַקטיסט מיטן נאָמען אַלוואַרעז דע לאָס סיען פועגאָס, אַ הויכער ברייטביייניקער ריז, מיט לאַפּעס פון אַ בער און אויגן — שפּיזן פון אַ צערייצטן הונגעריקן יאַגואַר, צען גרויסע שאַכטלען דינאַמיט און שטעקט זיי אַלע אַריין אין צען לעכער אויסגעבויערטע אין דער שטיינערנער וואַנט, קאָמוניקירטע איינער מיט דעם צווייטן, אַזוי אַז מיט איין ריר באַ אַן עלעקטריש קנעפּל זאָלן זיי אַלע אויפרייסן און גיט אַ באַפעל אַלעמען אָפּצורוקן זיך פון דאָרט, זיך אויסצובאַהאַלטן. מיליאָנען קולות און ווידער־קולות, צווישן פייערדיקע צונגען, פאַרטויבן דעם גאַנצן חלל, ווי דער באַרג וואָלט פּראָטעסטירט קעגן דעם מענטשנס אכזריות, וואָס רייסט פון אים שטיקער, טרעפּאַנירט זיין מוח, קראַצט און רייסט פון אים די געדערים. נאָר אומזיסט קרעכצט ער און ציטערט באַ יעדן אויפרייס, וואָס קומט פאַר יעדע רגע אַף אַן אַנדער אָרט. צענערדיקע שטיינער פליען ווי שפּענדלעך אין אַלע זייטן און פונקען גרויסע, ווי די ראַקעטן, און פליענדיק שטויסן זיך אָן די שטיינער איינער אָנעם

# צווישן ווילדע און ציוויליזירטע

צווייטן און עס קומען דערפון ארויס נייע אויפרייסן און נייע פונקען בלענדן די אויגן, גיט צוגעוואוינטע צו דער אנגעקליבענער שטויביקער ליכטיקייט. און גלייך נאכן אויפרייס, דער מיליאנען יעריקער בארג האט נאך נישט אויפגעהערט קרעכצן, טוט א ווילדן ברום דאס קול פון דעם גייציקן קאנטראקטיסט אין זיין זילבערנעם הויך־ריידער:

— אל טראבאכא מוטשאטשאס טשאליטאס! (צו דער ארבעט, אינ־דיאנער יונגען!)

די ארבעטער קריכן ארויס פון זייערע באהעלטענישן, כאטשע די סכנה איז נאך ניט פארביי, גייען צו מיט אינסטינקטיווער פארזיכטי־קייט צום צעשמעטערטן ארט און מיט שטאלענע שטאנגען, קירקעס און לאפעטעס, הויבן זיי אן צוזאמענעמען, אפרייסן און אפהאקן דאס וואס דער דינאמיט האט נישט פארענדיקט. טרעפט טאקע, אז דער אויפרייס האט איבערגעלאזט אן אנגעשפאלטענעם שטיק שטיין פון עטלעכע טאנען. וואס הענגט ארויסגעשטארצט פונעם סופיט אדער פון די ווענט און פונקט ווען די ארבעטער זיינען פארנומען מיט צוזאמענעמען די צעריסענע שטיקער, צעהאקן און ווארפן אין די עלעקטרישע וואגאנדלעך, פאר־גלוסט זיך דעם אפגעשפאלטענעם שטיק אראפפאלן אף די קעפ פון די ארבעטער.

געשעט אזא קאטאסטראפע, באצאלט די סעררא־פאסקא־קאמפאניע דער איבערגעבליבענער אלמנה אדער די יתומים צו צען פערואנער פונטן פאפיר פאר יעדן קרבן, שטעלט א ליכטל צוקאפנס דעם טויטן, אויב ער ווערט ארויסגענומען פון דער מינע און גיט אים א קבר אפן בית עולם. קען מען אבער דעם הרוג ניט ארויסנעמען פון אונטער די ברוכשטיקער, ריכ־טיקער געזאגט, ווען דער צעקוועטשטער האט קיינעם ניט, וואס זאל מאנען פאר אים די צען פונטן שאדנערזאץ, איז פאר דער קאמפאניע אוודאי בעסער, דעמאלט ווערט דער קרבן פון דער מינע נישט ארויס־גענומען, מען באהאלט אים אין א לאך און מיט די זעלבע שטיינער, וואס האבן אים דעם טויט געמאכט, פארשיט מען אים און מען פארגיסט דעם לאך מיט צעמענט. אז ניט, בא א גרויסער צאל קרבנות, ווערן זיי — אף א גאנץ מאדערנעם אופן — פארברענט. אזעלכע נאך־אויפרייסן, מיט גרוי־סע מאסן קרבנות, טרעפן ווען דער דינאמיט־פייער פארייניקט זיך מיט א צונד־גאז. עס טרעפן אויך פאשעטע מאסן־דערשטיקונגען פון גיפטיקע גאזן, וואס זאמלען זיך אן אין טייל ערטער פון דער מינע, באזונדערס

## מארקוס פאַרישעווסקי

אין די נאַטירלעכע הייל, וואָס געפינען זיך אין די בערג און די אינזשע־ניערן באַטראַכטן זיי ווי די לעבער אינעם שווייצער־קעז.

אין דער פינפטער גאַלעריע איז די היץ אַ שרעקלעכע און קיין לופט איז כמעט נישטאָ, כאָטשע מען פּאָמפּעט פון דאָרט אַרויס די שטיקנדיקע גאַזן און מען פּאָמפּעט אַהין אַריין פרישע לופט פון אויבן דורך ספּעציעלע רערן. דריי מאָל האָט מען מיך אַרויסגעפירט מיט אַ ספּעציעלער ווינדע אַף צו כאַפּן אַביסל פרישע לופט און ווען איך האָב מיך אָפּגעפרישט, האָב איך געהייסן מען זאָל מיך צוריקאַראָפּלאָזן. די ווינדע פונקציאָנירט בלויז פאַר די אָנגעשטעלטע, פאַר די אויפזעער און קאָנטראַקטיסטן, ווי אויך פאַר זשורנאַליסטן און אין אַ אומגליקספאַל פירט מען מיט איר אַרויף אויך די פאַרוואונדעטע. נאָכן דריטן מאָל אַראָפּלאָזן זיך, האָב איך מער ווי אַ שעה צייט נישט געקענט זיין אונטן. צוערשט האָב איך חשק געהאַט אַראָפּצעוואַרפן פון זיך די מלבושים און בלייבן נאַקעט ווי די מערסטע וואָס אַרבעטן דאָרט. אויב איך האָב עס נישט געטון, איז עס געווען דערפאַר, וואָס איך האָב נישט געקענט. די מלבושים, פאַרשטויבטע און פאַרויכערטע, זיינען אַף מיר צוגעקלעפּט געווען צום לייב פון דעם שווייס וואָס האָט מיך באַגאָסן. דערנאָך האָב איך ממש דערפילט ווי די כוחות גייען מיר אויס און מיר האָט זיך נישט געוואָלט שטאַרבן אינווייניק אין די געדערים פון דעם אַנטיקאָנאָ.

אַרויסגעפירט האָט מען מיך נישט דורך דעם לאָך דורך וועלכן איך בין אין דער טיפעניש אַריינגעקומען און נישט מיט דער ווינדע. אַ פּראַק־טיקער האָט מיך צוזאַמען מיט אייניקע העכערע אָנגעשטעלטע אַרויפגע־זעצט אַף דעם עלעקטרישן וועגעלע און גענומען פאָרן נישט אַרויף, נאָר גלייך אַף דעם זעלבן ניוואָ פון די 4.387 מעטער טיף אונטער דעם באַרג און אונטער דער טיפער אָזערע, וואָס ליגט אַף אים, אין דער ריכטונג צום שטעטל. אַ וואונדערלעכע אינזשעניערן־אַרבעט איז דער טונעל, דורך וועלכן מען האָט אונדז געפירט. די קלוגע אינזשעניערן האָבן דעם נאַ־טירלעכן סופית זיינעם, וועלכער איז אין דער זעלבער צייט דער דעק פון דער אָזערע, באַפעסטיקט מיט אַ צווייטן סופית, אַ קינסטלעכן. ווען מיר זיינען צוגעקומען צו דעם אָרט, וואו דער טונעל גייט אונטערן וואַסער, האָבן מיר באַקומען פונעם טונעל־אויפזעער צום אָנטון מאַנטלען קעגן וויטריאָל און מאַסקעס קעגן גאַז, מחמת פונעם סופית טריפן אַזעלכע

טראַפּנס, וואָס זיינען אַן אויפליינ־שטאָף, ווי זאַלץ־זויער אָדער נאָך שטאַרקערס.

דאָס קומט דערפון — האָבן מיר מיינע באַגלייטער דערקלערט — וואָס אַפן דעק פון דער אָזערע, געפינט זיך אַ שיכט פון אַן עֶרך דרייסיק מעטער די גרעב כמעט ריינער מעטאַל, אַ געמיש פון קופּער, בליי, זילבער, פּלאַטין און ניקל, אין אַ פליסיקן צושטאַנד און די טראָפּנס זיינען אַן אויסשווייסונג פון זיי. אַף מיין פראַגע ווי קומט עס וואָס מען לאָזט אַזאַ רייכטום ליגן אומבאַריִרט, האָבן זיי מיר געענטפערט, אַז די אינזשעניערן האָבן מורא די אָזערע צו באַלעסטיקן, מחמת דאָס קען ברענגען צו אַ פאַרפלייצונג אין דער מינע. אַזאַ זאַך איז שוין געשען מיט אַ צוויי־מער מינע אונטער דער זעלבער אָזערע און עֶם זיינען דערפון אומגעקומען איבער דריי טויזנט מענטשן. ערשט אין אַ צייט אַרום, זאָגן זיי, ווען דער אַנטיקאָנאַ וועט אינגאַנצן אויסגעליידיקט ווערן פון זיין טייערן מאַרך, וועט מען דאָס פּאַשעטע וואַסער פון דער אָזערע אַראָפּלאָזן אין די ליידיקע היילן, דעם אונטערשטן שיכט פליסיקע מינעראַלן וועט מען אויספּאָמפּען אין ספּעציעלע טאַנקען, כדי זיי צו קאָנדענסירן און ערשט דעמאָלט וועלן זיך די אינזשעניערן נעמען אַרויסשלעפּן די פאַנטאַסטישע אוצרות וואָס ליגן באַהאַלטן אין דעם מאַסיוון אָזערע־באָדן זייט מיליאָנען יאָרן, אויסגעהיט דורך דער נאַטור פאַר אירע גייציקע און אומדאַנקבאַרע קינדער.

# כאָוכאַ

פון אייביקן ווינטער פיר איך אייך אַריין אינעם אייביקן פרילינג, באַטשע די שטאָט כאָוכאַ און איר אומגעגנט מיט זייער אייביקן מילדן פרילינג זײַנען גאַרנישט אַזוי ווײַט פון מאַראַקאַטשאַ מיט זײַנע ברע־נענדיקע פרעסט, בלויז אַ פּאָר סטאַנציעס. כאָוכאַ שטייט אויף אַ הויך פון 3.387 מעטער איבערן ים־פלאַך, אָבער טיף צווישן די קאַרדיליערן און פון זיי באַשיצט. באַשיצט פון היץ און פון קעלט. און דעריבער איז דאָ קיינמאָל ניט צו הייס און קיינמאָל ניט קאַלט. און אַ לופט איז דאָ, אַז קיין בעסערע, דאַכט מיר, איז גאָר אויף דער וועלט נישטאָ. דער ווינטער איז דאָ נישט מער ווי אַ רעגנדיקער פרילינג. און דער רעגן דאָ לאָזט נישט איבער נאָך זיך קיין שום פייכטקייט. ער וואַשט בלויז אָפּ די ציכטיקע געסלעך, וואָס ליגן מעשופּעדיק און לויפט תיכף אָפּ אין די רינ־שטאָקן און אין די באַוואַסערונגס ריטשקעס.

ווײַט אַרום דער שטאָט, וואָס פאַרמאָגט אַ באַפעלקערונג פון אַן ערך 15 טויזנט איינוואוינער, לויפן ברוזנדע טײַכן אין די טאָלן. ווײַטער נאָך, אַן ערך פופציק אָדער צוואַנציק קילאָמעטער פון דער שטאָט הויבן זיך די הויכע באַשנייטע בערג און אין אַ קרייז אַרום דער שטאָט, אַן ערך פיר אָדער פינף קילאָמעטער אָפּגערוקט, ווי אַ וואַך אַרום איר — עטוואָס נידעריקערע בערג, עטלעכע טויזנט מעטער הויכע, נאָר נישט באַשנייטע.

נאָך נענטער צו דער שטאָט, דריי און פיר קילאָמעטער ווײַט, רינגלט זי אַרום אַ רינג פון בערג שוין גאַנץ נידעריקע, וואָס זייערע שפּיצן זײַנען באַוואַקסן מיט פרוכט־ביימער און אויף זייערע רוקנס ביז צו דער שטאָט — באַאַרבעטע פעלדער, לאַנקעס, סעדער מיט עקזאָטישע פרוכטן, בלומען פון זעלטענע קאָלירן און ריחות, וואָס פאַרפּומירן די לופט. אויף די לאַנ־קעס זעט מען זיך פיטערן בהמות, וואָס זעען אויס ווי דאַרטן טאַקע פון דער ערד אויסגעוואַקסענע. אויף די פעלדער וויגן זיך די זאַנגען גערשטן און האָבער, ווייץ און מאַיס, שניי־ווייסע וואַטע־קנאָספּן, פונעם ווינט געטריבן ווי די כוואַליעס פון ים.

צוויי ק׳טשוא־קאציקס: פּאַטשאַטשאַקאַ טשימפּוהויוויִלקאַ (לינקס) מיט זיין זון סומאַק הואַינאַ (רעכטס).

אַ קאַפּעליע פון קוזקאָ־אינדיאַנער.

מעגאַליטן וואָס זיינען פאַרבליבן צווישן די טיאַקואַנאַקאָ־אינ־
קאַישע חורבות, וואָס די שפּאַניער האָבן ווייזט אוים פאַרגעסן
צו צעשטערן.

# צווישן ווילדע און ציוויליזירטע

אין כאוכא געפינט זיך די גרעסטע סאַנאַטאָריע פון פערו פאַר לונ־גען־קראַנקע און אויך ניינציק פּראָצענט פון די געזונטע באַוואוינער אירע זיינען טובערקולאָזע אָדער געוועזענע טובערקולאָזע. די רייכע — אויך רייכע ווערן קראַנק אַף שווינדזוכט — וואוינען אין פּאַלאַצן, וואו זיי האָבן איינגעאָרדנט פאַר זיך זייערע אייגענע סאַנאַטאָריעס מיט אייגענע דאָקטוירים, וועלכע זיינען אַליין טובערקולאָזע אָדער געוועזענע טובער־קולאָז־קראַנקע. ס'רוב כאוכער איינוואוינער זיינען די גאַנצע געפאַר שוין אַריבער, נאָר זיי פאַרבלייבן דאָ וואוינען, כדי ניט ווידער אויפצעוועקן די קראַנקייט.

דאָ, אין כאוכא, האָב איך געהאַט די געלעגנהייט זיך צו באַקענען מיט אַ בלייכן, טויט־ווייסן אידן און מיט אַ שטרוי־געלער אידענע, זיין ווייב. ער איז קוים 29 יאָר אַלט געווען און שוין אויפגעפרעסן געווען פון דער גרויזאַמער ווייסער פּעסט און פון זיין גיפטיקער אידענע. ער ווייסט אַז ער איז שווינדזיכטיק און דער פאַר טאַקע איז ער געקומען אַהער מיט צוויי יאָר צוריק זוכן פאַר זיך גאַנצע לונגען. זיינע גרויסע, טיפע, פּעך־שוואַרצע אויגן, זיין בילדונג און קלוגשאַפט האָבן אַף מיר אַ גוואַלדיקן איינדרוק געמאַכט. קעגן דעם דאָקטערס פאַרבאָט נישט צופיל צו ריידן, האָט ער זייער אַ סאַך גערעדט.

געקומען איז ער קיין פערו נאָך אין יאָר 1922 מיט אַ וויכטיקער דיפּלאָמאַטישער שליחות פון דער ראַטנמאַכט צו דער פּערואַנער רעגירונג און אין לימאַ האָט ער פון אַ גיפטיקן קאָמאַר באַקומען מאַלאַריע און פון דער מאַלאַריע — שווינדזוכט. גערעדט האָט ער פון זיינע איבערלעבונ־גען, פון זיינע העלדישקייטן אַלס אָנפירער פון אַ רעגימענט רויטאַרמייער קעגן יודעניטשעס און מאַכנאָס באַנדעס. גערעדט האָט ער מיט אַ זשעדנע־קייט, ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז אויב ער וועט מיר ניט באַלד דער־ציילן, כאָטשע צו ביסלעך פון יעדער וויכטיקער געשעעניש, וועט מיט אַ רגע שפּעטער שוין אפשר זיין צו שפּעט.

אין אַ טאָג, דעם 30טן סעפּטעמבער 1925 איז עס געווען, האָט ער מיר דערציילט וועגן דער סאָוועטישער אידישער יוגנט, וועגן די וואונ־דער פונעם נייעם רוסלאַנד, האָט ציטירט פראַגמענטן פון זיינע אייגענע רעדעס, רעדעס פון לענינען אַף פאַרזאַמלונגען אין מאָסקווער גרויסן טעאַ־טער, פלאַם־פייערדיקע רעדעס פון לעאָן טראָצקי, וועלכן ער האָט פער־

זענלעך געקענט. (בעת דעם שמועס, איז נאָך טראָצקי געווען „דער גרויסער חבר טראָצקי").

פאַר מיין אָפּפאָרן פון כאוכא בין איך נאָך איין מאָל בא אים געווען. אָבער ער האָט שוין צו מיר נישט גערעדט, ער האָט שוין נישט געקענט. בלויז זיינע פייכטע פיבער־אויגן האָבן געזאָגט א סאך. דער דאָקטער וואָס איז געזעסן לעבן זיין בעט — אַן אויסגעקורירטער, וואָס טאָר אָבער קיינמאָל ניט פאַרלאָזן די כאוכער לופט — האָט אים אבסאָלוט פאַרבאָטן ריידן.

---

די סאַנאַטאָריע, א גאַנץ פיינער און זויבערער אנשטאַלט, פאַרנעמט א שטח פון איבער פינף הונדערט מעטער די לענג אוף צוויי הונדערט און פופציק די ברייט. איר פראָנט איז פאַרנומען פון א גרויסער קירכע מיט א פרויען־מאָנאַסטיר, אָנגעפירט פון פראַנצויזישע מאָנאַשקעס. אָנדערט־האַלבן טויזנט בעטלעך האָט די סאַנאַטאָריע פאַר ערנסט קראַנקע און נאָכאַמאָל אזוי פיל פאַר „אָנפאַנגער". זי פאַרמאָגט גוטע היגיענישע איינ־ריכטונגען און ניט קיין שלעכטע דאָקטוירים ספּעציאַליסטן, תחילת איז מיין פריינט, דער סאָוועטישער איד, אויך דאָרט געלעגן און זיך טאָקע וואָס אַמאָל געבעסערט, ביז די הייליקע מאָנאַשקעס האָבן זיך דערוואוסט אַז ער איז א איד, וואָס זיינע אבות האָבן מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק געקרייציקט גאָטס זון און די גוטע און פרומע מאָנאַשקעס האָבן דאָס אים נישט געקענט מוחל זיין. און אינעם נאָמען פונעם גאָט פון מחילה, האָבן זיי דעם יונגנמאַן אזוי לאַנג געקרייציקט, ביז ער האָט זיך גענומען פילן אַלץ ערגער און האָט געמוזט פאַרלאָזן די סאַנאַטאָריע...

---

כאוכא איז דאָס האַרץ פונעם קריסטלעך ציוויליזירטן פּערו — זאָגן די כאוכער תושבים — און איינמאָל אין א שיינעם זונטיק בין איך ביי־געווען אין כאוכא אַן אַקט, אָרגאַניזירט פון אַט דער פּערואַנער קריסט־לעכער ציוויליזאַציע, פון דער אָרטיקער מאַכט צוזאַמען מיט די גלחים.

געווען איז עס אין א גרויסן יום־טוב, א יאַריד־טאָג. פון אַלע זייטן,

# צווישן ווילדע און ציוויליזירטע

פון די נאנטע און ווייטע בערג ארום, האבן זיך געצויגן אין שטאט אריין, ווי די מוראשקעס, מחנות מענטשן אין זייערע יאנטעוודיקע פארביקע בגדים. בראש פון יעדער מחנה איז געגאנגען א אנדער עקזאטישע קאפעליע. די קאנצענטראציע איז געווען אפן יאריד־פלאץ, וואו אין א ספעציעלער לאזשע איז געזעסן דער בירגערמייסטער מיט עטלעכע פאטערלעך. די פני פון כאוכא איז געזעסן אף אן ערן־טריבונע און לעבן איר איז געשטאנען אן אינדיאנער קאפעליע, וואס האט אויסגעטרומייטערט אינדיאנישע און רעליגיעזע ניגונים.

פונקט צוועלף האט די עטלעכע טויזנט קעפיקע מחנה זיך גערירט פון ארט מיט א פראצעסיע מיט א גרויסן ארקעסטער אפריער, וואס האט געשפילט עקזאטישע קוויטשיקע מוזיק און דער עולם האט געטאנצט און געריטשעט, געהאפקעט ווי צעהיצטע צאפעס; אלט און יונג האט געטאנצט, אויסטערלישע, רייצנדיקע טייווע־מוזיק. מיר האט זיך געדאכט, אז די הינט אפילע, וואס זיינען מיטגעלאפן מיט זייערע עקזאלטירטע באלעבאטים און די קראען איבער אלעמענס קעפ, האבן מיטגעטאנצט.

געטאנצט האבן אויך פארלעך. אבער זייער פרום: א יונגערמאן מיט אן אלטער און אן אלטער מאן מיט א יונג מיידל. דאס איז געווען צוליב דער ציוויליזאציע. די פראנצויזישע מאנאשקעס פארליידן נישט אז א בחור זאל טאנצן מיט א מיידל, ווארום דאס קען זיי נאך פירן צו זינד... דאס איז אבער בלויז אזוי לאנג ווי די פראצעסיע גייט נישט ווייט אוועק פונעם מאנאסטיר. ווייטער איז אלץ אריין אינעם נאטירלעכן קורס. אזוי נאטירלעך, אז מען האט געקענט זען אן איבערגעקליידטן פאטערל אדער הייליק שוועסטערל הינטער א געדיכטן קוסט זיך פארווילן... די יאנטעוודיקע מחנה האט זיך דערוויף נישט אומגעקוקט. יונגע פרויען מיט וואלענע קליידער, איינס אפן צווייטן אנגעטון, כדי זיי זאלן אויסזען דיק, מיט טוצן שנירן קרעלן אף די בראנזענע העלדזער און אנדערע צירונגען, האבן שוין אויסגעפונען זייערע פארן אן א שום מורא פאר זינד.

די הויפט אטראקציע פונעם יום־טוב באשטייט אין צערייסן א לעבעדיקע קאטשקע, וואס דאס רופט זיך „כאלא פאטא". מען קלייבט אויס די גרעסטע, די פעטסטע און די שענסטע קאטשקע פונעם גאנצן באציר, מען באפוצט זי מיט בלומען און מען הייליקט זי אין קלויסטער מיט א ספעציעלער צו דעם צוועק צוזאמענגעשטעלטער תפילה. די געהייליקטע

## מ א ר ק ו ם פ א ר י ש ע ו ו ס ק י

קאטשקע זעצט מען ארויף אף א שיין לייבן־פערד מיט א ספּעציעלן זאָטל און מיט טענץ און מוזיק ווערט די קאטשקע אזוי ארומגעפירט עטלעכע שעה איבער דער שטאָט.

פּיסקאָ, די פּערואַנער נאַציאָנאַלע משקה, גיסט זיך ווי וואַסער און שטאָטישע פּני און קלויסטער־גבאים האַלטן דרשות איבער דער קאַטשקע. די באַטרונקענע אינדיאַנער הערן אויס מיט פּחד די אומפאַרשטענדלעכע ווערטער און טאַנצן ארום די דרשה־האַלטער און ארום דעם פערד מיט דער קאַטשקע. אזוי ביז זון־אונטערגאַנג, ווען מען פירט די קאַטשקע צו א ליידיקן פּלאַץ הינטער דער שטאָט, וואו אין פאַרפּוצטע לאָזשעס און אף בענק און שטולן איז אויסגעזעצט די גאַנצע מאַכט פון שטאָט און אומגעגנט, די ציווילע, מיליטערישע, רעליגיעזע און יוסטיץ־באַהערדן צווישן פרויען פאַרפּוצטע ווי אף א מאַסקן־באַל, וואָס פלירטעווען מיט מאַסקירטע פראַנטן און אפּלאָדירן דעם שיקערן המון פאַר יעדן מעשונעדיקן טאַנץ, פאַר יעדער ווילדער העויה, גראָבן וויץ און ציניש־ער באַמערקונג.

ווידער בענטשט א גלח די קאַטשקע, נעמט זי אראָפּ פונעם זאָטל און הענגט זי אויף באַם בויך אף א ספּעציעל געמאַכטער תליה, גענוג הויך, אז א רייטער זאָל זי קוים קענען דערגרייכן מיט דער אויפגעהויבענער האַנט. און ווען אַלע הכנות זיינען שוין געמאַכט, קומט א באַפעל פון דער אָפיציעלער לאָזשע:

— כאַלאַ פּאַטאָ! (צעריים די קאַטשקע).

הונדערטער רייטער, וואָס זיצן אומגעדולדיק אף זייערע נאָך מער אומגעדולדיקע פערד, גיבן זיך א לאָז, איינער נאָכן צווייטן, מיט א ווילדן קוויטש און געליאַרם צו דער קאַטשקע אראָפּצורייסן באַ איר דעם קאָפּ אָדער כאָטשבי א פיסל צי אַן אַנדער אבר. דאָס אראָפּגעריסענע פלייש פון דער לעבעדיקער קאַטשקע ווערט דערנאָך באַהאַלטן ווי א סגולה צו ליבע, צו פּרנסה, צו געזונט און צו גליק בכלל.

די קאַטשקע שרייט: קוואַ־קוואַ! קוואַ־קוואַ!, דאָס בלוט גיסט זיך פון איר, די פעדערן פליען און די שיקערע רייטערס רייסן פון איר שטיקער, די הויט מיט די פעדערן און די דאַמען און הערן האַלטן אָנגעשפּיצט אויג און אויער און באַ יעדן געלונגענעם ריס יובלען זיי און פאַרגייען זיך אין היסטערישן געלעכטער. אזוי מיסתמא האָבן די איידעלע דאָניאַ דאָלאָראָזאַס היסטעריש געקוויטשעט און געיובלט בעת די הייליקע ספּעקטאַקלען פונעם אויטאָ דע פע, ווען מען האָט געברענט לעבעדיקערהייט די אידן און אפּיקורסים...

# צווישן ווילדע און ציוויליזירטע

— קווא־קווא! — ווערט די קאטשקע אלץ הייזעריקער. די קישקעס מיט שווארצן בלוט פארלאפענע הענגען שוין פון איר בויך ארויס און זי לעבט נאך און שרייט מיט אירע לעצטע גסיסה־ספאזמען: קווא־קווא! דורכגעפלויגן זיינען שוין צוויי הונדערט מיט צוועלף רייטער און קיין איינער פון זיי האט נאך נישט באוויזן בא איר דעם קאפ אראפצורייסן. איינער א ריזיקער רויט־האריקער יונג, א זון פון א יענקי, האט איר די גאנצע הויט פונעם האלדז אראפגעריסן און זי לעבט נאך אלץ און האלט נאך אלץ איר קאפ ארויפגעהויבן. ביז א רייטערל, ווי א יאפאנערל די גרייס, אן עכטער טשונטשא־אינדיאנער, האט אף זיין פלינקן פערדס רוקן זיך אויפגעשטעלט און מיט א געניטער האנט דעם לעבעדיקן קאפ מיטן האלדז פון דער קאטשקע אראפגעריסן און אים דערלאנגט דער פרומער און גאטספארכטיקער אריסטאקראטישער טאכטער פונעם פרעזידענט פון יענער פארוויילונג.

אונטערן הורא און בראווא־געשרייען האבן די איבערגעבליבענע רייטער אזוי געריסן פון דער קאטשקע ביז פון איר איז גארנישט געבליבן. אזוי דריי טעג נאכאנאנד, דריי ארגיעס פון שיכרות און זנות און לעבעדיקערהייט צעריסענע דריי קאטשקעס, צום וואויל און צום גליק און אויך צום גוטן נאמען פון דער פערואנער קריסטלעכער ציוויליזאציע.

# סודוהאלפּאַ

באַשערט איז מיר געווען, אַז אַף מיין רייזע אין די בערג פֿון פּערו, זאָל זיך צו מיר צובינדן מיט ליב און לעבן אַ יונג און צאַרט אינדיאַניש מיידל, וואָס האָט אין מיר דערזען איר באַשערטן און האָט צוזאַמען מיט מיר געטיילט די געפֿאַרן מיט אַזוי פיל טרייהייט און זעלבסטאָפּפערונג, אַז זי איז מיר ליב געוואָרן ווי אַ קינד. ליב געהאַט האָט זי מיך ביז טראַגיזם און טראַגיש איז אויך געווען דער סוף אירער. אין משך פֿון מיינע פֿאַר־צייכענונגען וועגן מיין אַקצידענטן־פֿולער רייזע, דערמאָן איך איר נאָמען מיט דער פּיעטעט, וואָס איר יונג טראַגיש לעבן האָט אין מיר איבער־געלאָזן.

באַדאַרפֿט האָב איך זיין אין דעם מאָנאַסטיר אָקאָפּאַ, וואָס געפֿינט זיך זעקס קילאָמעטער ווייט פֿון אַ זייט פֿונעם שטעטל מאַטאַהואַסי, אַ באַן־סטאַנציע צווישן כאַוכאַ און הואַנקאַיאַ. אַף מיין גליק אָדער אַף מיין אומגליק, האָב איך נישט געקענט באַקומען קיין אויטאָמאָביל אַף אַהין און אויך נישט קיין פֿערד און קיין אייזל, וואָס זאָל מיך אַהין צופֿירן. און איך האָב געמוזט דורכמאַכן דעם וועג צופֿוס. דער וועג איז גראָד נישט קיין שווערער, מחמת פֿון קאָנסעפּסיאָן, וואָס ליגט אַף האַלב וועג, הויבט ער זיך אויף ביז אָקאָפּאַ נישט מער ווי אַף פֿופֿצן מעטער.

גרינג איז געווען דער וועג און דופּטיק. לינקס האָב איך געהאַט כמעט אַ האָריזאָנטאַל פֿעלד מיט גאָלדענע זאַנגען און ביימער און בלומען, וואָס האָבן פּשוט געבלענדט דאָס אויג מיט זייערע פֿאַרבן און פֿאַרשיקערט מיט דעם וואונדער פֿון זייערע ריחות. רעכטס, האַרט באַם זוים פֿון וועג הויבט זיך און שלענגלט זיך אַ מעשונעדיקע באַרג־קייט, וועלכע האַקט איבער דעם וועג אין אָקאָפּאַ. די באַרג־קייט ציט זיך ווי אַ מויער מיט אַלערליי שפּיצן: פּיראַמידן־אַרטיקע און גאָטישע. פֿון אונטן ביז אַרויף אַן ערך פֿיר טויזנט פֿוס הויך איבערן וועג ציט זיך אַ וואַלד פֿון אייקאַליפּטן און

## צווישן ווילדע און ציוויליזירטע

לאַרבער־ביימער, ווילדע פּרוכט־ביימער און אין די טויזנטער — טונאַס און אַנדערע קאַקטוסן, וואָס זייערע גראָבע לאַפּעטע־בלעטער זיינען באַזעצט מיט גרינע טונאַ־פייגן, באַפּאַנצערטע מיט זייער שאַרפע גלאַנציקע נאָדלען.

דאָרט הויך האָבן די פאַרפאַלגטע אינדיאַנער געמאַכט זייערע נעסטן־וואוינונגען און אויף יענעם הויכן רוקן באַאַרבעטן זיי די פעלזיקע ערד און פאַרוואַנדלען זי מיט זייער פלייס אין אַאַזיסן. דאָרט הויך אַקערן זיי די ערד מיט זייער פּרימיטיוון קאָא, מיט דעם אַקער וואָס איז געמאַכט פון א לאַנגן דראָנג, וואָס פון אונטן איז צו אים צוגעפעסטיקט א הילצערנער האָק, וואָס פאַרנעמט דעם אָרט פונעם מאָדערנעם אַקער־מעסער און פונפאַרנט זיינען אין אים דורכגעקרייצט פיר פּלאַקנס, אין וועלכע עס שפּאַנען זיך איין נאַשפּיץ אינדיאַנער יונגען און מיידן און שלעפן אים.

— אַלינליאַטשי סומאַק טאַטאַיאַ! גוטמאָרגן, טאַטעלע! — שריי איך אַרויף מיין באַגריסונג צו איינעם וואָס איז געזעסן אויף אַזאַ מין אַקער־שטעקן.

— אַלינליאַטשי האַמוי סומאַק גרינגאַן מאַטי ניאַואי — ענטפערט מיר דער באַגריסטער. — גוטמאָרגן, קום אַהער שיינער גרינער מיט אויגן פון געקאָכטן מאַיס.

פאַרזיכטיק און מיט געמאַסטענע טריט בין איך צוגעגאַנגען, האַלטנדיק די רעכטע האַנט אין קעשענע אויפן געלאָדענעם בראַונינג, גרייט זיך צו פאַרטיידיקן אויב עס וועט נויטיק זיין.

— האַמוי מוטשאַ קיטאַ מאַנקי! — זאָגט ער צו מיר ווען איך בין שוין געווען נאָענט פון אים. — קום גיב מיר די האַנט.

איך בין צוגעקומען און האָב אים דערלאַנגט די לינקע האַנט, מחמת מיין רעכטע האַנט איז פאַרנומען געווען מיט דעם פּיסטויל בא מיר אין קעשענע. נאָר איינזעענדיק זיינע פרידלעכע מחשבות, בין איך נאָך אים נאָכגעגאַנגען צו זיין שטוב. מיין פאַרזיכטיקייט האָב איך שוין אָנגעווענדט בלויז צו דעם סטעזשקעלע איבער וועלכן איך בין אים נאָכגעגאַנגען, מחמת פון א מינדסטן פאַלשן טראָט אויפן רוקן פון דעם באַרג, וואָלט איך אַרונטערגעפאַלן אין טיפן תהום. דער באַלעבאָס, פאַרקערט, א דרייסיק יעריקער ברייטבייניקער קיטשואַ־אינדיאַנער, וואָס האָט זיך געהייסן רופן הואַמאַהואַפּאַ, איז פאַרויסגעגאַנגען שנעל און זיכער, אין דעם מינדסטן צייכן פון שרעק אָדער צווייפל, מיט זיינע קורצע און עט־

וואָס צעשפּרייטע פיס, ווי ער וואָלט געגאַנגען אַף אַ האָריזאָנטאַל גלייכן און ברייטן וועג.

נאָך אַ הונדערט שפּאַן איבער דעם סטעזשקעלע, האָט זיך דאָס פאַר־קירעוועט און געגאַנגען ווי איבער אַן אָפּלויף־דאַך איבער דעם טיפן טאָל, וואו מיין וועג איז געליגן. איך האָב פון דאָרט אַ קוק געטון אַראָפּ צו אַ וויטן אָפּענעם האָריזאָנט אַ באַגאָסענעם מיט בלענדנדערנער שיין, אין וועלכער דער וועג אונטן האָט זיך געזען ווי אַ טייכל אַ זילבערנס און די גרינקייט פון די פעלדער, פון די ביימער און פון די גראָזן איז פונדאַנען שוין נישט גרין, נאָר שוואַרץ פאַר בלויקייט, ווי אַ שטיינקויל־פעלד. און דאָ קלעטער איך אַזוי הויך און ווי מיט אַ כיוון באַם ראַנד פונעם אָפּגרונט.

— דו זעסט? — ווייזט ער מיר אָן גאָר אונטן, ניט ווייט פון זיין אַקער־שטעקן אַף אַ פאַרבלוטיקטן שטיין. — מיט צוויי טעג צוריק האָבן דאָ טשונטשאַ־באַנדיטן אומגעבראַכט דעם שפּאַנישן מינעראַלאָג פעליפּע גאָנסאַלעז דע לאַ קרוז, וואָס איז אַהערגעקומען מיט מאַפּעס פון פיזאַראָס צייטן דאָ זוכן אַ גאָלד־מינע...

מיר האָט זיך דערמאָנט שאָלעם אַליכעמס דערציילונג „אַף פּסח אַהיים", וואו פראָקאָפּ באַראַניוק פירט פישל דעם מלמד איבערן נאָכגע־לאָזטן בוג אין אַ לאָדקע און דערציילט אים, אַז פאַראַיאָרן אין דער צייט האָט ער געפירט איבערן טייך אַ רב, האָט זיך דאָס שיפל איבערגעקערט און... פראָפּאַו קאַרבאָוואַנעץ... אַ שאָד, הייסט עס, דער רובל, וואָס איז איינגעזונקען צוזאַמען מיט דעם רב...

מיט וואָס בין איך זיכער, אַז דער בראָנזענער אינדיאַנער יונג איז אויך ניט אַזאַ באַנדיט ווי יענע טשונטשאָס, און דאָס גיט ער מיר צו וויסן אַזוי אַרום, אַז איך בין באַ אים אין די הענט? — איז מיר דורכגעפלויגן אַ געדאַנק און איך האָב פעסטער פאַרדריקט אין דער רעכטער האַנט מיין „ציוויליזאַטאָר" מיט זיינע אַכט ניקעלנע קוילן און האָב גענומען אין דער לינקער האַנט מיין שטעקן, וועלכער איז ביז איצט געהאָנגען באַ מיר אַפּן אָרעם און איז אינדערעמעסן געווען אַ פיין סימולירטער אויטאָמאַטישער שאַרפער שטילעט.

סוף כל סוף, נאָך אַ מהלך פון זעקס קילאָמעטער זיגזאַגיקע זיינען מיר צוגעקומען צו הואַמאַהואַפּאַס שטוב, וואָס איז אין אַ גלייכער ליניע געווען נישט מער ווי אַכט הונדערט מעטער ווייט אַרויף דעם באַרג. אין וועג האָבן מיר כמעט אַף יעדן טראָט אָנגעטראָפן שטערונגען: דאָ אַ בוים

# צווישן ווילדע און ציוויליזירטע

מיט לאַנגע נאָדלדיקע צווייגן, וואָס מיר האָבן אים געמוזט אַרומגיין, דאָ אַ ברייטן און טיפֿן שפּאַלט, פֿון וועלכן עס הערט זיך אַ גערויש אַזוי ווי פֿון אַ מיל. און אַריבערגעגאַנגען זיינען מיר דעם שפּאַלט זיך קלאַמערנדיק פֿאַר די גרעבערע וואָרצלען פֿון די ביימער, וואָס האָבן אַרויסגעשטאַרצט פֿון ביידע זייטן און זיך צוזאַמענגעפֿלאָכטן אַריבער דעם תהום, בילדנדיק אַ נאַטור־בריק פֿון לעבעדיקע וואָרצלען. דאָ האָבן מיר געמוזט אויסמיידן אַ שטיין פֿון אַ פֿופֿציק מעטער אין קווערשניט, וואָס ליגט פֿונקט אויף דער גלייכער ליניע פֿונעם סטעזשקעלע און אַט גאָר אַ שנעל־לויפֿנדיק טייכל, וואָס פֿאַלט אַראָפּ פֿון די אייביקע שנייען אויף די הויכע ריזן, טיף אין אַ בלענדעדיקן בעט. צוויי מאָל האָב איך געמוזט ווי אַ קאַץ קלעטערן אויף אַלע פֿיר איבער אַ שטיין פֿון עטלעכע און צוואַנציק מעטער דיק. פֿון איין זייט שטיין אַ טיפֿער אָפּגרונט און פֿון דער צווייטער זייט אַ וואַסערפֿאַל, איינער פֿון די פֿיל שטיינער וואָס ליגן אויפֿן וועג צווישן קאָנסעפּסיאָן און אָקאַפּאַ, און איך האָב קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט ווי אַריבערצושפּרייזן דעם באַרג, אין וועלכן די גערולדיקע הואַנקאַ־אינדיאַנער האָבן אויסגעהאַקט גאַנץ פֿיינע טרעפּ, וואָס פֿאַרלייכטערן אַביסל דאָס קלעטערן.

אויפֿן סאַמע שפּיץ פֿון דעם שטיין האָבן די אַמאָליקע הואַנקאַס אויפֿגעשטעלט אַ קליינעם טעמפּל דעם גאָט אינטי, וואָס האָט על פּי נס איבערגעלעבט די פֿאַרפֿאָלגונגען פֿון דער שפּאַנישער אינקוויזיציע און די גייציקייט פֿון די מעטאַל־זוכער. אַ ווײַלע בין איך שטיין געבליבן, נאָכדעם ווי איך בין אַריבער דעם פֿעלז מיט אינטיס טעמפּל, און האָב פֿון ווייטנס באַטראַכט הואַמאַהואַפּאַס היים, דאָס שטיקל פּלאַץ פֿון אַ פֿינף הונדערט מעטער די לענג און דריי הונדערט די ברייט, שוין באַ די איבער 4.000 מעטער הויך איבערן ים־פֿלאַך, וואו הואַמאַהואַפּאַס פֿאַמיליע האָט זיך אויסגעקליבן פֿאַר אַ וואוינונג און פֿאַר אַ באַהעלטעניש. ענלעך איז עס געווען צו די מערסטע היימען פֿון דעם מין אין די בערג: אַ מעשופּעדיק שטיק פֿעלד, וואָס דורות לאַנגע פֿון זיין שטאַם, ווי הואַמאַהואַפּאַ האָט דערציילט, האָבן פֿון דעם די שטיינער אַרויסגענומען.

אינעם סאַמע צענטער פֿונעם שטיקל פּלאַץ האָט די נאַטור אַליין דריי ווענט אויפֿגעשטעלט פֿאַר אַ וואוינונג, דריי גרויסע מירמלשטיינער, וואָס זיינען אַזוי איינגעפּאַסט מיט די ווינקלען איינער אינעם צווייטן, ווי זיי וואָלטן איין שטיין געווען. דער הינטערשטער שטיין, אַ צוועלף מעטער די

# מ א ר ק ו ס  פ א ר י ש ע ו ו ס ק י

לענג און די צוויי זייטיקע צו זיבן, אַלע דריי וועגט דריי מעטער די הויך און פינף מעטער די גרעב. און אַלע דריי אַזוי גלייך געשפּאָלטן, ווי זיי וואָלטן געווען ניט די אַרבעט פון דער נאַטור, נאָר מיט אַ מאַשין גע־שניטן און פּאָלירט. דאָס רעשט האָט שוין דעם אינדיאַנערס פאַרשטאַנד און זיין פלייס געמאַכט. נאָך די אינקאַ־אַרכיטעקטן האָבן דעם שטיינער־נעם קאַסטן איינגעטיילט אין פיר צימערן, אויפגעשטעלט צווישן־ווענט פון רויע בלאָטע־ציגל און איבערגעלייגט מיט שטיינערנע בעליקעס, אויס־געפּילט מיט בלאָטע און שטרוי פאַר אַ סטעליע און אויבן אַ דאַך געלייגט פון פּלאַטשיקע גראַפיט־שטיינער מיט אַ שטאַרקן אַפּלויף און אַ גאַלעריי, וואָס הואַמאַהואַפאַ מיט זיינע בני־בית האָבן שוין צוגעבויט.

אַרום דעם הויז־פעסטונג האָבן זיך געפּיטערט עטלעכע לאַמאַס, וויִ־קוניאַס, גואַנאַקאַס און אַלפּאַקאַס, וואָס זיינען די הויפּט־חיות אויף די בערג, און אַראָפּצו נידעריקער, אייניקע אייזעלעך, דריי מוילאייזלען, אַ סטאַדע פון אַן ערך דרייסיק ציגן, אַ צענדליק שעפּסן, פיר פּאָר פּאַר־הויזלעכטע טאַפּירן מיט זייערע קליינוואַרג און אַפילו דריי מאָגערע קוע־לעך און איין ביקל מיט אויסטערליש גרויסע קעפּ, מיט לאַנגע שאַרפע הערנער און קנאָכיקע דינע פיס, זיינען אומגעגאַנגען צווישן די ביימער אויסערן פעלד און געצופּט די בלעטער פון די נידעריקערע ביימער.

אינעווייניק אין די צימערן האָב איך נישט געזען קיין שום מעבל, אפילו נישט קיין בעט, אויסער קלעצלעך צום זיצן און, עטלעכע נידע־ריקע לאַנגע בענק פון אייקאַליפּטן־האָלץ און צען לאַנגע קאַסטנס פון דעם זעלבן האָלץ, וואָס האָבן געניצט סיי צום זיצן און סיי צום שלאָפן אויף זיי. אויף די שטיינערנע דילן זיינען אָנגעהויפנט געווען פעלן פון וויקוניאַס, פון פוקסן, בערן, וועלף, פּומאַס און הירשן. די לאַנגע קאַסטנס זיינען פול געווען מיט שמאַטעס, מאַטראַצן און דעקעס פאַר די דאָרטיקע קאַלטע נעכט, איבערהויפּט ווינטער־צייט. אויף די פּאַליצעס אַרום די ווענט און אין ספּעציעלע שראַנקען אויסגעהאַקטע אין די דיקע ווענט, זיינען גע־האַנגען און געליגן יאָנטעוודיקע מלבושים, וועש פון אייגענער אַרבעט, אַלערליי כלי־זין פּאַרצייטיקע, פּיילנבויגנס פון אַ זייער האַרטן האָלץ, מיט קופּערנע און זילבערנע רינגען באַצירטע; איין בויגן מיט אַ זילבערנער גוט אָנגעצוויגענער סטרונע, מיט קופּערנע שפּיציקע פיילן, וואָס אויף יעדער פון זיי איז געווען אויסגעקריצט אַ פיגור פון אַן אַנדער געץ און פון אַן אַנדער אינקאַ־הערשער. דאָס אַלץ רעליקוויעס פון אַ גרויסן היסטאָרישן ווערט,

## צווישן ווילדע און ציוויליזירטע

ווייל זיי שטאַמען נאָך פון הואינאַ קאפּאַק, דער פּאָטער פון הואַסקאַר און אַטאַהואַלפּאַ. אַף די וועגט זיינען געהאָנגען עקזאָטישע שטיקערייען און שניצערייען, וואָס די אינדיאַנער האָבן דערצו אַ ספּעציעלע בייגונג, ווי אויך צו וועבן, צו העפטן און צו מאָלן.

פון די בני־בית האָב איך דאָרט קיינעם נישט געטראָפן, אויסער אַ מיידל פון אַ יאָר פופצן, מיט אַ שיין בלאָנד־ברוין מאַטעווע פּנים, נאָר שרעקלעך קויטיק. קענטיק זי האָט זיך לאַנג שוין נישט געוואַשן. איינגעהילט איז זי געווען אין שמאַטעס און אירע האָר, צעלאָזענע, גין־גאָלדענע און געלאָקטע, זיינען דורכגענומען געווען מיט אַ צענדליק שלייפלעך געמאַכטע פון פאַרשידענער שלאַנגען־הויט. בעת איך בין אַהין צוגעקומען, האָב איך זי געטראָפן זיצן לעבן אַ רויכיקן שייטער פון גרינע צווייגן, אַף וועלכן זי האָט געפּרעגלט קראָען־אייער מיט אַ צענדליק יונגע קראָען. אַפן זעלביקן רויכיקן שייטער איז אויך געשטאַנען אַ שוואַרצער טאָפּ, וואָס האָט אַזש געגלאַנצט פון רויך און סמאָלע, וואָס האָט זיך אַף אים אָפּגעזעצט פון אַסאַך מאָל נוצן און קיינמאָל ניט אָרומוואַשן. געקאָכט האָבן זיך אינעם טאָפּ מאַיס־קערנער, וואָס די שפּאַניער רופן עס מאַסאַמאָראַ און איז די הויפּט־שפּייז פון די אינדיאַנער. אין אַ צווייטן טאָפּ האָבן זיך געקאָכט שוואַרצע פּאַסאָליעס מיט גאַנצע גערשטן.

— אַלינליאַטשי סומאַק נינאַטשאַ, אימאַם סוטיקי? — האָב איך זי געפרעגט, ווען הואַמאַהואַפּאַ האָט מיך צו איר צוגעפירט. — גוט מאָרגן שיין מיידל, ווי הייסטו?

— סורוהאַלפּאַ. — האָט זי מיר געענטפערט און געקייעט דערביי געבראָטענע מאַיס־קערנער. — יאַרקאַ וואַטשקאַנמי (ס'הונגערט מיך). — האָט זי נאָך אַ קורצער הפסקה געזאָגט און האָט מיר דערלאַנגט אַ פולן הויפן קערנער מיט אירע קויטיקע, כמעט קרעציקע הענט.

הואַמאַהואַפּאַ האָט מיך געלאָזט אַליין באַם פייער מיט דעם בלאָנדן אינדיאַנער־קינד און איז פאַרשוואונדן צווישן די אַלערליי סאַקקטוס־ביימער, וואָס וואַקסן לרוב אַף יענע בערג און זיך געלאָזט לויפן גאַלאָפּ צווישן די העל־גאָלדענע גערשטן און האָבער־זאַנגען, ביז איך האָב אים פאַרלוירן פון אויג.

אין אַ צוואַנציק מינוט אַרום איז ער שוין געווען צוריק מיט אַלע זיינע בני־בית: זיין מוטער, דריי חתונה געהאַטע שוועסטער מיט זייערע מענער, איין ברודער און זיינע צוויי טעכטער, יתומים פון עלף און דרייצן

יאר. נאכן באגריסן מיך און ניט ריידנדיק א ווארט, האבן זיי זיך אלע אויסגעזעצט ארום דעם פייער, ווער אף א שטיין, ווער אף א קלעצל און ווער אף די שפיץ־פינגער און רויק גענומען עסן פון ערדענע היימיש־געמאכטע שיסעלעך דעם מיטיק, וואס סורוהאלפא האט צוגעגרייט.

ווי נאר זיי האבן אפגעגעסן, האבן אלע זיך ווידער גענומען צו דער ארבעט ארום דער שטוב. ווער ס'האט געלישטעט דעם מאיס פון די קאטשענעס, ווער ס'האט זיך אוועקגעזעצט וועבן און ווער ס'איז אוועק אקערן.

אף מיין פראגע וועגן זייער פאטער, האבן זיי מיר דערציילט, אז דער קאפיטאן גאניעז, לעגיאס א נאנטער פריינט, וועלכער האט אנגעפירט מיט דער ארבעט באם לייגן דעם וועג צווישן מעכאראדא און איאקוטשא, האט מיט א בריקע אין הינטן אראפגעווארפן דעם אלטן אין אפגרונט פונעם טייך אפורימאק, ווייל דער אלטער איז מיד געווארן פון דער ארבעט, וואס פלעגט זיך ציען פערצן שעה כסדר אומגעגעסן.

סורוהאלפאס פאטער, ווידער, איז געווען דער אלטערס עלצטער זון, הואמאהופאס א ברודער, א זייער העלדישער און אינטעליגענטער קאציק, וועלכער האט אנגעפירט א גענעראל־שטרייק פון די אינדיאנער אין פונא און דער צעווילדעוועטער מאיאר סערא האט אים מיט זיין שווערד צעהאקט פונקט דעמאלט ווען ער האט גערעדט פאר א פערציק טויזנט קעפיקער מאסע ארבעטער און פויערים פון פונא און דער אומגעגנט. א שרעקלעכע שהיטה האט דעמאלט לעגיאס ציוויליזאטארישע מיליטער דורכגעפירט איבער די פרידלעכע אינדיאנער, דערפאר וואס זיי האבן געפאדערט, באטרעפנדיק איבער אכציק פראצענט פון דער ארטיקער באפעלקערונג, זיי זאלן מעגן ווילן און געווילט ווערן, אז דער בירגערמייסטער פון יענעם באצירק זאל זיין אן אינדיאנער. באזונדערס אויפגערעגט האט דעמאלט לעגיאן די חוצפה פון די אינדיאנער צו פאדערן מען זאל זיי פארקירצן די ארבעט־שעה,וואס האבן קיין גרעניץ נישט געהאט און אז ווייסע זאלן קענען באשטראפט ווערן פאר דערהארגענען אדער בארויבן אן אינדיאנער.

סורוהאלפאס מוטער איז געווען א דייטשקע, א דייטשע ארבעטער־מיידל, וואס האט חתונה געהאט פאר דעם אינדיאנישן ארבעטער־פירער, און סורוהאלפא האט צוגעזען, ווי איר יונגע מוטער, וועלכע איז געשטאנען לעבן איר מאן, מיט א קינד אף די הענט, סורוהאלפאס א ברידערל,

## צווישן ווילדע און ציוויליזירטע

איז צעטראָטן געוואָרן פון די צעשראָקענע פערד. סורוהאַלפּאַ אַליין איז ווי דורך אַ נס ניצול געוואָרן פון יענער הריגה, פון צווישן די בערג מיט טויטע און פאַרוואונדעטע און דעם געיעג פון די צעיושעטע רייטער נאָך די אַנטלויפנדע אינדיאַנער. טויזנטער אומבאַוואָפנטע מענער, פרויען און קינדער זיינען דעמאָלט אויסגעשאָכטן געוואָרן.

— און דאָס אַלץ — האָט סורוהאַלפּאַ שעלמיש אונטערגעבראָכן — איז געווען נאָר דערפאַר וואָס איר טאַטאַיאַ האָט געוואָלט, אַז די אינדיאַנער זאָלן נישט אַרבעטן פאַר דעם ווייסן אומזיסט און אַז מען זאָל אויך פון זיי אַמאָל אויסקלייבן אַ בירגערמייסטער... דער דאָלאַר, גרינער, דער דאָלאַר דערלויבט ניט צו שרייען און שטרייקן אוודאי ניט. הונגערן און פרירן דאָס מעג מען, שטרייקן און שרייען, דאָס ניט. — האָט דאָס וואונדערבאַרע בלאָנדע אינדיאַנער־קינד פאַרענדיקט און זיך צעוויינט.

# סאַנטאַ ראָסאַ

סורוהאַלפּאַ האָט מיך באַגלייט פון איר שטוב באַרג־אַראָפּ צום וועג וואָס פירט קיין אָקאָפּאַ. אַנגעוויזן האָט זי מיר דעם וועג און מיט איין שפּרונג, איז זי פאַרשוואונדן צווישן די געדיכטע קוסטעס, וואָס וואַקסן דאָרט צווישן די אייקאַליפּטן און די ווייסע וויינענדיקע ווערבעס.

איך האָב נאָך אויף מיין לעבן נישט געזען אזוי פיל וואַסערפאַלן ווי אויף דער שטרעקע צווישן הואַמאַהופּאַס הויז און אָקאָפּאַ. טייל לויפן אָדער פאַלן מיט אַ טראַסק און געפּילדער און טייל ריזלען ווי אַ פידל־סטרונע אָדער ווי דאָס טרילן פון אַ קאַנאַריק. דאָס וואַסער שטראָמט פון די שניי־בערג אַראָפּ אויף די נידעריקע בערג און פון די מעכטיקע פאָנטאַנען, וואָס אונטער די באַרג־טורעמס. אויף די גאָר הויכע בערג האָבן די אינדיאַנער נאָך אין די צייטן פון אַטאַהואַלפּאַ געגראָבן קאַנאַלן פאַר אַן אָפּלויף פון די וואַסערן און האָבן ספּעציעלע דאַמבעס געמאַכט און מיט אָט די קאַנאַלן און דאַמבעס באַוואַסערן זיי זייערע שטיינערנע פעלדער בעת דער טרוקעניש, ווען עס רעגנט ניט זעקס חדשים כסדר און די פּערואַנער זון זוכט אַלץ צו פאַרברענען און צו פאַרוויסטן.

אין וועג געפינט זיך דאָס אינדיאַנישע שטעטל סאַנטאַ ראָסאַ. דער אַריינגאַנג אַהין איז דורך אַ טויער, אין אַ מויער פון רויער בלאָטע ארום אביסל הייזער, וואָס שטייען אין אַ צירקל. אויף אַ ליידיקן פּלאַץ, מיט פינף בלאָטע־הייזלעך ארום, שטייט אַ גאָר גרויסער קלויסטער, נאָך פון די דעראָבערונגס־צייטן. די פינף הייזקעס מיט זייערע שטאַלן און שייערן, געהערן צו די כאַשעוועטע באַלעבאַטים. פון דאָרט גייט מען ווידער דורך אַ טויער און מען קומט אַרויף אויף אַ שמאָלן וועג, באַוואַקסן פון ביידע זייטן מיט טאַפּאַלעס, אייקאַליפּטן, בערעזעס, דעמבעס און סאָסנעס וואָס בילדן אַ מין בולוואַר ביז מען קומט אריין אין שטעטל גופא.

אין שטעטל וואוינען אַן ערך 1500 פּאַסיווע און אַרבעטזאַמע הואַנ־

## צווישן ווילדע און ציוויליזירטע

קאַ־אינדיאַנער, אייניקע אַרטיקע קרעאָלן און דריי אויסלענדישע פאַמי־ליעס: איין עמיגרירטער עסטרייכישער פרומער גראַף און צוויי שפּאַנישע פאַמיליעס, אויך קאַטויליש־פרומע; צען מעסטיסאַ־פאַמיליעס און אַן ערך פופצן סאַמבאָס. דאָס שטעטל האָט איין לאַנגע גאַס, אַ המשך פון דעם וועג מיט וועלכן איך בין אָנגעקומען פון קאָנסעפּסיאָן, גאַנצע פיר קילאָ־מעטער די לענג און דורכגעשניטן מיט טעלעבע געסלעך פון הונדערט ביז פיר הונדערט מעטער די לענג. אַ קילאָמעטער ווייט הינטערן שטעטל, רעכטס פון דער לאַנגער גאַס, שטייען ווידער טעלעבע הייזער, אָפּגערוקט הונדערט מעטער איינס פון אַנדערן און קעגניבער זיי אויפן באַרג שטייט דער באַרימטער מאָנאַסטיר פאַר גלחים, וואָס טראָגט דעם נאָמען אָקאָפּאַ, ווי די גאַנצע געגנט אַרום.

די לאַנגע גאַס איז זייער אַ שמאָלע און וואָס העכער אַרויף צווישן צוויי באַרג־קייטן וואָס שטייען פון ביידע זייטן שטעטל ווי צוויי אומבאַ־זיגבאַרע מויערן, אַלץ שמעלער ווערט די גאַס און אַלץ קירצער ווערן די קרייץ־גאַסן, ביז זיי פאַרשווינדן אינגאַנצן און עס בלייבט בלויז דער וועג צווישן ביידע בערג.

אַן ערך פינף טויזנט מעטער לאַנג ציען זיך פּאַראַלעל די צוויי ריזן־בערג, ביז אַ דריטער, ריכטיקער, אַן אויסבויג פון דעם לינקן שטעלט זיך אַקעגן און מען מוז זיך דאָרט פאַרקירעווען אויף רעכטס אַ הונדערט מע־טער. דאָרט צעשפּרייטן זיך ווידער די בערג אויף פינף הונדערט מעטער ווייט איינער פונעם צווייטן, לויפנדיק אַלץ פּאַראַלעל. און אויף דעם אָרט האָבן די מאָנאַכן אויפגעשטעלט זייער „קאָמונע”.

אינעם שטעטל גופא אויף דעם ברייטן נאַקעטן פּלאַץ, וואָס מען רופט עס „פּאַרקע”, שטייט ווידער אַ פּאַרצייטיקער קלויסטער. קעגניבער אים פון איין זייט שטייט די פּאָליציי־פּרעפעקטור, דאָס געריכט־הויז, צוויי כינעזישע שענקען און אַ גרויסער שטאַל, וואו מען האַלט די אייזלען און מולאָס פון דער נאַטשאַלסטווע. אַ צווייטע זייט קעגניבער דעם קלויסטער איז פאַרנומען מיט אַ פרומער רעגירונגס שול, דריי כינעזישע און דריי שפּאַנישע שענקען און אַ פרויען־מאָנאַסטיר, אָנגעפּירט פון פראַנצויזישע מאָנאַשקעס. די דריטע זייט קעגניבער דעם קלויסטער איז פאַרנומען מיט דעם אַלקאַלדעס וואוינונג און דערנעבן — אַ מאָנאַסטיר פון פרואַנער מאָנאַשקעס, וואָס לערנען די יונגע אינדיאַנער מיידלעך ווי אַזוי צו זיין פרום און, ווידער פינף שענקען, שוין אינדיאַנישע.

# מאַרקוס פּאַרישעווסקי

די דירעקטאָרן פֿון דער רעגירונגס־שול — אַ האַלב־כאָרעווע כאַטע מיט לעכער פֿאַר טירן און פֿענצטער, וואוהין איך בין געקומען געבן אַ לעקציע אין שמיקערייַ — האָט מיך פֿאָרגעשטעלט פֿאַר אירע שילערנס און שילער. עטלעכע און דרייסיק מיידלעך און צוואָנציק אינגלעך צווישן פֿערצן און אַכצן יאָר, וואָס זיינען געזעסן באַ צעבראָכענע שטענדרס און געלייענט פֿון עפּעס אַ הייליקן ביכל אַרויס. מיך דערזען, האָבן די שילער זיך דערשראָקן, ווי זיי וואָלטן דערזען אַ בייז וואונדער. אַלע האָבן זיי פֿאַרשטעקט דעם קאָפּ צווישן די שטענדערס. נאָר אַז די לערערקע האָט אַף זיי אָנגעשריגן אין קיטשואַ־לשון, אַז איך בין נישט געקומען זיי שלעכטס טון, נאָר פֿאַרקערט, אַז איך בין אַן אינדיאַנער פֿריינט, האָבן זיי נישט דרייסט אייַנציקווייַז אויפֿגעהויבן די קעפּ מיט די ניט ריינע פּעך־שוואַרצע האָר און העל־ברוינע פּנימער. ערשט איצט האָט די לערערקע (אַ קרעפּטיקן געשריי געטון אין שפּאַניש: „סאַלודען אַל סעניאָר גרינגאָ!" (באַגריסט דעם פֿרעמדן הער) און אַלע האָבן זיי מיטאַמאָל אַ ברום געטון אונטער דער נאָז און מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן: „בוענאָס טאַרדעס" (גוטן אָוונט).

בשעת די קינדער האָבן זייערע קעפּלעך אויפֿגעהויבן און ענדלעך זיצן געבליבן לפֿנים רויק, האָב איך געקענט מערקן, אַז אייגנטלעך זיינען זיי גאַנץ כיינעוודיקע, נאָר קויטיק, אַזש די הויט באַ זיי אַף דעם האַלדז און אַף די הענט איז צעשפּאַלטן פֿון אייַנגעגעסענעם קויט. און דער סאַמ־באָ־לערערקע פֿאַלט גאָר ניט איין, האָב איך מיר געטראַכט, זיי הייסן זיי זאָלן זיך אַרומוואַשן מיט זייף און זיך גוט אַרומווישן...

אַרויסגעוויזן האָט זיך אויך, אַז ווי טעמפּ זיי זיינען צו פֿאַרנעמען די הייליקע ווערטער פֿון די געבעט־ביכער, זיינען זיי אָבער זייער טאַלאַנט־פֿול באַ האַנט־אַרבעט און דאָס גלייכן צו לייענען און שרייבן.

די לעקציע האָב איך געגעבן אינדרויסן, אַפֿן שול־הויף, ערשטנס איז אינעווייניק געווען היבש טונקל און צווייטנס האָב איך מורא געהאַט די צעלעכערטע כאַטע זאָל ניט אייַנפֿאַלן אַף מיר און מיך באַגראָבן לע־בעדיקערהייט צוזאַמען מיט דער סאַמבאָ־לערערקע און מיט די אינדיאַ־נער קינדער. און ווי איך רייד אַזוי צו די קינדער און צו די לערערקעס, שטעלן זיך אַוועק פֿאַר מיר עטלעכע באָרוועסע מאַנאַכן און איינער פֿון זיי, מיט אַ פּנים פֿון אַ צירק־אַטלעט, האָט זיך צעשריגן אַף מיר אַף אַ פֿאַרזשאַווערטן סאָפּראַן:

# צווישן ווילדע און ציוויליזירטע

— ווער האָט אייך געגעבן דאָס רעכט און די דערלויבעניש צו קור־מען אהער אין דער הייליקער געגנט פונעם מאָנאַסטיר אַקאָפּאַ און פּרע־דיקן די פּראָטעסטאַנטישע רעליגיע? מיר אַלע אין סאַנטאַ ראָסאַ, פּונקט ווי דער הייליקער מאָנאַסטיר, זיינען מיר הייליקע קאַטויליקן און קיין שום גרינגער האָט קיין רעכט נישט צו קומען אין אונדזער מיט און אי־בעריידן אונדזערע יונגפרויען צו אַן אַנדער גלויבן, צו דער פאַרדאַמטער פּראָטעסטאַנטישער רעליגיע, וואָס איז די אמונה פון גאָג און מאַגאָג, דעם אַנטיכריסט!...

נאָר אַז דער היציקער מאָנאַך האָט דערזען מיינע דאָקומענטן, אַז געשיקט האָט מיך דער צענטראַלער שול־ראַט מיט דער הסכמה פונעם בילדונגס מיניסטער, וואָס שטעמט מיט זיין פּרומקייט, איך זאָל לערנען די לערערקעס און די שילער פון יענע פינצטערע שולן האַנט־אַרבעט, זיי־נען זיינע קליינע און פּרומע שמאָליץ־אייגעלעך נאָך קלענער און פּרומער געוואָרן און זיין פאַרזשאַווערט קעלכל איז געוואָרן שעפּטשעדיק ווי בעת א תפלה און מיט הכנעה האָט ער מיך איינגעלאַדן אַף א באַזוך אינעם מאָנאַסטיר, וואָס איז אויך אַן אינדוסטריאַל־שולע, כ'זאָל די הייליקע מאָנאַכן געבן אייניקע לעקציעס אין קונסט־שטיקערייי און אין שנעלער סקולפּטור.

די אינדיאַנער קינדער מיט זייערע לערערקעס און אויך די האַלב־בלאָנדע און שלאַנקע דירעקטאָרן מיט די גרויסע צעשראָקענע הירשן־אויגן, זיינען ממש גליקלעך געווען פון מיין לעקציע ווענן דעם נייעם סיס־טעם פון שטיקן, העפטן און אויסנייען. איינע פון די סאַמבאַ־לערערקעס, מיטן נאָמען איזאַבעל, האָט איר סימפּאַטיש קאַראַקולן קעפּל א וואָרף געטון שטיפעריש אַרויף און א געשריי געטון: „גראַסיאַס, סעניאָר פּראָ־פעסאָר!" און אַלע קינדער מיט די לערערקעס און די דירעקטאָרן האָבן איבערגעכאַזערט: גראַסיאַס, סעניאָר פּראָפעסאָר!

אָוונט־ברויט האָב איך געגעסן און אויך געגעבטיקט האָב איך בא דער ליבנסווירדיקער שול־דירעקטאָרקע, פרייַלן אַלגאַ, וועלכע וואוינט צו־זאַמען מיט די אַנדערע לערערקעס און מיט איר אַלטער און טויבער מו־טער, א פרומע אירלענדערקע און אַן אלמנה פון א כינעזער, אין א הייזקע פון בלאָטע.

דאָס שטיבל, פונדרויסן ווי אינעווייניק, מיט דער איינטיילונג פון די צימערן און מיט דעם געמויערטן אויוון צום באַקן, מיט די ליימענע

## מאַרקוס פּאַרישעווסקי

ווייסע דילן, מיט דער ציכטיקייט, דעם מעבל און די הייליקע בילדער, איז ווי אַ קאָפּיע פון אַ וואָלינער פּויערישער זעמליאַנקע.

לכבוד מיר האָט פרײַלן אָלגאַ פאַראָרדנט איר דינסט, דעם לויזיקן טשונטשאַ־מיידל, זי זאָל זיך נישט צורירן צום עסן און זאָל זיך אפילע נישט ווייזן פאַר מיר בעייסן עסן. די אַרבעט האָבן געטון אירע דריי שול־באַוווערטעס, וועלכע האָבן ספּעציעל פון מיינעטוועגן געמאַכט אַ „מאַ־סאַמאָראַ" פון ווייסע מאַיס־קערנער, קליינע רויטע בעבלעך מיט רייז, אַרבעס און וויסקאַטשאַ־פליישׁ. די משקה האָט געהאָלפן פאַרדייען די פעטע נאָר דערפאַר געפעפערטע וויסקאַטשאַ.

די טויבע אַלטע, אַ גרייז־גרויע פאַרמעטענע אירלענדערקע, אַ קליי־נינקע און אַ דאַרינקע, האָט גלייך נאָכן עסן גענומען צוגרייטן די געלע־גערס, אַלעמען אינעם זעלבן צימער וואו מיר האָבן געגעסן. איך האָב מיך נישט ווויסנדיק געמאַכט און האָב אויסגעהערט דאָס פלוידערן פון מיין שטיפערישער און טעמפּעראַמענטפולער דירעקטאָרקע און דאָס קעסיידער־דיקע לאַכן פון די דריי שעלמישע לערערקעס, וואָס די עלצטע פון זיי, די שוין מעיושעוודיקע קאַרמען, איז אַלט געווען צוויי און צוואָנציק יאָר, מיט אַ יאָר עלטער פון דער דירעקטאָרקע. זיי האָבן דערציילט פּיקאַנטע זאַכן וועגן די מאַנאַכן און האָבן מיר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז פאַר זיי איז אַ גרויס געפאַר עפּעס צו ריידן, ווייל די „באַרוועסע", די פראַנציש־קאַנער, זיינען די ווירקלעכע הערשער פון אַרום און עס קען זיך אויסלאָזן צו זייערע פּאַסטנס. שטילינקערהייט, פונדעסטוועגן, ווען מיר זיינען שוין געלעגן אין די בעטן און דער לאָמפּ איז געווען אויסגעלאָשן, האָבן זיי דערציילט עראָטישע, געפעפערטע מאַיסעלעך וועגן גאָרנישט קיין הימלשע באַציונגען צווישן די הייליקע פּאַטערלעך מיט די מער דערוואַקסענע אינ־דיאַנערקעלעך.

ווען דאָס דינסט־מיידל, די טשונטשאַ, האָט שוין געכראָפּעט אפן הייס! אויוון צוזאַמען מיט דריי קעץ און צוויי פּודעל־הינטלעך און די אַלטע מאַמע איז שוין אויך געשלאָפן ווי אַ פייגעלע אַף אַ שטרויענעם מאַטראַץ אַף דער ערד אין דער אָפענער טיר צווישן דער קיך און אונדזער צימער, איז איינע פון די פיר צעפלאַמטע מיידלעך שטילינקערהייט אַראָפּ פונעם בעט, האָט זיך צוגעשלייכט צו די פיר לעכער אין די ווענט, וואָס נוצן פאַר פענצטער און האָט אַרויסגעקוקט אַף דער גאַס, אין הויף אַריין. און אַז זי האָט זיך איבערצייגט, אַז קיינער קוקט נישט אַריין, האָבן זיי צוגע־

רוקט מיין בעט צו זייערן, כדי זיי זאָלן קענען באקוועמער ריידן צו מיר אין דער שטיל...

פאַרטאָג, עס איז נאָך האַלב פינצטער געווען, האָבן מיר זיך שוין אַלע אויפגעהויבן, די בעטן צעשטעלט אַף זייערע פּלעצער און איין בעט ארויסגעשטעלט אין פאָדער־הויז, עס זאָל הייסן אז איך בין געשלאָפן אַליין, טאָמער קומט ווער. און קאָך האווע, זיבן אזייגער פרי האָב איך שוין געהאַט אַף באַזוך אַן אינדיאַנער מאָנאַך, וואָס איז געקומען מיך נע־מען מיט זיך אין מאָנאַסטיר, ווייל דער עלצטער „ברודער" האָט אַ געט־לעבן באַגער מיט מיר צו ריידן וועגן מיין נייסטער מעטאָדע פון העפטן און שטיקן.

— גוט־מאָרגן, זון! — האָט דער מאָנאַך מיך באַגריסט און גע־שפּילט דערביי מיט די גראָבע פינגער. — וואָס זיינט איר אַזוי בלייך און ווי צעוויטיקט און מיט בלויע אויגן־לעכער? — האָט ער ווי אַ גע־ניטער זאָכער צווידייטיק מיך געפרעגט.

גוט נאָך וואָס ער האָט די בלויע צייכנס נישט געזען אַף מיין לייב און טאַקע אַף מיין האַלדז, וואָס מיין הויכער קאָלנער האָט פאַרשטעלט.

— די מאָסקיטן דאָ אינדרויסן, — ענטפער איך אים — האָבן מיך די גאַנצע נאַכט נישט געלאָזן שלאָפן און דערפאַר בין איך אַזוי צעוויי־טיקט און זדערפאַר האָב איך אַזעלכע אויגן־לעכער.

— הום... די פליגעלעך... זיי האָבן אייך צעביסן, ווייל איר זיינט אַ יונגער יונג פול מיט לעבן... כאַ־כאַ־כאַ!... מיך בייסן זיי ניט מער, איך בין שוין צו אַלט פאַר זיי, נו, ביים איך זיי, די פליגעלעך, כאַ־כאַ־כאַ! — האָט דער מאָנאַך אַלץ צווידייטיק זיך געוויצלט איבער מיר.

די לערערקעס האָבן פרום געקושט דעם גאַלעכס האַנט און האָבן אונדז דערלאַנגט קאַקאַ־טיי, געשטעלט אַ פלאַש פּיסקאָ מיט צובייסן צום טיש און זיינען אַוועק אין שול. אויסגעטרונקען די טיי, גענומען צו בים־לעך פּיסקאָ און פאַרביסן מיט אַ מאַיס־פּלעצל, זיינען מיר, איך מיט דעם מאָנאַך אַוועק צום מאָנאַסטיר.

# מיט פינף און דרייסיק גלחים באַ איין טיש

דער אינדיאַנער מאָנאַך, פראַי קאַסינטאָ דעל סאַנטאָ פּאַטריסיאָ דע
קאַכאַמאַרקאַ, וועלכער האָט מיך געפירט צום מאָנאַסטיר, אַ קליינינקער,
אַ טונקל־ברוינער, כמעט שוואַרצער, מיט אַ לאַנגער ברוינער קאַפּאָטע
און באָרוועסע פיס, בלויז מיט אַ שטיקל זויל אַפן טראָט, האָט אַן אזעם־
דיקן, מעכטיקן צי געטון דעם קופּערנעם דראָט באַ אַ גרויסן פּאַריגלטן
טויער, ווי פון אַ פעסטונג און פון יענער זייט האָט זיך דערהערט אַ מאַ־
רעשכווירעדיקער גלין־גלאָן אין אַ מיסטעריעזן חלל. דער שווערער דעמ־
בענער טויער מיט שטאָלענע קראַטן איבערגעפלאָכטן, האָט זיך לאַנגזאַם
געעפנט און פריער איך, דערנאָך דער גלח, זיינען מיר אריין אינעווייניק.
דער האַלב־שוואַרצער מאָנאַך האָט מיר געהייסן צוואַרטן אין וואַרט־
זאַל און אַליין איז ער פאַרשוואונדן צווישן די שווינדל־זיילן, ווי די ערד
וואָלט אים איינגעשלונגען.

איך האָב דערווייל צייט געהאַט צו באַטראַכטן די סוידעספּולע מאַ־
סיווע געביידע פון אינעווייניק. פון דרויסן איז עס אַ צווייַשטאָקיקער
בנין פון אַן ערך הונדערט פופציק מעטער די לענג אַף הונדערט די ברייט,
אַרומגענומען מיט אַ דיקן פּאַרקן פון זעקס מעטער די הייך. אינעווייניק,
אינעם ברייטן קאָרידאָר אַרום און אַרום די צימערן, שטייען גראָבע קיי־
לעכדיקע זיילן פון געפּאָלירטן גרינעם מירמלשטיין מיט פעדעסטאַלן פון
שוואַרצן, ווייסן און בלויען, זעקס מעטער אָפּגערוקט איין זייל פון דעם
צווייטן. אינעם מדבר־גרויסן אויפנאַם־זאַל זיינען אַפן געוועקסטן פּאַר־
קעטנעם פּאַל געליגן טייערע כינעזישע און פּערסישע טעפּיכער און אַף
די ווענט בילדער פון די אַפּאָסטאָלן, פון יעזוסן און מאַריען, פון טייל
פּויפּסטן, ווי אויך פונעם דיקטאַטאָר לעגיאַ, זעלטענע גאַבעלינען און
פּאַרשידענע אַנטיקן. אחוץ אַ טיש מיט שטולן און געבעטע רויט־פּליר־
שענע סאָפעס אַרום די ווענט, איז קיין אַנדער מעבל נישט געווען. די

# צווישןווילדע און ציוויליזירטע

שראַנקן זיינען איינגעמויערט אין די דיקע ווענט און אויך דער גרויסער קאַמין, מיט גראָבע רערן ארום גאַנצן זאַל, וואָס צעפירן די וואַרימקייט, איז אַן איינגעמויערטער. די טירן צו די שראַנקן זיינען אַזוי קאַמופלירט, אַז ס׳איז שווער זיי צו באַמערקן.

דערווייל זיינען אַלע ווילדע אריינגעקומען אַנדערע מאַנאַכן, אין אַלערליי קליידונגען און קאָלירן און פון אַלערליי ראַסן און נאַציאָנאַלי־טעטן: פון אַ בלאָנדן מיט האָבער־האָר, מיט אַ שניי־ווייסער הויט און הימל־בלויע אויגן; ביז אַ פעך־שוואַרצן אַפריקאַנער און פון אַן עכט אי־דיש פנים מיט פאַרטראַכטע און פאַרזאָרגטע יעזוס־אויגן, ביז אַ מאָנגאָל מיט קרומע דריי פערטל צוגעמאַכטע און פאַרזשמורעטע אויגן און הויך אַרויסגעשטאַרצטע קינבאַקן. איך צייל זיי: אָט זיינען שוין פאַראַן צוועלף, דריי און צוואַנציק, דריי און דרייסיק, פערציק, פופציק, פינף און זעכ־ציק, פינף און זיבעציק... פאַר אַלע ווער איר פאָרגעשטעלט, אַלע דריקן זיי מיר די האַנט און איך דריק אויך, איך האָב טייל פון זיי צום אָנהויב אַזוי צוריקגעקוועטשט דעם שלום עליכם, אַז טרערן האָבן זיך זיי גע־שטעלט. מיט מיין שוין געשוואָלענער האַנט האָב איך געדריקט זייערע הענט ביזן לעצטן.

לאַנג האָט אָף זיך געלאָזט וואַרטן דער הייליקער פריאָר. איבער אַנדערהאַלבן שעה. מיטאַמאָל איז געוואָרן אַ שטילער געמורמל, אַ גע־רודער: ער גייט, ער גייט! — די לאַנגע קאַפאָטעס האָבן זיך מיליטעריש אויסגעשטעלט אין דריי רייען. זיין הייליקייט, דער גאַטספּאַרכטיקער פריאָר איז אריינגעקומען.

צווישן די צעעפנטע צוויי שאַרלאַך־רויטע פאָרהאַנגען פון זייד און פון סאַמעט, מיט אויסגעהאַפטענע בילדער פון דער בתולה־מאַמע מיט איר זון פון איין זייט און פון דער בתולה־מאַמע מיט איר מאַן יוסף פּאַנדראַ און איר זון אַלס קינד, פון דער צווייטער זייט, איז שטיין גע־בליבן דער הייליקער ברודער מיט פאַרבראָכענע הענט און האָט זיך פרום צוגעשפּילט מיט זיינע צוויי גראָבע פינגער. ער האָט געקוקט אָף מיר מיט אַזעלכע מאָדנע שפּיזיקע אויגן, שטייף און נישט אַ פינטל געטון, ווי אַ שלאַנג וואָס היפּנאָטיזירט איר קרבן אָף איינצושלינגען אים לעבע־דיקערהייט. זיין שפּיזיק קוקן איז געווען אַזוי מעכטיק, אַז דורך מיין גאַנצן נערוון־סיסטעם איז דורך אַ פראָסטיקער ווינט. אינסטינקטיוו האָב איך, נישט באַמערקטערהייט פאַר מיר אַ ציטער געטון.

# מארקוס פארישעווסקי

נאָך אַ ווײַלע שטומען שטיין צווישן די פאַרהאַנגען און פאַרשנדיקן פינצטערן קוקן, האָט ער זיך ווי געשאַרט צו מיר, גייענדיק ווי אַ לולב אויסגעצויגן, מיט זײַן גלאַט געגאָלטן קאָפּ אַרויפגעהויבן און די אויגן אַראָפּ צו דער ערד. און שוין פון דער נאָענט, ביטרע־היפּנאָטיש געווענדט זײַנע דורכדרינגלעכע אויגן דירעקט אויף מײַן שטערן, האָט ער מיך נאָכאַמאָל גוט באַטראַכט.

אין אייניקע מינוטן אַרום, האָט ער שטיל, נאָר באַפעלעריש אין פראַנצויזיש אַ זאָג געטון צו די גלחים, וואָס זײַנען אויסגעשטעלט געווען פון ביידע זייטן:

— סעט האָם ניעסט פאַ פּראָטעסטאַן, איל עסט און זשוויוו קי שערש פור גאַניע קעלקע שאָז... דער מענטש, הייסט עס, איז נישט קיין פּראָטעסטאַנט, ער איז אַ איד וואָס זוכט עפּעס צו פאַרדינען.

און מעשׂה רבי, נעמט ער מיך אָן פאַר דער גאָמבע און מיט אַ זיס שעלמישן שמייכעלע גיט ער צו מיר אַ זאָג אויף העברעיש:

— מה שמך? אחי אתה, דבר אתי בלשון הקודש, כי כל הקהל הזה עם־הארצים הם ואינם מבינים מה שאנחנו מדברים.

ווײַזט זיך גאָר אַרויס אַז דער הייליקער פּריאָר, דער עלצטער מאָנאַך, איז אַ ליטווישער איד.

שפּעטער בין איך געוואָר געוואָרן, אַז ער איז אַ גראָדנער, אַז ער האָט איבערגעלאָזט אינדערהיים אַ ווײַב מיט צוויי קינדערלעך און איז אַוועק מיט אַ מחנה דײַטשע מיסיאָנערן יעזויטן. דערציילט האָט ער מיר אַ שוועדישער מאָנאַך, וואָס איז אַנטלאָפן פון זײַן היים צוליב פּאָליגאַמיע און ער באַהאַלט זיך אויס דאָ אין דער פעסטונג. דעם אידישן גאָלעכס נאָמען און פאַמיליען־נאָמען האָט ער מיר בשום אופן נישט געוואָלט אויסגעבן. וואָלט דער פּריאָר גערעדט צו מיר אידיש אָדער אַפילו דײַטש, וואָלט איך שוין פון זײַן לשון דערגאַנגען פונוואַנען ער קומט. נאָר גערעדט האָט ער צו מיר העברעיש, רוסיש, פּויליש, פראַנצויזיש, לאַטײַן, שפּאַניש און ענגליש, נאָר נישט קיין אידיש און אויך נישט קיין דײַטש. כאָטשע — האָט ער מיר געזאָגט — ער האַלט זייער שטאַרק פון אידן, ווײַל זיי האָבן אַרויסגעגעבן משה רבינו און די נביאים, יעזוסן און די אַפּאָסטאָלן פון דער קריסטלעכער אמונה, פּויפּסטן און די קלוגסטע גלחים און כאָטשע די אידן זײַנען די באַשאַפער פון דער מאָראַל און האָבן אַרויסגעבראַכט די אידייע פון איינציקן גאָט און נאָך אַ סאַך

## צווישן ווילדע און ציוויליזירטע

גוטע זאכן און מידות און זיינען די זיילן פון מענטשלעכן דענקען און ווילן, בעט ער מיך דאָך איך זאָל צו אים ניט ריידן קיין אידיש, וואָס איז זייער ענלעך צו דייטש און ברענגט אים דעריבער אָפּ זכרון אַ זייער טרויעריק בילד פון מיט אַ צייט צוריק...

נאָכדעם שוין, ווי ער האָט מיך אַרומגעפירט איבערן מאַנאַסטיר און איז אַריין מיט מיר אין אַ חדר מיוחד, האָט ער זיך מיר מודה געווען, אַז ער הייסט באַ זיין אידישן נאָמען ישעיה בן מרדכי און אַז ער איז געוואָרן מאָנאַך צוליב אַ פאַמיליען־דראַמע. דער שוועדישער גלח, וועל־כער איז געוואָרן מיט מיר אַ גאַנצער שמעלקע, האָט מיר באַשטעטיקט דעם מעשומעדס רייד און האָט מיר צוגעגעבן, אַז ווען זיי זיינען אינגער, וואָלטן זיי גערן צוריקגעקערט צום פרייען לעבן, נאָר זיי זיינען נעבעך שוין צו אַלט אַף חרטה צו האָבן עפּנטלעך און זיי ווילן שוין בעסער מיט דעם פאַלשן לעבן גיין אין קבר אַריין... דערצו איז זיי דאָ גאַנץ גוט, עס פעלט זיי דאָ קיין זאַך ניט, דאָס געזעץ איז אונטער זיי און דער מענטש וואָס וויל פאַרבלייבן מיט זיי איז דער קלוגסטער...

אינעם גלאַנץ פונעם שוועדישן גאָלעכס אויגן, האָב איך געזען זיין פּוקסישע פאַלשקייט און צינישקייט צו אַלץ וואָס דעם מענטש איז ליב און טייער, דאָס פעלן פון דער מינדסטער מענטשלעכער ווערדע. גע־טראַכט האָט ער גאָר: אָך, ווען אונדז געלינגט אַריינציען דעם פאַרשוין אין אונדזער געזינדל, וואָלטן מיר געוואָרן אַביסל שטייפער באַ זיך לגבי דעם אידישן פּריאָר, דעם שר אונדזערן, וואָס קוקט אַף אונדז פון אויבן אַראָפּ...

דער משומד האָט פאַראָרדנט מיר צוצוגרייטן אַן אָרט באַם טיש לעבן אים צום מיטיק אינעם גרויסן עס־זאַל און מיך האָט ער איינגעלאָדן דורכצוגיין זיך מיט אים אַביסל איבער די אָפּטיילונגען פונעם גרויסן קאָנוועגט. ער האָט מיך געפירט איבער די שול־צימערן און וואַרשטאַט: פאַר מעכאַניקער, עלעקטראָטעכניקער, סטאָליאַרעס, שניצער, שניידער און שיסטער.

איך האָב דערבײי דערציילט דעם משומד דעם אַנעקדאָט מיט דעם באַלמעלאָכע, וואָס האָט אָנגענומען אַף דער לערע אַ אינגל און האָט אים געהאַלטן צו אַלערליי שטוב־אַרבעטן, נאָר נישט צו דער מלאכה. ווען די ווייסטע אלמנה האָט זיך באַקלאָגט, אַז דאָס אינגל האָט שוין באַלד פאַר־ענדיקט די לער און ער קען נאָך גאָרניט, האָט ער איר געענטפערט, אַז

# מארקוס פאַרישעווסקי

אחוץ קענען ארבעטן, דאַרף נאָך א באַלמעלאָכע אויך זיין א ליגנער און דאָס קען ער שוין, ברוך־השם, איר תכשיט...

דער פּריאָר האָט פאַרשטאַנען אז איך בין אין ספק צי מען לערנט טאַקע דאָרט די אַלע פאַכן אָדער דאָס אַלץ איז נאָר אַן אויסרייד אַף צו פאַרזיכערן דאָס לאַנד מיט ארבעטער היפּאָקריטן, אבערגלויבערישע פּרז־מאָקעס און מיט האָס צום פרייען געדאַנק און צום קאַמף פון די ארבע־טער פאַר זייער באַפרייונג און עס האָט זיך בא אים ארויסגעכאַפּט א אידישער „אי נו!”, וואָס האָט געקענט הייסן, אז מיינע ספקות באַליי־דיקן אים...

פּונקט צוועלף האָט דער גרויסער קופּערנער גלאָק געגומען קלינגען מיט א הייזעריקן באַס־טאָן און אָפּגערופן האָבן זיך אַף זיין געקלאַנג א צוואַנציק אַנדערע, קלענערע און נאָך קלענערע גלאָקן און גלעקלעך מיט שפּיציקע קעלעכלעך, ווי זיי וואָלטן אַלע אויסגעקלינגען א שיידימשע הונ־גער־תפילה און באַלד דערויף האָבן זיך ארויסגעשאָטן א פּופּציק אינגלעך פון צוועלף ביז אכצן יאָר מיט א קעלבערנעם הו־האַ פון די פרומע וואַר־שטאַטן צו דער קאַפּילע, צו דעם קליינעם קלויסטערל, וואו עס זיינען שוין געשטאַנען אָפּגעדאַוונטע די מאָנאַכן. און פון דאָרט איז דאָס יונג־וואַרג אוועק אין רייען צו צוויי צום עס־זאַל, וואו זייער קוכער־מאָנאַך האָט שוין אריינגעבראַכט פאַר זיי דעם מיטיק.

די שילער האָבן זיך אויסגעזעצט אַף צוויי לאַנגע בענק פון צוויי לאַנגע ברעטער, בא א טיש, אויך פון לאַנגע ברעטער אַף קאָזלעס און יעדער פון זיי האָט באַקומען אין א רויט ערדן פענדל אביסל זופּ פון רייז מיט פיצלעך קאַרטאָפל און אַלס צווייט מאכל — טרוקענע רייז מיט בעבלעך פאַרבראָקט מיט שטיקלעך פלייש און צום סוף — מויצעס פּאָש־לאַד־ברויט.

פון דאָרט האָט דער אידישער פּריאָר מיך פאָטערלעך אַנגענומען פאַר דער רעכטער האַנט, ווי איך וואָלט געווען איינער פון די אינגלעך און האָט מיך אריינגעפירט אין א ראַכוועסדיקן עס־זאַל פון אַזעלכע פינף אָדער צוואַנציק מעטער די לענג אַף צען די ברייט. שווערע דעמבענע טישן, איינער א לאַנגער אינדערמיט און צוויי קורצערע פון ביידע זייטן זיינען געשטאַנען באַדעקטע מיט ווייסע טישטעכער און ארום די טישן — פיינע געבעטע שטולן. אפן מיטלסטן טיש זיינען שוין געשטאַנען זעקס גרויסע פאַרצעלייענע סופּערס און אַף די זייטיקע צו פיר אַף יעדן איינעם, אין

## צווישןווילדע און ציוויליזירטע

עס האָט געזעסן פון זיי אַ געשמאַקע פּאַרע פון אַן עכט אידישער יויך. און צעשטעלט זיינען געווען פיינע כינעזישע פּאָרצעלייענע טעלער און אונטער־טעלער, זילבערנע לעפל און גאָפּל־מעסער, עטלעכע סערוויזלעך מיט זאַלץ און פעפער, עסיק און בוימל און אויך עכט אידישער כריין, לויטן הימלישן געשמאַק פונעם הייליקן פּריאָר, וואָס די געטלעכע מינים־טאָרן האָבן זיך שנעל צוגעוואוינט צו זיינע אידישע מאכלים.

דער ערשטער צום אוועקזעצן זיך באַם טיש איז, נאַטירלעך, געווען דער פּריאָר, וועלכער האָט מיר אָנגעוויזן אַף אַן אָרט הארט לעבן אים און דערנאָך האָבן זיך אויסגעזעצט די הייליקע ברידער, לויט דער יעראַרכיע, און אין אַ וועלפישער קאָמונע גענומען שטאָפּן און גיסן אין זיך. געווען זיינען צווישן זיי אָנגעלאָפּענע פון אַלע עקן וועלט: סענעגאַלער, יאַפּאָנער, כינעזער, אַראַבער, אַביסיניער, איסלענדער, אַפגאַנער. פון די אייראָפּעער זיינען געווען צוויי פּאָלאַקן, דריי רוסן, איין איד (דער פּריאָר), צוויי אַר־מענער, דריי ענגלענדער און פיר אירלענדער, איין רומענער און וויטער פראַנצויזן, דייטשן, שפּאַניער, איטאַליענער און אַנדערע.

געגעסן האָט מען זייער ברידערלעך, נאָר צווישן איין מאכל און צווייטן האָט מען זיך איינער דעם צווייטן אַריינגעזאָגט: אַ האַלב־ציווי־ליזירטער בעדוינער, וואָס האָט זיך אונטערגעהאַלטן מיט זיין שכן אַן אַנדאַלוז, האָט אויסגערעדט אַף די דריי רוסן, וואָס זיינען געזעסן קעגנ־בער, אַז זיי זיינען באָלשעוויסטישע באַרבאַרן און אַז טראָצקי האָט זיי געשיקט אין דעם מאָנאַסטיר אַלע מאָנאַכן אויסצומאַלען און מאַכן דאָרט אַ קאָמוניסטישע איבערקערעניש... די רוסן, פון זייער זייט, זיינען ניט שולדיק געבליבן קיין ענטפער און וואָס זיי האָבן ניט באַוויזן אויסצו־ריידן אַף דער מאַמען זיינער אין שפּאַניש, האָבן זיי עס דרייגאָרנדיק געמאַכט אין רוסיש און צווישן די ציין געשיפּעט: מאַלטשי, מערזאַוועץ, סוקין סין!...

מער פון אַלע האָט אין זיך אַריינגעשטופּט און אַריינגעגאָסן אין זיין אָקסן־בויך דער אַרמענער. ער האָט געטרונקען דעם ווייַן גלייך פון דער פלאַש און איז געווען רויט ווי אַ ראַק און געגאָסן האָט זיך פון זיין דערשוויצטער שמאַלציקער מאָרדע, ווי ער וואָלט נישט געזעסן צווישן הייליקע מענטשן און אַליין אויך אַ הייליקער, נאָר ווי באַ אַ קוכער פון כאַזירשע גריוון לעבן אַ שטאַרק אָנגעגליטער קיך. באַ יעדן שלונג פון די לאַנגע לאָקשן, האָט ער געשיקט אַ קללה צו זיין גאָטס טאַטנס וויב,

האלב אין רוסיש, האלב אין ארמעניש און אויך אין שפאניש. די רוסן האבן אים אונטערגעהאלפן, נישט אויסלאזנדיק פון די קללות אפילע איר ווייבלעכן געשלעכט און די פאלאקן האבן אפן חשבון פון די רוסן געשאטן מיט כאלערעס און פשא־קרעוו. די איטאליענישע, שפאנישע און פראנ־צויזישע „ברידער” האבן אויך נישט געקארגט קיין געפעפערטע וויצן און, ווי איך שטעל מיר פאר, האבן אויך די כינעזער און די יאפאנער ניט גע־שוויגט די מאמעס זייערע מיט גאטס מאמען צוזאמען, מחמת ס'האט זיך גארנישט דערקענט אף זיי זיי זאלן זיך פילן קאנפוזיעט, נאר פאר־קערט, זיינען געווען אין א גאנץ געהויבענער שטימונג און האבן שטארק מיטגעלאכט.

מער פון אלע האט געלאכט דער צווייטער ארמענער, דער יונגערער און אפן קול גערעדט צו זיין שכן, אן אינדיאנער, וואס האט געלאכט פונעם ערשטנס געפעפערטע מעשות. — יא, יא, — האט ער אים פאר־זיכערט — איך פארהאף, אז נאך היינטיקע נאכט וועל איך כאפן א דרעמל ראשית מיט דער מוטער און דערנאך, אז די אלטע שקאפע וועט שוין זיין א צופרידענע און הארט איינשלאפן, וועל איך מיך פארווילן מיט איר טעכטערל. זי איז נאך א בתולה, זאגן די אינדיאנער, היינט באנאכט וועל איך עס וויסן...

דאס וואס איך האב געהערט פון דעם ארמענער, האט מיך נישט איבערראשט. ארום דעם מאנאסטיר געדייעט א גאנץ באזונדער ארים וועלטל, וואס קוקט אוים אף די רעשטן, וואס מען טראגט אראפ פון די רייכע מאנאכישע טישן און העלפט זיך ארוים דערביי מיט אלץ, אבי צו געווינען דעם גענאד פון די פרומע בחורים מאיאסעניקעס.

בלויז דער פריאר איז געזעסן, מעשה כהן גדול, און געגעסן שווייגנ־דיק, פארטראכט, מיט פארגלאצטע אויגן און בענימעסדיק, גלייך ער וואלט געווען הוילע רחניות און וואלט גארנישט געזען און גארנישט גע־הערט די בזיונות וואס די קאלעגן זיינע טוען אן אים און זיין גאט.

— כן, כן חביבי — האט דער פריאר אנגעהויבן שטילינקערהייט ריידן צו מיר העברעיש — כל הקהל הזה עמי־ארצים הם והיה ברצוני לעשותם אנשים נבונים ובעלי מידה; אבל הם, ערב רב, בלי שום תרבות, מדברים נבלה על השם ועל משיחו ואחר כך בוכים, קוראים ומתפללים לו... קויתי לעשות ענבים ויעש באושים... — פאלט ער פלוצים אריין מיט א פסוק פון ישעיה און צום סוף פארענדיקט ער גאנץ פרום: — ואני,

# צווישן ווילדע און ציוויליזירטע

יהודי כמוך עד מותי, בשם אדוני אלהי ישראל, מימיני מיכאל, משמאלי גבריאל, ועל ראשי שכינת אל...

ווען א זייטיקער, ניט קיין יעזויטן־קענער, זעט זיין פארטראכטקייט, דאס שווארצע זיידענע קאפעלע אף זיין קאפ באם עסן און וואלט געהערט זיין קלאנגן זיך אין לשון קודש אף דעם ערב־רב, וואלט ער באמת גע־קענט מיינען, אז דאס איז א פארבארגענער הייליקער איד, א לאמעד־וואווניק, א תינוק שנשבה בין העכום... נאר ווארט א ווײַלע, אט רעדט ער אזוי מיט מיר קענן א האלבער שעה אזוי אינטים, שיט מיט פסוקים פון תנ"ך, באזונדער פון תהלים און משלי, מיט מאמרים פון פרק, וואס בא־רעכטיקן זיין ארט לעבן, מישט דאס אלץ אוים מיט רוסיש, פראנצויזיש און ענגליש און דערעדט זיך אפילע צו זיין פאמיליען־טראגעדיע און פלי־צים גיט ער א טרייסל מיט זיין גאלאכישן קאפ און הייבט אן אין שפאניש אפן הויכן קול, פייערלעך און פאטעטיש גאר אנדערע דיבורים און נעמט מיר אויפווייזן דעם אמת פון דעם קריסטלעכן גלויבן. און נישט נאר דעם אמת, נאר אויך די מאכט אירע.

— „יעהאווא — נעמט ער פייערן — גאט דער פאטער, האט מער קיין שום דעה ניט און קיין שום מאכט ניט אף דער וועלט. די מאכט פון דער וועלט ליגט איצט אין די הענט פון יעזוס און זיין מוטער. יעהא־ווא, ווען ער וויל א טובה טון א בשר ודם אף דער ערד, מוז ער זיך איינשטעלן און אויסבעטן זי בא זיין זון און בא זיין זונס מוטער..."

איך האב מיך אנגענומען די קריוודע פונעם אידישן גאט און האב אים געזאגט, אז וואס שייך ערדישער מאכט, איז ער אוודאי גערעכט, איז דער אידישער גאט אין גלות בא דעם גויעשן, אז ניט, וואלטן מיר דאך דאביידע נישט געזעסן, איך א „איד וואס זוכט וואס נישט איז צו פארדינען", ווי ער האט אינדערפרי געזאגט פאר זיין עולם „ערב־רב" און ער דער אידישער למדן, וואס איז אריבער צום גויעשן גאט אף דינסט, נאר — האב איך שוין געזאגט העכער, אז אלע זאלן הערן — וואס טוט מען אבער מיט די הייליקע שריפטן, וואס לויבן אזוי יעהאוואס מאכט און דערציילן אז פאר יציאת נשמה, האט יעזוס, א פארלוירענער, זיך נעבעטן: „אלי, אלי למה עזבתני?".

בעת דער פריאר האט גערעדט, האבן די מאנאכן געשאקלט מיט די קעפ, געריסן מיט די ציין דאס פלייש פון די ביינער און מיט פול־אנגע־שטאפטע מיילער צוגעבאמקעט: — „סי, סי, אסי עס!" יא, הייסט עס,

# מ אַ ר ק ו ס  פּ אַ ר י ש ע ו ו ס ק י

אַזוי איז עס. — זיי האָבן געשאָקלט מיט די אויסגעגאָלטע קעפּ און נאָטספּאַרכטיק געגלייזט מיט די אויגן און צוגעשטימט, אַז ער, דער פּריאָר האָט רעכט. נאָר אַז איך האָב אָפּגעענטפערט און אויפגעוויזן דאָס פאַרקערטע, האָבן זיי ווידער געגלייזט מיט די אויגן, געשאָקלט מיט די קעפּ און געזאָגט: — „סי, סי, עס ווערדאַד, אַסי עס!" יאָ, ס'איז אמת, אַזוי איז עס!...

פאַר מיין אוועקגיין האָט דער פּריאָר מיך ווידער גענומען פאַר אַ האַנט און ווידער צו מיר גערעדט, „צום קאָפּ און צום האַרץ", ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט, מישנדיק רוסיש און פראַנצויזיש, שפּאַניש און העברעיש:

— איך בין דאָ איינזאַם, עלנט ווי אַ שטיין. איך פיל מיך עלנט צווישן די הייליקע מענטשן, איבער וועלכע איך בין אַ שר און אַ שופט. די כהנים וואָס איר זעט, זיינען גרויסע לייט, גדולי הדור און איך בין זייער ראש. דאָך בענקט זיך מיר צו די ברידער פון מיין שטאַם, פון מיין בלוט און פלייש, צו די אידן... בלייב דאָ מיט מיר, מעג זיין אַף אַ קורצער צייט בלויז, דיר וועט דאָ גאָרנישט ניט פעלן, עושר און כבוד...

בעת דער פּריאָר האָט מיט מיר אַזוי איינגעטיינעט, האָט דאָס קול זיינס געקלונגען מיט אַזוי פיל געבעט, מיט בקשה און תחנונים, אַז מיך האָט אָנגענומען באַם האַרצן, נאָר יעדן מאָל וואָס איך האָב געפּרואווט אַריינקוקן אין זיינע שאַרף־שפּיציקע אויגן צו זען צי איז אין זיי פאַראַן כאָטשע אַ בראָקן אמת, האָט ער זיי פאַרגלייזט אָדער אינגאַנצן צוגעמאַכט.

געזען, אַז מיט תחנונים קען ער מיט מיר גאָרנישט ניט מאַכן, האָט ער אָנגעהויבן מיט תערומות קעגן אַלע אידן און קעגן אידישן גלויבן, אַז די אידן זיינען אַ עם קשי עורף, וואָס ווילן קיינמאָל קיין תשובה ניט טאָן און אַז, פּונקט ווי אַלע אידן, האָב איך מיר אָנשטאָט תענוגים אַף דער וועלט, אַפן עולם השפל און אומענדלעכן עונג־נשמה אַף דעם עולם האמת, אויסגעקליבן די קללות פון דער תוכחה און וויל מיך נישט לאָזן איבעררעדן צום גוטן און גלויבן, אַז יעהאָוואַ האָט חתונה געהאַט מיט אַ מענטשלעכער טאָכטער, וואָס ער אַליין האָט באַשאַפן און אַז דער זון וואָס זי האָט אים געבוירן, האָט איבערגענומען בא אים די חזקה...

לעבן טויער שוין, פאַרן אַרויסגיין, האָט ער מיך ווידער אָפּגעשטעלט און מיט אַ דראַקאָניש פּרום שמייכעלע פון אַן אַלטן באַלאַוויירע־

# צווישן ווילדע און ציוויליזירטע

ניק, האט ער מיך געפּרואווט איבעררײדן צום לעצטן מאָל און מיר געזאָגט אין לשון קודש:

— מיר אַלע פּאַרדינען אַסאַך געלט. האט מען געלט, מעג מען אַלץ און פאַר געלט קריגט מען אַלץ... ביזט דאָך אַ איד, האָסטו דאָך ליב געלט... בלײַב מיט מיר, וועט דיר גאַרניט פעלן: עסן און טרינקען, כבוד און געלט. און אַזוי ווי דו ביזט נאָך אַ יונגער און קרעפטיקער יונג, וועט דיר, מיט דער הילף פון דער הײליקער בתולה, נישט פעלן אויך אַ בתולה. אַז דו וועסט נאָר ווײסן ווי זיך צו באַגײן...

---

אין מוח בײַ מיר האָט געהאַמערט, ווי טויזנט מאַשינען וואָלטן דאָרטן געאַרבעט, בעת איך האָב מיך באַפרײַט פון דעם קאָלאָסאַלן מאָנאַסטיר און פון די גײַציקע נעגל פון דעם ביטערע משומד. פאַר מײַנע אויגן זײַנען נאָך אַלץ געשטאַנען די פינף און דרײַסיק גלחים מיט וועלכע איך בין געזעסן בײַ אײן טיש און די פערציק פון די צוויי זײַטיקע טישן, די לערנ־ײנגלעך, וואָס מען גרייט זיי פאַר צוקונפטיקע היפּאָקריטן, מוסרים אין פאַרעטער פון זײער קלאַס און די אומאַרמונגען פון דעם משומד מיט זײַנע האָמאָסעקסואַליסטישע טײַוועַ־אײגעלעך און האַלבע ווערטער, ווי אַ שלאַנג וואָלט זיך אַרום מײַן גוף געוויקלט און מיט איר גאָפּל־צינגעלע מײַן פּנים געלעקט...

איך האָב געשטעלט לאַנגע טריט, כדי וואָס שנעלער אַנצוקומען קײן קאָנסעפּסיאָן. ס'האַרץ האָט מיר געזאָגט, אַז עפּעס וועט מיט מיר געשען. און ס'האַרץ האָט מיך ניט גענאַרט. פונקט דאָרט וואו דער וועג צעשײדט זיך און אײן אָדער זײַנער פאַרנעמט זיך קײן מאַטאַהואַסי, דאָס הײסט אויך פונקט אונטער הואַמאַהוהופּאַס הויז וואָס אויפן באַרג, איז ווי אויסגעוואַקסן פאַר מיר אַ רײַטער, אַ ברײטבײניקער ריז מיט אַ שוואַר־צער מאַסקע בלויז ביז האַלבער נאָז, אויף אַ געשטרעקטן אָגער מיט ווײַסע און שוואַרצע פלעקן אויף אַ רויטן הינטערגרונט.

מײַן גליק איז געווען וואָס איך האָב געטראָגן בײַ מיר אויפן אַקסל אַ טויטע אויסטערליש גרויסע ווילדע קאַץ, וואָס איך האָב מיט אײניקע מינוטן פריער געשאָסן. דאָס פערד האָט זיך געשראָקן און אָנשטאָט צו גײן אויף מיר, ווי דער רוצח האָט געוואָלט, האָט ער זיך גאָר געשטעלט אויף די הינטערשטע פיס, זיך אוועקגעדרײט און געבריקעוועט...

# מאַרקוס פּאַרישעווסקי

— פונוואַנען גייסטו און וואוהין גייסטו, גרינגאַ? — האָט דער רוצח גערעוועט.

— איך קום פונעם מאַנאַסטיר און גיי צוריק קיין קאָנסעפּסיאָן. — האָב איך געענטפערט.

— צו וועלכן גלויבן געהערסטו? צום קאַטוילישן אָדער גאָר צום פּראָטעסטאַנטישן, וואָס איז פון יעזוסן און פון דער הייליקער אומבאַ־פלעקטער בתולה פאַרשאָלטן?

— צו קיין איינעם פון די צוויי. — האָב איך מיט אַ געמאַכטער קאַלטבלוטיקייט געענטפערט.

— אַזוי גאָר, ביזטו אַ נישט גלויביקער? גלויבסטו גאָר אין גאָט נישט? ביזטו דאָך אַ שד, אַ לוציפער, אַ שטן, אַ דעמאָן! און אפשר ביזטו גאָר דער אַנטיכריסט אַליין? — האָט דער רייטער מעשונעדיק גערע־וועט, אָפּגערוט זיך און ווידער גערעוועט.

נאָר איך, אַז איך האָב געזען דאָס פערד שרעקט זיך פאַר מיין טויטער קאַץ, האָב איך זי שוין מיט אַ כיון אויסגעדרייט מיטן קאָפּ צום פערדס אויגן.

— ניין, ביזט נישט קיין שד און נישט קיין שטן, נאָר טאַקע אַ פּראָ־טעסטאַנט. — האָט ער נאָך אַ ווײַלע שווייגן אַ ברום געטון, — און דיין נשמה פרעגלט זיך שוין לאַנג אינעם פייער־קעסל. יאָ, ביזט אַ פּראָטעס־טאַנט און ביזט געקומען איבערריידן אונדזערע הייליקע מאַנאַכן זיי זאָלן ווערן פּראָטעסטאַנטן, אידן, וואָרום אַ פּראָטעסטאַנט און אַ איד איז איינס און דאָס זעלבע, דער פּראָטעסטאַנט, ווי דער איד גלויבט נישט אין דער הייליקייט פונעם פּויפּסט און פון די הייליקע אין אַלגעמיין. אין נאָמען פון מיין הייליקן גלויבן, וואָס דערלויבט ניט אפילו אַ ווערעמל צעטרעטן, מוז איך דיר אַלס אַזעלכן מאַכן אַראָפּשפּרינגען דאָס דעקל פון דיינע גע־הירן...

איך האָב געציטערט פאַר כעס, נאָר אָנגעווענדט האָב איך אַלע מיינע כוחות זיך צו באַהערשן. לאַנג צו טראַכטן איז מיר נישט געבליבן. דאָס פערד האָט זיך שוין צוגעוואַרפן צו דער ווילדער קאַץ און דער רוצח רוקט זיך אַלץ נענטער צו מיר און שלעפּט שוין פון אונטער זיינע בגדים אַ מעשונעדיק גרויסן אַלטפרענקישן רעוואָלווער. איך האָב מיך גראָד נישט געאיילט אַרויסצונעמען מיין אויטאָמאַטישן פּיסטויל, נאָר מיט דעם שאַר־פן שטילעט, וואָס איך האָב געהאַט אין מיין האַנט־שטעקן, האָב איך אַ

# צווישן ווילדע און ציוויליזירטע

העפטיקן שטאָך געטון דעם פערד לעבן דער נאָז און באַלד א צווייטן שטאָך אין באַק, וואָס דאָס האָט אים גרויס ווייטיק פאַרשאַפט און פאַר שרעק און ווייטיק איז ער אָפּגעשפּרונגען אויף א פערציק מעטער און זיך גענומען דרייען אין א ווילדן געווירבל.

דער רוצח, וואָס אונטער זיין מאַסקע האָב איך אין אים דערקענט איינעם פון די אַראַבישע מאַנאַכן, האָט זיך שטייף געהאַלטן אויפן צעווילדעוועטן פערד און גענומען אויף מיר שיסן. און דאָ האָב איך אַרויסגעכאַפּט מיין פּיסטויל און גענומען שיסן אין דער לופטן. די זעקסטע קויל האָב איך שוין געצילט און האָב אַראָפּגעשאָסן באַם באַנדיט זיין שווארצן הוט. מיט דער זיבעטער און מיט דער אַכטער האָב איך געטראָפן אינעם פערד און אים אויבערפלעכלעך פאַרוואונדעט.

ער, ווידער, ווי נאָר ער האָט אויסגעשאָסן די ערשטע זעקס קוילן פון זיין פופציק־קאַליבערדיקן רעוואָלווער, האָט ער אים ווידער אָנגעלאָדן און ווידער גענומען שיסן. פינף קוילן האָט ער צום צווייטן מאָל אויסגעשאָסן און קיין איינע נישט געטראָפן און איך האָב מער קיין קוילן נישט געהאַט און מער נישט געקענט זיך פאַרטיידיקן פון דער ווייטנס.

און ווען ניט סורוהאַלפּאַ, וואָלט איך זיכער איצט נישט באַשריבן דעם שפּאַציר מיינעם. דאָס פאַרכאַלעמטע טרויעריקע אינדיאַנער־קינד, איז גראָד אַרויסגעקומען צום ראַנד באַרג אויף דעם קליינינקן טעמפּל און אויסגעקוקט מיין צוריקקומען. זי האָט אָנגעמאַכט א שרעקלעכן גוואַלד און אויף אירע געשרייען זיינען אַרויסגעלאָפן אירע בני־בית און מיט א האָגל פון שטיינער האָבן זיי דעם רייטער פאַרטריבן.

# „האַמאָי פּוקאַ"

— האַמאָי פּוקאַ! (קום בלאָנדער!) — האָט צו מיר געשריגן מיט זיינע פולע לונגען הואַמאַהוהופּאַ, סורוהאַלפּאַס פעטער. — קויאַ קוי (נישטאָ קיין קלאַפּ איז נישטאָ קיין ליבע). — און גענומען אַראָפּקלעטערן צו מיר, נאָכדעם ווי דער איבערפאַלער איז אַנטלאָפן פאַר די שטיינער וואָס האָבן זיך אַ שאָט געטון אַף אים פון דער הויך.

— האַמאָי פּוקאַ, אַינטאַ ראָראַ פּטיקעכאַ קויאַס כאַיקי! — האָט כורוהאַלפּאַ געשריגן, לאָזנדיק זיך אַראָפּ נאָך איר פעטער. — קום בלאָנדער, וועסטו זיין אַ פיינער מענטש, וועל איך דיך ליב האָבן.

זיי זיינען נישט אַראָפּגעגאַנגען מיט דעם שמאָלן מוראַשקע־וועג, נאָר אַראָפּגעגליטשעט זיך ווי אַף אַ שליטן איבער אַן אָפּגעגראָבן שטיק באַרג מיט בלוט־רויטן זאַמד און סאַליטרע־פלעקן. זיי האָבן מיךביידע אַרומגעכאַפּט און צערטלעך געפּאַטשט אין פּלייצע. דער מאַסיווער בראָנדזענער אינדיאַנער האָט, ניט אויסריידנדיק אַ וואָרט, מיך אָנגענומען פאַר דער האַנט און געפּרוּווט צי איך וועל אויסהאַלטן זיין האַנטדרוק. ער האָט מיר דערנאָך דורכדרינגלעך אַריינגעקוקט אין די אויגן און נאָך אַ מינוט שווייגן, זיך אָנגערופן:

— איך זע און איך פיל, אַז צו דער קראַפט, וואָס דו פאַרמאָגסט, ביזטו אויך נישט קיין פּחדן. ביזט דערפאַר מיין עלטערער ברודער און פון היינט און ווייטער גיי איך מיט דיר וואו נאָר דו וועסט פאַרלאַנגען און מיט מיינע ציין און נעגל וועל איך דיך פאַרטיידיקן, ווען איך וועל אָט דעם חבר ניט האָבן מיט זיך, — האָט ער אָנגעוויזן אַף אַ לאַנגן און ברייטן קינזשאַל מיט אַ הערשן־הענטל, אין אַ שייד פון אַ ספּעציעל אויסגעאַרבעטן שעפּסענעם האָרן.

— איך וועל אויך מיטגיין. — האָט די ווילדע סורוהאַלפּאַ איבערגעשלאָגן איר פעטער. — ווייל דו ביזט אויך אַ גרינגאַ, ווי מיין מאַמע

אַ חתונה־צערעמאָניע בײַ די הואַנקאַ־אינדיאַנער.

דער אינדיאַנישער אַקער „בײַאַ".

אַ חתונה צערעמאָניע באַ די
קאָנאַ־אינדיאַנער.



סעראַמיק פון די טשימו־אינדיאַנער.

דער פראָנט פון דער קירכע.

## צווישן ווילדע און ציוויליזירטע

איז געווען. האר האסטו בלאנדע און אויגן בלויע און ענלעך ביזטו אויך צו מיין מאמען פון דייטשלאנד, וואו אלע זיינען אזוי בלאנד... די דייטשן האבן געוואלט הערשן איבער דער גאנצער וועלט און האבן זיך געשלאגן מיט דער גאנצער וועלט, פלעגט זאגן מיין מאמע. אויך בא אונדז אין לאנד האבן זיי געוואלט הערשן און מיר האבן זיי געמוזט דערקלערן מלחמה. מיין מאמע, כאטשע א דייטשקע, האט זיי נישט ליב געהאט. זי איז אנטלאפן פון איר לאנד מיט נאך פארפאלגטע מענטשן, וואס זיינען דארט געווען אונטערדריקט אזוי ווי די אינדיאנער בא אונדז אין לאנד... קום בלאנדער, וועסט בא אונדז עסן און שלאפן. ס'איז שוין שפעט. א צווייטער פאנאטיקער, און אפשר דערזעלבער, קען דיך נאך מיט א קאפ נידעריקער מאכן. און איך מוז דיך פון איצט און ווייטער היטן פון אלדאס בייז, קיינער זאל דיר קיין שלעכטס נישט טון, ווייל איך האב דיך גע־ראטעוועט פון א זיכערן טויט...

ווי א בליץ איז מיר דורכגעלאפן דער געדאנק, אז דאס מיידל באציט זיך אף דעם מנהג, וואס איז בא די אינדיאנער הייליק, אז ווען איינער ווערט געראטעוועט פון טויט דורך א מיידל, געהער ער צו איר און זיי מוזן חתונה האבן, און איך בין שטיין געבליבן אן אפהענטיקער, ווי אלע מיינע כוחות וואלטן מיך מיטאמאל פארלאזט. איך האב אפילע נישט באוויזן צו זען ווי הואמאהוהופא האט מיט סורוהאלפאס הילף אפגע־שונדן די פעל פון דער ווילדער קאץ, וואס ער האט בא מיר פונעם אקסל ארונטערגענומען און איבערגעלאזט בא איר בלויז דעם קאפ, אן אויסגעהוילטן. איך האב שוין נאר געזען די פגירה זיך וואלגערן, א שפייז פאר די רויבפייגל.

א מידער און א פארמאטערטער בין איך, קעגן מיין ווילן, געגאנגען מיט זיי און דער געפערלעכער וועג איז פאר מיר אזוי שווער געווען, אז אידהאב געמוזט אלע רגע זיך צוזעצן אפרוען אף א שטיין אדער אף אן איבערגעקערטן בוים. הואמאהוהופא האט דאס אלץ באמערקט און האט עפעס א זאג געטון דעם מיידל. זי האט דערויף קיין ווארט נישט געענט־פערט, און ווי אן אלפאקא איז זי שפרינגענדיק ארויפגעלאפן דעם בארג און אין א שעה ארום איז זי צוריקגעקומען מיט א גרויסן און פעטן מויל־אייזל, וואס האט געטראגן אפן רוקן א לאמא־פעל אנשטאט א זאטל.

פאר מיר איז דאס געווען. הואמאהוהופא האט מיך אנגעכאפט פארן לינקן פום און מיר געהאלפן זיך אויפזעצן און די שעלמישע סורוהאלפא

## מאַרקוס פּאַרישעווסקי

האָט ווי אַ וועווערקע פלינק זיך אַליין אַרויפגעכאַפּט פון הינטן און זיך אָנגעהאַלטן אָן מיר. מיט קורצע נאָר שנעלע טריט האָט דער מויל־אייזל געהאָפּסקעט און נישט געוואַרט איך זאָל אים טרייבן ער האָט גוט גע־קענט דעם וועג און אויך געוואוסט זיינע פליכטן. הואַמאַהופּאַ איז אונדז נאָכגעגאַנגען פון הינטן מיט דער פעל און מיט מיין וואַליזע.

— דו ווייסט, סעניאָר גרינגאָ? — האָט סורוהאַלפּאַ מיך פּעסטער צוגעדריקט און גענומען ריידן צו מיר מיט אַ פרייד, וואָס איך האָב נאָך אין איר נישט געזען. — היינט באַנאַכט וועסטו עסן מיט מיר פון איין פּענדל, פון דעם ליימענעם פּענדל וואָס איך אַליין האָב עס געמאַכט, און וועסט אויך שלאָפן אויף די זעלבע פעלן וואָס איך, לעבן מיר, ווייל איך האָב דיך פון אַ זיכערן טויט געראַטעוועט!...

איך האָב אָפּגעשטעלט דאָס מויל־אייזל. מיר האָט זיך געדאַכט אַז דערמיט שטעל איך אויך אָפּ דעם מעשוגעדיקן געדאַנק אירן, וואָס איך האָב נישט געקענט דערלאָזן. הואַמאַהופּאַ איז געבליבן ווייט הינטער־שטעליק און דערצו נאָך האָט ער זיך פאַרנומען אָפּ אַ צווייטער סטעזשקע. האָט ער עס געטון מיט אַ כיון?...

— וואָס האָסטו געזאָגט? — האָב איך איבערגעפרעגט דעם מיידל און בין אַראָפּגעשפּרונגען.

זי האָט זיך נישט געלאָזט בעטן און האָט איבערגעכאַזערט דאָס פריערדיקע און נאָך צוגעגעבן:

— ביזט אַ פּוקאַ גרינגאָ, אַזוי ווי מיין דייטשע מאַמע. איך בין אַ האַלבע גרינגאָ און אַ האַלבע אינדיאַנקע. איך האָב דיך געוואונען, ביזטו מיין מאַן און איך בין דיין ווייב און היינט באַנאַכט וועסטו שלאָפן מיט מיר.

אַזוי פּשוט האָט זי גערעדט וועגן אַזאַ ערנסטער און אינטימער זאַך, גלייך מיר וואָלטן געווען מאַן און ווייב שוין פון אַסאַך יאָרן. איך האָב אויפגעציטערט. און ווען איך האָב מיך איינגעקוקט אין אירע גרויסע פאַרכאַלעמטע, הימל־בלויע אויגן מיט די פּערלמוטערנע אויגן־הייטלעך און געדיכטע לאַנגע שאָטען־טונקעלע ווימפּערן, זיי אַזאַ טמי־מעסדיקע בעהיימישע תאוה, בין איך געבליבן ווי געפּלעפט. איר פּנים אין יענעם מאָמענט האָט אויסגעזען ווי זי וואָלט אַלט געווען ניט פופצן, נאָר דרייסיק יאָר.

— ביזט דאָך נאָך גאָר אַ קינדעלע! — האָב איך גערעדט צו איר

## צווישן ווילדע און ציוויליזירטע

און געקוקט אַף איר פֿיין געטאָקטן כאָטש קויטיקן פּנים, אַף איר רייצנדע קעפּל מיט די גאָלדענע לאָקן און צוזאַמענגעצויגענע ברעמען, אַף אירע רייפֿע און שטייפֿע ברוסטן. — ביזט דאָך נאָך אַ קינד, צו וואָס באַדאַרפֿסטו אַ מאַן? און דערצו נאָך אַזאַ אַלטן ווי איך, ווען דו קענסט קריגן אַ אינגערן?...

— איך בין נישט שוין קיין קינדעלע; אַ קינדעלע איז דאָס וואָס קומט אָן צו דער מוטערס ברוסט און ביז דער גאָט פֿון פֿרוכטבאַרקייט מאַכט איר דעם ערשטן בלוטיקן צייכן, אַז זי איז אַ פֿולשטענדיקע פֿרוי... און איך האָב מיין צייכן באַקומען צו עלף יאָר, אַזוי ווי מיין באָבע מאַריאַ. און זי האָט אין מיין עלטער שוין געהאַט צוויי קינדער. און מיינע מומעס האָבן שוין צו דרייצן יאָר געהאַט קינדער. פֿאַרוואָס זשע זאָל איך נישט קענען האָבן אַ קינד ווען איך בין עלטער ווי זיי זיינען געווען בעת זיי האָבן דאָס ערשטע מאָל חתונה געהאַט? — האָט זי פּראָטעסטירט.

— און דו ביזט נישט קיין אַלטער. אַן אַלטער איז דער וואָס האָט גרויע האָר, וואָס האָט נישט קיין ציין און גייט איינגעבויגן און די הויט איז באַ אים אַ צעקנייטשטע. איך וויל אויך נישט קיין אינגערן. דו ביזט בראַוו, איך האָב געזען ווי געוואַגט דו ביזט און בויגיק, האָסט געקעמפֿט מיט דעם איבערפֿאַלער. און לויט דעם געזעץ פֿון גאָט און פֿון לייט און פֿון מזל, ביזטו מיינער, ווייל איך האָב דיך געוואונען...

— איך האָב אָבער אַ פֿרוי מיט קינדער! — האָב איך אַ פֿאַרצווייפֿלטער געפּרואווט זי אָפּריידן פֿון איר אינדיאַנישער פּרעטענזיע.

— אָט דערפֿאַר ביזטו אַזוי פֿאַרצווייפֿלט? — האָט זי געלאַכט.

— דאָס איז גאָרנישט. זי איז דאָך ערגיץ אין אַרגענטינע, זייער ווייט פֿון דיר און זי האָט דיך זיכער נישט ליב, וואָרום ווען זי וואָלט דיך ליב געהאַט, וואָלט זי דיך נישט געלאָזט אַליין אין אַלע געפֿאַרן, וואָלט זי מיט דיר מיטגעפֿאָרן... און איך בין דאָך אינגער פֿון דיין גרינגאַ־ווייב,

— האָט זי גענומען אַן ערנסטן טאָן, — וואָס האָט דיך געלאָזט גיין אַזוי עלנט צווישן די בערג און וואַלד, אין די טאָלן און אָפּגרונטן. איך בין דאָך נאָך אַ מיידל, איך האָב נאָך נישט געהאַט קיין מאַן און אַפֿילו נישט קיין קינד, ווייל איך האָב שטענדיק געכאָלעמט פֿון אַ גרינגאָ, פֿון אַ גוטן בלאָנדן אַזוי ווי דו. און איך האָב דיך געוואונען גאַנץ ערלעך... אָט ווע‌סטו זען וואָס אַלע באַ מיר אין שטוב וועלן זאָגן; צי ביזטו מיינער צי ניט... און דאָס וואָס דו זאָגסט, אַז דו ביזט אַלט, קען איך דיר, האַרע־

לע, זאָגן, אַז אין מיין משפחה זיינען פאַראַן מענער וואָס וואָלטן געקענט זיין דיינע טאַטעס און אַפילע זיידעס און זיי האָבן אינגערע ווייבער פון מיר...

אירע זעלטן גרויסע בלויע אויגן האָבן געגליט מיט אַ פייערדיקער פייכטקייט און כאַיעשן תאווה־זיג איבער מיר. אַף איר הויכן שטערן האָבן זיך באַוויזן קליינינקע טראָפּנס קויטיקער שווייס און פון אונטער איר צעריסענער בלוזקע האָבן זיך אַרויסגעזען אירע פיין פאָרמירטע און שטאַרק אַנטוויקלטע ברוסטן, וואָס זיינען אָבער געווען אַזוי קויטיק, אַז מיר איז דורכגעגאַנגען אַ שוידער פון עקל.

— זאָג מיר, סורוהאַלפּאַ, פאַרוואָס האָסטו אַזוי קויטיק דאָס לייב?

— האָב איך איר אַ פרעג געטון און איר אָנגעוויזן אַף דער ברוסט, וואָס האָט זיך מער אַרויסגעזען.

— ניין, פוקאַ האַרעלע, מיין לייב איז נישט קויטיק, — האָט זי געלאַכט. — אַזאַ בין איך פון שטענדיק. באַ מיינע מומעס איז אויך אַזוי, נאָר זיי זיינען ברוינע און איך בין אַ ווייסע. דאָס דאַכט זיך דיר אַזוי. אָט וועל איך דיר ווייזן. — און זי טראַכט נישט לאַנג און זי שלעפּט אַרויס איר ברוסט און הייסט מיר נעמען זי אין דער האַנט און זיך איינ־קוקן. — ריר אָן, וועסטו זען. דאָס זיינען אַזעלכע פלעקן, וואָס איך האָב זיי פון זינט איך בין געבוירן...

— זעסט? — האָב איך באַ איר אַראָפּגעקראַצט אַ שטיקל קויט פונעם לייב און איר געוויזן.

— ניין, בלאָנדער האַרעלע, דאָס איז דאָך הויט, — האָט זי געטייינעט. — נו, און אַפילע יאָ, בין איך דאָך ניט שולדיק, איך באָד זיך יאָ אַמאָל און איך וואַש מיך, כמעט אַלע טאָג, נאָר אָן זייף, וועסטו זען, אַז איך וועל ווערן ריין... ווען מיין מאַמע מיט מיין טאַטן האָבן געלעבט, פלעגן זיי זיך וואַשן מיט זייף און עס פלעגט ווערן דערפון אַ ווייסער שוים אַפן לייב. מיך און מיין קליין ברידערל פלעגט די מאַמע אויך וואַשן מיט זייף. מיין פעטער הואַמאַהוהופאַ ברענגט מיר אַמאָל פון שטאָט, ווען ער האָט געלט, אַ זייפל פאַר צען סענט, נאָר איך באַהאַלט עס...

איך האָב אַרויסגענומען פון מיין האַנט־וואַליזקע אַ שטיקל שמעקעדיקע שמאַנט־זייף מיט אַ שוואָם און אַ קליינעם האַנטוכל און האָב איר דערלאַנגט. זי האָט דאָס מיט אַ ווילדער גייציקייט צוגעכאַפּט און ווי אַ גראַציעזע מאַלפּע אַראָפּגעשפּרונגען פונעם מויל־אייזל, צוגעלאָפן צו אַ

## צווישן ווילדע און ציוויליזירטע

קוואַל, וואָס איז געווען אַ דרייסיק מעטער פון אונדז און זיך גענומען וואַשן און פּאַליושקען ווי אַ קאַטשקע און אַן שום בושה פאַר מיר זיך אויסגעטון מוטער־נאַקעט.

— נו, און איצט בין איך ריין? שיין? — איז זי צוגעקומען צו מיר און געהאַלטן איר ביסל אָנטון אונטערן אָרעם.

— רייגער ביזטו, — האָב איך איר געזאָגט און באַטראַכט איר נאַקעטקייט, — נאָר קויט האָסטו נאָך גענוג הינטער די אָרעמס און אַפּן נאַקן, אין די אויערן און הינטער די אויערן...

די ווילדע איז גלייך צוריקגעלאָפן צום טייכל און זיך גענומען וואַשן און רייבן, וואו נאָר איך האָב איר געהייסן, צושרייענדיק איר פונדער־ווייטנס. איבער אַ האַלבער שעה צייט האָט זי זיך אַזוי געוואַשן אין דעם קאַלטן און קרישטאָל־ריינעם שטראָם.

דערווייל איז הואַמאַהוהופּאַ אונדז אַקעגנגעקומען שוין רייטנדיק אַף אַ מויל־אייזל, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט פון דער היים. ער האָט פאַר דער צייט שוין באַוויזן צו זיין אינדערהיים און פאַראָרדענען מען זאָל צו־גרייטן פאַר אונדז עסן. ער האָט זיך צוגעזעצט לעבן פייער, וואָס איך האָב געמאַכט בעת סורוהאַלפּאַ האָט זיך געבאָדן און אַף וועלכן מיר האָבן ביידע געבראָטן ווילדע עפּעלעך, וואָס איך האָב אָנגעריסן, האָט זיך אָנגעשאָטן אַ מויל קאָקאַ־בלעטער מיט אַש צום קייען און שטיל ווי צו זיך גענומען ריידן.

גערעדט האָט ער פון אַלץ: פון דער פּאָליציי, וואָס פאַרפאָלגט די אינדיאַנער און פון לעגיאַ, וואָס דינט די אינטערעסן פון די רייכע אויס־לענדער, פון די יעזויטן, די מיסיאָנערן און די מאָנאַכן, וואָס העלפן די רייכע עקספּלואַטירן די אָרימע אין נאָמען פון דער קריסטלעכער גערעכ־טיקייט. — בעת איך בין געווען אין מיליטער־דינסט, — האָט ער דער־ציילט, — פלעגט מען מיך אויך שלאָגן מכות־רוצח, זידלען און שרייען אַף מיר „דרעקישער אינדיאַנער”. און כאָטשע איך קען שלאָגן צען אַזעל־כע ווי יענע וואָס האָבן מיך געשלאָגן, אַף שטיקער צערייסן, האָב איך אָבער געמוזט לאָזן מיך באַליידיקן און שווייגן. איך האָב געדולדעט און געשוויגן ביז אַ געלעגנהייט איז געקומען. איינמאָל אַ באַנאַכט, האָב איך מיך געטראָפן מיט דעם סערזשאַנט, אַ ריז, וואָס פלעגט מיך תמיד מאַטערן און שלאָגן מיט דער פויסט צווישן די ריפּן און בריקען מיר אין הינטן. ער האָט זיך, אַ פּנים ניט פאַרגעשטעלט, אַז

# מאַרקוס פּאַרישעווסקי

כאָטשע איך בין נישט מער ווי אַן אינדיאַנער, בין איך אָבער מיט עמעצער אינדיאַנישער ווירדע, וואָס קען אויך און ווייסט ווי אַזוי נקמה צו נעמען... שיסן אים אָדער שטעכן, האָב איך מורא געהאַט, האָב איך אים אַרומגעכאַפּט און אים צוגעדריקט צו מיר, אָבער אַזוי פעסט און אַזוי לאַנג האָב איך אים געדריקט צו מיין ברוסט, ביז איך האָב דערהערט אַ קראַכן פון ביינער... ער האָט אַפילו קיין געשריי נישט געטון און איז אַזוי ליגן געבליבן טויט אויפן אָרט. קיינער האָט זיך אַפילו נישט משער געווען, אַז אַ ווילדער אינדיאַנער האָט אים צעקוועטשט, ווי ער וואָלט געווען אַ ווייסע לויז.

...וואָס ווייסן דען אינדיאַנער? — האָט ער ווייטער געגעדט אין דעם טאָן. — ווערן געבוירן אויף די העכסטע באַרג־שפּיצן צווישן די פּאַריפּעשטע לאַמאַס און קאַרפּינטשאָס און צווישן זיי שטאַרבן זיי... אַן אינדיאַנער טאָר דאָך אַפילו אין שטאָט אַריין נישט קומען, סיידן ער באַווייזט אַז עמיצער האָט אים געשיקט מיט אַ שליחות; אַז ניט, שלאָגט אים דאָרט די פּאָליציי מיט גומענע שטעקנס און מען טרייבט אים אַוועק אַ הונגעריקן, אַ צעמיימעסטן אַרבעטן באַ די וועגן... לעגיאַ האָט געמאַכט אַ געזעץ, אַז יעדער אינדיאַנער איז מחויב צו אַרבעטן אומזיסט צוועלף טעג אין יאָר באַ דעם רעגירונגס שאָסיי. האָב איך און מיינע שוואָגערס און מיין ברודער און מיין פאָטער געאַרבעט, לויטן געזעץ קומט אונדז געבן צו עסן די צוועלף טעג, האָבן זיי אָבער, די סעניאָרעס, דאָס געלט פאַר אונדזער עסן אַריינגעלייגט צו זיך אין די קעשענעס. און דערנאָך אַז מיר האָבן שוין אָפּגעאַרבעט די צוועלף טעג און מיר האָבן שוין אַפילו באַקומען אַ באַשטעטיקונג, אַז מיר האָבן אונדזערס אָפּגעאַרבעט און מיר האָבן זיך געלאָזט גיין אַהיים צו אונדזערע ווייבער, האָט דער קאַפּיטאַן יאַניעז, וואָס איז געווען מיליטערישער אויפזעער אויף די וועגן, מיט נאָך עפּעס אַ סעניאָר, אונדז געהייסן פאַרהאַלטן, האָט צעריסן די צייגענישן, ער אַליין, דער קאַפּיטאַן יאַניעז, האָט אונדז געשלאָגן מיט אַ גומענער קישקע און מיר האָבן געמוזט גיין אַרבעטן אַנדערע צוועלף טעג און נאָך אַכט טעג אַ צוגאָב אַלס אַ שטראָף. אונדזערע אָרימע ווייבער מיט די פּיצלעך קינדער אויף די פּלייצעס האָבן דערצו נאָך געמוזט ברענגען פאַר אונדז עסן, גייענדיק דריי לעגוועס (פּופצן קילאָמעטער) אַהין און צוריק. ווען ניט, וואָלטן מיר דאָרט אַלע אויסגעשטאָרבן פאַר הונגער... צוואַנציק טעג האָבן מיר ווידער אַזוי אָפּגעהאָרעוועט פון זון־אויפגאַנג

# צווישן ווילדע און ציוויליזירטע

ביז די שטערן, געשלאָפן אינדרויסן אַף די הוילע שטיינער, אונטער רעגן און אין קעלט און קיין בלעטל קאַקאַ איז צומאָל נישט געווען, ביז מיר אַלע זיינען קראַנק געוואָרן. דער טאַטאַי (טאַטע) איז שוין אַכט און זיבעציק יאָר אַלט געווען און אַפן ניינצעטן טאָג האָט ער גאָרנישט געקענט אַרבעטן, האָבן זיי אים ווי אַ קרעציקן הונט דערהאַרגעט... און אונדז האָט מען אָפּגעלאָזט אַף דעם איינונצוואָנציקסטן ערשט און אויך נאָר אַדאַנק דעם וואָס דער בלוטדורשטיקער אויפזעער האָט באַקומען אַ געסאַמטע פייל אין רעכטן פוס אַריין, וועלכע האָט אים אומשעדלעך געמאַכט. אַז ניט, וואָלט ער אונדז אַלעמען געווען משלח געווען אַף יענער וועלט... איצט בין איך שוין ווידער געזונט און ווען די קאָנצעסיאָנערן וואָס לייגן דעם וועג וואָלטן מיך ערגיץ געפּאַקט, וואָלטן זיי מיך ווידער מסתמא גענומען צו דער צוואַנגס־אַרבעט און אפשר אויך דערהאַרגעט ווי מיין אַלטן טאַטן...

— אַיי, אַיי, גוטער גרינגאָ, — האָט ער אָפּגעזיפצט, — שלעכט, זייער שלעכט צו זיין אַ שוצלאָזער אינדיאַנער! שלעכט אין שטאָט, שלעכט אין דאָרף, שלעכט אַפן באַרג, שלעכט אין טאָל, טרויעריק באַטאָג און איינזאַם באַנאַכט! אומעטום איז דעם אינדיאַנער שלעכט, אָבער נאָך ערגער איז אים אין די פּאַרוואָרפענע געגנטן, וואו יעדער פּאַרזשאַוועטער קנאָפּ איז אַ גענעראַל!...

הואַמאַהוהופּאַ האָט זיך פאַרקלערט און נאָך אַ קורצער הפסקה, האָט ער אָנגעבויגן זיין ברוינעם שטערן מיט די נאַקעטע ברעמען צו מיר, האָט מיט אַן אַרבל פון זיין גראָב לייווענטן רעקל אָפּגעווישט דעם שווייס פון זיין אויבערשטער האָרלאָזער ליפּ און צוגעגעבן:

— יאָ, יאָ, סומאַק גרינגאָ אַבי ניאַואַי (שיינער אויסלענדער מיט בלויע אויגן), — אַליין זיך אַרויסצעווייזן אין שטאָט, איז פאַר מיר אַ נעפּאַר, נאָר אַלס אָנגעשטעלטער פון אַ ווייסן, קען איך אַרומפאָרן וואו נאָר איך וויל. אַזוי איז לעגיאַס געזעץ. איך וועל דיר דינען, נעם מיך מיט, אויב עס איז אמת, אַז דו ביזט אַ מענטש! נעם מיך מיט, ווען ניט איינעם לאַנד פונעם דאָלאַר, זאָל זיין קיין לימאַ, די הויפּטשטאָט פון די הענקער פון מיין מאַרטירער־פאָלק...

הואַמאַהוהופּאַ איז אַנטשוויגן געוואָרן. ער האָט זיך גענומען עסן די געבראָטענע ווילדע עפּעלעך. איך האָב אים אויך גאָרנישט געענט־

פּערט. און ווי האָב איך אים געקענט ענטפערן, אַז באַ מיר אין געדאַנק האָב איך געזוכט פּלענער ווי צו אַנטלויפן, ווי צו באַפרייען זיך פון מיין אומגליקלעכן גליק מיט סורוהאַלפאַ.

דעם גאַנצן וועג ביז צו זייער שטוב זיינען מיר אַזוי געריטן באַ־גאַנד, איך מיט סורוהאַלפאַן אַף איין מויל־אייזל און הואַמאַהוהופאַ אַף דעם צווייטן און געשוויגן.

# אַ חופּה-וועטשערע אין די בערג

לעבן דער שטוב איז פאַרזאַמלט געווען דאָס גאַנצע בני־בית אַרום אַ פייער, אויף וועלכן עס האָט זיך געבראָטן אַ גאַנצער הינטן פון אַ נאָר וואָס געהאַרגעטן לאַמאַ־זכר. דאָס גרייט מען זיך פּראַווען אונדזער חתונה...

די אינדיאַנער האָבן אונדז אויפגענומען מיט אַ פּאַטשעריי אין די הענט, מיט אַ קנאַקעריי פון די צונגען און מיט הילכיקן געלעכטער. אַלע־מענס אויגן, באַם קלענצטן קינד אַפילע, האָט געשטראַלט מיט פרייד, מיט יום־טוב. איינס נאָך איינס האָבן זיי מיך און סורוהאַלפּאַן געקושט און האָבן זיך געפרייט מיט מיר, ווי איך וואָלט געווען דער ליבסטער אין זייער משפּחה. די הינט, אַפילע, בייזע ווי די וועלף און גרעסערע ווי די בערן, וועלכע האָבן מיך שיר נישט צעריסן אויף שטיקער בעת איך בין דעם ערשטן מאָל געקומען אַהין און מען האָט זיי געמוזט צובינדן אויף דאָפּלטע קייטן, האָבן אונטער דעם אַלגעמיינעם יובל, זיך געוואָרפן אויף דער ערד מיט די בייכער אַרויף, האָבן זיך געשטעלט אויף צוויי פיס, געלאָפן אַרום מיר און מיך באַשמעקט, געלעקט די הענט און די פיס, געקוויטשעט עפּעס אויף זייער הינטישן לשון און זיך געפרייט מיט מיר. געהייסן האָט עס: מיר הינט קושן זיך, עסן, טרינקען און שלאָפן מיט אונדזערע באַלעבאַטים און דו מיט זיי, מיר מיט זיי און מיט דיר...

מער ווי אַלע האָט מיך געצערטלט סורוהאַלפּאַס באָבע, מאַריאַ, וועלכע האָט מיט איר שרעקלעך קוויטיקן פּנים, מיט דעם אויסזען פון אַ פאַרטרוקנטער מומיע, געשיינט און געשטראַלט פאַר גליק.

— אהאַ, שיינער גרינגאַ, בלאָנדער מיט אויגן פון צעקאָכטן מאַיס, ביזט צופרידן?! ביזט געבליבן לעבן און האָסט נאָך דערצו געוואונען אַ פלאַטערדיקע הייסע אינדיאַנערקע, וואָס קאָן קאָכן און וואַשן, נייען, וועבן, העפטן און מאָלן, מאַכן טעפּ און אַלערליי פאַרבן פאַר דעם געוועב.

## מאַרקוס פּאַרישעווסקי

זי קאָן פאַרהויזלען ווילדע חזרים; שיסן פון אַ ביקס און פון אַ רעוואָל־וער, אָראָפּציען פעלן פון חיות, אָדלערס און שלאַנגען; זי קען קאַסטרירן ניט נאָר שעפּסן, נאָר אויך ביקעס און אָגערס, אָט מיט דעם קליינעם שאַרפן מעסער, וואָס זי טראָגט מיט זיך תמיד; זי איז בראַוו, זי קען גוט פעכטן מיט אַ מעסער און איז אויך אַ גרינגאָ, אַ בלאָנדע אַזוי ווי דו. ניין, נאָך בלאָנדער!... זי איז נאָך פאַרשלאָסן, ווי די זשאַלודיעס, וואָס מיר טריקענען דאָ אַף קאַווע... זאָלסט זי נאָר ניט שלאָגן ווי עס שלאָגן די אַנדערע אויסלענדער זייערע ווייבער און זאָלסט אונדז אויך אויס־לערנען פאַרדינען אַסאַך געלט, גאָר אַסאַך, ווי עס ווייסן די גרינגאָס, די פּוקאָס און די יאַנקעס (בלאָנדע און ברונעטע) און זאָלסט אונדז אַלעמען ברענגען אַזעלכע שיינע קליידער ווי דו טראָגסט!... הערסט?...

געזעסן איז די באָבע אַ שטראַלנדיקע צווישן דער כאַפּטע ווייבע־מיט זייערע שרעקלעכע קוטיקע נאָר באַציינטע קינדער און מיט די זויג־קינדער, וואָס האָבן אַרויסגעקוקט פון די זעק, וואָס די ווייבער האָבן געטראָגן אַף די פּלייצעס; געזעסן איז זי אין געקליבן פון זיך און פון די אַרומיקע די לייז מיט אירע דראָטענע פינגער, זיי געוואָרפן אין מויל אַריין און זיי געקנאַקט ווי מען קנאַקט סעמעטשקעס אין רוסלאַנד.

— מוטשאַי קואַי! — האָט צו מיר אַ וואָרטשע געטון די אַלטע, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַן אַלטער פאַרטרוקנטער און פאַרשימלטער וואורשט, — קום גיב מיר אַ קוש!

מיר האָט זיך געדוכט, אַז אַף אירע ליפּן ליגן נאָך די ווייסע היימ־לעך פון דעם אומפליט, וואָס זי האָט געוואָרפן אין מויל אַריין און פאַר עקל האָבן מיך קראַמפּן אָנגעכאַפּט אין די קישקעס און אַ גרויל איז מיר דורך אַלע מיינע גלידער... עפּעס האָט זי אַ מורמל געטון אומפאַרשטענד־לעכעס מיט אירע ווייסלעכע גרין־בלויע ליפּן, פאַרברענטע פון פּיסקאָ און אַנדערע היימישע שנאַפּסן, זיך אויפגעשטעלט און צעשפּרייט אירע לאַנגע סקעלעטן־הענט מיט די אַרויסגעשטאַרצטע פרענגעס און אָדערן און האָט אַ ווילדן קוויטש געטון:

— אַזוי, דו ווילסט מיך נישט קושן, ווייל איך בין אַן אַלטע, קום זשע וועל איך דיך קושן!...

און אין איין אויגנבליק האָט זי זיך ווי אַ גליטשיקע שלאַנג אַף מיר אַרויפגעוואָרפן, זיך פעסט איינגעקלאַמערט אין מיר מיט אירע דאַרע

# צווישן ווילדע און ציוויליזירטע

אויסגעטרוקנטע הענט און מיט איר לייזיק מויל מיר דאָס גאַנצע פּנים אויסגעקושט, מיט אַזאַ ברען און לײַדנשאַפט, ביז היסטעריקע.

געוואָרט האָט פון איר מויל מיט די גרויסע גרינע ציין פון קאָקאָ קייען, אַלקאָהאָל פון ערגסטן סאָרט, קנאַבל, רעטעך און ציבעלע און אַנ־דערע הארבע קרייטעכער און פון איר לייב האָט געשטונקען ווי פאַר־פוילט פלייש און וואָרימער דאַמפּיקער חזיר־מיסט. איך האָב געציטערט מיט אַלע מײַנע אבֿרים, געמיינט איך עק מיך, כ׳האָב געוואָלט ברעכן און נישט געקענט און האָב נאָר באַוויזן אָוועקצודרייען זיך און מיט אַ טיכל מיר געווישט דאָס פּנים און דאָס מויל.

איך בין געשטאַנען און האָב פון זיך שיר נישט די גאַל אויסגע־שפּיגן און אַרום מיר האָבן אַלע געלאַכט און געפּאַטשט מיט די הענט פאַר שמחה. דערנאָך זײַנען זיי ווידער צוגעגאַנגען צו מיר און איינס נאָך איינס מיר אַ קוש געטון גלײַך אין מויל, אין שטערן און אויפן אַקסל און דערנאָך דרײַ פּאַטש געטון אין פּלייצע. דאָס איז געווען אַ שטומע גראַטולאַציע צו מײַן רעטונג און צו מײַן פאַרשלייערונג מיט דעם שיי־נעם אינדיאַנער־מיידל.

סורוהאַלפּאַ אַליין איז געשטאַנען לעבן מיר ווי אַ צוגעקלעפּטע און האָט געשוויגן. זי האָט נאָר געשמייכלט ערנסט, ווײַזנדיק אירע צוויי שורות מעכטיקע אַלבאַסטער־ווײַסע ציין און געקוקט אַרויף צו מיר, גלײַך מיר אין די אויגן...

צוגעפאַלן איז די נאַכט, אַ פּעך־שוואַרצע און האָט מיך אויף דער הויך פונעם באַרג אָפּגעשניטן פון דער איבעריקער וועלט. און נאָר דאָס פייער האָט ווי אַ רויטער פלעק זיך אײַנגעשניטן אין דער כאַשכעס. און אַרום מיר, אַרום מיר מיט סורוהאַלפּאַן, דרייט זיך דאָס גאַנצע אינ־דיאַנישע געזינדל, מענער און פרויען, מיט פלעשער פּיסקאָ אין די הענט אין אַ ווילדערדיקן טאַנץ, קנאַקט מיט די פינגער און זינגט אינקאַישע טרויעריקע און וויינענדיקע מעלאָדיעס, אָנגעפירט פון דער אַלטער באָבע. אַט טופּן זיי לאַנגזאַם ווי די טשערעפּאַכעס און אַט לויפן זיי אַרום אונדז ווי אַ ווירבל און די אַלטע מיט זיי, אַזוי פלינק און גרינג ווי אַ יונגינקע פּופּצן יאָריק מיידל. אינמיטן טאַנצן האָבן זיי אָפּט זיך אָפּגעשטעלט אַקעגן אונדז און געזופּט פון די פלעשער און אויסגעליידיקטע זיי גע־שליידערט אין פינצטערן תהום און דער בראַזג פון די צעבראָכענע פלע־

# מארקוס פארישעווסקי

שער האט זיך ארויפגעטראגן צו מיר אזא עלעגישער... טויזנטער גלעזער צעבראכענע אונטער א קאשמארער חופה...

אויסגעזעצט האט מען זיך דערנאך אף דער ערד מיט די פיס אונטער זיך צו דער סעודה ארום פייער. אויך די קינדער האט מען ארויסגענו־מען פון די זעק און מיט געקרייצטע פיסלעך אונטער זיך זיי אויסגעזעצט ארום פייער. געטיילט האט דאס עסן די באבע. געטיילט האט זי לאמא פלייש מיט זיין ספעציפישן שלעכטן גערוך, פארפראוועט מיט שטארקע פעפערלעך, אז פון הארבקייט האט אזש געשניטן אין דער נאז. מיר מיט סורוהאלפאן, וועלכע איז געזעסן אן איינגעטוליעטע אין מיר, האט די אלטע דערלאנגט דאס עסן אין איין טעפל. פון די טעפלעך וואס האבן א ווענטל אינדערמיט און מען רופט זיי אין פויליש „דוואיאק". פאר מיר, אלס חתן, האט די באבע אריינגעלייגט אין מיין זייט טעפל די צונג, די געהירן, די אויגן און די נירןפונעם לאמא.

געגעסן האט מען דאס פלייש אן גאפל־מעסער. די שארפע אינדיא־נער ציין האבן געביסן גלייך פון די פארציעס. בלויז די באבע האט גע־האלטן לעבן זיך א האלב־מעטער־לאנגן מעסער און מיט אים אפגע־שניטן פאר יעדן זיין פארציע. איר אייגענע פארציע האט זי אויך גע־ביסן מיט די ציין. הואמאהוהופא נאר האט באוויזן א קונץ צו אפצו־שניידן שטיקלעך פון זיין פארציע פלייש גלייך לעבן די ציין מיט א ברייטן קינזשאל. סורוהאלפא האט געקייעט אף ביידע באקן און האט זיך גאנץ וויייניק געקימערט וואס איך עס נישט. דערזען האט זי צום סוף, אז איך האב דאס עסן געלאזט אומגערירט, האט זי מיך נאר געפרעגט צי איך בין ניט הונגעריק און לאכנדיק אויפגעגעסן אויך מיין חלק.

נאך דער פיינער סעודה, בעת וועלכער איך האב בלויז געגעסן טרוקן ברויט מיט א ניאנדו־איי און פארטרונקען מיט עטלעכע זופ פיס־קא, האב איך אוועקגענומען די שיינע סורוהאלפא אף א שפאציר. ווייט פון דעם טומל און אין דער נאכט־שטילקייט, וואו מען האט נאר געהערט די קאנדארס זיך יאגן נאך האזן אדער פאוכילן, האבן מיר זיך צוגע־זעצט אף א קלאץ און איך האב ווידער גענומען ריידן וועגן מיין לאגע, אז איך בין א פארהייראטער און האב קינדער. זי אבער האט בלויז גע־לאכט ווילד און קינדיש:

— כי־כי־כי! זים הארעלע מיינס. — האט זי גערעדט צו מיר אין איר קלינגענדיקן קיטשוא־לשון. — ביזט שיין, ביזט שענער ווי מיין

# צווישן ווילדע און ציוויליזירטע

בלאָנדער הונט, וואָס איז אַזוי ענלעך צו דיר און אַזוי איידל ווי דו, ער עסט אויך נישט, ווי דו, קיין לאַמאַ־פלייש; ביזט קלוגער פון מיין מולאַ אַף וועלכן מיר האָבן ביידע געריטן; גייסט אַנגעטון ווי אַ גאָר רייכער גרינגאָ, פון די וואָס האָבן אויסגעשאָכטן מיינע עלטער־זיידעס די אינקאַס; זעסט אויס ווי אַ קלוגער פוקאַ און ביזט דאָך נישט קליגער פון מיין רויטן ווילדן חזיר, וואָס בענקט רק צו זיין כּאַזורטע... דיין גרינגאָ־ווייב איז אַוודאי אַן אַלטע מיט ארויסגעפאַלענע אָדער פאַר־פוילטע ציין, אַזוי ווי בא אַלע יענקישע ווייבער... זעקס קינדער האָסטו און איך וועל דיר האָבן זעקס מאָל זעקס...

בעת איך האָב איינגעטיינעט מיט סורוהאַלפּאַן, האָבן די אינגערע ווייבער זיך געסוידעט צווישן זיך און דערנאָך טייוועדיק זיך צוגעשאַרט צו זייערע צעפלאָמטע מענער און אַן איבעריקע ליבעס־דערקלערונגען זיך ארייננגעשלעפּט אין די קאַלטע צימערן פון די דיקע שטיינערנע ווענט און נאָך אייניקע מינוטן אַמפּערן זיך, לאַכן און קוויטשען, צוריק ארויסגע־קומען און מיט אַ נייעם אַפּעטיט געגומען קייען די קאָקאַ־בלעטער און טרינקען פּיסקאָ. מער פון אַלע האָבן געזויפט די באָבע און פּאָקאָ איר זון, אַ הויכער יונג מיט רויטע טרערנדיקע כּאַזערישע אויגן און אַ שפּי־ציקער מאָרדע ווי בא אַ מוראַשקע־בער, וואָס האָט געגאַווערט און גע־שפּריצט מיט שפּייעכץ בעיסן ריידן זיינע אָפּגעהאַקטע ווערטער. נאָך יעדן נאָג פון דעם גראָבן ציגאַר, אַליין אַ געמאַכטער פון בוראַק־בלעטער, האָט ער געשפּיגן אין אַלע זייטן און אויסגעזען דעמאָלט ווי אַ לונאַטיקער מיט זיינע אידיאָטישע באַוועגונגען. מאַמע און זון האָבן נישט אויפגע־הערט טאַנצן און רויבערן, זויפן אַלקאָהאָל און שפּייען, כראַקען און שפּרינגען. די אויגן האָבן בא זיי געפינקלט מיט אַ פינצטערן האַלב־נאַכט־גלאַנץ.

און ווי האָב איך גאָר געקענט אַ טראַכט טון וועגן איבערריידן מיט די בני־בית וועגן דער אומבאַקוועמער לאַגע מיינער, אַז די באָבע איז אַזוי בגילופין. בעת דער זון אירער האָט זיך קוים ארייננגעשלעפּט אַף אַלע פיר אין זיין נאָרע, האָט די אַלטע נאָך אַלץ געלאַכט און געזונגען און אַלע ווײַלע זיך אָפּגעשטעלט אַקעגן מיר און סורוהאַלפּאַן און גע־פלוידערט אין קיטשואַ ווי מיט אַן אָפּגעבריטער צונג, מיט יללה און גע־וויין:

— גיין, גיין, זים האַרעלע גרינגאָ, מיר זיינען נישט קיין שפּאַניער

און נישט קיין יענקיס, אונדזער קיטשוואַ ריידן מיר, אונדזער אינדיאַנישע שפּראַך... ניין, ניין, גוטער האַרעלע, ביזט בעסער פונעם בעסטן פּיסקאָ און געשמאַקער פונעם שטאַרקסטן טשילי (אַזאַ ביטערן פעפערל) און זאַפטיקער ביזטו פון דעם ציגאַר וואָס איך לאָז פון מיין מויל נישט אַרויס און פון קאָקאַ אַפילע געטלעכער... זאָלסט אָבער ניט מיינען, אַז איך בין משוגע אָדער שיכור, ניין, ניין, משוגע ביזט דו און שיכור אויך דו, ניט איך. איך בין נאָר אַזוי זיך פריילעך און אומגליקלעך. איך טרינק אַ קאַפּעטשקע, אַביסעלע ניט מער, ווי עס האָט מיך אויסגעלערנט מיין יענקישער מאַן, דער כאַזערישער טאַטע פון דעם זון מיינעם פּאַקאָ... די אַנדערע כאַזערישע מענער מיינע, דער הואַנקאַוועליקער, די שפּאַניאָלישע, דער טערקישער, דער כינעזישער און דער פּאָרטוגעזישער, אַלע האָבן זיי גע־טרונקען, אָבער קיינער ניט אַזוי פיל ווי דער דייטשער, וועלכער האָט מיר קיין קינד נישט איבערגעלאָזט... ער האָט צו דעם קיין צייט נישט געהאַט, טאָג ווי נאַכט האָט ער געטרונקען... נאָר שיכור ביזט דו, ניט איך, ווייל דו דרייסט זיך ווי אַ קאַרוסעליע מיט מיין ליבער כאַזערישער אייניקל סורו־האַלפּאַ צוזאַמען מיט דעם קלאַץ, אַף וועלכן דו זיצט מיט איר און איר פליט אין אַ מעשוגענדיקן ווירבל, אַז איר האָט מיר אַזש דעם קאָפּ פאַר־דרייט... נאָר שלאָגן זאָלסטו זי ניט און ניט איינשפּאַנען צו פיל אין דער אַרבעט, ווי עס טוען אייערע ווייסע טייוואָלים. אַלע מיינע ווייסע מענער האָבן מיך געשלאָגן און געפּייניקט און אַליין זיינען זיי נאָכגעלאָפן נאָך די אינגערע ווייבער, ווי די הענער נאָך די הינער...

אָפּגעזאָגט האָט זי איר שיקערע דרשה און האָט זיך אַנידערגע־זעצט אַף אַ שטיין קעגניבער מיר, האָט באַהאַלטן דעם קאָפּ צווישן אירע קניען און גענומען יאָמערן און שלוכצן, ביז זי איז איינגעשלאָפן.

אינדרויסן איז דערווייל געוואָרן אַלץ קעלטער און פינצטערער און די אַנדן־נאַכט האָט זיך וואָס אַ רגע געלאָזט פילן אַלץ שאַרפער. אַלע זיינען שוין געווען אין זייערע נאָרעס, נאָר איך מיט מיין פאַרליבטער און די באָבע מאַריאַ זיינען מיר געזעסן אינדרויסן. סורוהאַלפּאַ, וועלכע איז געוואוינט געווען צו גיין שלאָפן מיט די הינער גלייך, האָט געגע־נעצט און געציטערט, האָט געקלאַפּט אַ צאָן אָן אַ צאָן און זיך געטו־ליעט צו מיר ווי אַ געפרוירענע קאַץ.

— פוניטש קאַני, — האָט זי געשטאַמלט. — עס שלעפערט מיך,

— און באַ דער גויסעסדיקער שיין פון די נאָך סמאַליענדיקע האָלאַ־

# צווישןווילדע און ציוויליזירטע

וועשקעס, האָב איך אין אירע גרויסע הימל־אויגן געזען אַזוינס וואָס איך האָב נאָך באַ קיין אַנדער מענטשן קיינמאָל נישט געזען. אַזאַ רחמים־בעטנדיקן בליק האָב איך נאָר געזען אַמאָל אין די אויגן פון אַ גרויסער פּאַרוואונדעטער מאַלפּע, אין די געדיכטע דזשאַנגלס פון ניקאַראַגואַ, באַ דער גרעניץ פון קאָסטאַ ריקאַ. געווען בין איך דאָרט מיט קאָלעגן אויף אַ יאַגד איבער בערן און יאַגוואַרן. מיר האָבן דעמאָלט דערשאָסן אַ יאַגואַר, וואָס איז נאָר וואָס געהאַט אַרויפגעשפּרונגען אויף אַ מאַלפּע־מאַמע, וועלכע איז געזעסן אויף אַן איבערגעקערטן האַלב־פאַרפוילטן בוים און געגעבן צו זויגן אירע צוויי קינדער. די מאַלפּע מיט אירע קינדער, וואָס האָבן זיך געקלאַמערט מיט זייערע נאַקעטע הענטלעך אַרום דעם רוקן פון דער פּאַרוואונדעטער מאַמע, האָבן געלעבט. און ווען איינער פון די יעגער האָט אויפגעהויבן די ביקס און מיט דער קאָלבע געוואָלט צעשמעטערן דעם קאָפּ פון דער מאַלפּע, האָט איר בליק מיך אַרומגעוועבט מיט אַזאַ שיר מיטלייד און רחמנות און איך האָב די קלוגע חיה מיט דעם כמעט מענטשלעכן געשטאַלט, מיט אירע פייכטע און צעשראָקענע סאַמעט־אויגן, נישט געלאָזט טויטן...

פון סורוהאַלפּאַס אויגן האָט זיך געעפנט דער טרערן־קוואַל. גרויסע טרערן־טראָפּנס האָבן זיך געקייקלט פון זיי און געשעפּטשעט האָט זי שטיל און ציטערדיק:

— פּוניטש קאַני, טשירי, טשירי! — מיך שלעפּערט, קאַלט, קאַלט...

אויך מיך האָט געשלעפּערט און, וואָס אַן אמת, אויך מיר איז זייער קאַלט געווען. אַ פּראַקטיקער הומבאָלדט־ווינט האָט מיר שיר ניט די פאַר־פרוירענע אויערן אָפּגעריסן. איך האָב אָבער בשום־אופן נישט געקענט באַ זיך פּויעלן: מורא, בושה און עקל האָבן אַלץ מער און מער מיך באַהערשט.

סורוהאַלפּאַ האָט אַזוי געסקאַמליעט ביז איר באַבע האָט אין איר שיקערן שלאָף דערהערט איר אייניקלס וויינענדיקן בעטן זיך און ציטערן און האָט זיך פּלוצים ווי אַ סטאַטוע אויפגעשטעלט. זי האָט מיך מיט אירע ספּרוזשינע־פינגער אָנגעכאַפּט פאַרן לינקן אָרעם און האָט מיך אַריינגעשלעפּט אין איינעם פון די פיר צימערן און מיך פּשוט אַרויפגע־שטופּט אויף דעם געלעגער, וואָס איז צוגעגרייט געווען פאַר מיר מיט סור־רוהאַלפּאַן.

צוליב דער פינצטערקייט, האָב איך נישט געקענט זען ווער נאָך אין

# מאַרקוס פּאַרישעווסקי

יענעם צימער איז געשלאָפן. נאָר פון דעם פאַרשידענעם כראָפּען, האָב איך מיך משער געווען, אז דאָרט האָבן געמוזט שלאָפן אַן אַנדערהאַלבן טוץ מענטשן, אַחוץ מיר מיט סורוהאַלפּאַן און אַחוץ דער באָבען. דער שלאָף האָט גובר געווען מיין מורא און עקל צו די מיליאָנען אומפּלייט און נישט אויסגעטאָגענערהייט, האָב איך מיך אַנידערגעוואָרפן שלאָפן. אונ־טער אַ וואַרימער דעק און אויף אַ בארג וויקוניא־פעלן, האָב איך שוין גע־טראָפן ליגנדיק סורוהאַלפּאַן, וועלכע האָט זיך איינגעקלאַמערט אין מיר און אינדיאַניש געשעפּטשעט צו מיר:

— טשירי, טשירי, סונקו סוא... (קאַלט, קאַלט, האַרץ גנב...).

פון מיין צווייטער זייט האָט זיך אַנידערגעוואָרפן די אַלטע אין די קליידער און האָט מיר געהאַלטן אין איין אַריינפּאַקן אין די אויערן אַריין, בעת זי האָט מיך איבערגוואַלד אויסגעטון, אַזוי ווי סורוהאַלפּאַן:

— כיסאַמפּי אורפּי! — טייבעלעך, אין דער נעסט אַריין... אַז דו וועסט זיך גוט אויפירן, וועל איך דיך ליב האָבן...

נאָך איניקע מינוטן ליגן און מיר אַריינטרומייטערן אין אויער אַריין האָט זי גענומען אויסמייקענען די צופיל פּיסקאַ, וואָס זי האָט אויף מיין חופּה־וועטשערע געטרונקען און האָט נאָך מער פאַראָוועדט דעם געגוג פאַריפּעשטן שלאָף־צימער.

ענדלעך איז זי איינגעשלאָפן.

און אויך סורוהאַלפּאַ, נאָכדעם ווי זי האָט זיך לאַנג געטוליעט צו מיר און ממש געריסן פון מיר שטיקער, איז אַ דערוואַרימטע און צופרידענע איינגעשלאָפן.



די באַן וואָס גייט פון לימאַ קיין הואַנקאַיאָ און די הענגנדע בריק איבערן טייך מאַנטאַראָ.

מאַטוקאַנאַ־אינדיאַנער מוזיקער און זייערע יאָמטויוודיקע מלבושים, אָבער באָרוועס.

הואַמאַהואַהופּאַ אין די מלבושים פון אַ
ווילאַק־אומו (נביא).

# הואַנקאַיאָ

אַפֿן נײַנטן טאָג, נאָכדעם ווי מײַן פּריש־געבאַקן ווײַבל מיט דער גאַנצער משפּחה האָבן מיך אויפֿגעהערט היטן, מחמת זיי האָבן דערזען אין מיר עמעסע צוגעבונדנקייט צו מײַן צאַרטער אינדיאַנער־מיידל, האָב איך זיי צו וויסן געגעבן, אַז פֿאַרטאָג מוז איך גיין קיין קאָנסעפּסיאָן און פֿון דאָרט קיין הואַנקאַיאָ.

, אין דער אונטערשטער וועלט איז דער פֿאַרטאָג אײַנגעהילט געווען אין אַ דיקן וואָלקן־שלייער, אַ צעריסענער אין טייל ערטער און בײַ דער זילבער־ווײַסער לבֿנה־שײַן האָבן טייל צעריסענע ערטער אויסגעזען ווי שוואַרצע פֿלעקן און אַנדערע ווי פֿינצטערע גריבער. אַראָפּקוקנדיק צו די וואָלקנס, וואָס האָבן געשוועבט אונטער מײַנע פֿיס, האָבן טייל אויסגעזען ווי נאָר וואָס צעקעמטע אָנגעהויפֿנטע וואַטע פֿון אַלערליי קאָלירן, ווי קאַפּריזנע פֿליענדיקע בערג, וואָס בײַטן אַלע רגע זייערע פֿאָרמען און געשטאַלטן: אָט זײַנען זיי מאַסיוו שוואַרצע, ווײַסע און ראָזעווע און אָט דורכזיכטיק, שיטער ווי דאַמף אָדער גאָר ווי הויפֿנס פּוך פֿון פֿערענעס אויסגעשאָטענע. און איבער מיר איז דער הימל, דער האַלבער־הימל־רונד, ריין, אָן איין פֿלעק. די לבֿנה בלויז, אַ פֿולע, אַ זאַטע, האָט רויק געוואַנדערט איבער די טונקל־בלויע זײַדענע וועלטן, אַ באַגלייטע פֿון די מיליאָנען קליינע און נאָך קלענערע שטערנדלעך.

אַ רגע און אַפֿן ווײַטן מזרח הויבט זיך אָן שפּאַלטן די טונקעלע בלוי־קייט און אַ פּורפּורנע גין־גאָלדענע רויטקייט נעמט לאַנגזאַם באַזוימען די שנעל־יאָגנדע שוואַרצע און גרוי־בלויע וואָלקנס פֿון אונטן און די זילבער־קעפּ פֿון די קאָרדיליערן אויבן. אַרום מיר האָט די וועלט זיך גענומען וועקן: ציוויליזירטע געזאַנגען פֿון הענער, וואָרקען פֿון ווילדע און ציוויליזירטע טויבן, אַ סקריפּענדיקער געשריי פֿון אַ טשאַבאַ, אַ גאָנערן פֿון ווילדע גענדז וואָס פֿליען צום אַמאַזאָנאַס, אַ בילן פֿון ציווילי־

# מארקוס פארישעווסקי

זירטע הינט און בלעקען פון ווילדע ציגן, וואס שרעקט און וועקט די אורובוס, די באקאנטע ריזן־קראען, צו זייער פרימארגנדיקן רויב.

אויך די באבע מיינע איז שוין אויפגעוועקט. זי האט שוין א פייער צעלייגט און גרייט אן אנבייסן פאר דעם הויז־געזינט און א באזונדערן אנבייסן פאר מיר מיט סורוהאלפאן, צוויי היימישע טויבן אפן שטאנג געבראטן. זי האט באמערקט די אלטע, כאטש כסדר א שיקערע, אז איך בין א שטיקל מפונק, אז מיר שמעקט נישט דאס לאמא־פלייש און אז איך מיגל מיך צו עסן מיט זיי צוזאמען...

גלייך נאכן עסן, האב איך מיך צעזעגנט מיט דער משפחה, געגעבן יעדן איינעם אן אטיעזדנע צו פאר מאל און סורוהאלפאן גאנצע פינף פערואנער פונטן און זיך געלאזט אין וועג אריין. הואמאהוהופא איז פון מיר א רגע נישט אפגעטראטן, גרייט מיך צו פירן און געטריי מיר געקוקט אין די אויגן. סורוהאלפאן האב איך איבערגעלאזט זיצן א וויינענדיקע לעבן דעם שטיינערנעם שיסעלע, וואס זי האט זיך אליין אויסגעארבעט, מיט רויטן און ווייסן געקאכטן מאיס. זי האט געבליפעט אפן קול און געשאטן אין מויל אריין פולע זשמעניעס און פארטרונקען מיט שווארצער קאווע פון זשאלודיעס.

— וויין נית, סורוהאלפא! — האב איך צו איר גערעדט קיטשואיש און זי געטרייסט מיט דעם צוזאג איר צו שיקן פיינע קליידער, שיך און א מאדערנעם הוט, כדי איך זאל זי קענען מיטנעמען אין עטלעכע חדשים ארום אף מיין גרויסער רייזע איבער דער וועלט. נאר א תנאי האב איך מיט איר אויסגענומען: זי זאל זיך אלע טאג וואשן, נישט עסן קיין אומפלייט און זיך האלטן ריין איבערהויפט. — און לערן זיך צו מע־אביסל שפאניש! — האב איך אפן סוף אונטערגעשטראכן.

שווער האט דאס ווייבעלע מיינס זיך געלאזט טרייסטן און נאר די גוטע באבע, וואס איך האב איר אריינגעשטעקט אין דער יד אריין א פלאטערדיקן פערואנער פונט, האט געווירקט אף דעם פארצווייפלטן אינדיאנקעלע זי זאל נישט מיטלויפן מיט מיר אין דעם הולך אירן. דאס איינגעשרומפענע, געווענזלטע טרוקענע פנים פון דער אלטער, איז נאך מער איינגעשרומפן געווארן, נאך מעשונעדיקער און געווענזלטער. איבער אירע טיפע טונקל־בלויע אויגן־לעכער, פונוואנען עס האבן ווי פון א טויטן־שארבן ארויסגעגלאנצט ווי צוויי שווארצע קרעלן אירע אדלער־אויגן, איז געבליבן הענגען א גרויסע וואלקן־טרער. קענטיק איז געווען

## צווישן ווילדע און ציוויליזירטע

אַז זי שטרענגט זיך אָן נישט צו וויינען און צום סוף אַרויסגעשטאַמלט ווי זי וואָלט גובר געווען די טרערן וואָס האָבן איר געשטיקט אין האַלדז:

— האַר, ביזט דאָך שוין איצט מיינס אָן אייניקל, ווי סורוהאַלפּאַ, פאַרגעס־זשע ניט אין דער קליינער! זי האָט דיך געראַטעוועט פון טויט און פון יענער נאַכט אָן ביזטו איר מאַן און זי איז דיין ווייב. זי איז אַ בלאָנדע, אַזוי ווי דו, מיין זון, און נאָך בלאָנדער. זי האָט נישט קיין טאַטן און קיין מאַמען. איר אינדיאַנער פאָטער און איר דייטשע מוטער זיינען אין פונאָ צעשטיקלט געוואָרן, קעמפנדיק פאַר אַביסעלע גערעכטיקייט. זי האָט קיינעם ניט אַחוץ מיר און דיר. און ווען זי וועט פאַר דיר אַ קינדעלע האָבן, וועסטו מיך שוין זיכער מער ניט טרעפן אויף דער אויבערפלאַך. איך פיל, אַז איך וועל אינגיכן שטאַרבן. גיין, גיין, זאָלסט נישט פאַרגעסן די קליינע מיט דעם גרינגאָ־קינדעלע וואָס זי וועט פאַר דיר האָבן און זע זאָלסט זי נישט פייניקן מיט שפּאַניש [illegible]דן, וואָס איז אַזוי פאַרהאַסט אין מיין שבט...

— ביזט מיין קאַמאַיאַק! — האָט סורוהאַלפּאַ כסדר געבליפּעט. — מיין שעף. ביז דו וועסט קומען נאָך מיר, וועל איך וויינען מיט בלוט.

דער אַלטערס ווייטיקלעכע רייד און סורוהאַלפּאַס וויינען און בעטן האָבן מיין האַרץ ווי מיט מעסערס געשניטן און יעדער וואָרט זייערס האָט פון מיינע האָר שטעכיקע דערנער געמאַכט. איך האָב אָבער קיין אינדיאַנער נישט געקענט ווערן. איך האָב געמוזט גיין.

זעקס אינדערפרי בין איך שוין געווען אין האָטעל פון קאָנסעפּסיאָן און זיך געגרייט צו גיין קיין הואַנקאַיאָ, צוויי און צוואָנציק קילאָמעטער ווייט, וואו יעדן זונטיק שטעלט זיך אַ גרויסער פּערואַנישער יאַריד. ווי כמעט אין אַלע אינדיאַנער באַרג־שטעטלעך, איז דאָרט שווער געווען צו קריגן אַ פערד וואָס זאָל צופירן די עטלעכע קילאָמעטער. אַ באַן גייט דאָרט יעדע צוויי טעג. מיר האָבן דעריבער, איך מיט הואַמאַהופּאַ, גענומען אויף זיך מיינע וואַליזעס און מיר האָבן זיך אַוועקגעלאָזט, צופוס, איבער באַרג און איבער טאָל, קיין הואַנקאַיאָ.

---

הואַנקאַיאָ איז דער לייפּציקער אָדער דער ניזשני נאָווגאָראָד פון פּערו, נאָר אָנשטאָט איינמאָל אין יאָר, ווי יענע באַרימטע וועלט־יאַרידים, שטעלט זיך דער יאַריד אין הואַנקאַיאָ יעדן זונטיק. ס'איז אַ יונגע שטאָט,

# מאַרקוס פּאַרישעווסקי

באַוואוינט פון אַן ערך דרייסיק טויזנט נפשות, מערסטנס אויסלענדער אָדער זייערע אָפּשטאַמיקע, צווישן זיי אויך עטלעכע אידן, און צו זיי אַ גרויסע צאָל פרידלעכע אינדיאַנער. זי איז די הויפּטשטאָט פון דער פּראָווינץ וואָס טראָגט דעם זעלבן נאָמען און געהער צום דעפּאַרטאַמענט כוזין און שטייט אַף אַ הויכן ברייטן און אומענדלעך לאַנגן פּליין, 10.866 פוס איבערן ים־פּלאַך, אַ באַזוימטער דרייסיק קילאָמעטער ווייט ארום אין אַלע ריכטונגען מיט באַשנייטע און אומבאַשנייטע בערג, וואָס הויבן זיך ווי פּאָלירטע באַגנעט־שפּיצן, ווי קאָנוסן אָדער האַלטן גאָר זייערע קעפּ באַהאַלטן אין די וואָלקנס.

וואַרים איז דאָ און אָנגענעם, נאָך וואַרימער און אָנגענעמער ווי אין כאַוכאַ און געבויט איז די שטאָט אויך מאָדערן, כאָטשע די מערסטע הייזער אירע זיינען געבויט פון בלאָטע. אירע הייזער זיינען געשטוקאַטורעטע, האָבן פענצטער מיט גלעזערנע שויבן און געשעפטן מיט שויפענצטער און אירע גאַסן זיינען ברייט, גאַרניט ווי אין די גרעסערע פּערואַנער שטעט. אַפילו לימאַ האָט נישט אַזעלכע ברייטע גאַסן. איר הויפּטגאַס, אַווענידאַ לימאַ, האָט איבער פופציק מעטער די ברייט און ווי ווייט דאָס אויג כאַפּט איז זי גלייך ווי אַ ווירע און באַלויכטן באַנאַכט מיט אַ פאַרשווענדעריש־בלענדנדיקער עלעקטריע, וואָס ווערט געטריבן פון אַ שטאַרקן וואַסער־פאַל.

פאַראַן זיינען דאָ צוויי מיטל־שולן, אַ נאָרמאַלע און אַ נאַציאָנאַלע (גימנאַזיע), אַ צענדליג פּריוואַטע אַקאַדעמיעס און אַנדערע בילדונגס־אַנשטאַלטן, וואו עס לערנען זיך בא די אַנדערהאַלבן טויזנט שילער, אַ קאַטוילישער סעמינאַר און אַ רעליגיעזער פּענסיאָנאַט פאַר מיידלעך. איין קליינינקייט נאָר פעלט דאָ, וואָס וואַרפט זיך שטאַרק אין די אויגן: די גאַסן זיינען נישט קיין ברוקירטע.

הואַנקאַיאָ איז געוואָרן אַזאַ וויכטיקער האַנדלס־צענטער ניט דערפאַר מסתמא וואָס זי געפינט זיך אַף אַזאַ שיינעם פּלאַץ צווישן די בערג, נאָר דערפאַר וואָס זי ליגט אַף אַ מיטלפּונקט, אַף דעם וועג קיין קוזקאָ, הואַנקאַוועליקאַ, איאַקוטשאָ, קאַכאַמאַרקאַ, לימאַ, קאַליאַאָ און אַנדערע ערטער און ווילנדיק, נישט ווילנדיק מוזן די רייזנדע זיך אָפּשטעלן דאָ.

און אויך ווערט דאָ דער האַנדל געפירט נישט מיט די גרונט־רייכטימער פונעם לאַנד אָדער פון דער געגנט. דערדאָזיקער האַנדל ווערט געפירט ערגיץ אין ניו־יאָרק, אין וואָלסטריט, וואו די אַקציעס פון די פּע־

# צווישן ווילדע און ציוויליזירטע

רואנער מינעראַל־גרובנס האָבן זיך אָדער פּאַלן און בכלל האָט מען ביז איצט דאָס מינעראַלן־רייכטום פון די בערג אַרום הואַנקאַיאַ געשווינט. זיי האָבן ניט אין זיך דעם געגנוג גרויסן פּראָצענט גאָלד און זילבער, ווי די מינעס פון מאַראָקאָטשאַ און סעראָ דע פּאַסקאָ אָדער גאָר ווי די פּאַבל־האַפּטע מינעס פון קאַסטראָ ווירעינאַ אינעם דעפּאַרטאַמענט הואַנקאַוועליקאַ; זיי אַנטהאַלטן אין זיך כמעט בלויז אייזן, בליי און צינק. און כאָטשע, ווי מען פאַרזיכערט, זיי האָבן אין זיך אַזוי פיל פון די מאַטעריאַלן, אַז ס'וואָלט געקלעקט פאַר אַלע באַדערפענישן פון פּערו און אַר־בעטס־הענט פעלן דאָ אויך ניט, ווערט דאָס אַלץ נישט אַרויסגעבראַכט און די פּערואַנער באַנען און בריקן און אַלע אַנדערע אייזן־ווערק ווערן געבויט מיט אויסלענדישן אייזן. עס לוינט זיך ניט צו גראָבן, זאָגט מען, ווייל דער טראַנספּאָרט פון דעם הואַנקאַיער אייזן ביז דעם ערשטן פּע־רואַנער האַפן, וואָלט געקאָסט אַסאַך טייערער ווי דאָס אייזן גופא, וואָס מען שטעלט צו פון ענגלאַנד און נ. אַמעריקע ביז דעם האַפן. און ס'לוינט זיך אוודאי ניט דערפאַר, וואָס גאָלד און זילבער־גרובנס ברענגען אַריין אַסאַך גרעסערע פּראָפיטן און דערצו פירט מען זיי אַרויס גע־שמאָלצן צוזאַמען מיט קופּער און מען מאַכט דערביי באַזונדער געשעפט. פּאַרוואָס־זשע, פרעגט איר, איז דער טראַנספּאָרט אַזוי טייער? צי דען ניט צוליב דעם כדי עס זאָל נישט לוינען צו באַנוצן אין פּערו דעם איי־גענעם אייזן? און צי דען פירט מען נישט מיט די זעלבע טייערע באַנען דאָס אייזן און אַלץ וואָס מען ברענגט פון אויסלאַנד דורך דעם האַפן? וועט איר האָבן אַ טענה צו די אַמעריקאַנישע און ענגלישע מינען־מאַגנאַ־טן און באַן־מאַגנאַטן, וואָס אַרבעטן מסתמא בשותפות און צו די פּערואַ־נער רעגירער, וואָס דערלייגן נישט מסתמא צו די געשעפטן. און, אגב, איז דאָס אַ באַזונדער ענין.

הואַנקאַיער געגנט איז געבענטשט מיט איר פּרוכטבאַרקייט און ווי אין טאַרמאַ און אין כאַוכאַ, פירן דאָ די אינדיאַנער אַן אינטענסיווע אַגריקולטור און פיצוכט און אויך עופות־צוכט. אָבער אויך דאָס איז נישט דער הויפּט־אָביעקט פונעם הואַנקאַיער האַנדל. ער איז דורכויס אַ טוריס־טיש־אינדיאַנישער.

הואַנקאַיאַ איז דער מאַרק פון דעם פּערואַנישן היימישן אינדיאַנישן האַנטווערק און ניט נאָר פון דעם פּערואַנישן, וואָס ציט צו זיך צו בעלנים פון אַלע עקן לאַנד און פון אויסלאַנד, דער עיקר סוחרים מיט דעם מין

אַנטיקן. און אַרום דעם מאַרק האָט זיך שוין געשאַפן אַ צווייטער, דער וואָס באַזאָרגט די אינדיאַנער פונעם גאַנצן אַרום און פונעם גאַנצן לאַנד עפּשר, מיט ציוויליזאַציע־אַרטיקלען.

זונטיק, צוויי אַזייגער פּאַרטאָג, האָב איך שוין געזען זיך ציען אין שטאָט אַריין קאַראַוואַנען מיט אינדיאַנער, צופוס און אויף מויל־אייזלען און פערד, צום מאַרק־פּלאַץ, וואָס געפינט זיך אין מיטן שטאָט אויף דער אַוועניִדאַ לימאַ. געצויגן האָבן זיי זיך פון אַלע זייטן, דורך אַלע גאַסן, יונגע און אַלטע, אינדיאַנער־מיידלעך מיט שווערע פּעק אויף די קעפּ, אויף די פּלייצעס און אין די הענט. עלטערע אינדיאַנערקעס, וואָס האָבן צו דעם אַלעמען נאָך געטראָגן אַ קינד אָדער צוויי אין אַ זאַק אויף דער פּלייצע און אַ זויג־קינד באַ דער ברוסט. און נאָכגייענדיק הינטער זיי, לאַמאַס, מולאַס, אייזלען אָדער פערד, פרייע, נישט באַלאָדענע, ווייל זיי זיינען צום פאַרקויפן. אַנדערע האָבן געטריבן חזירים, קי און שעפּסן, געגנדז און אינדיקעס, געטראָגן אויף זיך קוישן מיט הינער, אַלערליי פייגל און שמעטערלינגען אין שטייגן און שטייגעלעך. וואָס אַ רגע און וואָס נענטער צום הויפּט־פּלאַץ, אַלץ געדיכטער איז געוועזן דער לעבעדיקער שטראָם פון מענטשן, בהמות און עופות, ווילדע און היימישע חיות און עופות, ווי די ריטשקעס און טייכן וואָס פאַלן אַריין נאָך אַ לאַנגן וועג אין ים אַריין.

זיבן אַזייגער אינדערפרי, אונטער דער וואַרימער לאַשטשענדיקער זון, וואָס האָט געשפּריט ליכטיקייט און פרייד אין מענטשנס הערצער און האָפענונגען אויף גוטע געשעפטן, איז אויף דער ברייטער אַוועניִדאַ לימאַ פון דעם גוואַלדיקן מענטשן־שטראָם געשטאַנען אַ שטויב, וואָס האָט ממש די זון פאַרשטעלט. אַ פערטל אויף ניין, זיינען שוין אויף דעם פּלאַץ גע־שטאַנען אַזעלכע געשרייען, אַז איך ווייס נישט צי מען הערט אַזעלכע אויף אַ שלאַכטפעלד וואו די קאַוואַלעריע באַגעגנט זיך, אַ כאַאָטיש־אַרכאַישער געמיש פון אַ פּוילישער טאַרגאָווויצע מיט אַן אַביסינישער שקלאַפן־ליי־ציטאַציע.

פון ביידע זייטן אַוועניִדאַ און אין דער מיט אויף אַ לענג פון איבער פיר קילאָמעטער האָבן זיך געצויגן אימפּראָוויזירטע ביידלעך, טישלעך און קעסטלעך אָדער גאָר ראָגאָזשעס אויסגעלייגטע מיט דער פאַרשידנסטער סחורה. און צווישן דער פאַרבנרייכקייט פון די צעשפּרייטע קראָמען — רויענדיקע און זשומענדיקע בינשטאָקן: נאַיווע אינדיאַנערקעלעך און אינ־

# צווישן ווילדע און ציוויליזירטע

דיאנער מיט אויסגעגלאָצטע אויגן און צעעפנטע מיילער פאַר אַ ביידל מיט שרייענדיקן ציץ, אַן אָנגעגעסענער טוריסט, וואָס קויפט אַ מציאה באַ אַן אינדיאַנער וואָס האָט אַרויסגעבראַכט וויקוניא־פּאָנטשאָס פון איי־גענער אַרבעט, שווינדלער, וואָס טראָגן אום אַף די אַקסלען אַ פּאָר פּאַר־לעגערטע שטיוול, אַ צעמילבטע זיידן קליידל מיט מעשונעדיקע רופנדיקע קאָלירן און פאַרקויפן דאָס די ווילדע אינדיאַנער פאַר זעלטענע מציאות און האַנדלען דערנאָך איין באַ די זעלבע אינדיאַנער ווערטפולע אַנטיקן; וואָס זיי פאַרקויפן אין דער הויפּטשטאָט פאַר הונדערט מאָל און אַפילע פאַר טויזנט מאָל מער ווי זיי האָבן באַצאָלט. און די אינדיאַנער פאַר־קויפן באמת זייערע אַרבעטן פאַר אַ שיבוש צו אַלערליי אויפקויפער, כדי אַהיימצוברענגען פונעם יאַריד אַביסל צוקער און טיי, קאַווע און קאַקאָ, זאַלץ און שוועבעלעך אָדער סאַזשעס צו די ציין, פּוידער, רוזש און אָדע־קאָלאָן, פאַלשע שמוק־זאַכן, וואָס די אינדיאַנער צאָלן דערפאַר גאָר גע־הויבענע פּרייזן.

אומגעגאַנגען בין איך פון איין אָרט צום צווייטן, ביז איך בין אָנ־געקומען צום סאַמע געדיכטסטן פּלאַץ, שוין נישט צווישן דער אַווענידאַ, נאָר אינעם סאַמע ים פונעם יאַריד. אַ פּלאַץ פון אַן ערך צוויי העקטאַר קוואַדראַט, אַף וועלכן עס האָבן זיך געדרענגט אַ צוויי צענדליק טויזנט מענטשן, אַחוץ פאַרקויפערס. דאָ זיינען די געשרייען פון די צוזאַמענגע־לאָפענע און צוזאַמענגעדרענגטע, אַף די פאַרשידנסטע שפּראַכן און דיאַ־לעקטן, נאָך שרעקלעכער ווי אַף דער אַווענידאַ. אַלץ באַוועגט זיך דאָ, אַלץ שרייט דאָ, אַלץ שטופּט זיך דאָ און מאַכט זיך אַ וועג און אַלץ שאַלט דאָ און דינגט זיך און זידלט זיך. געדאַכט האָט זיך מיר, אַז אַפילע רו־סישע און פּוילישע און אידישע קללות און דינגעניש האָב איך דאָ גע־הערט. נאָר מער ווי אַלע האָבן געוואַלדעוועט די כינעזער און די הינדוסן, וואָס האָבן אויך זייער פאַרב צוגעגעבן צו דעם פאַרביקסטן פון די יאַ־רידים, וואָס איך האָב געזען.

פאַרקויפט און געקויפט האָט מען דאָ די זעלטנסטע פיינע האַנט־אַר־בעט: פון גאָלד און זילבער און קופּער, פון ריינע און געמישטע מעטאַלן, און אינמיטן די „פּאָטאָס", אַזעלכע פלאַטשיקע קירבעסן, אויסגעהוילטע, וואָס די געדולדיקע אינדיאַנער מאַכן פון זיי פאַרשידענע נוצלעכע כלים און גראַווירן אַף זיי אויס אַלערליי סצענעס, פיגורן און פייזאַזשן; פאַר־צעלייען, וואָס מען זעט זיי ניט ערגיץ אַנדערש און פאַרבן עקזאָטישע,

# מאַרקוס פּאַרישעווסקי

וואָס די אינדיאַנער באַקומען אַרוים פון די גראָזן און קרייטעכער, פון בלעטער, פון האָלץ און פון באַרג־ערד, אָן שום כעמישע קענטעניש, אָן אינסטרומענטן און פּרעפּאַראַטן; טייערע דיוואַנען מיט זעלטענע געמעלן, מיט דראַמאַטישע סצענעס, טראַגעדיעס און ליבעס און מלחמות, געראַנגל צווישן ריזן מיט דראַקאָנען, מיט שלענג און מיט אָדלערס און געפערלעכע חיות; גאָבעלינען, געשטריקטע, געוועבטע אָדער געהאָפטענע; שטיקערייען פון וויקוניאַ, גואַנאַקאָ, אַלפּאַקאַ און אַנדערע וואָלן; היט פון טאָטאָראַ, פון קילאַ, פון רייז־שטרוי און פּאַלמען־בלעטער; בראַסליעטן, בראָשקעס, בייטעלעך פרויען־קעמעלעך, פּעכערס, געשירן אַלערליי, וואָס די איאַקוטשער אינדיאַנער קלאַפּן אויס און גראַווירן אויס מיט אַזאַ געדולד, אַז וועלכן קיין ציוויליזירטער קינסטלער איז נישט פּעיק: טעפּלעך, קרוגן, טאַצן, גלעזער, טעלער, פלעשער, לעפל, גאָפּלען אָן זעלטענע בלומען־טעפּ און לייכטער, סעראַמיק און מעטאַל־אַרבעט... אַ ים מיט אַרבעט און טאַלאַנט, מיט קינסטלערישן שוואונג, אַרויסגעבראַכט פון פּרימיטיווע און אונטערדריקטע מענטשן־קינדער, אין די פינצטערע וואוינונגען זייערע, ערגיץ אַף די בערג, אין די היילן, אַף די פעלזן אָדער אין די נאָרעס באַם ברעג פון די טייכן... פאַרקויפט זיך דאָ אויס צו זאַטע, גאָרנישט טוענדיקע, געניסנדיקע סיבאַריטן, פיינשמעקער און קונסט־שאַצער...

אַך, דו גרויסער גאָט פון די ווילדע און ציוויליזירטע! אַך, דו גרויסער גאָט פון די אָרימע און רייכע, פון די אַרבעטנדיקע און געניסנדיקע! ס'איז דיין וועלט־יאַריד, גאָט!

אַרויסגערוקט זיך פון דעם געדרענג, שוין אַף אַ שיטערער באַזוכטן פּלאַץ, פאַרקויפן אינדיאַנערקעס פעדערן פון עקזאָטישע קאָלירטע פייגל, קאָלעקציעס שמעטערלינגען, טייל ווי אַ שוואַלב די גרויס מיט צעשפּרייטע פליגל רייכפאַרביקע, וואָס בלענדן ממש דאָס אויג; פעלן פון אומבאַקאַנטע חיות, וואָס וואוינען אין די טראָפּיקאַלישע דזשאָנגלס אַרום דעם אומענדלעכן אַמאַזאָנאַס. און מיט אַ הונדערט מעטער ווייטער — אונדזערער אַ היימישער פּי־מאַרק פון פערד און אייזלען, פון ציגן און חזירים, וואָס הירזשען און גריצלען און מעקען און כריוקען, געבונדענע צווישן וועגענער און גרינעם מיסט און צווישן זיי הענדלער און מעקלער, וואָס קוקן אין די ציינער און הייבן אַ פוס באַ די בהמות און לאָזן אַרויס אַ ציגיי־

## צווישן ווילדע און ציוויליזירטע

נעריש סווישטש, וואָס לעבערט און שניידט דורך די גדעדיכטעניש פון די ריחות און געשרייען.

און די פּאָליציי, די פּערואַנישע מישלינג־פּאָליציי, אויך זי פעלט דאָ ניט. אַלעמאָל זעט מען אַזאַ פּאָליציאַנט פירן אַן אַנדערן יונגן צעבלו־טיקטן אינדיאַנער, אַן אָוועקגעריסענעם פון זיין ביסל אָרימקייט, וואָס ער האָט געבראַכט צו פאַרקויפן פון מיילן ווייט, טראָגנדיק דאָס אויף די פּלייצעס. איך האָב מיך נישט געשעמט צו פרעגן בײַ די פּאָליציאַנטן גופא פאַרוואָס מען פירט אַזוי די צעבלוטיקטע אינדיאַנער יונגען. מען מוז זיי שלאָגן, האָבן זיי מיר געענטפערט, אַז ניט גייען זיי ניט, באַ־האַלטן זיך אויס. דאָס זיינען די וואָס דאַרפן גיין יעדן זונטיק אָפּן מיליטער־פּלאַץ מאַכן איבונגען. אין די בערג קען מען צו זיי נישט צוקומען, מוז מען זיי נעמען פונעם יאַריד. געפירט האָט מען אויך אַזעלכע וואָס האָבן נישט געהאַט קיין צייגניש, אַז זיי האָבן אָפּגעאַרבעט די אומזיסטע צוועלף טעג בײַ דעם שאָסיי דאָס לעצטע יאָר.

מיין גוטער הואַמאַהואַפּאַ, וועלכער האָט, גליקלעכערווייזע, זיך אַרויסגעדרייט פון די פּאָליצייאַישע הענט, האָט מיך אַרומגעפירט, מיר אָפּט געדינט פאַר אַ דאָלמעטשער און האָט אויך נישט פאַרגעסן מיך צו דערמאָנען איך זאָל קויפן אַביסל וועש, שיך און זאָקן און אַ היטעלע מיט אַ האַנט־בייטל און אַ שטיקל זיידנס אויף אַ קליידל פאַר מיין סורוהאַל־פּאַן. איך האָב דאָס אַפילע אַליין גוט געדענקט און האָב דאָס אַלץ איינ־געקויפט, אויסדריקנדיק דערמיט כאָטש אַ טייל פון דער דאַנקבאַרקייט פאַר אַלץ וואָס זי האָט פאַר מיר געטון. דערמאָנט האָב איך מיך אויך איינצוקויפן אַ שטיקל זייף, צוויי קאַמען און אַ ציין־בערשטל מיט ציין־פּאַמאַדע און האָב דאָס מיטגעגעבן הואַמאַהואַפּאַן פאַר זיין פּלימעניצע.

---

געוועזן איז אַ שעה פאַר האַלבער נאַכט, ווען איך בין צוריקגעגאַנגען פון דער באַן נאָכן באַגלייטן הואַמאַהואַפּאַן. דער זייגער אויף דעם טורעם פון דער איינציקער הואַנקאַיער קירכע האָט אויסגעקלונגען זיין מע־שענעם עלף. הואַנקאַיער איינוואוינער זיינען שוין געשלאָפן נאָכן יאַריד אָדער געזעסן אין קינאָ אָדער וואו אַנדערש פאַרווײַלט זיך. האַרט פאַר דער קירכע האָב איך דערזען אַ צוזאַמענגעלויף. מען שלאָגט זיך. אַ גרופּע אויסלענדער, יענקים און דייטשן, האָבן פאַרפירט אַ געשלעג מיט

## מארקוס פארישעווסקי

אינדיאנער. די אינדיאנער, מענער, פרויען און קינדער, שטייען ווי גע־לײמטע און ווייסן ניט ווי זיך צו פארטיידיקן קעגן די געשיקטע און דרייסטע ווייס־הויטיקע באקסערס. איינער פון די אינדיאנער האט בא־קומען מיט א פויסט אינעם מאגן און קייקלט זיך אפ דער ערד. אן אלטער אינדיאנער איז עס געווען, וואס האט געוואלט באשיצן זיין צעביילטן זון און אים פארשטעלן מיט זיין קערפער קעגן ברוטאלן סאדיסטישן דייטש, וואס האט נאר געצילט מיט זיינע פויסטן דעם אינדיאנישן זון אין קאפ. א מאט־הויטיקע שלאנקע און כיינעוודיקע אינדיאנערקע פון א יאר זעכצן, וועלכע האט אנגעכאפט א פוס בא א שארלאך־רויטן דייטש און אים קושנדיק געבעטן ער זאל ניט שלאגן אזוי מערדערלעך איר אלטע מוטער, האט פון דעם „קולטור־מענטש" דערפאר געקראגן אזא בריקע מיטן פוס, אז דאס מיידל איז ווייט אפגעפלויגן, געפאלן מיט פנים צו דער ערד און צעפלעטשט די נאז, צעהאקט דעם שטערן און די פעדערשטע ציין אויס־געהאקט.

ארדענונגס היטער האבן זיך ארייננגעמישט און האבן פאר זייער חוצפה ארייננגעכאפט פון די יענקים און די דייטשן ברענענדיקע קלעפ אין זייערע פארשלאפענע מארדעס. דער ליארם איז געוואקסן. ס'איז געווארן טרעוואגע אין שטאט. געקומען איז פארשטארקונג־פאליציי און מען האט די שלעגער און געשלאגענע געשלעפט אין פאליציי־פרעפעקטור.

און געשען איז אט וואס: די שלעגער האט מען נאך א קליינעם פאר־הער, נישט געקוקט דערויף וואס זיי האבן צעמאזיקט צוויי פאליציי־אגענטן, גלייך באפרייט. די צעמיימעסטע אינדיאנער, פארקערט, זיינען געבליבן זיצן ארעסטירט, נישט געקוקט דערויף, וואס הונדערטער עדות זיינען געווען, אז די שיקערע טוריסטן האבן פראוואצירט די רויקע אינ־דיאנער, וועלכע האבן זיך געלאזט נאכן מארק־טאג אהיימגיין. דער סוב־פרעפעקט האט פון די אינדיאנער פארלאנגט צו פינף פונט שטראף פון יעדן. און אז זיי האבן געטיינעט, אז זיי זיינען ניט שולדיק, האט מען זיי ערשט דארטן געשלאגן און געצוואונגען ארבעטן א גאנצע נאכט.

מאנטיק אינדערפרי זיינען מיר ,איך מיט דעם אינזשעניער זשים רידער, וועלכער איז אויך געקומען אפן יאריד און מיר האבן זיך געטראפן אינעם זעלבן האטעל, און מיט דעם דאקטאר פיליפ ווילדלאנד, אן ענגלי־שער מינעראלאג, זאלבעדריט געגאנגען אין דער פרעפעקטורע און גע־בעטן דעם פאליציי־שעף ער זאל תיכף באפרייען די צעקלאפטע אינדיא־

נער און זיי געבן מעדיצינישע הילף, מחמת זיי זיינען נישט שולדיק, ווי מיר אליין האבן געזען.

— ווער זיינט איר, מיינע הערן אויסלענדער? — האט אונדז דער פאליציי־שעף געפרעגט מיט א נישט געלונגען אויסבאהאלטענעם העפ־לעכן כעס. — זיינט איר נישט אמאל קאמוניסטן? סאציאליסטן? מאקסי־מאליסטן? אנארכיסטן? באלשעוויקעס? און אפשר גאר פארדאמטע פראָ־טעסטאנטן? צי ניט טשילענער, קאלאמביאנער אדער עקוואטאריאנער שפיאנען? ווי האט איר גאר דעם מוט קומען צו מיר, א מיליטערמאן, קאָ־מאנדאנט פון דעם ראיאָן־מיליטער און סוב־פרעפעקט פון דער פראָווינץ הואנקאיא, און מיר שטעלן אזעלכע ווילדע, פארשייטע פאדערונגען, וואס קענען נאר טאלערירט ווערן אין אזא בארבארן־לאנד ווי בא גאטלאזע מאסקאָוויטן, אבער ניט אין מיין ציוויליזירטן, קאטויליש־פרומען פערו! האט איר פארשטאנען?

אף די רייד האבן מיר גארנישט געענטפערט. אנשטאט דעם, האבן מיינע צוויי באגלייטער ארויסגענומען און אים געוויזן ציינגענישן, אז זיי זיינען פערזענלעכע פריינט פונעם דיקטאטאר. דער ביטרע באאמטער האט א פינקל געטון מיט זיינע האלב־כינעזישע אויגן. — א פנים א מישלינג פון א כינעזער מיט אן אינדיאנערן. — און געהייסן ארויסלאזן די אומגליקלעכע, וועלכע מען האט פארן ארויסלאזן, כמעט אין אונדזער קעגנווארט, נאכאמאל געשלאגן, צי אויס נקמה פאר דעם פאליצמייסטערס אומעכטיקייט צי דערפאר וואס דער סערזשאנט האט בא זיי אפילע קיין פרוטה נישט געקענט ארויסקוועטשן מיט גוטן...

אויסגעצויגן ווי א סטרונע און גרייט אייננצעוויקלען זיך ווי א ווארים און צוזאמענציען זיך ווי א פיאווקע, האט דער פאליציי־שעף מיט אן אונ־טערטעניק שמייכעלע און מיט א גלאנץ אין די אויגן, ווי בא א קאץ, בעת מען נעמט בא איר צו א קאנאריקל, וואס זי האלט אין פארצוקן, דערויף געזאגט:

— אזוי, גרויסע הערן, אזוי ווי איר זיינט פריינט פון אונדזער אלע־מעגנס האר, פון דעם מענטש מיט דעם אייזערנעם כאראקטער, מוז איך אויס ערפורכט און פיינעם ביישפיל פאר מיינע אונטערטאנען, אייך רופן עקסעלענץ. און אלס אזעלכע גרויסע הערן, וואס האבן דאס גליק צו זיין פריינט פונעם העכסטן בירגער, וועמען מיר מוזן און דארפן פאלגן, וועל איך אייך בעטן, עקסעלענצן, איר זאלט מיט אייערע ליכטיקע פערזענ־

לעבקייטן, מיט אייער אומבאַגרעניצטער אויסדערוויילטקייט און בילדונג ווירקן אויף דעם אומשטערבלעכן גרויסן פּריינט אייערן, אונדזער אַלעמענס מעכטיקער באַשיצער, אין וועמעס שאָטן מיר לעבן, ער זאָל מיך דערהויבן צו אַ העכערן אַמט... אָ, הערן עקסעלענצן, איר וועט זיכער געדענקען, אַז איך האָב צופרידנגעשטעלט אייער בקשה און האָב ארויסגעלאָזט די געפערלעכע רעוואָלוציאָנערן און די שיינע פּולבלוטיקע אינדיאַנער מיידלעך אויף דער פריי, וואָס איר קענט פון זיי געניסן...

באַ די לעצטע ווערטער איז ער טייוועדיק רויט געוואָרן ווי אַ האָן אין אַ שטייג, בעת ער דערזעט הינער אויף דער פריי.

מיר האָבן אים צוגעזאָגט אָפּצודינען, ער זאָל אונדז געדענקען. און אין אַ וואָך אַרום נאָך יענער געשעעניש, איז ער שוין געווען נישט מער ווי אַ פּאָשעטער אינדיאַנער בירגער. דאָס האָט אים דער אינזשעניער רידער צוגעדינט. אָנגעקומען איז ער פאַר אַן אָנגעשטעלטן אין אַ הואַנקאַיער האָטעל, וואו איך בין גראָד איינגעשטאַנען. און קיין גרעסערע שטראָף האָט ער נישט באַדאַרפט.

---

ווי איך האָב שוין דערציילט, פאַרמאָגט הואַנקאַיאָ איין און איינציקן קלויסטער, אַן אויסנאַם צווישן די פּערואַנער און בכלל לאַטיין־אַמעריקאַנישע לענדער. דאָס הייסט אָבער ניט, אַז די הואַנקאַיער באַפעלקערונג ווערט נישט דערצויגן אין קאַטוילישער פרומקייט. דידאַזיקע ראָל האָבן אויף זיך די שולן. אָנאַ תּפילה, וואָס די שילער זינגען אַלע קניענדיק, הויבן זיך ניט אָן די לימודים און פאַרענדיקן זיך אויך ניט אָן איר אין קיין איינער פון די שולן.

און נאָך איין לימוד איז אין די הואַנקאַיער שולן איינגעפירט, ווי אין די פּערואַנער בכלל, וואָס אין אַנדערע לענדער זעט מען דאָס ניט: שיסן אין ציל און פעכטן מיט אַ שווערד. וואָס איז אָבליגאַטאָריש פאַר די מיידלעך, פונקט ווי פאַר די יינגלעך. און דער לימוד ווערט ספּעציעל מאָטיווירט מיט דער שנאה צו די אַנדערש גלויביקע און צו די „שונאים פונעם פאָטערלאַנד, וואָס וואוינען באַ אונדזערע גרעניצן"...

# דער וועג קיין איאַקוטשאַ

איאַקוטשאַ איז באַרימט אין דער פּערואַנער געשיכטע. באַ דער שטאָט האָט דער גענעראַל סוקרע אָפּגעהאַלטן זיין גרויסן ניצחון איבער די שפּאַניער דעם 9־טן דעצעמבער 1824 און האָט געבראַכט זעלבסט־שטענדיקייט פאַר פּערו, באָליוויע, עקוואַדאָר, ווענעסועלאַ און קאָלאָמ־ביאַ. פּערו האָט אויסגעקליבן דעם טאָג פאַר איר גרעסטן נאַציאָנאַלן יום־טוב, פאַר איר באַפרייונגס־טאָג. די אַנדערע רעפּובליקן האָבן זיך אויס־געקליבן אַנדערע טעג. אין זייער פעדעראַל־נאַציאָנאַליסטישן אינטערעס, מוזן דאָך די לענדער מיט עפּעס זיך אויסצייכענען איינס פונעם צווייטן, אויב עטניש און שפּראַכלעך און שטייגעריש זיינען זיי איינס צום צווייטן גלייך ווי איין טראָפּן וואַסער צום צווייטן.

אין איאַקוטשאַ האָבן די שפּאַנישע דעראָבערער געהאַט זייערע אַר־סענאַלן, זייערע פעסטונגען, קאַזאַרמעס, געריכטן, אויטאָ דע פע און אינ־קוויזיציע־טורמעס. אין איאַקוטשאַ איז מיט אַסאַך הונדערטער יאָרן צו־ריק, איידער די שפּאַניאָלן זיינען אַהין געקומען, פאָרגעקומען אַ שרעק־לעכע ברודער־שחיטה דורכגעפירט פון דעם מעכטיקן אינקאַ פּאַטשאַקוטעק קעגן רעבעלירטע שבטים און אינקאַישער ביוראָקראַטיע. הונדערטער טויזנ־טער מענטשן זיינען דעמאָלט געפאַלן פוןביידע צדדים און ווען פּאַטשאַ־קוטעקס חילות האָבן סוף כל סוף באַזיגט די רעבעלן, האָבן די זיגער ווידער אויסגעשאָסן צענער טויזנטער. און דעריבער טאַקע רופט מען די שטאָט, וואָס פריער האָט זי געהייסן הואַמאַנגאַ, איאַקוטשאַ, וואָס דאָס מיינט: דער טויטער ווינקל. אַרום דער שטאָט זיינען די מענטשלעכע רעשטן געלעגן, דערציילט מען, ביז דער צייט פון אינקאַישן פאַלן, בעת די שפּאַניער מיט פּיזאַראָ בראש זיינען אַהין צוגעקומען. צוליב דער זעל־בער סיבה האָט מען אויך אַ טייך, וואָס גייט דאָרט פאַרביי, אַ נאָמען געגעבן איאַ ווירי, וואָס דאָס מיינט: דער טויטער טייך.

נאָך היינט צו טאָג געפינט מען אין יענער געגנט, אונטער אַ שיכט פון שטיינער און זאַמד, וואָס די רעגן־שטורעמס האָבן אין דער צייט אָנ־געטראָגן, שאַרבנס און ביינער און אַפילו גאַנצע מענטשלעכע סקעלעטן,

# מ א ר ק ו ם   פ א ר י ש ע ו ו ס ק י

וואָס זיינען הונדערטער יאָרן געליגן פארשאָטן און זיינען פארוואַנדלט געוואָרן אין שטיין און מען שטודירט פון זיי דעם אורשפּרונג פון די אינ־דיאַנער און ווי לאַנג זיי זיינען שוין אַף דעם אַמעריקאַנער קאָנטינענט.

איאַקוטשאַ איז אויך אינטערעסאַנט מיט דעם געפּערלעכן וועג וואָס פירט אַהין: סאַי מיט דער באַן פון הואַנקאַיאַ קיין מעכאַראַדאַ, וואו די וועגן צעשיידן זיך און פארנעמען זיך קיין קוזקאָ, קיין הואַנקאַוועליקאַ און צו קאַסטראָ ווירעינאַ, וואו עס געפינען זיך די רייכסטע גאָלד און זיל־בער־מינעס פון פערו און באַלאַנגען צו דער פירמע לעגיאַ און קאָמפּ., וואָס דאָס מיינט צום עקס דיקטאַטאָר לעגיאַ און זיין זון, און סאַי מיט דעם וועג פון מעכאַראַדאַ ביז איאַקוטשאַ, פאַר אויטאָמאָבילן, וואָס מען האָט אַף שנעל אויסגעבויט לכבוד דעם יאָרהונדערט זינט דער באַפרייונג פון פערו און לכבוד די געזאַנדטע, וואָס זיינען צום יום־טוב געקומען.

די באַן ביז מעכאַראַדאַ, שניידט דורך דעם בערך קורצן וועג פון 77 קילאָמעטער דורך מער ווי דרייסיק טונעלן, אויסגעהאַקטע אין די דינערע שפּיצן בערג אַ דריי טויזנט מעטער הויך. דער קירצסטער פון די טונעלן האַלט הונדערט מעטער די לענג. פאַרשידענע קאָלירן האָבן די נאַקעטע בערג־שפּיצן דאָרט: שוואַרץ, רויט, בליצנדיק־ווייס, אַנדערע ווידער גרין־בלוי. דער געוואָלאָג דערקענט לויט דעם קאָליר מיט וואָס דער באַרג איז רייך. בליצנדיק ווייס זיינען זיי, למשל, פון די טראָפּנס קוועקזילבער וואָס געפינען זיך אַף זיי; גרין־בלוי זיינען זיי פון דעם קופּער־זויער, וואָס זעצט אַרויס פון די אוצרות קופּער וואָס זיי פאַרמאָגן. דעם מינעראַל־באַשטאַנד פון די בערג און די כעמישע שטאָפן וואָס געפינען זיך צווישן די מינעראַלן, דערקענט מען אויך לויט דעם קאָליר און ריח פון די אָזע־רעס אַף יענע הויכן, ווייל זייערע וואַסערן האָבן אין זיך אין אַ פליסיקן צושטאַנד די זעלבע מינעראַלן.

טויזנטער אינדיאַנער לעבנס און מיליאָנען פאַלקס געלטער האָט אָפּ־געקאָסט אָט די באַן צום דיקטאַטאָרס רייכע מינעס, איבער די הויכע פעלזנבערג און דורך די אָן אַ שיר טונעלן. געהייסן האָט עס, אַז די באַן וועט גיין פון הואַנקאַיאַ ביז איאַקוטשאַ, דורך די פיל באַפעלקערטע דער־פער און שטעטלעך פונעם טאָל, נאָר אָפּגעווענדט האָט דער דיקטאַטאָר די באַן צו זיינע מינעס און די גאַנצע איאַקוטשער געגענט, וואָס אָן אַ באַן איז זי ווינטער־צייט כמעט אָפּגעשניטן פון דער איבעריקער וועלט, געלאָזט וואַרטן אַף בעסערע צייטן.

# מעבּאַראַדאָ

מעבּאַראַדאָ אַלס שייד וועג, האָב איך אויסגעקליבן פאַר מיין הויפּט־קוואַרטיר, פונוואַנען איך האָב געמאַכט מיינע רייזעס איבער די אינדיאַנישע ישובים פון אַרום אין אַלע זייטן. דאָרט האָב איך אַזוי פאַרבראַכט פיר חדשים צייט און אַהין איז געקומען מיין האַלב־דייטשע און האַלב־אינדיאַנער ווייבל סורוהאַלפּאַ. און ניט נאָר האָט מיך מעבּאַראַדאָ צוגעהאַלטן אַלס סטראַטעגישער פּלאַץ פאַר מיינע אויספלוגן איבער די אינדיאַנישע ישובים מיט מיין מיסיע צו פאַרשפּרייטן דעם נייעם קונסט־מעטאָד, נאָר אויך מיט דעם צויבער פון אירע ווילדע און טויטע הויכקייטן און שרעקלעך טיפע וויסטעניישן:

פריער, איידער מען האָט געלייגט די באַן און דעם איצטיקן שאָסיי, אויב מען קען אים אַזוי אָנרופן מיט זיינע גריבער, וואָס טרייסלען אַרויס די נשמה באַם רייזנדן, פלעגט מען מוזן פאָרן איבער די פעלזן און טיפקייטן, אַף ריזיקאַלישע פאַלדן פון די בערג און גערדיכטענישן פון די וועלדער, וואָס זיינען נאָך ריזיקאַלישער געווען. ריזיקאַליש זיינען זיי געווען ניט אַזוי מיט די ווילדע חיות זייערע, ווי מיט די איבערפאַלער, וואָס פלעגן דאָרט לויערן. אויסגעצייכנט האָבן זיך אין דעם פאַך די ווילדע טשונטשאָס. אָבער אויך איטאַליענער, שפּאַניער און דייטשן, אַנטלאָפענע מערדער און רויבער פון דער היים, האָבן אין יענע געגנטן, איבערגעטוענע אַלס ווילדע, באַנייט דאָס אַלטע אייראָפּעישע פאַך פון די וואַלד־גזלנים, וואָס האָבן געלויערט אַף די וועגן און געפאָדערט באַ די רייזנדע סוחרים דעם בייטל אָדער די נשמה. נאָך אַזאַ רייזע פלעגט מען ניט נאָר דאַרפן גומל בענטשן, נאָר אויך אָפּליגן אַ היבשע צייט צו בעט ביז מען פלעגט צוריקקומען צו די כוחות.

און אָט דעם סטראַטעגישן שטעטל מעבּאַראַדאָ — סטראַטעגיש אין אַלע הינזיכטן: פאַר די רייזנדע סוחרים ווי פאַר די רויבער, פאַר מיליי־

# מארקום פארישעווסקי

טערישע צוועקן און פאר לעגיאס מינעראלן — בין איך איינמאל שיר ניט דערהארגעט געווארן „אפן מיטן גלייכן וועג". באם וועג, וואו איג־דיאנער האבן געהאלטן אין פארגלייכן א שטיקל פלאץ באם בארג, כדי אויסצובויען דארט א באן־סטאנציע, האט זיך מיר פארגלוסט ארויפגיין, ריכטיקער געזאגט, ארויפקלעטערן צו דער שפייז־קראם פונעם כינעזער טשינג־לין, א פיר הונדערט מעטער העכער, איינקויפן מיר אין וועג אריין אביסל פערואנער משקה און בראזיליענער ציגארן. און אזוי ווי איך האב געפילט אביסל בויך־קרעמפן נאך דעם מיטיק, וואס איך האב ערשט גע־האט אפגעגעסן באם כינעזישן בירגערמייסטער — ניט איבעריק פריש אייזל־פלייש און כמעט רויע רייז מיט שווארצע פאסאליעס אן זאלץ — האב איך אפן ארט אויסגעטרונקען א האלב טוץ כוסות פון דעם גע־שמאקן שנאפס און צוגעביסן מיט מארינירטע שוואמען און פלאם־פייער־דיקע פעפערלעך. צוריקגייענדיק מיט דער פלאש אין איין האנט, מיט דעם שאכטל בראזיליענער „האבאנאס" אין דער אנדערער און מיט איי־נעם א „האבאנא" אין מויל, בין איך צוגעקומען צום אפגעשפאלטענעם ראנד פונם פעלזנבארג, וואו אונטן האבן געארבעט א צענדליק מויערער און שטיינהעקער. גראד האבן זיי דעמאלט געהאט אריינגעלייגט עטלעכע פארציעס דינאמיט אין אויסגעבויערטע לעכער, כדי אפצורייסן נאך א שטיק פונעם גראניטענעם בארג און ווי איך בין צוגעקומען, האט דער דינאמיט אויפגעריסן.

דער שרעקלעכער אויפרייס האט מיך אוועקגעשליידערט און איך בין געפאלן אפן רוקן א צוויי מעטער ווייטער פונעם ראנד. מיין גליק איז עס געווען, וואָרום ווען איך פאל מיטן פנים, וואלט איך אראפגעפאלן אינעם אפגרונט הונדערט מעטער הויך אף די נאך רויכערנדיקע צע־ריסענע שטיינער. מיין גליק איז געווען, וואס די שטיינער פונעם אויפ־רייס, צעפלויגענע אין אלע ריכטונגען און אויך אין מיין ריכטונג, האבן מיר נישט געטראפן.

געטראפן האט מיך דערפאר, ווען איך בין אהיימגעקומען צו מיר אין האטעל, א גאנץ אנגענעמע איבערראשונג: סורוהאלפא. איך האב זי כמעט נישט דערקענט. דאס פיינע זיידענע פונסא־קליידל, די אנשטענדיקע שיכלעך מיט די זיידענע לייב־קאליר־זאקן, דאס ווייסע בלוזקעלע, דאס פונסא־היטלעע אפן קאפ און א האנט־בייטעלע און א שירם פונעם זעלבן קאליר, האבן דאס נאטור־קינד געמאכט נישט צום דערקענען.

# צווישן ווילדע און ציוויליזירטע

— גוט מאָרגן. — האָט זי געזאָגט אין קיטשווא, — אָט בין איך געקומען דיך אָפּהיטן, עס זאָל דיר קיין שלעכטס נישט געשען אַפן וועג צו דער שטאָט מיט אזא שלעכטס אָנזאָגנדיקן נאָמען: איא־קוטשאַ. וואָס פאַר אַ שרעקלעכער נאָמען דאָס איז! מיין פעטער הואַמאַהוהופּאַ האָט מיר געזאָגט נאָך מיט פיר חדשים צוריק, אַז דו גרייטסט דיך אַוועקפאָרן ווייט און וועסט אין מיר פאַרגעסן. אַ צייט האָב איך געטרויערט נאָך דיר און איצט בין איך געוואָר געוואָרן, אַז דו פאָרסט אַהין און איך בין געקומען צו דיר לעבן און שטאַרבן מיט דיינע מאַיִם־אויגן...

און זי האָט מיך גענומען לאַשטשען מיט אַזא אונטערטעניקייט און קינדיש זיס געקוקט מיר גלייך אין די אויגן, ווי צו טרעפן וואָס קומט פאָר אין די חדרי־חדרים פון מיין האַרץ און האָט ווייטער גערעדט:

— און איך וועל שוין זיין נאָר מיט דיר. דו וועסט זיך שוין מיט מיר ניט שעמען, ווייל איך בין ווייס און ריין און האָב שוין אַפילע ניט קיין לייז און קיין פליי. די גאַנצע צייט נאָך דיין אַוועקגיין, בין איך געווען בא דער ענגלישער מאַדיסטקע, וואָס איז אַ לערערקע אין אַ רעגירונג־שול אין הואַנקאַיאַ, און זי האָט מיך אַסאַך זאַכן אויסגעלערנט פאַר דער צייט. זי האָט מיר אָנגעזאָגט איך זאָל מער ניט עסן קיין פליי און קיין לייז אין דיין קעגנוואַרט, ווייל די גרינגאָס פילן אַן עקל צו אומפלייט, ניט נאָר צו פרעמדע, נאָר אויך צו אייגענע, און אַפילע צו די פרויען, וואָס עסן די פּאַראַזיטן... איצט ווייס איך שוין, אַז דאָס איז זייער אַ מיעסע געוואוינהייט און איך טו עס מער ניט, אַפילע ווען קיינער זעט ניט.

שפּעטער האָט זי מיר דערציילט, ווי אַזוי זי איז געקומען צו מיר קיין מעכאַראַדאַ. און ווי זי האָט זיך אין אַזא קורצער צייט אויסגעמענטשלט: באַלד ווי זי האָט באַקומען פון מיר דורך איר פעטער דאָס פּעקל זאַכן מיט דעם ביסל סאָלעס, איז זי אַוועק דערמיט קיין מאַטאַהואַסי, צו אַ שול־לערערקע, וועלכע איז אויך געווען אַ מאַדיסטקע, און זי האָט סורוהאַלפּאַן געמאַכט דאָס ערשטע קליידל און האָט איר געזאָגט זי זאָל אַוועק קיין הואַנקאַיאַ, וואו עס זיינען פאַראַן אַסאַך ציווילייזירטע מענטשן און זי האָט איר אויך געגעבן דעם אדרעס צו דער ענגלישער לערערקע און אַז הואַמאַהוהופּאַ איז געוואָר געוואָרן, אַז איך געפין מיך אין מעכאַראַדאַ, האָט ער זי אָפּגעפירט מיט דער באַן ביז דער סטאַנציע און אַליין איז ער באַלד צוריקגעפאָרן.

## מארקוס פארישעווסקי

דער האָטעל „אינטערנאַציאָנאַל” וואו איך בין איינגעשטאַנען, איז אָנגעפירט געווען פון אַ קאַלאָסאַלן דייטש, אַ הויכער ווי עוג מלך הבשן, מיט פענאָמענאַל לאַנגע וואָנסעס, וואָס ער פלעגט זיי אַרומוויקלען צוויי מאָל אַרום זיינע אויערן און אַז ער פלעגט זיי אָנשטייפן מיט פיקסטואַר און זיי פאַרדרייען אַף אַרויף, האָבן זיי אויסגעזען ווי צוויי הערנער בא אַ ווילדן בוהיי. קיינמאָל האָט מען דעם האָטעל־אָנפירער נישט געזען אָן אַ גלעזל בראָנפּן באַם מויל, וואָס איז דערצו נאָך פאַרנומען געווען מיט אַ שטענדיקער פּיפּקע. נאָר ווי אָנגעטרונקען ער איז געווען, פלעגט ער נישט פאַרגעסן באַם אָנווייזן אַ צימער פאַר אַ בחור, אַז אין דערבייאיקן צימער שלאָפן „סעניאָריטאַס”, אַ מאַמע מיט טעכטער, אַ יונג פּאָרל... אַז ניט פלעג ער געבן אַ „געמישטן” צימער. און די צימערן אין דעם האָטעל, וואָס איז אינדערעמעסן געווען אַ גרויסער בלעבענער שייער, זיינען געווען ניט מער ווי שטייגן אָפּגעצוימטע מיט ווענטלעך פון זאַק־לייוונט, אַ מעטער מיט פּופציק די הויך, און איין לעמפּל אַף צוויי „צי־מערן”, וואָס איז געהאָנגען אָפן „סופיט”, און מען האָט געקענט אַרי־בערקוקן פון איין צימער אין צווייטן.

די לעצטע אַכט מעת־לעת פאַר מיין אָפּפאָרן פון מעבאַראַדאַ, האָט דער דייטש מיך איבערגעפירט אין אַ „געמישטן” צימער, וואו עס איז געשלאָפן אַ נאָר וואָס חתונה געהאַט פּאָרפּאָלק מיט נאָך אַ פריילן, דעם יונגן ווייבלס אַ שוועסטער. דאָס מיידל, אַ שד, פלעגט אַף באַנאַכט צו־רוקן איר בעטל צום בעט פון דעם פּאָרפּאָלק, אַזוי אַז ס'האָט געמאַכט דעם איינדרוק, ווי דער מאַן שלאָפט מיט צוויי פרויען, און איך פלעג פיבערן אַ שלאָפלאָזער באַ מיר אין בעטל קעגניבער זיי. דערפאַר אָבער האָבן זיי זיך געפירט מיט מיר גאַנץ היימיש ווען דער מאַן פלעגט אוועק־גיין אינדערפרי צו דער אַרבעט אַלס אויפזעער באַם בוי פון דער באַן־סטאַנציע.

אַז סורוהאַלפּאַ איז געקומען און זיך געפרעגט אַף מיר אַלס איר מאַן, האָט איר דעריבער דער האָטעל־דינער אָנגעוויזן אַף דעם צימער און האָט אירע וואַליזעס אַרויפגעלייגט אַף מיין בעט. מיך האָט געקאָסט עטלעכע מאָל און דער האָטעל־אויפזעער האָט אונדז איבערגעפירט אין אַ באַ־זונדערן צימער, „פאַר אַן אויסלענדיש אַריסטאָקראַטיש פּאָרפּאָלק”, ווי ער האָט געזאָגט. איך בין אין דעם צימער בלויז איין נאַכט איבערגע־שלאָפן, נאָר דאָס וואָס איך האָב מיך פאַר דער איינער נאַכט אָנגעהערט

# צווישן ווילדע און ציוויליזירטע

פון דעם שכיינעסדיקן צימער מיט מיינעם, איז כדאי צו דערציילן. דאָס טאָר נישט פעלן אין א רייזע־באַשרייבונג פון א אידן איבער די דאָזיקע מקומות.

געוואוינט האָבן דאָרט דריי רומענער מיט דריי אינדיאַנישע ווייבער. געערדט האָבן די רומענער צווישן זיך וואָלעכיש און יונגען זייערן עם געווען פראָסטע און ברונעטן, ממש ציגיינער, און איך האָב זיי באמת אנגענומען פאַר עכטע עמלקים. דורך דעם זאַק־וועגטל ערשט האָב איך מיך דערוואוסט, אַז זיי זיינען טעלעגעשטער אידן, קווינטעניקעס; אַז איינער פון זיי איז אנטלאָפן פון טשילע און געקומען קיין פערו זוכן גליקן און דאָ האָט ער געפּאַקט א נישט גאָר יונגע אלמנה, אַן אראוקאַנישע אינדיאַנערן מיט פופציק טויזנט סאָל אין באַנק; מיט דער אלמנה וואוינט ער און האָפט בקרוב צו מאַכן פון די פופציק טויזנט פופציק מיליאָן. די אַנדערע צוויי זיינען אַנטלאָפן מיט זייערע אינדיאַנישע ווייבער פון באָליוויע. איינער פון זיי וואָס הייסט חיים, איז א יונג פון 28 יאָר און געלאָזט א פרוי מיט דריי קינדער אין טעלענעשט; די אינדיאַנערסע, א 42 יעריקע, האָט ער אָפּגעערדט פון איר מאַן. און אַזוי ווי זי האָט געהאַט אַבוּץ אירע צען טויזנט פעזעס, וואָס זיינען געלעגן אף איר נאָמען אין באַנק, נאָך פיר טויזנט ליגן אַפן נאָמען פון איר טאָכטער, האָט ער אָפּגעמאַכט מיט זיין גוטן ברודער יאַשע, ער זאָל זיך פאַרליבן אין דער טאָכטער.

דאָס אַלץ האָב איך מיך דערוואוסט פון א קריגעריי זייערע, אויסנוצנדיק די געלעגנהייט וואָס די ווייבער זיינען נישט געווען. פון דער קריגעריי איז שיר נישט געקומען צו בלוט־פאַרגיסונג. דער טשילענער, וועלכער האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַרן גרעסטן אויסוואורף, האָט מיט א רעוואָלווער אין דער האַנט פאַרלאַנגט, אַלס דער באַלעבאָס פון די איבעריקע צוויי, דאָס רעכט צו געניסן אביסל ליבע פון יאַשעס שיקסע. אים קומט כהן, האָט ער געטיינעט, וואָרום ווען נים ער, וואָלט אַזא סמאַרק ווי יאַשע, וואָס איז קוים אַכט מאָנאַטן אין לאַנד, אַפילע אין חלום נישט געקומען צו אַזא שיינער אינדיאַנערקע און נאָך מיט פיר טויזנט קאַרבוינים. חיים, ווידער, האָט געטיינעט, אַז ער, דער טשילענער, מעג זיך האַלטן מיט זיין פופציק־יעריקער אלמנה, ווייל ער האָט פאַר יעדן יאָר א טויזנטער. ווען נישט ער, חיים, וואָלט צו גאָרנישט ניט געווען געקומען. און אַזוי ווי ער איז איצט דער מאַן פון דעם מיידלס

מאמע, סומט אים על פי יושר די מויצע... נאָר דעצידירט דעם ענין האָט יאשע, א צוויי און צוואנציק יעריקער יונג מיט ביינער, וועלכער איז אַף אַן אמת געווען פארליבט אין דער יונגער און ביז גאָר סימפּאַטישער אינ־דיאנערן. ער האָט מיט א געניטן זעץ אין דער מאָרדע ארויפגעוואָרפן דעם טשילענער א האלב־געבאלעשטן אַפן בעט, האָט בא אים צוגענומען דעם רעוואָלווער און ארייננעלייגט צו זיך אין קעשענע. חיים, וועלכער איז צוגעלאָפן ראַטעווען דעם טשילענער, האָט געקראָגן פונעם פארליבטן יאשע א זעץ אין דער ברוסט, אז יענער האָט זיך לאנג צוגעהאלטן און ניט גע־קענט ענטפערן.

— איך האָב א מיידל מיט ווינציקער געלט ווי איר ביידע — האָט ער געשריגן — מיט פיר טויזנט פעזעס, באָליוויאנער פעזעלעך, פארגינט איר זי מיר ניט!...

דער טשילענער האָט געכאַפּט א שטול און געוואָרפן יאשען אין קאָפּ אריין, ווען יענער האָט זיך אויסגעדרייט צו אים מיט דעם רוקן, נאָר פונקט דערויף זיינען אריינגעקומען די דריי ווייבער און דער שמועס איז באלד אריבער אַף שפּאַניש צו גאָר אנדערע ענינים.

סורוהאלפּא האָט פאר דער צייט וואָס זי איז געווען אין הואנ־קאיאָ, צווישן איירער, באוויזן צו ווערן שעמעוודיק. זי האָט זיך בשום אופן נישט געוואָלט אויסטון און זיך לייגן שלאָפן אין דער ליכטיק. פונקט ווי מיר האָבן דורך דעם זאַק־ווענטל געזען אלץ וואָס ס'האָט זיך געטון אינעם צימער פון די אידישע עמלקים, אזוי האָבן זיי געזען וואָס עס טוט זיך בא אונדז אין צימער. און דער שליסל פון דער עלעקטריע איז גראָד געווען אינעם צווייטן צימער. מיר האָבן געפונען א פּאָרטל, מיר האָבן צוזאמענגערוקט צוויי קליידער־שראנקען און אוועקגעשטעלט בא איינעם פון די ווענטלעך און א צווייט ווענטל האָב איך פארהאָנגען מיט צוויי פון מיינע וויקוניא־פּאָנטשאָס. סורוהאלפּא האָט געשיינט פאר גליק, ווי יונג און ווילד זי איז געווען, האָט זי פארשטאנען ווי מיך צו געווינען.

גאנץ פרי, ארום זיבן אזייגער זיינען מיר שוין ביידע געזעסן מיט נאָך דרייצן פּאסאזשירן, אין א גרויסן אויטאָ־קאמיאָן און געפאָרן איבערן שאָסיי קיין איאקוטשא.

## אַף אַ פרומען וואָגן

דער אויטאָ־קאַמיאָן אין וועלכן איך מיט סורוהאַלפאַן זיינען געפאָ־רן, איז געלאָפן דער ערשטער און נאָך אים, ווי געיאָגט פון בייזע רו־חות, זיינען נאָכגעפלויגן איינער נאָכן אַנדערן, נאָך פינף קאַמיאָנען, אויך מיט מענטשן און באַגאַזש.

סורוהאַלפּאַ איז געזעסן באַם פענצטער אין דער רעכטער זייט באַנק לעבן מיר, און צווישן מיר און אַ יונגער פול־בלוטיקער און פוכ־קער מיידל, אַ גאַנץ שיינע ברונעטקע פון אַ יאָר אכצן, נישט קיין אינדיאַנערקע, וואָס האָט געהאַלטן איין פוס פאַרלייגט אַפן צווייטן, איז געזעסן אַ גאַלעכל, פון אַ יאָר זעקס־זיבן און דרייסיק, מיט אַ פּאָר גרויסע פלאַמיקע גרינע אויגן, מיט פעך־שוואַרצע געדיכטע ברעמען און פאַרפּי־רערישע לאַנגע וויעס. דאָס גאַלעכל האָט גאַנץ פיין געפלוידערט מיט מיר און מיט דער לינקער האַנט האָט ער מיט גרויס גאַטספאַרכטיקייט געזוכט עפּעס באַ דער בתולה. דערפילט האָט אָפּאַנים דאָס מיידל דעם גאַלעכס האַנט אַף איר נאַקעטן שוים און האָט אינסטינקטיוו אַ ציטער געטון. נאָר ווען איר האָט זיך געדוכט, אַז קיינער זעט ניט, האָט זי אַראָפּגענומען דעם פאַרלייגטן פוס, כדי דעם גלח זאָל באַקוועמער זיין צו זוכן.

דעם מיידלס פאָטער, אַ פרומער דעפּוטאַט, וואָס איז געזעסן אין דער פאָדערשטער ריי הינטער דעם שאָפער און האָט שטאַרק מורא געהאַט עפּעס זאָל ניט געשען פונעם צו שנעלן פאָרן, האָט ניט אויפגעהערט זיך ציילעמען און תפילה טון: „הייליקע בתולה, מאַמעלע פון גאָט, ראַטעווע מיך!״... און כדי, אפּנים, צו לאָזן ווייסן, ווער ער איז, האָט ער געערעדט אַפן קול צום שאָפערס פלייצע: „איך בין דאָך מיט גאָטס גענאָד אַן אויסדערוויילטער דעפּוטאַט פון דער פרומער פראָווינץ טאַרמאַ און ווען מיין גנעדיק ווייב אָדער וועלכע פון מיינע פאַרערנס זאָל ווייסן, ווי איך פלי אין דער אויטאָ־קאַמיאָן צווישן די וואַלקנס, וואָלט יעדע פון זיי

יעדן מאָנטיק אָנגעצונדן צו אַכט ליכט אַלס אויסלייז פאַר די זינדיקע נשמות, וואָס שמאַכטן אין גיהנום, זיי זאָלן האָבן אַ תיקון אַף תחיית המתים און די אָנגעצונדענע ליכט וואָלטן פאַרטריבן די שדים וואָס פליען איבער מיין קאָפּ, צוזאַמען מיט דעם אשמדי, וואָס פירט מיט זיין אָן...״

נאָכדעם ווי ער האָט דאָס אַלץ אָנגעפּלוידערט, האָט ער זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן און צום גאַלעכל מיט זיין טאָכטער און זיין בליק איז געבליבן אַ ווײַלע איינגעגראָבן אין מיר, ווי צו זען וואָס פאַר אַן איינדרוק אַף מיר האָבן געמאַכט זיינע דעפּוטאַטישע דיבורים, און ווידער גענומען ריידן מיטן פּנים פאָרויס צום שאָפערס רוקן, נאָר שוין היבש דעקלאַמאַטאָריש, מיט אַנדאַלוזישן פּאַטאָס:

— אָ, סעניאָראַס, סעניאָרעס און עקסעלענץ פּריסטער, צו זיצן אין דער דעפּוטאַטן־קאַמער און דערפילן די געבאָט פון גאָט און פון דעם פּאַטריאָטישן „מענטש מיט כאַראַקטער״, איז פיל אָנגענעמער ווי צו זיצן אַף דעם האַרטן בענקל פונעם קאַמיאָן און אַרויסטרייסלען די גדערים אַף דעם וועג און זען אַלע רגע דעם טויט פאַר די אויגן...

אינמיטן דעם דעקלאַמירן, האָט ער זיך אויפגעהויבן פון זיין זיץ און געבעטן די פרוי וואָס איז געזעסן קעגנאיבער אים, זי זאָל זיך איבערזעצן אַף זיין אָרט, אַזוי אַז זי זאָל פאָרן מיטן פּנים פאָרויס און ער אַף צוריק, מיטן פּנים צו די פּאַסאַזשירן. זי האָט דאָס מיט דאַנק אָנגענומען און ווי ער האָט זיך נאָר אַוועקגעזעצט, האָט ער זיך פּלוצים געווענדט צו מיר און שוין גאָרנישט פּאַטעטיש, נאָר היבש סאַרקאַסטיש:

— סעניאָר דאָן רוביאָ (הער בלאָנדער), איר מוזט דאָך זיכער זיין אַן אויסלענדער, אַ דייטש און אפשר אַן ענגלענדער? עה? ניין, ניין, וואָס זאָג איך אַן ענגלענדער? כאַ־כאַ־כאַ, נישט מעגלעך? איר זיינט נישט קיין ענגלענדער, אַן איטאַליענער זיכער. אויסזען זעט איר אויס ווי אַן האָלענדער און אפשר גאָר אַ נאָרוועגער? אַ מענטש פונעם נאָרדפּאָל, פונעם אייז־געביט, פונעם לאַנד פון די באַקאַלאָס, פון די הײַ־פיש, פון די ווייסע בערן און און?... הע, ניט אַזוי? עסטוריאָנען, קאַוויאַר און נאָך און נאָך... זייט ווּיסן, אַז איך בין זייער אַ געלערנטער מענטש און אַ גרויסער טרעפער... ס׳האָט נאָך נישט געטראָפן איך זאָל אַ קוק טון אַף אַ מענטשן און נישט טרעפן פון ערשטן בליק פונוואַנען ער איז און וואָס ער איז... אַהאַ, איך ווייס שוין, איר מוזט זיכער זיין אַ נאָרדאַמעריקאַנער, פון יענקי־לאַנד. אַ יאָ איך האָב געטראָפן?... לעבן זאָל נאָרד אַמע־

# צווישן ווילדע און ציוויליזירטע

ריקע! איך זע אין אייער שווייגן און אין אייער הויכן שטערן און אַטלעטישער ברוסט, אַז איר מוזט זיין עפּעס אַ גרויסער מאַן, אַ באָקס־אַטלעט... מיט איין זעץ אין דער מאָרדע אויסהאַקן באַם קעגנער די ציין, ווי דעמפּסי קאַרפּענטיערן... אַך, ווי איך האָב ליב צו זען ווי אַזאַ מין העלד צעזעצט באַם קעגנער די מאָרדע, אַז ער פאַרבלינעט זיך אַזש מיטן בלוט!... און אפשר זיינט איר גאָר אַ הער מיט אַ טיטל, אַ געהיימער געזאַנדטער? אַ געאָלאָג געשיקט פון די ראָטשילדס אין בערלין, וואָס זיינען די רייכסטע מענטשן אין דער וועלט?... אַ יאָ אַלע ראָטשילדס וואוינען אין בערלין? טויזנטער מיליאָנען פונט שטערלינג האָבן זיי געגעבן דייטשלאַנד זיי זאָלן דערקלערן קריג מיין פאָטערלאַנד, דאָס צונעמען באַ אונדז און אַוועקשענקען די טשילענער „ראָטאָס" (צעריסענע)... אַלנפאַלס, אַ געאָלאָג זיינט איר, וואָרום די געאָלאָגן ריידן אַסאַך שפּראַכן. איך האָב אייך געהערט ריידן אַסאַך שפּראַכן אין האָטעל מיט אַלע אויסלענדער, אַפילע מיטן כינעזער... אַז איר זיינט אַ געאָלאָג זעט מען אויך דערפון וואָס איר באַטראַכט אַזוי די בערג און די שטיינער און די גיפטיקע שפּינען, דעם פּאָזשאָ און דעם טאַראַנטול און די ציילעם־שפּין, שמעטערלינגען און ווערימלעך, ווען דער קאַמיאָן שטעלט זיך אָפּ. אַז ניט קיין געאָלאָג, זיינט איר אַזוי זיך אַ נאַטור־פאָרשער, אַן עטימאָלאָג, פילאָלאָג, אַסטראָלאָג... וואָרום וואָס קוקט איר אַזוי אָפּט מיט אייער שפּאַקטיוו צום הימל און צו די באַרג־שפּיצן...

און ווי ער וואָלט זיך צו עפּעס דערעדט, האָט דער דעפּוטאַט מיטאַמאָל געביטן זיין סאַרקאַסטישן טאָן אויף אַ פּשוט פּראָוואָקאַטאָרישן:

— הערט נאָר, זאָגט נאָר, פאַרוואָס קוקט איר זיך טאַקע אַזוי אום אויף אַלע זייטן און איר שרייבט נאָך דערצו אריין מיט אַ רויטן בליישטיפט אין אייער רויטן ביכעלע, וואָס איר האַלטן מיטן קאָפּ אַראָפּ און איר שרייבט דערין פון רעכטס אויף לינקס, גאָרנישט קריסטלעך? האָ? זייט איר נישט אמאָל אַ באָלשעוויק?...

איך האָב די גאַנצע צייט געשוויגן און געלאָזט דעם האַלב־שיקערן דאָקטאָר דעפּוטאַט פּלוידערן און ווייזן קענטעניש, נאָר אַז ער האָט אָנגעהויבן מיט באָלשעוויזם, וואָס אונטער לעגיאַס ממשלה, פלעגט מען דערפאַר באַצאָלן מיטן קאָפּ, האָב איך געפונען פאַר נויטיק אים איבערצוהאַקן און מיט שמאָליץ אַ זאָג געטון:

— איך בין אַ איד פון פראַנקרייך, אַ קאָרעספּאָנדענט פון אַן אויס־

לענדישער צייטונג, וואָס באַשיצט גראָד אַזעלכע לענדער ווי דיין פּאָמערלאַנד איז, און ניט דאָס אַלץ וואָס איר הער דאָקטאָר דעפּוטאַט האָט גאָרנישט דעפּוטאַטיש אויסגערעכנט...

ווי אַ באָמבע האָבן געווירקט מײַנע רייד. דער דעפּוטאַט און אַלע איבעריקע פּאַסאַזשירן האָבן מיך אויסגעהערט ווי דערשראָקן. אַלע האָבן זיי זיך גענומען באַוועגן און זיך צופּוצן און צוקעמען, ווי צום פּאָטאָגראַפירן, ווי זיי וואָלטן מורא געהאַט איך זאָל זיי ניט שלעכט באַשרייבן אין מײַן צייטונג. דער געלערנטער דעפּוטאַט האָט זיך גענומען צושמייכלען:

— אַזוי? זײַנט איר גאָר, אויסדערוויילטער סעניאָר קאַוואַליר, אַ קאָרעספּאָנדענט פון אַן אויסלענדישער צייטונג? און איר זײַנט גאָר, זאָגט איר, אַן איזראַעליטאַ פּראַנסעז? פאַרגעסט זשע ניט, גרויסער גענעדיקער האַר, אָנצושרייבן אין אײַער געערטער „טאַמעסים" (ער האָט געמיינט „די טיימס"), וואָס איז די גרעסטע צייטונג אין פראַנקרייך (ער האָט געמיינט אין ענגלאַנד), אַז אַף אײַער באַזוך באַ אונדז אין לאַנד, האָט איר געהאַט דעם גרויסן כּבֿוד צו פאָרן אין איין אויטאָמאָביל צוזאַמען מיט דעם געזעצגעבערישן מיטגליד, דעפּוטאַט פון טאַרמאַ, וואָס האָט לויט אַ דעקרעט פונעם דיקטאַטאָר באַקומען דעם טיטל דאָקטאָר. און געדענקט אַז איך בין דעפּוטאַט פון דער איינציקער לעגאַלער פּאַרטיי אין פּערו, וואָס איר פּרעזידענט איז אויגוסטאָ לעגיאַ, וואָס מיר געזעצגעבער האָבן אים באַטיטלט מיטן נאָמען „מענטש מיט כאַראַקטער". דאָ האָט איר מײַן פאָטאָגראַפיע מיט מײַן אייגנהענטיקער דעדיקאַטאָריע פאַר אײַך, וואָס איר מעגט זי פאַרעפנטלעכן און זאָלן וויסן אַלע לייענער פון אײַער פּאַריזער „טאַמעסים", אַז איר האָט געהאַט דעם כּבֿוד צו פאָרן אין פּערו אין איין קאָטש מיט אַ דעפּוטאַט, וועלכער האָט דערצו נאָך אײַך געשאָנקען זײַנע אַ פאָטאָ...

— נאָ סעניאָר, נאָ סעניאָר! — האָט זיך פּלוצים אָנגערופן דער פאַרליבטער גלח. — איר, הער דאָקטאָר דעפּוטאַט, דאַרפט ניט זינדיקן. זאָגט ניט אַזוי! איר האָט אויך נישט געטאָרט זאָגן, אַז איר זײַנט אומצופרידן פון דער רייזע און אַז איר האָט אַזוי שטאַרק מורא פאַר שדים. איך בין דאָך אַ גייסטלעכער און אַלס אַזעלכער, זאָג איך אײַך, הער דאָקטאָר דעפּוטאַט, אַז איר האָט לחלוטין גאָרניט וואָס צו שרעקן זיך און איר דאַרפט מער נישט באַלעסטיקן דעם אויסלענדישן סעניאָר קאָרעספּאָנ־

דענט. איר טאָרט ניט מורא האָבן פאַר קיין שדים און טייוואָלים ווען איר געפינט אייך אין מיין סביבה, אַלע בייזע גייסטער אַנטלויפן פאַר מיר צוליב דעם הייליקן קרייץ, וואָס איך האָב אינמיטן פון מיין קאָפּ, אָמן. און זעט איר — האָט ער ווייטער גערעדט — איך בין אַ פּריסטער פון דער הייליקער מאַמע - יונגפרוי און פונדעסטוועגן בין איך צופרידן פון דער רייזע. איך שעץ מיך גליקלעך, וואָס די הייליקע און אומבאַפלעקטע יונג־פרוי האָט מיך ווי געשיקט איך זאָל פאָרן אין דעם קאַמיאָן צווישן אַז אויסדערוויילטער געזעלשאַפט. אויך האָט איר, הער דאָקטאָר דעפּוטאַט, נישט באַדאַרפט דערציילן וועגן אייערע פיל פאַרערנס. וועגן ליבע־פאַר־העלטעניש טאָר מען קיינמאָל און קיינעם ניט דערציילן. דאָס דאַרף בלייבן אַ סוד ביז אין קבר אַריין. בפרט נאָך ווען אחוץ מיין הייליקער פּערזאָן זיצט אין מיין לינקער זייט די זייער צנועדיקע בתולה, אייער טאָכטער און אין מיין רעכטער האַנט דער געהיימער הער קאָרעספּאָנדענט, וואָס דער הייליקער פּריאָר אין מיין מאָנאַסטיר האָט אים באַהאַנדלט ווי יעזור־סעם אַ זון. ער איז אַ פראַנצויז, אונדזערער אַ פריינט, וואָס זיין פּאַטער־לאַנד האָט אויך געהאַט אַ „מענטשן מיט כאַראַקטער" אין דער געשטאַלט פון דעם גרויסן נאַפּאָלעאָן, אויך אַ קליינגעוויקסיקער, ווי די אימפּאָזאַנ־טע פיגור פונעם הער לעגיאַ, געבענטשט זאָל ער זיין, אָמן... און דער אונטערשייד צווישן זיי איז נאָר דער וואָס דער ערשטער האָט נישט גע־טראָגן קיין וואָנצעס און דער צווייטער יאָ...

און אַזוי ריידנדיק און שטראַפנדיק דעם דעפּוטאַט, האָט ער אָפּיר־גענומען די לינקע האַנט פון אונטער דעם צעפלאַמטן מיידל, אַ פאַר־שטעלטע ביז דעמאָלט מיט זיין ברייטער זשופּיצע און מיט דער רעכטער האָט ער אַרויסגענומען פונעם בוזים אַ גרויסן גאָלדענעם צלם און הויך באַזאָניש אַ זאָג געטון: — „און לאָמיר טאַקע תפילה טאָן און לאָמיר זאָגן תהלים און זינגען דעם הייליקן הללויה"... און גלייך טאַקע גענומען זינגען מיט אַ גאָר פיינער באַריטאָן־שטימע מיט אַ מין התקוה־ניגון, וואָס אַלע האָבן אונטערגעכאַפּט, אַכוץ מיר מיט סורוהאַלפּאַן.

איך האָב מיך בעת מעשה איינגעקוקט אינעם פּראָפיל פונעם גלח און האָב אין אים דערקענט איינעם פון די מאָנאַכן, מיט וועלכע איך בין געזעסן באַם טיש אינעם קאָנווענט פון אַקאַפּאַ, אַ סימפּאַטישן אַרמענער, גאָרנישט קיין אַנטיסעמיט...

— פאַרוואָס זיינט איר נישט מתפלל צוזאַמען מיט אונדז? — האָט מיך אומגעריכט אַ פרעג געטון דאָס דאַמעלע, וואָס איז געזעסן אין דער

# מאַרקוס פּאַרישעווסקי

ערשטער ריי, באַ דער זייט פונעם דעפּוטאַט. — אייך, מיין האַרעלע, מיין איך. אייערע שפּיזיקע יאַגואַר־אויגן זאָגן מיר, אַז אַלע האָבן אַ טעות געהאַט מיט אייך. איר זיינט נישט קיין איזראַעליטאַ פּראַנסעז. איך האָב נאָך אין מיין לעבן נישט געהערט פון אַזאַ רעליגיע, און איך בין זייער אַ געלערנטע, איך בין אַ לערערן אין אַ שול. איר מוזט אוודאי זיין אַ פּראָטעסטאַנט, אַ מאַכמעדאַנער אָדער גאָר אַ כודיאָ, גאָט זאָל אונדז אָפּהיטן! און אפשר גאָר דער טייוול אַליין, ווען איר קענט זיצן צווישן אַזוי פיל רוימיש־קאַטוילישע אַפּאָסטאָלישע קריסטן, מיט אַ דאָקטאָר פון דער־קירכע באַ דער זייט און פון דער צווייטער זייט אייער יונג ווייבעלע, אוודאי נאָר וואָס חתונה געהאַט און ווי די אפּיקורסים נישט מיטדאַווענען...

דער קלוגער גלח האָט מיר אַ טראָט געטון אַפן פוס איך זאָל שווייגן און ער האָט שוין געענטפערט פאַר מיר. ער זעט אין מיינע אויגן, האָט ער געזאָגט, אַז זיי זיינען ניט אַזוי שפּיזיק ווי באַ דעם בייזן יאַגואַר, נאָר גראָד הימלישע, וואָרום אַלע מלאכים וואָס ער האָט געזען, האָבן בלויע אויגן און אַפילו גאָטס זון האָט אויך בלויע אויגן אַזוי ווי מיינע און קיין פּראָטעסטאַנט בין איך נישט און אויך נישט קיין מאַכמעדאַנער און קיין טייוול אוודאי ניט. עס איז אַ גרויסע זינד אַזוי צו זאָגן דעמאָלט ווען ער האָט געזאָגט, אַז ער קען מיך פאַר אַ פרומען איזראַעליטאַ פּראַנסעז. און כודיאָ און איזראַעליטאַ איז איינס און דאָס זעלבע און עס איז אַ גרויסער כבוד צו זיין אַן עמעסער כודיאָ, ווייל דער מקור פון דער קריסטלעכער רעליגיע און מאָראַל איז די אידישע און יעזוס און די ערשטע אַפּאָסטאָלן און הייליקע און אַסאַך פּויפּסטן זיינען געווען אידן און יעזוסעס מאַמע איז אויך געווען אַ כודיאָ, פּונקט ווי אַלע ערשטע קריסטן און אַז ער זעט מיט זיין גייסטלעכן אויג, אַז איך האָב יאָ תפילה געטון; אמת, ניט הויך אַפן קול, נאָר מיט האַרץ און נשמה ווי אַלע עמעסדיקע פּראַנצויזישע כודיאָס זיינען מתפלל...

און ווענדנדיק זיך צו אַלע פּאַסאַזשירן, האָט דער גלח אַ זאָג געטון:

— און אָט וועט איר זען, מיינע הערן, ווי איך וועל צו דער אויסדערוויילטן הער קאָרעספּאָנדענט ריידן אין דער הייליקער העברעישער שפּראַך, אַף וועלכער יעזוס און זיינע תלמידים האָבן צווישן זיך גערעדט און איר וועט זען ווי ער פאַרשטייט גאָטס וואָרט און ווי ער וועט מיר ענטפערן...

## צווישן ווילדע און ציוויליזירטע

און נאָך אַ הפסקה פון אַ מינוט שטילשווייגן, האָט דער גלח אַף אַ צעקאַליעטשעטן רוסיש מיט אַן אַרמעניִשער אויסשפּראַך מיר געזאָגט:

— יאַ בודיט גאַוואָריט טאָ וואָס פאָ רוסקי. פּראָקלאַט נאַראָד דומאַט יאַ טאָ וואָס קאַוואָריט לאַטינסקאַ אילי געברעיסקאַ יאַזיק. ווי נע קאַראָשאַ זדעלאַט סקאַזאַט איוורי. יאַ סקאַזאַט טי קאַראָש טשעלאַוועק, אַ טי מאַלטשי בראַט! ווי ווידאַל יאַ לוביט טאָ קאַראָשאַ זשאַרקאַ דעווקאַ...*)

אונדזער פול־געפּאַקטער אויטאָ־קאַמיאָן איז זיך דערווייל געלאָפן איבער דעם מעסופּעטעם שמאָלן וועג מיט זיינע גריבער און שטיינער אַראָפּגעפאַלענע פון די בערג, צווישן טיפע קאַנאַוועס אויסגעמוליעוועטע פון דעם וואַסער וואָס שטראָמט אַראָפּ בעת די שטאַרקע רעגנס, און וועלכן עס איז באַריער באַ די נעפּערלעכסטע ערטער און געדאַכט האָט זיך יעדער רגע, אַז אָט פאַלן מיר אַראָפּ מיט דעם קאַמיאָן אינעם טיפן אָפּגרונט פונעם שנעל־לויפנדן טייך אַפּורימאַק. אָט האָט ער זיך אָנגעקלאַפּט מיט אַ זייט אָן דער פעלזענער וואַנט פונעם באַרג און אָט האָט ער אַ העפּטיקן בויג געטון איבערן טיפן טאָל. אַ פּראָסט איז דורך אַלעמענס גלידער יעדן מאָל ווען דער קאַמיאָן פלעגט אַ שפּרונג טאָן אַף צוריק נאָכן אָנקלאַפּן זיך אָן אַ שטיין אָדער אַ רייב טון זיך מיט דער זייט אינעם באַרג. אַ טויטלעכע אַנגסט פלעגט באַהערשן באַ אַזאַ שפּרונג אָדער קירעווע איבער יענע פון די פּאַסאַזשירן, וואָס האָבן נאָך קיינמאָל ביז דעמאָלט נישט געריטן אַף די רוקנס פון די אַנדן־קאָרדיליערן.

דער קלוגעטשקער און טייוועדיקער גלח אַפּילע האָט אַף די מעסופּעטע ערטער לאַנגזאַם אַרויסגעצויגן די האַנט פון איר זיסער באַהעלטעניש און זיך פאַרענטפערט פאַר מיר מיט זיין צעהאַרגעטן אַרמעניִשן רוסיש:

— אמת, איך בין טאַקע גאָטס גייסטלעכער, כ'בין דאָך אָבער נישט מער ווי אַ מענטש פון בלוט און פלייש, נישט מינער פון דוד המלך, וואָס האָט געזינדיקט מיט בת שבע. און די הייליקע מרים פון מאַגדיילאַ איז

---

*) איך וועלריידן צו אייך רוסיש. דאָס פאַרשאָלטענע פאָלק מיינט, אַז איך רעד צו אייך לאַטיין אָדער העברעיש. איר האָט נישט גוט געטון וואָס איר האָט געזאָגט, אַז איר זיינט אַ איד. איך וועל זאָגן, אַז דו ביזט אַ גוטער מענטש און דו שווייג, ברודער! איר האָט געזען, אַז איך האָב ליב די גוטע הייסע מויד...

דאָך אויך געווען אַ זינדערן. און זאָגט איר אַליין, ווי קען אַזאַ יונגער גייסטלעכער ווי איך זיצן באַ דער זייט פון אַזאַ יונגער און פעטער ברע־נענדיקער מויד און נישט אָנרירן אירע גוטע זאַכן, אום צו וויסן צי זי איז אַ בתולה צי ניט!..

— ווי אַזוי, אָבער, פּאַטערל, קענט איר דאָס וויסן אַף דעם קאַ־מיאָן? — האָב איך אים געפרעגט אויך אין רוסיש.

— גאַנץ פּשוט, — האָט ער מיר גענומען דערקלערן: — אַ אומ־אָרנטלעכע פרוי לאָזט זיך פון קיין שום מאַן נישט אָנרירן, אויב זי דער־וואַרט ניט ער זאָל איר דערפאַר באַצאָלן. אפילע ווען איר רירט זי אָן אומ־גערן, זידלט זי אייך אָפּ מיט די גראָבסטע ווערטער; אַ אומשולדיקע אָבער און דערצו נאָך אומוויסנד און פרום, ווערט תחילת איבערראַשט און פאַר־שעמט און שעמט זיך אויך צו פּראָטעסטירן. און אַז מען איז דערצו נישט קיין פייגלינג און מען כאַפּט ניט אַוועק די האַנט, געוויינט זי זיך צו, אי־בערהויפּט ווען איר דאַכט זיך, אַז קיינער זעט ניט... איך, ברודערקע, בין שוין אַ געניטער אין די זאַכן, נאָך פון רוסלאַנד... איך האָב ניט ליב די אומאָרנטלעכע מיידלעך... נאָר האַלט מויל, ברודערקע!...

ער האָט זיך פאַרטראַכט אַ ווײַלע און באַלד ווידער גענומען ריידן:

— אַז דו וועסט האַלטן מויל און מירן זיך טרעפן אין איאַקוטשאַ, מסתמא אין זעלבן האָטעל וואו עס וועט איינשטיין דער אידיאָטישער דע־פּוטאַט מיט זיין קעלבערנער טאָכטער, וועט איר אין מיין זכות נישט פאַר־הונגערט ווערן...

איך האָב אים אָנגעוויזן אַף מיין שווייגנדיקער סורוהאַלפּאַ און אַז איך בין אים מוחל זיין גוטהאַרציקייט און ער איז אַנטשוויגן געוואָרן. דערצו נאָך איז דער קאַמיאָן אַרויף אַף אַ שטיין און איז שיר ניט אַראָפּ־געשפּרונגען מיט אונדז אין טייך אריין און מיר האָבן געמוזט אַלע אַראָפּ־גיין און אונטערהעלפן דעם שאָפער מיט צוויי שטאַלענע שטאַבעס אונ־טערהייבן דעם שטיין און אים אַראָפּקייקלען אין תהום. פון שרעק איז ניט נאָר דער גלח אַנטשטומט געוואָרן, נאָר אויך דאָס פאַרליבטע מיידל, וועלכע איז מיט אַ פּאָר מינוטן פריער געווען רויט ווי צונטער און טראָפּנס שאַרף־רייעכדיקער שוויים האָבן באַדעקט איר קורצן שטערן און אי־אויבערשטע ליפּ, וואָס איז באַוואַקסן געווען מיט שוואַרץ־זיידענע האָר־לעך, איז אויך מיטאַמאָל טויט־בלייך געוואָרן.

די מאַשין האָט ווידער אָנגעהויבן לויפן און מאַכן מעשוגענדיקע זיג־

זאגן. געשפרונגען איבער שטיינער און ריטשקעס, ארויסגעטרייסלט די נשמה און געהאלטן די פּאסאזשירן אין טויט־שרעק. אזוי אז דער גאנצער קאמיאָן האָט גענומען תפילה טון ווי אַף דער שיף וואָס האָט געפירט דעם נביא יונה קיין טארשיש. אָנגעהויבן האָט די פרומע דאמע, וועלכע האָט ספּאזמירנדיק און שלוכצנדיק, גענומען זינגען אווע מאריאַ און פּאטער־נאָסטערס. צו הילף איז איר באלד געקומען דער דעפּוטאַט און נאָך אים זיין טאָכטער און צוויי צעקנייטשטע פריילנס, וואָס זיינען געפאָרן מיט זייערע בינעזישע חתנים. ס׳האָט לאַנג נישט גענומען און דער גאַנצער קאמיאָן האָט מיטגעזונגען אַ צעצויגענע מעלאָדיע, ווי מען באוויינט אַ טויטן.

בלויז דריי זיינען מיר געווען וואָס האָבן נישט מיטגעזונגען, איך און סורוהאַלפּאַ און איינער אַ יענקע מיט כמעט רויטע האָר און ברעמען, וואָס האָט די גאַנצע צייט נישט אויפגעהערט רויכערן מיט אַ מעשוגע־דיקער נערוועזיטעט איין קאמעל־ציגארעט נאָכן צווייטן און בייסן די ציגאַר־עקלעך צווישן זיינע גילדענע ציין. בּאַ איינעם אַזאַ בויג איבערן טיפן אָפּגרונט, האָט דער יענקי נישט אויסגעהאַלטן און ארויסגעכאַפּט פון זיין ברייטן לעדערנעם גאַרטל אַ גרויסן בראַונינג־פּיסטויל.

— סטאָפּ! סטאָפּ! — האָט ער היסטעריש גענומען שרייען. — שטיי, דו הינטישער זון, וואָרום איך וועל דיך דערשיסן.

נאָר אזוי ווי דער שאָפער האָט זיך נישט וויסנדיק געמאַכט און נאָך שנעלער גענומען טרייבן די מאַשין — אגב ניט שנעלער ווי 25 קילאָמע־טער אַ שעה, וואָס אַף יענעם שאָסיי האָט דאָס געהייסן ווי געפלויגן, — האָט דער רויט־האָריקער יענקי אָפּגעפייערט אין דער לופטן דריי שאָס. ערשט דאָס האָט געווירקט אַפן שיקערן שאָפער און ער האָט מיטאַמאָל גענומען לויפן לאַנגזאַמער.

וואָס ווייטער מיר זיינען געפאָרן, ממש מיט יעדער מינוט, אַלץ וואַרימער איז געוואָרן און מען האָט געמוזט אַראָפּוואַרפן פון זיך די ווינטערדיקע מלבושים, וואָס מען מוז טראָגן אַף די אייביק פראָסטיקע בערג. געדאַכט האָט זיך, אַז מיר פאָרן אריין אין אַ זומער־לאַנד, פון איי־ביקער צאַרטער זון. אַלץ אַרום האָט זי געוואַרימט, די פּורפּור־גאָלדענע זון. מיינע לונגען, מיד פון העכער אַ יאָר האָרעווען בעת מיין קלעטערן אַף די הויכע שפּיצן, האָבן ווי אָפּגערוט און דערלייכטערט איינגעאָטעמט אין זיך די פּערפּומירטע לופט מיט דעם דופט פון אומבאַקאַנטע פלאַנצן

## מארקוס פארישעווסקי

און בלומען. ציטערדיקע טרערן טוי אף סאמעטענע בלומען־בלעטלעך האָבן שימערירט ווי פּערל און בריליאַנטן און גינגאָלדיק און רובינען־רויט גע־פינקלט אונטער די זון־שטראַלן אף די עקזאָטישע פאַרבנרייכע בלומען. אַלע מיינע חושים האָבן זיך צעעפנט און מיין אַפּעטיט אַפּילע. אויך סור־רוהאַלפּאַ, וועלכע האָט די גאַנצע צייט געשוויגן און נישט אָפּגעריסן די אויגן פון די ווייטע און הויכע האָריזאָנטן, האָט מיר אין אויער אַריינגע־שעפּטשעט, אַז זי איז הונגעריק.

# אין אַ כינעזישער אכסאַניע

אזייגער ניין אינדערפרי איז דער קאַמיאָן שטיין געבליבן לעבן אַ גידעריקער כאַטע פון שטיינער מיט בלאָטע צוזאַמענגעקלעפּטע. אַ מעשר־נעדיק לאַנגער און מאָגערער כינעזער, מיט גרויסע טונקעלע ברילן, וואָס האָבן זיך אָנגעשפּאַרט אַף זיינע הויכע שטאַרק אַנטוויקלט קינבאַקן, האָט דאָרט געהאַלטן אַ קראָם פון אַליץ. דערין אויך שפּייז־אַרטיקלען און אַ שטיקל גאַרקיך פאַר די דורכרייזנדע. מיין סורוהאַלפּאַ, וואָס האָט אין אירע אייראָפּעאישע קליידער אויסגעזען ווי אַן ענגלישע ספּאָרטסמענקע, איז ווי אַ וועווערקע אַראָפּגעשפּרונגען די ערשטע און איך נאָך איר.

אין דעם עס־זאַל מיט אַ גרויסן נאַקעטן שמוציקן טיש אַף אַ שטיי־נערנעם נאַטור־פּאָל, איז אַבוץ דעם לאַנגן און דאַרן כינעזער, אויך גע־וועזן זיין ווייב, אַ נידעריקע פירקאַנטיקע אינדיאַנערקע פון די פּרימיטיווע אוראַס, ניין פּיצלעך קינדער זייערע און אַ פולע שטוב מיט שטוביקע חיות: איין הונט אַ ווייסער מיט אַ פּאָר לאַנגע העלעפאַנט־אויערן, אַ הויכער און אַ מאָגערער, געראָטן אין זיין באַלעבאָס, מיט איין אויג אַ גרויס און אַ שוואַרצס און דאָס צווייטע אַ בלויס און אַ קליינס; די צוויג זיינע, אַ געלאַטעטע, מיט ווייסע און שוואַרצע פלעקן און צוויי יונגע הינט־לעך, דריי־כאַדראַשימדיקע, וואָס האָבן זיך שרעקלעך צעבולן בא אונדזער אַריינקומען; פינף גרויסע רויטע קעץ מיט שוואַרצע טיגער־פּאַסן, שוועס־טער און ברידער, זיינען פויל געלעגן אין אַ גרויסער קאַרעטע, צוזאַמען מיט די דריי קלענסטע קינדער פונעם כינעזער מיט דער אינדיאַנערקע; אַ כאַזערטע מיט אירע זעקס שניי־ווייסע כאַזיירימלעך האָבן מיט זייער כריוקען און געשטאַנק דערגאַנצט די אומגעבונג אין דער כינעזיש־אינ־דיאַנישער אכסאַניע.

די באַלעבאָסטע, מיט אַ נידעריקן שטערן און האַרלאַזע ברעמען אי־בער אירע גרויסע מאַנדל־אויגן, מיט זייער ברייטע אַרויסגעשטאַרצטע קינבאַקן אַף איר טונקל־ברוינעם פּנים, מיט לאַנגע גלאַנציק־שוואַרצע

## מ אַ ר ק ו ס פּ אַ ר י ש ע ו ו ס ק י

צעפּ פול מיט נגידעס, איז געשטאַנען באַם בופעט און האָט מיט אירע לאַנגע שוואַרץ־באַנעגלטע פינגער געמישט אין אַ גרויסן בלעכענעם פּאַ־לומיסעק נאָך דאַמפּיקע שטיקלעך פלייש פון ווילדער קאַטשקע מיט רייז און שוואַרצע פּאַסאָליעס געקאָכט אין טאָמאַטן־זאַפט מיט רויטע פּע־פּערלעך.

מיט די הענט האָט די אינדיאַנערקע שפּעטער אויך אויסגעטיילט פון דעם פּאָלומיסעק אין בלעכענע פאַרזשאַווערטע טעלערלעך די פּאָרציעס פון דעם מאכל. נאָך יעדן מאָל דערלאַנגען האָט זי אָפּגעווישט די איינגע־שמירטע פינגער מיט טאָמאַטן־זאַפט אין אַ שרעקלעך־קויטיקער שמאַטע אָדער זי האָט זיי געגעבן אָפּצולעקן דעם הויכן און דאַרן הונט, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען היראָהיטאָ.

דער כינעזער האָט זיך צו דער דאָזיקער אַרבעט נישט געמישט, ער האָט בלויז דערלאַנגט פּיסקאָ, ביר אָדער אַבסענט, גראָבע ציגאַרן פון איי־גענער אַרבעט און האָט מאַלפּיש געלאַכט, ווייזנדיק דערביי זיינע פאַר־פוילטע ציין און צעיאַטערטע יאַסלעס.

סורוהאַלפּאַ, וועלכע איז פאַר דער צייט וואָס זי איז געווען אין הואַנ־קאַיאַ, צווישן איירעפּעער און נאָרדאַמעריקאַנער, געוואָרן אַ גאַנצע ציכט, האָט זיך געמיעסט, ווי איך, צו עסן דאָס מאכל וואָס די אינדיאַנערקע האָט דערלאַנגט און האָט געפאָדערט ניט אַנדערש אַז דער כינעזער, וואָס האָט זיך געהאַלטן אַביסל ריינער פון זיין ווייב, זאָל אונדז באַדינען און דערלאַנגען זאָל ער אַ גאַנצע געבראָטענע ווילדע גאַנדז, אַ ניט צעשניטענע.

דער ווייבערישער גלח האָט פאַרלאָזט זיין געליבטע בתולה און האָט זיך אַוועקגעזעצט צווישן די צוויי פרומע ווייבער פונקט אַקעגן אונדז און מיט זיינע גרויסע גהינום־אויגן געפרעסן די שיינענדיקע סורוהאַלפּאַ. גע־טרונקען האָט ער דעם פּיסקאָ און ווי ער אויך די דאַמען, פון דער פלאַש און האָט פאַרביסן מיט די פייערדיקע פּעפּערלעך. איך האָב מיך דער־מאָנט אָן מיין פלאַש פּיסקאָ וואָס איך האָב מיטגעפירט פון מעכאָראַדאָ און האָב זי אַריינגעבראַכט. מיטן טרינקען זיינען מיר ביידע, איך און סורוהאַלפּאַ, נישט אָפּגעשטאַנען פונעם גלח מיט די דאַמען, נאָר ווי אַזוי זיי עסן די פּיטשינקע פּעפּערלעך ערשט אָפּגעריסענע, וואָס דער כינעזער האָט דערלאַנגט פולע טעלער, האָב איך ניט פאַרשטאַנען. זיי האָבן גע־ברענט אין מויל הונדערט מאָל האַרבער ווי דער האַרבסטער כריין.

מיין אינדיאַנער ווייבל האָט באַוויזן, אַז וואָס שייך עסן, איז זי

א נאָך רויע נאַטור; איידער איך האָב צייט געהאַט מיך אַרומצוקוקן, האָט זי שוין אויפגעגעסן איר האַלב געגדזל און אַפילע אַרומגעביסן די ווייכע גלידער־עקן פון די ביינער און אַלס צוגאָב האָט זי נאָך אויפגעגעסן פון מיינעם אַ פּערטעלע, צוזאַמען מיט אַ טעלערל ביטערע פּעפּערלעך און אַ פּאָר כוסות פּיסקאָ.

— ביזט זאַט? האָב איך זי געפרעגט.

— נאָך ניט. — האָט זי געענטפערט.

איך האָב געהייסן דערלאַנגען אַ מוין קאַלטע האַרט־געקאָכטע אײנדיק־אייער, וואָס זיינען געליגן אַפן בופעט און מיר האָבן אויפגעגעסן פון זיי צו זעקס שטיק יעדער און ווידער פאַרטרונקען מיט פּיסקאָ פון דער פלאַש. פונעם רעשט פּיסקאָ, האָב איך מכבד געווען די דאַמען און אַן ערך אַ האַלבן ליטער אָפּגעגעבן דעם גלח, וועלכער האָט זי אַפן אָרט אַריינגעגולגעט.

נאָכן פריען מאָלצייט זיינען מיר אַלע אַרוים אינדרויסן און זיך צעשפּרייט איבער שמאָלן האַלב־פלאַכן פּלאַץ, ווער מיט אַ דאַמע און ווער אַליין. דער לעצטער איז דער גלח אַריין צווישן די קוסטעס מיט אַ נייער דולצינעא, אַ יונג ווייבעלע פון אַ יאָר צוואַנציק, וועלכע האָט געוואַרט באַם כינעזער אין רעסטאָראַן, אַף אַ קאַמיאָן, וואָס גייט פון איאַקוטשאַ קיין מעבאָראַדאָ.

מיר האָבן נאָך געהאַט קנאַפּע צוויי שעה צו וואַרטן ביז דער קאַמיאָן וועט ווידער זיך קענען לאָזן אין וועג אַריין און מיר האָבן געמאַכט אַ שטיקל שפּאַציר, איך און סורוהאַלפאַ, באַרג אַראָפּ, צום טייך, וואָס לויפט דאָרט אַ הונדערט מעטער נידעריקער, אינעם טאָל. סורוהאַלפאַ, כאָטשע דאָס ערשטע מאָל אין איר לעבן אַף יענעם אָרט, האָט אָבער אַלס באַרג־קינד, אינסטינקטיוו זיך אָריענטירט אַף די ווילדע שטעגלעך צווישן די שטיינער און קוסטעס. זי איז געגאַנגען גיך און זיכער, ווי זי וואָלט שוין אַסאַך מאָל דאָ געווען און איך בין נאָך איר געגאַנגען מיט אַ ציטערניש אין די קניען איבער די טרעפּלעך וואָס די אינדיאַנער האָבן זייט לאַנגע יאָרן אויסגעהאַקט אין דעם באַרג. צווישן די קוסטעס האָבן די טרעפּלעך זיך געמערקט מיט זייער נאַקעטקייט, וואָס איז געווען אַ געמיש פון רויטן פאַרשטיינערטן זאַמד, גראַפּיט און קרייד און ניט זעלטן אויך פּאַשעטע ערד. מיט אונדזער געשריי און רעוואָלווער־שאָסן האָבן מיר איבערגעשראָקן גאַנצע סטאַדעס אַלערליי פייגל, וואָס האָבן זיך אויפ־

געהויבן אין דער לופטן מיט זייערע געשרייען, קראַקען און פּישטשען.

אַ צוואַנציק מעטער פונעם וואַסער זיינען מיר שטיין געבליבן. דער באַרג אַראָפּ איז דאָרט געוואָרן אַזוי ווערטיקאַל אַז ס'איז שווער געווען צו קלעטערן און דערצו איז דער באָדן דאָרט אַ זאַמדיק שיטערער. מיר האָבן זיך אומגעקערט און אַריין צווישן די געדיכטע קוסטעס, טייל מיט גיגאַנטישע בלומען. איך האָב מיך געוואָלט אַנידערזעצן אָפּרוען, נאָר סורוהאַלפּאַ האָט מיך אָנגעכאַפּט פאַר אַ האַנט און גענומען שמעקן צו די אַרומיקע בלומען און פלאַנצן.

— וואָס שמעקסטו עס אַזוי און וואָס קוקסטו זיך אַזוי אַרום? — האָב איך זי געפרעגט.

— זעסט אָט דעם שיינעם צווייט? — האָט זי מיר אָנגעוויזן אַף אַ וואונדערבאַר באַבלימטער פלאַנץ, — דאָס איז דער טויט אַליין. נאָך איין האַלבער שעה זיצן אין זיין שאָטן, שטייט מען שוין נישט אויף. דאָס איז דער קוראַרע, וואָס פון זיינע וואָרצלען און בלומענזאַפּט מאַכט מען דעם סם מיט וועלכן די אינדיאַנער פלעגן באַשמירן זייערע פיילן, ווען זיי האָבן געוואָלט, אַז דער געטראָפענער זאָל פאַלן אַפן [illegible]. פון בלויז אַ שמעק טון צו דעם סם, קומט דער טויט. און אָט יענץ שיינעביימל מיט די ווייסע בעכער־בלומען און פרוכטן ווי די טונאַ־פייגן, איז אויך אַ געפערלעכער און שרעקלעכער סם. — האָט זי מיט ציטערדיקע הענט מיך אַוועקגעריסן פון דאָרט.

כדי זיך צו איבערצייגן, האָב איך אָפּגעשניטן צווייגלעך מיט בלומען און פרוכטן פון ביידע ביימלעך און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זי האָט רעכט געהאַט. די ערשטע פלאַנץ איז געווען די גיפטיקע קוראַרע און די צווייטע איז געווען די באַרימטע דאַטוראַ, פון וועלכער מען מאַכט דעם טשאַמיקאַ־גיפט אָדער עסטראַמאָניום, פון וועלכן דעם קאָפּ פאַרדרייט זיך פון בלויז אַ שמעק טון.

אָפּגייענדיק פון דאָרט אַ פופציק טריט, האָט סורוהאַלפּאַ מיך ווידער גענומען דריקן צו זיך נערוועז און זיך אַרומקוקן.

— שוין ווידער אַ גיפטיקע פלאַנץ? — האָב איך זי איראָניש אַ פרעג געטון.

— זע! — האָט זי מיר אָנגעוויזן אַף אַ געלן שפּור, ווי אַ האַלב אָפּגעסמאַליעטער מוראַשקע־שליאַך אַפן גראָז. — דאָ איז פאַרבייגעקראָכן

# צווישן ווילדע און ציוויליזירטע

די שלאַנג מיט דעם דרייעקיקן קאָפּ, וואָס איר אָטעם איז אַזוי גיפטיק, אַז ער מאַכט געל דאָס גראָז איבער וועלכן זי קריכט.

— די טריגאָנאָסעפאַלאַ. — האָב איך איר געזאָגט הייסט זי.

— און דאָ, — האָט זי מיר ווייטער אָנגעוויזן, — איז געווען אַ נעסט פון דער גיפטיקער קלאַפּער־שלאַנג. אַ שטיקל הויט אירע, וואָס זי האָט געביטן און די מוראשקעס האָבן צעפרעסן, וואַלגערט זיך דאָ. איצט אָבער איז דער מין דאָ נישטאָ, וואָרום איך וואָלט דאָס גלייך דערפילט.

מיר זיינען קוים אָפּגעגאַנגען עטלעכע טריט, ווי מיר האָבן דערהערט אַ שניידנדיקן סווישטשען צווישן גראָז. — ס׳איז די ברילן־שלאַנג, — האָבן מיר ביידע אַ זאָג געטון. — זי וויל אונדז איבערשרעקן מיט איר פייפן און דערנאָך אונדז איבערפאַלן. — האָט סורוהאַלפּאַ פאַרענדיקט די פראַזע. איך האָב פאַרזיכטיק אַרויסגעצויגן דעם שאַרפן שטילעט פון מיין האַנט־שטעקן און דערלאַנגט סורוהאַלפּאַן און פאַר זיך האָב איך גענומען דעם שטעקן שייד אין דער רעכטער האַנט און אין דער לינקער דעם גע־לאָדענעם פּיסטויל. און באַלד טאַקע האָבן מיר דערזען דריי שלאַנגען מיט אויפגעשטעלטע העלדזער, אַ האַלבן מעטער איבער דער ערד, גרייט אויף אונדז אָנצופאַלן.

— אָט דאָס זיינען זיי! — האָט סורוהאַלפּאַ פלינק ווי אַ ווילדע קאַץ זיך אַ וואָרף געטון צו צוויי פון זיי, וואָס זיינען צוזאַמען כמעט ווי געשטאַנען אויף זייערע איינגעוויקלטע קערפּערס. אין איין אויגנבליק האָט זי ביידן אָפּגעהאַקט די קעפּ און איז ווייט אָפּגעשפּרונגען פון זיי, וואָרום די אָפּגעהאַקטע קעפּ זייערע שפּרינגען און קענען בייסן און פאַרגיפטן. פאַרטיק געוואָרן מיט אירע צוויי מחבלים, איז זי צוגעקומען מיר אַרויס־העלפן, מחמת איך האָב מיט דעם בלויזן שטעקן בלויז באַוויזן די שלאַנג צו צעקלאַפּן אָבער ניט פאַרענדיקן מיט איר און זי איז נאָך גענוג שטאַרק געווען זיך צו וואַרפן אויף מיר. ווען ניט סורוהאַלפּאַ וואָס האָט מיט דעם שטילעט זי תיכף צעשטיקלט, וואָלט איך זיכער געביסן געוואָרן.

— און איצט קום, גרינגאָ, אַביסל ווייטער, וואו מירן זיך מעגן אָני־דערזעצן. — האָט זי לאַכנדיק געזאָגט. — איצט זיינען שוין דאָ מער קיין שלאַנגען נישטאָ. מיין באָבע האָט מיך אויסגעלערנט דערשפּירן שלאַנגען, עקדישן און קאָנדאָרס...

איך האָב זי אַ קוש געטון און זי האָט זיך אָנגערופן צו מיר מיט אַ קינדערשער אייפערזוכט:

# מ א ר ק ו ם  פ א ר י ש ע ו ו ס ק י

— איך האָב געמיינט דו ביזט פאַרליבט אין דעם דיקן מיידל, וואָס דער גלח האָט... ווייל דו האָסט כסדר אַזוי געקוקט צו איר און צו מיר גאָרניט, כאָטשע איך בין געזעסן לעבן דיר. און איך האָב שוין געטראַכט ווי אַזוי בלוטיקער פון דיר נקמה צו נעמען. נאָר איצט, ווען איך ווייס, אַז דו האָסט מיך ליב, וועל איך דיר אויסזאָגן אַ זאַך, וואָס איך האָב דיר פריער נישט געוואָלט זאָגן: דו זעסט, פוקאַ? מיר אַלע זיינען אין געפאַר דערהרגעט צו ווערן. איך ווייס, ווייל איך ווייס עס...

— וואָ־אַ־אָס? — האָב איך אַן איבעראַשטער איבערגעפרעגט.

— זעסט, מיין פוקאַ, אָט אַ דאָרט? דאָרט העט ווייט? דאָרט האַלט באַם אָפּרייסן זיך פון דער סאַמע הויך אַ שטיק באַרג. דו זעסט ניט? — האָט זי מיר אָנגעוויזן מיט איר אויסגעצויגענער האַנט. — יאָ, יאָ פוקאַ מיינער, אַ שטיק באַרג האַלט זיך באַם אָפּרייסן. איך ווייס. עס ווייל איך ווייס.

מער האָב איך פון איר גאָרנישט געקענט אַרויסציען. איר האָבן גע־פעלט ווערטער כדי מיר צו קענען דערקלערן ווי אַזוי זי ווייסט דאָס. ווי די מערסטע קלוגע אינדיאַנער האָט זי זייער אַסאַך געוואוסט און זייער ווייניק געקענט געבן צו פאַרשטיין. איך האָב געקוקט אין די ווייטע הויכע בלויקייטן און האָב נישט געזען קיין שום אויסערגעוויינלעכעס. מיר איז דעריבער איינגעפאַלן, אַז דאָס איז אירס אַ שפּיצל אַזאַ, כדי מיך אַביסל איינצושרעקן. פונדעסטוועגן האָט דער שפּאַציר מיט איר מיך אָנגערעגט זיך צו פאַרטראַכטן איבער איר און איבער דעם פאָלק אירן, וואָס האָט אַמאָל געהערשט איבער פּערו און איבער די לענדער אַרום.

...סורוהאַלפּאַ, נאָך אַזוי יונג און וויפל פאַרשטאַנד זי ווייזט אַרויס! ערשט נעכטן אַ לייזיקע שמוציקע אינדיאַנערקע און היינט, אין אַן אַנדער סביבה און קליידונג, שוין אַן אַנדער מענטש. זי אימיטירט, אָבער יענע קומען ניט צו איר אינערלעכער גאַנצקייט און אַנטשלאָסנקייט. די אינ־דיאַנישע אינטויציע איז פאַר דעם געוויינלעכן כאַראַקטער ניט באַגרייפ־לעך. סורוהאַלפּאַ האָט אַן אויג און אַן אויער, שווייגנדיק טוט זי נאָך וואָס אַנדערע, ניט אינדיאַנערקעס, טוען, אָבער נאָר דאָס פיינערע, דאָס דער־הויבענערע...

מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט צווישן די קוסטעס. טיף אונטן דער שטורמישער טייך, הינטער אונדז די דריי צעשטיקלטע ברילן־שלאַנגען, הויך איבער אונדז דער לאַנגער ווי אַ וואורשט אויסגעטרוקנטער בינעזער

## צווישן ווילדע און ציוויליזירטע

מיט זיין הויזגעזינד, בא א זייט דער גלח מיט דעם צנועדיקן ווייבל, וואָס מיינען אז מען זעט זיי ניט. און מיך האָט פאַרשיקערט די וואַרימקייט פון דער זון, דער ריח פון די בלומען און זייערע פאַרבן, דאָס פלאַטערן פון די עקזאָטישע פילפאַרביקע שמעטערלינגען, דאָס געזאַנג פון טויזנטערליי פייגעלעך, דאָס שאַלן און ברומען פון דעם לויפנדיקן טייך און די זיסע צאַרטקייט פון סורוהאַלפאַן...

# אַ קאַטאַסטראָפע מיט פינף קרבנות

ווען דער קאַמיאָן איז געווען אין אָרדענונג, זיינען מיר אַרויסגעפאָרן, אויסגעזועצטע יעדער אַף זיין פריערדיקן פּלאַץ. סורוהאַלפּאַ באַם פענצטערל, האָט איר אויג נישט אַוועקגענומען פון דעם הויכן אָרט, אַף וועלכן זי האָט מיר אָנגעוויזן, בעת מיר זיינען געזעסן צווישן די קוסטעס אין טאָל. איך האָב אויך אַהין געקוקט, נאָר קיין אויסערגעוויינלעכס וואָס זאָל מיך באַאומרוּיקן, האָב איך נישט באַמערקט. איך האָב מיך נאָר דערמאָנט ווי אַזוי איך בין, בעת מיינער אַ רייזע פון אָראַיאַ קיין טשאַנטשאַמאַיאַ, אַריבערגעפאָרן אין אַ קאַמיאָן איבער עטלעכע הענגענדיקע בריקן געמאַכט פון יוקע, אַזאַ וואַסער־גראָז, צווישן צוויי בערג אַף אַ הויך פון עטלעכע טויזנט מעטער, און דער גרויל וואָס מען פילט בעת מען פאָרט אינעם קאַמיאָן איבער אַזאַ בריק, וואָס הוידלט זיך איבערן תהום, און איבערהויפּט דעם גאַנצן וועג דעם דאָרטיקן, וואָס דרייט זיך אַראָפּ און אַרויף איבער די צוויי קעגנאיבערדיקע בערג און לויפט אַריבער יעדע צוויי קילאָמעטער איבער אַזאַ גראָזענער בריק. פול מיט עמאָציעס איז יענער וועג געווען. דער, פאַרקערט, איז געשניטן גאָרנישט הויך, נאָר אויסער שרעק רופט ער גאָרנישט אַרויס. אויך אַ פאַרדרוס נעמט אָן, ווען מען פאַרגלייכט די צוויי וועגן. יענעם וועג האָט מען אַנדערש נישט געקענט שניידן און ער רופט אַרויס באַוואונדערונג מיט זיין געוואַגטער אינזשעניערישער קאָנצעפּציע; דער, פאַרקערט, האָט געקענט געבויט ווערן אַסאַך זיכערער אין טאָל און דאָרט וואו דער טייך שניידט זיך, האָט מען געקענט לייגן אַ בריק אַ גאַנץ פּעסטע, פון ניט מער ווי זעכציק מעטער און ניט מורא האָבן, אַז אָט שיט זיך איין דער באַרג איבער די פּאַסאַזשירן...

אַרויסקוקנדיק צו די בערג, האָב איך באַגריפן וואָס פאַר אַ שטיקל אַרבעט די אינזשעניערן האָבן אין איילעניש דאָ אָפּגעטון. דער געלאָ־

# צווישן ווילדע און ציוויליזירטע

גישער באשטאנד פון דעם בארג, אין וועלכן זיי האבן געשניטן דעם וועג איז א גאנץ שיטערער, זאמד און ערד. כל־זמן מען האט אים נישט גע־רירט, האט ער זיך געהאלטן פעסט, בפרט אז ער איז אין זיין אויבערש־טער שיכט דורכגעוועבט און דורכגעפלאכטן געווען מיט טיפע ווארצלען פון גראזן אוןביימער. האט מען אים אבער ארומגעשניטן, איז ער גע־בליבן אן דעם געוועבס און ער קרישלט זיך, באזונדערס רעגן־צייט, ווען די מאבלען צעמוליעווען די נידעריקע בערג, שווענקען אפ די שיטערע ערד און די צענערטויזנט־פודיקע שטיינער שטארצען ארויס און ווארטן בלויז אף א גינסטיקן מאמענט אראפצופאלן מיט א שדים־טראסק...

אזייגער עלף פארמיטיק זיינען מיר אנגעקומען צו א בארג וואס די דארטיקע רופן אים „על פאכאריטא" (דאס פייגעלע), וואו דער קאמיאן האט געמוזט גיין בארג־ארויף אייניקע הונדערט פוס. דער מאטאר האט שווער געסאפעט און געברומט און אלעמאל זיך אפגעשטעלט. דער שאפ־פער האט זיך גענזידלט און געשאלטן גאט, דעם זון און די מאמע און אלע זייערע הייליקע. אט האט דער מאטאר א שלעפ געטון מיט א מעכטיקן ברום, ווי א לייב און אט איז ער ווידער שטיין געבליבן. אזוי האט זיך דאס איבערגעכאזערט אזוי לאנג ביז דער בארג־ארויף האט גענומען ווערן עטוואס פלאכער.

פון דער הויך, ווי ווייט דאס אויג האט געקענט גרייכן האט זיך אנטפלעקט א זעלטענע פאנאראמע: רעכטס האט זיך געזען א ברייטער כאמעט־גרינגער טאל פון עטלעכע צענדליג קילאמעטער; נידעריקער, נענ־טער צום בארג, א טאל פון א הונדערט מעטער די ברייט און נאך נידע־ריקער, שוין גאנץ טיף, א טאל פון א זעכצן מעטער די ברייט, וואו עס זיינען געלאפן און געליארעמט די בייזע וואסערן פונעם אפורימאק. בארג־ארויף, צום וועג צו, האט זיך געצויגן א וואלד פון געדיכטע ווילדע ביי־מער. טייל זייערע, קלעטער־ביימער, האבן זיך קאפריזנע איינגעווארצלט אין די ענגע שפאלטן פון די שטיינערנע ווענט, פון וואנען זיי ציען זייער חיונה.

דער וועג דא, קוים דריי מעטער ברייט, שניידט זיך אף א הויך פון 6.888 פוס איבערן ים־פלאך בא אן אפגעשעטער וואנט, וואס הויבט זיך ארויף און פארלירט זיך אין די וואלקנס. אף א הויך פון א צוויי הונדערט מעטער איבער דעם וועג, האט זיך פארקליבן א רייכער גוטבא־זיצער, דער אייגנטימער פון דעם בארג, און האט דארט פארפירט א

## מאַרקוס פּאַרישעווסקי

פּעדאַלע ווירטשאַפט פון סטאַדעס שאָף און ציגן, לאַמאַס און וויקו־ניאַס, אַלפּאַקאַס און גואַנאַקאַס, אייזלען און מויל־אייזלען, קי און פערד און אויך גאַנצע סטאַדעס אינדיאַנער וואָס פּאַשען זייערע בהמות און באַ־אַרבעטן די צעקאַרבטע ערד. פאַר זייער אַרבעט, דערלויבט זיי דער וואָול־טעטיקער גוטבאַזיצער זיי זאָלן זיך מאַכן לעבער אין די ווענט פון זיינע בערג צום וואוינען און עסן דאָס פעגירע־פלייש פון זיינען בהמות, ווען זיי פאַלן פון אַ פעסט. די פרויען, וואָס שערן די וואָל, דערלויבט דער פּאַריץ אויסשטריקן פאַר זיך יאַקעס און פאַר די מענער מייטקעס פון דער וואָל, וואָס די בהמות לאָזן איבער אַף די דערנער בעת זיי קראַצן זיך...

ביים סאַמע ראַנד פון דעם הויכן טאָל, וואָס פאַרענדיקט זיך אי־בערן וועג ווי אַ וואַנט, שטייט אַ געמויערטע הייזקע, וואָס נוצט דעם גוטבאַזיצער פאַר אַ וואַסער־מילכל, וואָס ווערט געטריבן מיט דעם כוח פון אַ שנעל־לויפנדיקער ריטשקע. און דאָס וואַסער פון אָט דער ריטשקע, וואָס פאַלט פון גאָר הויך, מוליעוועט און שווענקט אַראָפּ די ערד, וואָס שיט זיך איבערן וועג צוזאַמען מיט קליינע און גרויסע שטיינער.

— זעסט? — האָט סורוהאַלפּאַ מיר אַ זאָג געטון שטילינקערהייט אַפן אויער און האָט מיר אָנגעוויזן אַף גאָר הויך, אַ הונדערט פוס אונטערן וואַסער־מילכל און אַ צוויי הונדערט מעטער ווייטער פון דעם אָרט וואו אונדזער קאַמיאָן איז געפאָרן. איך האָב מיך איינגעקוקט און האָב עפּעס דערזען: אַן אַרויסגעשטאַרצט שטיק באַרג פון אַ קאַלאָסאַלן פאַרנעם, האָט ווי געאָטעמיט, ווי אַ לעבן אין זיך געהאַט... — איי, איי, סומאַכטש! שיי־נינקער מיינער! — האָט זי צו מיר געשעפּטשעט און זיך געקלאַמערט אָן מיר ווי אַ אומבאַהאָלפן קינד. — זעסט ווי עס דעמפט זיך דאָרט, ווי עס רודערט זיך? דאָרט זיצט דער וואַליטשי, אַ בייזער שד מיט זיין סווי־טע, און די פּאַרע וואָס דו זעסט, דאָס איז דעם אָטעם פון זיינע בייזע לונגען... באַלד וועט דער וואַליטשי אַ בלאָז טאָן פון זיינע נאָזלעכער און צוזאַמען מיט אַ שטיק באַרג וועט ער זיך אַראָפּלאָזן, אונדז אַלעמען צו פאַרטיליקן...

איך האָב אָנגעשטעלט מיין שפּאַקטיוו צו דער הויכער ווייטקייט, וואוהין דער קאַמיאָן האָט געיאָגט אַליץ נעגטער... מיט מיינע שוין דער־פאַרענע אויגן, האָב איך דערזען ווי אַ גרויסע רויטע לאַווינע וואַלט זיך

# צווישן ווילדע און ציוויליזירטע

געהאַלטן באַם אַראָפּגליטשען און איך האָב עס גלייך צו וויסן געגעבן מיינע מיטפאָרער.

דעם מאָנאַכס אידיליע איז פאַרשטערט געוואָרן. דאָס מיידל וואָס איז לעבן אים געזעסן, האָט זיך אַף שנעל צורעכטגעמאַכט און גענומען שרייען:

— מאַמי־יי־טאַ מיינע, פּאַפּי־יי־טאַ, קום שוין אַראָפּ!

אַף אירע אַנגעסטלעכע געשרייען, האָבן ביידע פרומע ווייבער וואָס זיינען געזעסן לעבן דעם דעפּוטאַט און די הויכע ברייטבייניקע דאַמע פון דער פאַרטער ריי מיט דעם דעפּוטאַט און דעם יענקי, גענומען ספּאַז־מירן, היסטעריש שרייען און קוויטשען ווי די משוגעים און געפּאָדערט דער קאַמיאָן זאָל תיכף בלייבן שטיין.

דער גראָבער שפּאַניער, אַן אַנדאַלוז, מיט אַ שוואַרצער טשופּרינע וואָס איז אים געקראָכן אין די אויגן אריין, האָט מיט אַ פאַרזשאַווע־טער באַסאָווער שטים נאָך העכער גענומען זידלען זיך און אויסמאַכן זיך אַף גאָט און אַף דער מאַמען און אַף אַלע הייליקע. געשאָלטן האָט ער וואָס ער פאָרט מיט אַזאַ פייגלינג ווי איך, וואָס קען איבערשרעקן אַזעל־כע געהויבענע דאַמען... און אַ גליק וואָס קיינע פון זיי שוואַנגערט ניט — האָט ער אויסגערופן מיט אַנדאַלוזישן פּאַטאָס — וואָרום עס וואָלט נאָך געקענט זיין אַ געבורט אָן אַן אַקושאָרקע...

סורוהאַלפּאַ האָט געזען די בהלה און האָט געלאַכט אין דער שטיל און מיר אַפן אויער האָט זי איינגערוימט אַ סוד, אַז ס׳איז נאָך צייט.

דער אייגנטימער פונעם קאַמיאָן, וואָס איז געזעסן לעבן דעם שאָ־פער און געזען אין שפּיגל ווי סורוהאַלפּאַ לאַכט און שרעקט זיך ניט, האָט אַף מיר אַ שפּאָטישן קוק געטון און געהייסן פאָרן ווייטער. דער מאָנאַך און אַן אַראַבער, אַ פאַרקרעאַלירטער, האָבן צוגעגעבן, אַז די דאַ־מען און הערן האָבן ניט וואָס זיך צו שרעקן, דאָס איז מיינע אַ פאַנטאַ־זיע, האָבן זיי געזאָגט, וואָס איך האָב אוודאי אַרויסגעלייענט פון ביכ־לעך...

נאָר בעת מיר זיינען שוין געווען ניט מער ווי אַ פינף הונדערט מע־טער פונעם אַרויסגעשטעקטן טשוב אַפן פּאַכאַריטאָ, וואו דער וועג איז מיטאַמאָל שמעלער געוואָרן, האָט זיך סורוהאַלפּאַ אַ האַסטיקן שטעל אויף געטון, האָט איינגעגראָבן אירע אויגן אין דעם אָרט, וואו זי האָט מיר אָנגעוויזן מיטן פינגער און אַף קיטשואַ־לשון אַ ווילדן געשריי געטון צום שאָפער:

# מאַרקוס פּאַרישעווסקי

— שטיי, דו מעצווירעדיקער שפּאַנישער טייוול!

נאָר אזוי ווי דער באַלעבאָס מיט דעם שפּאַניער און אַראַבער האָבן דעם שאָפער געהייסן וויטער פאָרן, איז זי לייכט אַראָפּגעשפּרונגען און איך נאָך איר, אויסנוצנדיק די געלעגנהייט וואָס צוליב די אָנגעוואָרפענע שטיינער איז דער קאַמיאָן געצוואונגען געווען צו פאָרן פּאַמעלעכער.

דאָס דערזעענדיק, האָבן די פּאַסאַזשירן נאָך מיט מער היסטעריע גענומען קוויטשען און דעם מאַנאַכס צלם מיט דעם שפּאַניערס קללות און דעם אַראַבערס „אַלאַ" האָבן שוין אויך נישט געהאָלפן. ביז דער יענקי האָט ווידער אַרויסגעכאַפּט זיין רעוואָלווער און האָט געסטראַשעט דער־שיסן דעם באַלעבאָס מיט דעם שפּאַניער און אַראַבער און דער שאָפער האָט דערויף מאָמענטאַל אָפּגעשטעלט די מאַשין.

אַלע זיינען אַראָפּ. אַפילו דער באַלעבאָס מיט דעם פרעכן שפּאַניער און אַראַבער. משמעות, אויך זיי האָבן דערשנאַפּט, אַז דער מלאך־המות לויערט אַף זיי, און בלויז דער שאָפער איז געפאָרן מיט דעם ליידיקן וואָגן זייער פאָרזיכטיק פאָרויס. מיר אַלע האָבן געזאָלט דורכגיין דאָס געפערלע־כע שטיקל וועג צו פוס. מיין אָנווייזונג, אַז יעדער זאָל גיין באַזונדער, איינער נאָכן צווייטן, האָט מען צוליבן שפּאַניערס אָפּכוויזעקן, נישט גע־נומען אין אכט. דער מאַסיווער מאָנאַך מיט דעם גאָלדענעם צלם אין דער האַנט, ביידע פּרומע ווייבער מיט דער ברייטפּלייציקער, דער אַראַבער און דער באַלעבאָס האָבן פעסט און זיכער געשפּאַנט האַרט הינטערן קאַ־מיאָן און געפּרעפּלט תּפילות. מיט אַ הונדערט און פופציק מעטער הינטער זיי איז געגאַנגען די רעשט פּאַסאַזשירן, צו צווייען און צו דרייען צוזאַמען, מורא האָבנדיק צו גיין איינציקווייז, גלייך גרופּעס ווייז וואָלטן זיי זיכער געווען אַז דאָס פאַטאַלע וועט זיי ניט טרעפן.

פאַר מיר מיט סורוהאַלפּאַן זיינען געגאַנגען דער דעפּוטאַט מיט זיין טאָכטער און דער בייזער שפּאַניער, וואָס האָט נישט אויפגעהערט שילטן און געשריגן, אַז מיר זיינען אַלע משוגע געוואָרן און ער אַליין אויך, וואָס ער לאָזט זיך באַיינפלוסן פון דער אַלגעמיינער שרעק, אַז ער איז זיכער, אַז ס׳וועט גאָרנישט ניט געשען און נאָר צוליב אונדז מוז ער איצט גיין צו פוס אַף דעם שרעקלעך הייכן און ניט זיכערן וועג, וואו איין ניט פאָרזיכטיקער שפּאַן און ער פאַלט אַראָפּ אונטן...

— שטיי, מיין בלאָנדער! — האָט סורוהאַלפּאַ אַ טויט־בלייכע אַ

# צווישן ווילדע און ציוויליזירטע

— געשריי געטון און האט מיר אָנגעוויזן מיט דער האַנט הויך אַרויף. — זעסט?

מיט דעם הוילן אויג — מחמת מיין שפּאַקטיוו האָב איך איבערגע־לאָזט אפן קאַמיאָן צוזאַמען מיט מיין פאָטאָגראַפישן אַפּאַראַט און די אַנדערע רייזע־מכשירים בעת דעם פּאַניקפולן אַראָפּשפּרינגען — האָב איך מיך איינגעקוקט צו דער זייט פונעם מילכל, אפשר האָט זי טאַקע אַ טעות געהאַט, די פּענאָמענאַלע און אומוויסנדע אינדיאַנערן... און איך האָב גאַנץ דייטלעך געזען, ווי אַ וואָלקנדל וואָלט פון דער אָנגעשפּאַל־טענער לאַווינע אַרויס און זיך זייער לאַנגזאַם געשלייכט אַף אַרויף, אפן באַרגיקן אויבערפלאַך. און גערדאַכט האָט זיך מיר אויך ווי איך זע דאָרט עפּעס רודערן. דעם אמת געזאָגט, האָב איך אינערלעך נאָך אַלץ גע־צווייפלט צי איז עס טאַקע אַזוי שרעקלעך ווי סורוהאַלפּאַ האָט מיך תחילת געמאַכט דענקען, בפרט אַז איך האָב געזען, ווי אַלע גייען אַזוי דרייסט פאָרויס, און איך האָב אפילו געטראַכט אין זיך אַ פאַרדראָס אַף דעם שעלמישן נאַטור־קינד, וואָס איך וועל צוליב איר מוזן אויסשטיין בזיונות, פאַרוואורפן און לצנות...

געזען ווי אַלע דערווייטערן זיך שנעל פון אונדז און מורא האָבנ־דיק, אַז מיר וועלן בלייבן אַליין, האָב איך גענומען סורוהאַלפּאַן אונ־טערן אָרעם און גענומען גיין מיט איר, כאָטשע זייער פּאַמעלעך. איך האָב זי ממש געשלעפּט און האָב מיך געמוזט אַלע ווײלע אָפּשטעלן. אַ פערציק שפּאַן האָב איך אַזוי געשלעפּט מיט זיך סורוהאַלפּאַן, ביז זי האָט, שטום און געל ווי וואַקס פון דער פּיין וואָס איר פעלן ווערטער מיך אויפצוקלערן, מיך אַ צי געטון פאַר דער האַנט און אַ ציטער געטון ווי אַ קליין קינד וואָס דערזעט פאַר זיך פּלוצים אַ מאָנסטער. ווי זי וואָלט דערפילט, אַז אָט איצט וועט געשען דאָס אומפאַרמיידלעכע און שרעק־לעכע.

און אַזוי איז עס געווען. מיט דרייסיק שפּאַן ווייטער, האָב איך פּלוצים דערהערט ווי אַ טויבן קרעכץ פונעם הויכן זוים אפן באַרג און באַלד טאַקע געזען ווי דער איינגעריסענער שטיק באָדן נעמט זיך גליטשען אַראָפּ. אינעם זעלבן אויגנבליק האָב איך מיט סורוהאַלפּאַן, מיט דער גאַנצער קראַפט פון אונדזערע לונגען אַ געשריי געטון:

— זאָל זיך ראַטעווען ווער עס קען! דער באַרג שיט זיך איין!

דער שאָפער, וואָס איז שוין געווען כמעט אין דער מיט פונעם גע־

## מ א ר ק ו ם  פ א ר י ש ע ו ו ס ק י

פערלעכן אַרט, האָט מאָמענטאַל אַ יאָג געטון די מאַשין מיט דער גרעסטער שנעלקייט און אינעם זעלבן אויגנבליק איז דער פלינקער מאַנאַך, וואָס איז געגאַנגען דער ערשטער נאָכן קאַמיאָן, ווי אַן איבערגעשראָקענע ווילדע קאַץ, אַרויפגעשפּרונגען פון הינטן און זיך אָנגעהאַנגען. און אַזוי זיינען זיי אַנטרונען. און דער באַלעבאָס מיט דעם אַראַבער און די דריי ווייבער, זיינען אונטער אַ באַרג מיט שטיינער, זאַמד און אויסגעריסענע ביימער, וואָס האָבן מיט אַ מוירעדיקן טראַסק זיך אַראָפּגעשאָטן, לעבעדיקערהייט באַגראָבן געוואָרן.

אָפּגעריסן זיך האָבן צוערשט די אור־אַלטע ביימער און אָנגעיאָגט האָבן די הונדערט־פּודיקע שטיינער און פאַלנדיק אויף די ביימער זיי איינגעבראָכן און מיט צעשפּריצטע פונקען זיי אָנגעצונדן אין אַ גהינום־פייער. נאָך אָנגעיאָגט האָבן נייע שטיינער און זאַמד און דאָס פייער פאַרלאָשן, צעריבן און פאַרשאָטן צוזאַמען מיט די פינף מענטשן.

אַן אָנגעשאָטענער הויפן פון זעקס מעטער די הייך האָט פאַרשטעלט דעם וועג, וואָס איז מיטאַמאָל ברייט געוואָרן. פון די דריי מעטער וואָס ער האָט פריער געהאַט האָט ער אויף מערכעק פון פופציק מעטער באַקומען גאַנצע צען מעטער די ברייט.

דער געניטער שאָפער מיט דעם פלינקן גלח האָבן געהאַט דאָס גליק זיך נישט צו פאַרלירן און האָבן זיך אַזוי אַרום געראַטעוועט. די איבעריקע, וואָס זיינען געגאַנגען גאַנץ ווייט פונעם קאַמיאָן, זיינען אַנטלאָפן אויף צוריק און האָבן זיך געראַטעוועט אויף דעם אופן. און נאָר איינער פון זיי האָט באַקומען פון יענער נסיעה אַ שווערן אָנדענק. דער היסטערישער גראָב־בייכיקער דייטש, אַ רייזנדער פון אַ לייפּציקער פירמע, האָט זיך אַזוי דערשראָקן בעת ער האָט דערהערט דאָס קראַכן פון די ערשטע אַראָפּגעפאַלענע שטיינער, אַז אַנשטאָט צוריקצולויפן, האָט ער זיך געלאָזט לויפן אויף פאָרויס. און ווען ער האָט זיך אינסטינקטיוו צוריקגעכאַפּט, איז שוין געווען אַביסל צו שפּעט און לעבן אים איז געפאַלן אַ ריזיקער שטיין. דער שטיין האָט אים בלויז אָנגערירט באַם אַרבל פון דער רעכטער האַנט. אָבער מיט אַזאַ קראַפט, אַז כאָטשע דער אַרבל איז געבליבן גאַנץ, איז אים אָבער די גאַנצע האַנט, פונעם אַקסל ביז צו די פינגער געליימט געוואָרן.

# די וואַליטשי־נעסט

דאָס דונערנדיקע קראַכן פון דער אַראָפּגעפאַלענער לאַווינע, האָט צוזאַמענגעבראַכט אַלע איינוואוינער פונעם באַרג און פונעם טאָל און מיט דער גרעסטער מסירת־נפש האָבן זיי זיך גענומען צו דער רעטונגס־אַרבעט, איינשטעלנדיק יעדע רגע זייערע אייגענע לעבנס, מחמת עס האָבן נישט אויפגעהערט פאַלן פונעם צערודערטן באַרג־געזימיץ איינצלנע און גרופּעסווייז די שטיינער. אַ גרופּע אינדיאַנער, איבערהויפּט פרויען און קינדער, האָבן זיך געייסעקט אַרום מיר און סורוהאַלפּאַן און אונדז געהאָלפן אַרויפזעצן אַף אייזלען, וואָס זיי האָבן מיט זיך געבראַכט, און אונדז אַרויפגעפירט אַפן פלאַכן שפּיץ פונעם באַרג, אַ דריי הונדערט פוס העכער איבער דעם אָרט פון וואַנען די לאַווינע האָט זיך אָפּגעריסן. די רעשט לעבן געבליבענע, אַכוץ דעם דייטש, זיינען צוריקגעלאָפן, ווי פון בייזע חיות געיאָגט, צום בינעזערם הייזקע.

בעת איך בין שוין געווען אַפן סאַמע קאָפּ פונעם מערדערישן באַרג, האָט מיך אַ צי געטון אַ קוק טון ווי עס טוען זייער העראָישע אַרבעט די ציזאַמענגעלאָפענע אומדערשראָקענע אינדיאַנער, וואָס שטעלן איין זייער לעבן אַף אַרויסצוקריגן די פאַרשאָטענע קערפּערס פון אונטער זייער אומגעריכטער פאַרשטיינערונג. — וואָלטן ציוויליזירטע ווייסע אויך אַזוי איינגעשטעלט זייער לעבן אַף אַרויסצוקריגן צעריבענע אינדיאַנער? — האָב איך מיר געטראַכט.

אַ פּאָר שפּאַן פונעם ראַנד באַרג, האָט מיך פלוצים עמיצער אָנגעכאַפּט הינטן אַרום און איינגעקלאַמערט אין זיינע פעסטע אָרעמס, נישט לאָזנדיק מיך גיין ווייטער. אַן איבערגעשראָקענער, האָב איך מיך האַסטיק אַ וואָרף געטון. כ׳האָב געמיינט ניט אַנדערש אַז אַ טשונטשאָ, אַן אינדיאַנער פון דעם באַנדיטישן שבט, איז מיך באַפאַלן און אָט וועט ער פון מיינע קישקעס מאַכן פאַר זיך וואורשטלעך צום מיטיק...

# מ א ר ק ו ס  פ א ר י ש ע ו ו ס ק י

— נײן, מײן הארעלע, זאָלסט נאָנט צום ראַנד פֿון דעם אונטערגע־ריסענעם הויך־פּלײן נישט צוגײן, וואָרום עס קען נאָך ווידער עפּעס גע־שען! — האָט דער מענטש מיט די שטאָלענע אָרעמס שטיל צו מיר גערעדט.

איך האָב מיך אומגעקוקט און האָב דערקענט אין דעם מענטשן הוא־מאהוהופּאַן, מײן אינדיאַנישן פֿעטער. געוועז איז ער אַזוי פֿאַרענדערט, נישט צו דערקענען. אין אַ פּאָר קורצע לײוונטענע מאַטקעס, איז דער גאַנ־צער נאַקעטער קערפּער זײַנער געווען פֿאַרשטױבט און צעבלוטיקט.

— וואָס טוסטו דאָ?... האָט סורוהאַלפּאַ דיך שוין געזען? — האָב איך אים געפֿרעגט. הואַמאַהוהופּאַ האָט ווי פֿאַרשעמט אַרונטערגעלאָזט זײַנע גרויסע קרומע אויגן. זײַנע שיטערע ברעמען האָבן זיך צוזאַמענ־געצויגן און אין די ווינקלען פֿון זײַנע וויאָלעט־קאָלירטע ליפּן האָט זיך באַוויזן אַ גרימאַסע ווי פֿון אַ פֿאַרבאָרגענעם צער געמישט מיט גאווה. געקרענקט האָט אים מײן פֿאַרשנדיקער בליק און אין דער פֿאַרלעגנהײט איז אים ווי אַ בליץ דורכגעלאָפֿן דער געדאַנק, אַז־איך בין בייז אויף אים:

— זײַ נישט בייז, בלאָנדער הארעלע, וואָס איך באַלעסטיק דיך אַזוי פֿיל. — האָט ער אָנגעהויבן שטילינקערהייט מיט תחנונים. — איך האָב געקראָגן אַ פּאַסטן פֿאַר אַ געהילף־שאָפֿער צו אַן אויטאָ־קאַמיאָן, וואָס קור־סירט צווישן מעכאַראַדאָ און איאַקוטשאַ. אָנגעקומען בין איך אַהער, דאַכט מיר אַ צוויי שעה נאָכן אומגליק. און דאָ בין איך געוואָר געוואָרן, אַז דו, מײן הארעלע, ביזט אַרויף מיט סורוהאַלפּאַן צו דער וואַליטשי־נעסט. דער עמעסער וואַליטשי, הארעלע, איז דער בערדיקער גוטבאַזיצער וואָס האָט זיך דאָ באַזעצט אין זײַן פּאַלאַץ... און איך האָב דאָך געשוואוירן באַם גײַסט פֿון מײַן אומגעקומענעם פֿאָטער, אַז איך וועל דיך אָפּהיטן פֿון אַל־דאָס בייז, ווי איך וועל נאָר האָבן אַ געלעגנהײט...

— און מיט סורוהאַלפּאַן האָסטו זיך שוין געזען? — האָב איך אים איבערגעשלאָגן די רייד.

— נײן! נאָר, אָט גייט זי! — האָט ער מיט אַן אײנגעהאַלטענער פֿרייד מיר אָנגעוויזן אויף איר.

סורוהאַלפּאַ איז געווען ווײַס ווי קרייד און דאָס קליידל אויף איר מיט דער בלוזקע זײַנען געווען צעריסן. אין זײַן קענגוווארט האָב איך זי נישט געוואָלט פֿרעגן וואָס דאָס באַטײַט און האָב מיר געטראַכט, אַז זי האָט געמוזט אומקריכן צווישן די דערנער זוכן ווילדע יאַגאָדעס און טונאַ־פֿײַגן,

# צווישן ווילדע און ציוויליזירטע

דאָרט זיך צעריסן און פּאַר מורא איך זאָל איר אויסריידן, איז זי אַזוי בלייך... הואַמאַהוהופּאַ, ווידער, האָט געמיינט, אַז צעריסן האָט זי זיך דאָס אָנטון בעת דער קאַטאַסטראָפע און בלייך איז זי ווייל זי איז בייז אַף אים, וואָס ער האָט זיך דאָ באַוויזן אַ נאַקעטער און אַ קוויטיקער. אַ ווײַלע האָט ער זי שטום באַטראַכט פון אַלע זייטן און דערנאָך זי באַגריסט מיט אַ פאַרוואורף אין קיטשואיש:

— אַזוי, אַזוי מוירדיש קינד! אַ מישלינג איז דאָס ערגסטע!.., אַ מישלינג האָט אין זיך די פאַלשקייט פון אַ שלאַנג!... — האָט ער גענער־מען ריידן צו איר. — איצט פאַרשטיי איך דיך בעסער ווי ווען עס איז, ווי איך פלעג דיך, דאַכט זיך, שטענדיק פאַרשטיין!... בייזט אַ מישלינג! און דאָס אַליין איז שוין גענוג, אַז דו זאָלסט אין זיך האָבן דאָס שלעכטע בלוט פון אַ וואַליטשי! און אפשר ביזטו באַ זיך גרוים וואָס דו ביזט באַ־גליקט געוואָרן מיט דעם בלאָנדן גרינגאָ און איך בין פאַרבליבן דער זעל־בער אינדיאַנער וואָס פריער, און דו שעמסט זיך מיט מיר?...

סורוהאַלפּאַ איז געשטאַנען, געהאַלטן דעם קאָפּ אָן אַ זייט, מיטן לינקן פוס האָט זי געשאַרט די שטיינדלעך וואָס אַרום איר און אין אירע אומ־באַוועגלעכע אויגן האָט געברענט אַ פרעמד פייער, וואָס איך האָב ביז דעמאָלט נאָך נישט געהאַט באַמערקט באַ איר, און ווי אַ היפּנאָטיזירטע, האָט זי אויסגעהערט איר פעטערס פאַרוואורפן.

הואַמאַהוהופּאַ האָט זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט און געקוקט דאָ אַף סורוהאַלפּאַ, דאָ אַף מיר, ווי ער וואָלט וועלן טרעפן צי האָב איך אַלץ פאַרשטאַנען, וואָס ער האָט געזאָגט אין זיין אינדיאַנישן לשון און וואָס פאַר אַן איינדרוק דאָס האָט אַף איר געמאַכט. נאָר אַזוי ווי גראָד אין דעם מאָמענט איז מיין בליק גאָר געווענדט געווען צו אַ מחנה גרויסע פיל קאָ־לירטע פאַפּוגייען, וואָס איז געפלויגן לענגאויס דעם טאָל, האָט ער גע־מיינט, אַז איך בין נאָך אַלץ אונטערן איינדרוק פון דער קאַטאַסטראָפע און צוליב מיינע צעשרויפטע נערוון האָב איך מיך נישט איינגעהערט צו זיין שטורמישן מאָנאָלאָג. ער האָט זיך דעריבער ארומגעקוקט און האָט ווי־דער אָנגעהויבן:

— יאָ, האָסט אפשר רעכט וואָס דו שעמסט זיך מיט מיר. אָבער נישט איצט איז די צייט דערפאַר און נישט דאָ אַף דעם וואַליטשי־נעסט, וואו קיין אַנדער ציוויליזירטער מיט קריסטלעכער רחמנות אַכוץ דיין מאַן איז נישטאָ...

# מ א ר ק ו ס   פ א ר י ש ע ו ו ס ק י

סורוהאלפאס סטאַישקייט, איר לײַדן און שווייגן, האָט בײַ די לעצ־טע ווערטער צוזאַמענגעבראָכן און איז צוגעפאַלן איר פּעטער צו דער ברוסט. איך האָב מער נישט געקענט פאַרבלײַבן גלייכגילטיק און בין צו־געגאַנגען צו איר. זי האָט ווי ניט הערנדיק מיך, גענומען שלוכצן און נערעדט האַלבע ווערטער אין קיטשואיש:

— ניין, ניין, ס'איז נישטאָ קיין קריסטלעכע רחמנות... מײַן גרינגאָ האָר איז נישט קיין קריסט און האָט אין זיך אַסאַך רחמנות און איז גוט צו מיר און איך שעם מיך נישט מיט דיר... נאָר איך בין בייז אויף צוויי קאַכאַמאַרקער פּאַטערלעך, וואָס זײַנען מיך איבערגעפאַלן און אויף מיר דאָס נײַע זײַדענע קלייד צעריסן...

נאָכדעם ווי זי האָט אַרויסגעכליפּעט די עטלעכע ווערטער, האָט זי באַקומען אַ נערוון־דערשיטערונג און איז געפאַלן אין אַ חלשות, נישט ערגער ווי אַ ציוויליזירטע דאַמע. איך האָב געוואָלט אַרײַנגיסן איר אין מויל עטלעכע טראָפּן אײַז־קאַלטע וואַסער פון דער ריטשקע, וואָס איז אַ צען טריט פון אונדז שנעל געלאָפן. נאָר הואַמאַהוהופּאַ האָט מיך אָפּגע־האַלטן. ער האָט אָנגעריסן אַ הויפן קראַפּיוועס און אָפן נאַקעטן הינטער־ביילעך איר עטלעכע שמיץ געגעבן. דערפון האָט זי די אויגן געעפנט און איז אַ דערפרישטע אויפגעשפּרונגען. דערנאָך ערשט איז ער אַליין צו־געגאַנגען צו דער ריטשקע, האָט אָנגעשעפּט וואַסער אין אַ שעפּסענעם האָרן, וואָס איז בײַ אים געווען אָנגעהאַנגען פון הינטן פאַר אַ מוזיק־אינסטרומענט, און האָט איר געגעבן אויסצוטרינקען.

די פייעדריקע קראַפּיוועס און דאָס אײַז־קאַלטע וואַסער האָבן איר געבראַכט צו זיך און נאָך אַ פּאָר מינוטן זיצן אַ פּאַרזונקענע אין אַ מרה־שחורה, האָט זי גענומען דערציילן, וואָס מיט איר האָט פּאַסירט.

ווי נאָר די אינדיאַנער האָבן אונדז אַרויפגעפירט דעם באַרג, האָט אַ צוועלף יעריקער אינדיאַנער אינגל, דעם גוטבאַזיצערס אַ קנעכט, וועלכער איז געבליבן איינער אַליין אויפן גאַנצן הויז, איר אַרײַנגעפירט אין אַ וועַ־ראַנדע, אַן אַרומגעפּלאָכטענע מיט קלעטער־רויזן און בלומען. סורוהאַלפּאַ האָט זיך באַלד צוגעשפּאַרט אויף אַ שטיינערנער באַנק און איז אײַנגעשלאָפן און איך בין אַוועק באַטראַכטן די הערלעכע פּאַנאָראַמע אַרום. אַרויסגע־וויזן האָט זיך אַז נאָך אונדז האָבן נאָכגעקלעטערט באַרג אַרויף צוויי פּאַ־טערלעך, וואָס זײַנען געפאָרן צוזאַמען מיט אַ פּאָר טוץ זייערע אין די קאַמיאָנען, וואָס זײַנען געפאָרן הינטער אונדז, צו אַ גרויסער רעליגיעזער

# צווישן ווילדע און ציוויליזירטע

צערעמאָניע אין איאַקוטשאַ. די צוויי פּאַטערלעך, פון די באָרוועסע, איינער פון אַ יאָר דרייסיק און דער צווייטער אַ פופציקער, זיינען אַריין אין דעם אומבאַוואַכטן הויז — דאָס נייגעריקע אינגל איז אַוועק צום אָרט פון דער קאַטאַסטראָפע גלייך מיט אַלע דינער — האָבן דורכגעשפּאַצירט אַלע זאַלן און זיינען צוגעקומען צו דער וועראַנדע. פון זייערע באָסאָווע שטימען, האָט סורוהאַלפּאַ זיך אויפגעכאַפּט. תחילת האָבן זיי געמיינט, אַז זי איז דעם גוטבאַזיצערס אַ טאָכטער אָדער אַן אַנדערע פונעם הויזגעזינט און האָבן זי בלויז געבענטשט: „גאָט זאָל דיך באַשיצן, אויסדערוויילטע סעניאָריטאַ!" און מיט פרומע תפילות און פאַרבראָכענע הענט זיינען זיי אַרום און פאַרשוואונדן צווישן דעם הויכן מאַיס און צוקער־רערן. סורוהאַלפּאַ האָט שוין מער נישט געקענט שלאָפן און אַזוי ווי קיין ספּעציעלע קלאָזעטן זיינען אין יענע מקומות נישט פאַראַן און פאַר וועמען זיך צו שעמען איז אויך נישטאָ, גייט מען אָפּ עטלעכע טריט פונעם הויז און מען באַמיסטיקט דאָס פעלד... אין אַזאַ צושטאַנד האָבן זי געפּאַקט די צוויי גלחים. זיי זיינען הינטערגעקומען פון הינטן, איר פאַרבונדן דאָס מויל מיט אַ טיכל און אויך דאָס קליידל איר אַריבערגעצויגן איבערן קאָפּ, כדי זי זאָל זיך נישט קענען ווערן... סורוהאַלפּאַ האָט אָבער געהאַט פריי די הענט און אַמפּערנדיק זיך מיט זיי אינעם קליידל, האָט זי צוערשט אַראָפּגעריסן דאָס טיכל פונעם מויל און דערנאָך אויך צוריק אַראָפּגעצויגן דאָס קליידל פון איבערן קאָפּ. ס'איז אַנטשטאַנען אַ ביטערער קאַמף. דעם יונגן האָט זי אַ ביס געטון אין דער האַנט און ער איז גלייך אָפּגעטראָטן און בלויז צוגעקוקט זיך אַ דרייסיק מעטער ווייט ווי אַזוי דאָס מיידל איז אַריין מיט אירע נעגל דעם עלטערן אין זיינע שמאַלציקע באַקן און ווען זי האָט אויך אים אַ שטאַרקן ביס געטון אינעם אָרעם, האָט ער מיט אַ צעיושעטן קרעכץ זי אָפּגעלאָזט און איז ווי אַן אונטערגעשאָסענער הונט אַנטרונען צוזאַמען מיט דעם אינגערן צווישן דיביימער וואָס אַף יענער זייט באַרג...

— פאַרוואָס האָסטו ניט געשריגן, ווען דו האָסט געוואוסט, אַז איך בין אַזוי נאָענט פון דיר? — האָב איך זי געפרעגט מיט אַן אינסטינקטיווער אייפערזוכט.

— איך בין געווען אַזוי אויפגערעגט — האָט זי מיר געענטפערט, — און אַזוי דורשטיק זיי די אויגן אויסצודראַפּען, ווען איך האָב דערזען אַז די איבערפאַלער זיינען גלחים, אַז פון כעס איז מיר אין האַלדז ענג

געווארן און האב נישט געקענט שרייען ווען איך וואלט אפילע געוואלט. און געטראכט האב איך אויך, אז אף מיין געשריי קענען גראד קומען אנ־דערע לייט און נישט דו, און דעמאלט וואלט איך נאך אפשר פארשפילט, ווייל די גלחים האבן דא די מאכט. אפילע א ציוויליזירטער, ווי דו, וואלט אויך גארנישט געוואונען מיט זיי, בפרט איך, אן אינדיאנער מיידל, כאטשע איך טראג ציוויליזירטע קליידער. עס וואלטן זיך שוין געפונען עדות, וואס וואלטן געשוואוירן, אז זיי האבן געזען ווי איך בין באפאלן די אומ־שולדיקע מאנאכן.

— גוט האט זי געטון, וואס זי האט נישט געשריגן, נאר געדראפעט און געביסן, — האט זיך אנגערופן דער ווייך געווארענער הואמאהוהופא. —דער אינדיאנער טאר ניט שרייען ווען מען טוט אים שלעכטס, ווייל ער ווייסט, אז זיין שרייען וועט אים נישט העלפן, נאר פארקערט, וועט אים ערגער מאכן. דער אינדיאנער מוז האקן, שטעכן און צעשטיקלען די שפא־ניער, וואס האבן אונדזער פרייהייט, אונדזער לאנד און אונדזער ערע צוגערויבט... די פרומע גאטספארכטיקע גערעכטיקייט איז תמיד בלויז אף דער זייט פון די ווייסע מאכטהאבער... האבן דען ניט די פרומע שפאניער אינעם נאמען פון יעזוסעס גוטסקייט, גערעכטיקייט און ליבע אויסגע־שאכטן און פארברענט מיליאנען אינדיאנער, אלט און יונג, פרויען און אפילע זויג־קינדער, בלויז דערפאר וואס די אינדיאנער האבן געהאט גאלד און געגלויבט אין דעם גאט אינטי?... די אינדיאנער — זאגן די שפא־ניאלן — זיינען פארעטער, זיי הארגענען הינטן ארום. און איך פרעג: קע־נען מיר דען, מיר פארפאלגטע אינדיאנער, אנדערש נקמה נעמען פון אונד־זערע באדריקער, ווען פאר אונדז איז נישט פאראן קיין יושר און אפילע נישט קיין טראפן רחמנות, אפילע נישט אזוי פיל וויפל דער אינדיאנער האט לגבי זיין הונט?...

הואמאהוהופא האט, נאך א קורצער הפסקה, ארויסגעשלעפט פון זיי־נע לייוונטנע מייטקעס א לאנגן מעסער און פון א קעשענע א שטיינערן פלעשעלע מיט פליסיקייט און האט מיר זיי געוויזן מיט די ווערטער:

— זעסט? דאס מעסער פאר ז יי און וואס אין פלעשעלע — פאר מיר! אין דעם פלעשעלע ליגט מיין פרייהייט. גענוג איז א שמעק צו טון דערצו אדער מיט א פינגער אנרירן דעם סם, אז מען זאל תיכף שטארבן, ווי פון א בליץ געטראפן. זעקס יאר בין איך געווען צווישן מאנאכן, זיך געלערנט אף א גאטספארכטיקן, אף א מעכאניקער, עלעקטריציסט. נאר

# צווישן ווילדע און ציוויליזירטע

מער ווי אַלץ האָב איך מיך אויסגעלערנט שווייגן, האַסן און נקמה נעמען...

אַ שטאַרקער טרומייטערן פון עטלעכע הילף־קאַמיאָנען מיט מיליטער און פּאָליציי האָט איבערגעהאַקט הוּאַמאַהוּהוּפּאַס רייד. מיר זיינען אײַנ־דרייען אַרויף צום גוטבאַזיצערס הויז. דאָרט האָבן מיר זיך אַליין גענומען אַ פלאַש קאָניאַק, וואָס מיר האָבן געפונען אינעם עס־זאַל. גענומען צו עטלעכע זופּ און פאַרביסן מיט שעפּסן־קעז און האָניק, וואָס מיר האָבן אײַנגעשלונגען מיט אַ כייעשער גיריקייט און אין איילעניש, כדי מען זאָל אונדז ניט כאַפּן בײַ דער האַנט.

הוּאַמאַהוּהוּפּאַ האָט זיך געזעגנט מיט אונדז און איז באַלד אַראָפּ צו זיין אויטאָ און אין אַ האַלבער שעה אַרום זיינען אַרויפגעקומען זעקס פעסטע הואַנקאַ־אינדיאַנער, פון אים געשיקטע, און זיי האָבן מיך מיט סורוהאַלפּאַן אַראָפּגעפירט דורך אַן אַלטן טונעל, נאָך פון די אינקאַ־צייטן, אויף דעם זעלבן וועג, מיט אַ טויזנט מעטער ווייטער פון דעם אומגליק־פּלאַץ.

# איאַקוטשאָ

מיין ערשטער איינדרוק פון איאַקוטשאָ איז געווען אַ באַנאַכטיקער.

אָנגעקומען זיינען מיר אין דער היסטאָרישער שטאָט מיט דעם טרויעריקן נאָמען, אַרום צען אַזייגער באַנאַכט. אינעם האָטעל, וואו מיר זיינען פאַרפאָרן, האָבן מיר פאַרנומען אַן אויבערשט צימער מיט אַ באַלקאָן, וואָס האָט אַרויסגעקוקט צו אַ גרויסער פּלאַסע קעגניבער דער אַלטער קאַטעדראַלע. סורוהאַלפּאַ האָט זיך געפילט נישט גוט און האָט זיך געלייגט שלאָפן אָן וועטשערע און איך בין אַראָפּ אונטן אַפן פּלאַץ, וואָס אַקעגן מיין פענצטער.

געברענט האָבן אַף דעם פּלאַץ עלעקטרישע לאָמפּן, אָבער אַזוי כוישעבדיק, ווי די חנוכה־ליכטלעך, וואָס מען מעג זיי נאָר זען און נישט פון זיי הנאה האָבן. אין דער האַלב־טונקלקייט האָב איך געהאַט דעם איינדרוק ווי איך וואָלט געווען אין אַ וואַלד מיט הונדערט־יעריקעביימער און די ביימער און די בלומען האָבן פון זיך אַרויסגעגעבן פרישע באַנאַכטיקע אַראָמאַטן, וואָס נאָר אין יענעם מער ווי האַלב־טראָפּיקאַלן קלימאַט פילט מען זיי.

אַז איך האָב מיך עטוואָס צוגעוואוינט צו דער פינצטערניש אונטער די עלעקטרישע לאָמפּן, האָט זיך מיר גענומען דוכטן ווי איך וואָלט זיך געפונען אַף אַ פאַרוואַקסענעם בית עולם אין אַ לבנה־נאַכט. נאָר קומענדיק נענטער צו דער קאַטעדראַלע, האָב איך מיך אָנגעשטויסן אַף אַ רעדל מענטשן, וואָס איז געשטאַנען אַרום אַן עלטערן גלח און האָט אויסגעהערט זיינע אַ דרשה קעגן דער אומאָראַלישער פרויען־מאָדע.

— די היינטיקע פרומע פרוי אַפילע — האָט ער באַדויערט — ווי נאָר זי ווערט עפּעס געבילדעט, ווי זי לייענט נאָר איבער אַ בוך פון די עלטערע אָדער פון די היינטיקע שרייבער, שטעקט זי זיך שוין אָן מיט דעמאָקראַטיע אָדער נאָר מיט סאָציאַליזם און קאָמוניזם און וויל קיין סאַך קינדער נישט האָבן, נעמט צווייפלען אין אונדזער געטלעכקייט און אין גאָטס

# צווישן ווילדע און ציוויליזירטע

וואָרט און דאָס איז דער גרעסטער אומגליק פאַר דער קירכע און פאַרן פאַטערלאַנד. וואָרום די קירכע דאַרף האָבן אַסאַך גלויביקע און דאָס פאַטערלאַנד דאַרף האָבן אַסאַך מיליטער, אַזוי ווי אין די גלאָרייכע צייטן פון דעם גאָטזעליקן שני למלך דאָן גאַרסיאַ הורטאַדאָ דע מענדאָזאַ, מאַרקעז דע קאַסעטע...

מיט עטלעכע טריט ווייטער, אונטער געדיכטע שווירקאָווע צווייגן, זיינען געזעסן אָפיצירן און דאַמען און געשמועסט איבער אַקטועלע פראַגן: מלחמה, מיט טשילע צוליב טאַקנאַ און אַריקאַ, מיט בראַזיל צוליב לאַרעטאָ, מיט קאָלאָמביאַ צוליב לעטיסיאַ און מיט עקוואַדאָר צוליב דער ליניע פּעדערמאָנטע מאַסקעראַ... און ווידער דאָס אייגענע: די פרויען מוזן אַסאַך קינדלען, גאָר אַסאַך, כדי עס זאָלן ניט אויספעלן פערו קיין זעלנער אין אַן עת צרה...

און אַט הערט מען שוין גאָרנישט, נאָר דאָס געזאַנג פון די זשאַבעס און ווען ניט ווען אַ פלאַטער פון אַן איבערגעשראָקן פייגעלע. כמעט פאַר דער נאָז האָב איך מיך אָנגעשטויסן אָף אַ מאָנומענט. אַרום דעם מאָנומענטש שטייען אַכט גרויסע לאַמטערן־סלופּעס, פון וועלכע עס הענגען אַראָפּ צו פיר עלעקטרישע לאָמפּן פון יעדן איינעם און דאָך איז מיר שווער איבערצולייענען באַ זייער שיין דעם נאָמען פונעם העלד, וואָס איז פאַרייביקט אין שטיין אָף דעם הויפּט־פּלאַץ פון דער שטאָט.

ערשט נאָך אַ האַלבער שעה אַרומבלאָנקען, ווען מיינע אויגן האָבן זיך צוגעוואוינט צו דער האַלבער שיין, האָב איך דערזען אַז די סטאַטוע איז פון סימאָן באָליוואַר. הינטער דער סטאַטוע האָב איך דערזען אַ ווייס־מאַרמאָרנע באַנק און אָף דער באַנק אַ פּאָרל זיצן. איך האָב געבעטן דערלויבעניש און נישט וואָרטנדיק אָף ענטפער זיך אַוועקגעזעצט. באַלד אָבער האָב איך דערזען אַ צווייטע ליידיקע באַנק דערנעבן און האָב מיך איבערגעזעצט. מיין פאַרדרוס האָב איך אויסגעלאָזט צו די בלימעלעך, מאַרגאַריטקעס, נעגעלעך און פיילכנס, פון וועלכע איך האָב אָנגעריסן אַ היבשן בוקעט פאַר סורוהאַלפאַן. דעם פּאָרל האָט אַפּנים פאַרדראָסן, ערשטנס וואָס איך האָב מיך ערשט געבן זיי אַוועקגעזעצט און צווייטנס, וואָס איך בין אַנטלאָפן פון זיי און זיי האָבן פאַרפירט צווישן זיך אַ שמועס וועגן מיר:

— עס מוז אוודאי זיין אַ נאָרדאַמעריקאַנער, דער גרינער, וואָס האָט

# מארקוס פארישעווסקי

פארלאזט די באנק אוים פאראכטונג צו אונדז. — האט די מויד זיך אנ־גערופן אין קיטשוא צו איר בחור.

— גיכער אן ענגלענדער אדער א דייטש —׃ האט דער יונג באַ־מערקט. — איך האב געקענט ענגלענדער און דייטשן, זיינען זיי געווען אזעלכע ווי ער.

— אן ענגלענדער אפשר יאָ, נאר קיין דייטש זיכער ניט. — שפארט זיך די מויד. — אלע דייטשן זיינען דאך אויסגעהארגעט געווארן פון אונדזערע העלדישע פערואנער סאלדאטן, וואס האבן געקעמפט זייט בא זייט מיט די פראנצויזן בעת דער וועלט־מלחמה... איך ווייס עס, פארגעס ניט, אז איך האב געלערנט ניין יאר אין א פרויען־מאנאסטיר... אך, ווען די טשילענישע „ראטאס" זאלן אזוי אויסגעקוילעט ווערן ווי די דייטשן, וואלטן מיר דאך געווען די גרעסטע נאציע פון דער וועלט... נאר די „ראַ־טאס" זיינען שולדיק אין אלץ...

— און אפשר איז עס גאר א פראנצויז? — פרעגט ווידער דער יונג.

דאס מיידל קוקט זיך איין אין מיין זייט און גיט א געשריי פול מיט התפעלות:

— כא־כא־כא! איך בין מסכים, ער מוז טאקע זיין א פראנצויז, איי ווי גוט, טאקע א פראנצויז!

דער יונג נעמט ארוים אן עלעקטריש לעמפל, מאכט זיך ווי ער וואלט עפעס געזוכט און באשטראלט מיך איינגאנצן מיט דעם שניידנדיקן ליכט.

איך האב שיר ניט געפלאצט פון איינגעהאלטענעם געלעכטער. נאך גוט, טראכט איך מיר, וואס זיי נעמען מיך ניט אן פאר א טשילענער, זיי וואלטן מיך אפן ארט צעריסן ווי איינעם פון די „צעריסענע"...

פלוצים ווענדט זיך דער יונג צו מיר:

— די פראנצויזן זיינען דאך די בעסטע מענטשן אף דער וועלט, ניט אזוי ווי די בעלגיער. געווען איז בא אונדז דער בעלגישער קעניג אלבערט. ער האט פארבראכט אין אונדזער הידאלגישער לימא. מיר האבן אים גוט באהאנדלט. און אז ער איז צוריקגעפארן, האט ער אונדז העסלעך פאר־לוימדעט און געזאגט, אז מיר זיינען אומציוויליזירטע אינדיאנער... ניט אמת, סעניאר — האט דער יונג געערדט צו מיר אין שפאניש געמישט מיט צעדרייטע פראנצויזישע ווערטער — איר זיינט נישט קיין דייטשער בארבאר און גאטלעסטערער? איר זיינט דאך מסתמא אויך ניט, גאט

באהיט, א טשילענער? אמת, איר זיינט א פראנצויז, ווי מיין באגלייטערן זאָגט?

— ווי, מיסיע! ווי דען! אַן עכטער פראנצויז! — האָב איך געענט־פערט מיט דעם עכטן פאַריזער אקצענט.

— מיר האָבן גלייך געוואוסט, אז איר זענט א „פראנקאיס" — האָבן ביידע אין איין קול גענומען צו מיר ריידן ארויסריידנדיק דאָס וואָרט ווי דאָס שרייבט זיך, לויט דער שפאַנישער אויסשפּראַך. — מיר האָבן זייער ליב די פראנצויזן און האסן די באַרבאַרן, די טעווטאָנען, מיי־נען מיר, וואָס האָבן צומאָל די פרומע פראנצויזישע מאַנאַשקעס נישט גע־שוינט. זיי האָבן אפילע די קופערנע גלאָקן פון די קירכעס אראָפּגענומען און דערפון קאַנאָנען געמאַכט און די קירכעס אין פערד־שטאַלן פאַר־וואַנדלט, יונגינקע מיידלעך פון צען יאָר געשענדעט און אפילע זקנות ניט רעספּעקטירט... איז דאָס ניט א נבלה און א אומפארגעבלעכע זינד?...

— איי, ווי שרעקלעך! — האָט אונטערגעבראָכן די סעניאָריטאַ. — איאַקוטשאַ, זאָל דער גרויסער און אויסדערוויילטער סעניאָר וויסן, איז א צווייטע רוים. מיר אַלע דאָ זיינען זייער אָרנטלעכע, קולטורעלע און שע־מעוודיקע צנועות... איאַקוטשאָ האָט צומאָל קיין שאנד־הויז ניט, מחמת אויך אונדזערע בחורים זיינען שעמעוודיקע... ניט אזוי ווי די גרינגאָס און ראָטאָס פון קאַליאַאָ... און אונדזער הויפּטשטאָט לימאַ, די שטאָט פון די מלכים, דאַכט זיך, די גרעסטע וועלט־שטאָט, מיט אַן א צאָל קלויסטערס, אין דער צייט פון די ווירעים זיינען דאָרט טוויזנטער אפּי־קורסים און אפילע די זויג־קינדער זייערע לעבעדיקערהייט פארברענט גע־וואָרן אף דעם אויטאָ־דע־פע, האָבן זיך אויך אהין אריינגעכאַפּט די גאָט־לעסטערער, וואָס ווייסן ניט פון דער ליבע צום געקרייציקטן און צו זיינע הייליקע און רופן זיך ברידער און שוועסטער, פּראָטעסטאַנטן, עוואַנגע־ליסטן, אדווענטיסטן און זיי גלויבן צו א הונט מיט צוויי קעפּ מיט הערנער פון א הירש, עסן נישט קיין חזיר־פלייש אזוי ווי די נישט־גלויביקע אידן און אפילע אין די הייליקע טעג פון פּאַסקוּאַ גייען זיי אויך ניט אין קלויס־טער זיך מתודה זיין...

— און וואָס איז אייער באַשעפטיקונג? — האָב איך אינמיטן איר ריידן א פרעג געטון, ווייל מיך האָט שטאַרק פאַרינטערעסירט צו וויסן פונוואַנען זיי שעפּן די אַלע ידיעות זייערע.

— איך בין פּראָפעסאָרן אין דער שולע פונעם „פארבלוטיקטן הארץ".

# מאַרקוס פּאַרישעווסקי

— און איך בין סטודענט פון טעאָלאָגישער יוריספּרודענץ. — האָט זיך אָנגערופן דער יונג.

זיי זיינען גערעכט געווען. איאַקוטשאַ איז די צווייטע רוים. פון זיי האָב איך מיך שוין אויך דערוואוסט, אַז אַף די פופצן טויזנט נפשות וואָס די שטאָט פאַרמאָגט, האָט זי זעקס און דרייסיק גרויסע קירכעס, פיר מאָ־נאַסטירן, אַ גלחים־סעמינאַר, צוויי פרויען־קאָנווענטן און אכצן קאַפּילעס...

---

אַפן צווייטן טאָג, בעת סורוהאַלפּאַ איז נאָך געשלאָפן, בין איך אוועק צום פּרעפעקט בעטן אַ דערלויבעניש אויסצושטעלן מיינע שטיקערייען און אַנדערע האַנט־אַרבעט, מיטנעמענדיק מיט זיך צו איין עקזעמפּליאַר פון יעדן מין, כדי צו ווייזן וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. דעם פּרעפעקט האָב איך גראָד נישט געטראָפן און אויך נישט זיין סעקרעטאַר. איך האָב אומ־זיסט געוואַרט אַף זיי דעם גאַנצן פרימאָרגן. צום סוף ערשט האָט מיר דער באַאַמטער געזאָגט, אַז זיי וועלן קומען פאַרנאַכט און אַז אויב איך וועל אים געבן איינעם פון די פּייזאַזשן, וועט ער שוין אַלץ טון, אַז דער פּרע־פעקט זאָל מיר געבן די דערלויבעניש.

איך בין אַהיימגעקומען און האָב געטראָפן סורוהאַלפּאַן אַ פאַרער־גערטע. זי האָט גערעדט פון היץ. איך בין געלאָפן ברענגען אַ דאָקטער, נאָר קיין איינער פון זיי האָט מיטיק־צייט נישט געוואָלט גיין. נאָך מי־טיק בין איך ווידער געלאָפן צום דאָקטער, נאָר איצט האָט ער פּראָטעס־טירט, וואָס איך לאָז אים נישט מאַכן די „סיעסטאַ", פון איינס ביז זעקס פאַרנאַכט. און אַז איך בין צוגעשטאַנען און צום הונדערטסטן מאָל אי־בערגעבאַזערט, אַז די קראַנקע איז מסוכן, האָט ער פרום פאַרגלאָצט די אויגן, מיר געזאָגט, אַז מיט דער השגחה פון דער הייליקער מרים, וועט איר מירטשעם גאָרניט זיין און ער וואָלט נישט באַדאַרפט ברעכן זיין טראַדיציע, וואָס שטאַמט נאָך פון אַלמאַגראָס צייטן, נאָר אַזוי ווי איך בין אוודאי אַ גרויסער סעניאָר גרינגאָ, וועל איך וויסן ווי אָפּצושאַצן זיין קרבן און ער גייט מיט מיר...

דער פּרעפעקט, אַפּאַנים, האָט פון קיין סיעסטאַס נישט געהאַלטן. און ווי איך בין צוגעקומען צום האָטעל, האָב איך געטראָפן אַ סערזשאַנט באַם טויער מיט אַ ספּעציעלער איינלאַדונג צו מיר איך זאָל קומען מיט

# צווישן ווילדע און ציוויליזירטע

מיין פרוי אין זיין פריוואטן פאַלאַץ אַף אַ „פּייוו אַ קלאַס טי" און, למען השם, איך זאָל נישט פאַרגעסן מיטצונעמען עטלעכע פון מיינע שטיקערייען...

פאַרשטאַנען האָב איך, אַז דער פּרעפעקט מיינט נישט מיך און אויך נישט מיין צופעליק ווייבל, ווי נאָר מיין קאָלעקציע שטיקערייען און האָב מיט דעם זעלבן שליח, אָנווייזנדיק אים אָפּן דאָקטער, געלאָזט וויסן דעם פּרעפעקט וועגן סורוהאַלפּאַס צושטאַנד און אים געבעטן ער זאָל מיר מוחל זיין און זאָל זיין ריטערלעכע העפלעכקייט איבערלאָזן אַף אַן אַנדערש מאָל.

עס זיינען אָבער קוים אַריבער אַנדערהאַלבן שעה נאָכן דאָקטערס אוועקגיין, בעת איך האָב געהאַלטן אין איינגעבן דער קראַנקער דעם ערשטן לעפל מעדיצין, וואָס דער דאָקטער האָט איר פאַרשריבן, ווי עס איז געקומען צו פליען אין אַ לוקסוס-אויטאָמאָביל אַ העכערער אָפיציר און „געבעטן", אַז בכן מיין „געערטע און אויסדערוויילטע פרוי" איז נישט געזונט, זאָל איך זי לאָזן אינדערהיים און אַליין זאָל איך תיכף ומיד מיטפאָרן, וואָרום דער גענעראַל-פּרעפעקט האָט דעם גרעסטן באַגער איך זאָל אים אָנטון דעם כבוד און שווין טאָקע באַערן אים מיט אַ וויזיט. און ווידער דאָס אייגענע, איך זאָל חס וחלילה נישט פאַרגעסן מיטנעמען די שטיקערייען, וואָס איך האָב געוויזן אין ביוראָ און אַביסל פון יענע וואָס איך האָב נאָך נישט געוויזן...

איך האָב געפּוילעט באַ דער באַלעבאָסטע — אַ הואַנטאַ-אינדיאַנערין — זי זאָל אַכטונג געבן אַף דער קראַנקער און מיט דעם אָפיציר בין איך אַראָפּ אונטן. אַ מינוט האָט געדויערט דער וועג מיט דעם אויטאָ און מיר זיינען שטיין געבליבן פאַר אַ קאָלאָניאַלער פעסטונג-געביידע, אַרומגענומען מיט אַ שטיינערנעם פּאַרקן און אייזערנע שטאַכעטן מיט שאַרפע שפּיצן איבער אים. אינעם ראַכוועסדיקן גאָרטן מיט יאָרהונדערטער אַלטע ביימער, איז דער פּאַלאַץ, אַן אַלטפרענקישער, אין סטיל פון אַ פילשפּיציקער קירכע, געשטאַנען אַ בייזער, אַ נישט גאַסטפריינטלעכער.

אינעווייניק אָבער האָט מיך דערוואַרט די גרעסטע גאַסטפריינטלעכקייט. אין אַ גראַנדיעזן און ניט צו גרויסן עס-זאַל, באַצירט מיט לעבעדיקע בלומען, אַריינגעזעצטע אין זעלטענע וואַזאַנען-טעפּ נאָך פון דער צייט ווען דאָס קינסטלעכע טעפּער-פאָלק, די טשימוס, האָט געבליט, האָבן מיך אָפּגעוואַרט דער פּרעפעקט און זיין פרוי — נאָך גאָר אַ יונגע דאַמע — נאָך צוויי הערן מיט זייערע דאַמען און צוויי קאָקעטישע, רייך געקליידטע

גלחים, בײַ אַ רייך סערווירטן טיש, ווי איך וואָלט געווען אַ מאַהאַראַ־דזשאַ־דיפּלאָמאַט.

בײַ מיין אַריינקומען האָב איך באַמערקט, אַז איך בין אַריינגעפאַלן צו אַ קונסט־מבין און אַ קונסט־ליבהאָבער. אין די ווינקלען — גרויסע פּאָרצעלייענע בלומען־טעפּ, טשימו־אַרבעט; אויף די ווענט — וואונדער־באַרע אַלטע אינדיאַנער טעפּיכער; אויפן לאַנגן אָוואַלן טיש פון מאַהאַגאָני־האָלץ — דריי וואַזאָנען פון סטאַלאַקטיטן, וואָס האָבן געשימערט מיט זייערע רעגנבויגן־קאָלירן; די נאַטור זעלבסט האָט זיי טויזנטער יאָרן! אויסגעאַרבעט און אויסגעפּאָלירט און אינדיאַנער האָבן אויף זיי אויסגע־גראַווירט פיגורן פון מענטשן און חיות, פון זאַכן און געשעעניש... איבער די טעפּיכער — אויף דער פראָנט־וואַנט — אַלערליי וואָפן, פּאָרצייטיש־אינקאַישע און מאָדערנע; אויף די אַנדערע ווענט צווישן גאָבעלינען, אַלער־ליי אויסערלישע פעלעכלעך, הירשן־הערנער, עקזאָטישע שמעטערלינגען, פאַרשטיינערטע שאַרבנס פון אַמעריקאַנער אור־מענטשן, געשטאָפּטע פייגל מיט פּרעכטיק שיינע פעדערן...

דער פּרעפעקט זעלבסט האָט מיך אויפגענומען און האָט מיך פאָר־געשטעלט פאַר די געסט, וואָס זיינען געזעסן אַרום טיש גרייט צום „פייף אָ קלאָק טי", ווי אַן אַלטן באַקאַנטן און מיר געגעבן פּלאַץ לעבן אים און זיין פרוי, אַביסל אַ טויבע, וואָס האָט קוויטשיק געפּלוידערט מיר אין אויער אַריין, ווי זי וואָלט מיר אַ גרייצער אַהין אַריינגעדרייט. און איך האָב מיך אויפגעפירט עכט דיפּלאָמאַטיש, מערסטנס געשוויגן און געענט־פערט מיט האַלבע פראַזן.

און ווי האָב איך מיך געקענט אויפירן אַנדערש, אַז דער שמועס איז באַלד פון אָנהייב אַוועק אויף דער הייסער טשילענישער טעמע. איך וואָלט מיטן לעבן נישט זיכער געווען, ווען עס כאַפּט זיך בײַ מיר אַרויס אַ גוט וואָרט פאַר טשילע. מען האָט דעמאָלט אין יעדן פרעמדן געזען אַ טשי־לענישן שפּיאָן. באַזונדערס האָט זיך פאַרלייגט אַרויסצוציען פון מיר אַ „גוט" וואָרט די שלאַנקע כיינעוודיקע דאַמע מיט די גרויסע רייצנדיקע אַנדאַלוזישע אויגן, דאָניאַ בעאַטריז מאַרגאַ קאַרוואַכאַל דע פריילונאַ דע מאָנטע סאַנטאַ. צענדליקער מאָל האָט זי איבערגעכאַזערט די זעלביקע ווערטער: „פּערו פאָדערט אירע פּראָווינצן טאַקנאַ און אַריקאַ מיט טאַ־ראַפּאַקאַ און דער ראָטאָ טשילענאַ וויל נישט אָפּגעבן, נו, ווען מיר אים

# צווישן ווילדע און ציוויליזירטע

געבן שמעקן פולווער!... איז, ווי זאָגט איר צו דעם? האָבן מיר רעכט? אמת? ניט אמת?..."

געענטפערט האָט פאַר מיר די אַנדערע דאַמע, די וואָס מיט די קינסטלעכע חן־פינטלעך, צו איינס אַף יעדן רויט־געפאַרבטן בעקל און איינס אַף דער רעכטער זייט נאָז לעבן אויג, מיט אונטערגעשוואַרצטע אויגן־ווינקלען און מיט רויט־געפאַרבטע ליפּעלעך. געזעסן איז זי צווישן ביידע אויסגעפּוצטע פּאַטערלעך און, מיט אַ פול מויל שאָקאָלאַד צוגע־באַמקעט:

— אוהו, אהא, סי, סי, אוואַדע, אוואַדע!...

בלויז דער פּרעפעקט, אַ לאַנגער מיט אַ געשטופּלטן פּנים און מיט אַ מאָנאָקל אַף זיין איינציקן זעעוודיקן אויג, האָט כמעט גאָרנישט גערעדט, נאָר געטרונקען איין גלעזל נאָכן צווייטן און גערויכערט גראָבע האַבאַנאַ־ציגאַרן. נאָך יעדן גלעזל ראָם מיט טיי און טיי מיט ראָם, וואָס איך האָב אויסגעטרונקען, האָט ער אויך מיר גלייך אָנגעגאָסן אַ צווייטס.

העכער צוויי שעה האָט זיך אַזוי געצויגן דער „פייף אָ קלאָק טי", ביז איך האָב אים איבערגעריסן מיט אַן אַנטשולדיקונג, אַז איך קען מער ניט פאַרברענגען מיט דער זייער און זייער אויסדערווײלטער געזעלשאַפט, ווייל איך האָב געלאָזט איינע אַליין אַ קראַנק ווייב אין דער היים און מוז גיין זען וואָס זי מאַכט.

אַלע האָבן אויסגעדריקט זייער מיטלייד און געבעטן יעזוסן און זיין מאַמע די בתולה זיי זאָלן פאַר איר מליץ יושר זיין און איך האָב באַקומען די דערלויבעניש אַוועקצוגיין. נאָר נאָכן געזעגענען זיך, האָט דער פּרע־פעקט גאַנץ העפלעך מיך אַריינגערופן צו זיך אין שרייב־צימער און מיט דער גרעסטער איידלקייט, ווי עס פּאַסט פאַר אַזאַ הויכן באַאַמטן, האָט ער מיך געבעטן איך זאָל אים ווייזן מיינע שטיקערייען.

נאָכדעם ווי ער האָט זיי באַטראַכט, באַוואונדערט און אויסגערימט, האָט ער אָפּגעקליבן פאַר זיך צוויי טייערע גאָבעלינען, וואָס האָבן מיך געקאָסט דריי חדשים אַרבעט, אַכוץ מאַטעריאַל. איינע האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט פּיזאַראָ, אַלמאַגראָ און דעם גלח וואַלווערדע און די צווייטע דעם מאַרטיריום פון אַטאַהואַלפּאַ.

— נו, אויסדערווײלטער און הויך־געשעצטער אַרטיסט — האָט ער אָנגעהויבן ריידן גאַנץ שטיל, — איר ווייסט דאָך, אַז איך בין מיליטע־רישער הויפּט פונעם גאַנצן באַצירק און אויך פּאָליציייִשער גענעראַל־

## מאַרקוס פּאַרישעווסקי

פּרעפעקט פון דעם רייכן און גרויסן איאַקוטשאַ־באַצירק, וואָלט איר מיר דעריבער באַדאַרפט איבערלאָזן אַן אָנדענק אָט די צוויי אויסנייעכצן. נאָר איך בין אַ גוט־דערצויגענער און גוטהאַרציקער קריסט, ווייל איך פון אייך גאָרניט אומזיסט און איך וועל אייך געבן פאַר יעדער גאָבעלינע צו צען פערואַנער פונט...

איך בין שטיין געבליבן אַ דערציטערטער, ווען איך האָב דערהערט דעם פּרעפעקטס ווילדע פּרעטענזיע. פאַר די זעלבע צוויי גאָבעלינען האָט מען מיר אין לימאַ געוואָלט געבן צו פופציק פונט פאַר יעדן און איך האָב זיי נישט געוואָלט אָפּגעבן פאַר ווינציקער ווי זעכציק. דינגען זיך מיט אים וואָלט אָבער געווען אומזיסט און דערצערענען אַזאַ שישקע, בפרט אין אַזאַ אָנגעהיצטער אַטמאָספער קעגן פרעמדע, ווען יעדער מנובל, פונעם קלענס־טן ביזן גרעסטן, טוט מיט אייך וואָס ער וויל, ווייל ער קען אייך אָנגעבן אַלס שפּיאָן, איז געווען אַ סכנה. איך האָב מיך דעריבער באַלד באַהערשט און האָב געהאַנדלט נאָך העפלעכער און נאָך דיפּלאָמאַטישער.

— די שטיקערייען — האָב איך מיך אָנגערופן צו אים — האָבן אַ ווערט פון צוויי הונדערט פונט, נאָר ווען אַפילע זיי וואָלטן מער ווערט גע־ווען, וואָלט איך פון אים אַפילע אַ סענט נישט פאַרלאַנגט. איך בין אַ פראַנצויזישער פּאַטריאָט און אַלס אַזעלכער גיב איך אים די צוויי גאָבעלי־נען פאַר אַ מתנה.

אַלס דאַנק, האָט ער מיר געגעבן ניט נאָר אַ דערלויבעניש אויסצור־שטעלן מיינע שטיקערייען, נאָר אויך אַ רעקאָמענדאַציע צו אַלע סוב־פּרע־פעקטן פונעם גאַנצן באַצירק, אַז קיינער פון זיי זאָל זיך נישט דערוועגן שטערן מיר אין מיין דערציערישער אַרבעט און אַז די ציווילע און מילי־טערישע מאַכט זאָל מיר תמיד צו הילף קומען ווען איך וועל נאָר דאַרפן.

איך האָב מיך דערויף דערמאָנט אָן אַ מימרא פון דער גמרא, אַז גע־לאַסנקייט האָט די ווערט צוויי מאָל צוויי הונדערט גילדן...

צוריק אין האָטעל האָבן מיך באַגלייט אַכוץ דעם אָפיציר, וואָס איז געקומען נאָך מיר, אויך די צוויי גלחים, וואָס האָבן געהאַט דעם פרומען באַגער זיך צו באַקענען מיט דער קראַנקער, כדי זי זאָל זיך מתודה זיין פאַר זיי. די באַלעבאַסטע האָט זיי אָבער געשטערט אין דער הייליקער שליחות. דער דאָקטער האָט אָנגעזאָגט מען זאָל איר ניט שטערן, האָט זי זיי געזאָגט, די קראַנקע נויטיקט זיך אין אַבסאָלוטער רו ביז זי וועט גע־זונט ווערן...

## צווישן ווילדע און ציוויליזירטע

דעם דאָקטערס רעצעפּט האָט געווירקט. דעם צווייטן פרימאָרגן האָט סורוהאַלפּאַ זיך שוין געפילט בעסער און איך בין אַראָפּגעגאַנגען זיך באַקענען מיט דער שטאָט און מיט אירע מענטשן. באַקומען פון זיי אַ באַטאָגעדיקן איינדרוק.

מיין בליק איז צוערשט געפאַלן אויף דעם הערלעכן אַרום. אַלץ אַרום איז גרין, העל און טונקל גרין און פון צווישן די גרינקייטן, ווייסער, געלער און פאַרשיידנפאַרביקער צוויט. אין דער ווייטקייט זעט מען די ערשטע בערג־רייף, אַ באַדעקטע מיט וואַלד און הינטער זיי די שפּיצן מיט אייביקן שניי באַקרוינט און פון דער נאָענט גרינס־גערטענער און פעדער, וואָס מאַכן דעם איינדרוק פון אומגעהויערער שפע. נאָר וואָס נענטער און נידעריקער מיין בליק איז געפאַלן, אַלץ נאָקעטער האָב איך דערזען די אַלטע, זייער אַלטע שטאָט, מיט אירע שמאָלע נישט ברוקירטע און שלעכט ברוקירטע גאַסן און נידעריקע בלאָטענע הייזער.

איך האָב גערונגען אַ וועגעלע אויף צוויי הויכע און גראָבע רעדער, אַ מין אינדיאַנישן קאַטש, מיט פיר לאַנג־אויערדיקע אייזלען איינגעשפּאַנט און ווי אַ מלך בין איך אומגעפאָרן איבער די גאַסן און זיך די ציין אויסגעהאַקט באַם טרייסלען זיך איבער די קיילכיקע נישט גלייכע שטיינער פונעם ברוק. איך האָב אַלע זעקס און דרייסיק טיפּלעם איבערגעציילט. מערסטנס פאַרנעמען זיי גאַנצע בלאָקן. דאָס אייגענע דער סעמינאַר און די מאָנאַסטירן. בלויז די קאַפּילעס זיינען קליינע, טייל נישט גרעסער ווי אַן אוהל, וואו עס ברענט אַ נר־תמיד. די מענטשן, וואָס איך האָב געזען אין גאַס און אויף די שפּאַציר־פּלעצער, זיינען מערסטנס אויך געווען גלחים און מאָנאַשקעס. גאַנצע מחנות האָב איך זיי געזען גיין, צו צוויי, צו דריי און צו פיר אין אַ שורה.

איך בין אַרויסגעפאָרן אויסער דער שטאָט, וואו עס לויפט אין זיין שרעקלעך טיפן בעט דער טייך אַפּורימאַק, ווי איינגעקעסטעלט אין אַ ספּעציעלן אָרן אַפּן הויכן און ראַבוועסדיקן הואַמאַנגאַ־טאָל. דער טייך זעט דאָ אויס ווי דער סמבטיון, וואָס רוט קיינמאָל נישט, אַפילו נישט אום שבת, זיינע כוואַליעס רוישן און שאַלן מיט מיליאָנען קולות און אויב ער וואַרפט ניט מיט שטיינער, שלעפּט ער מיט מיט זיין שטורמישן שטראָם טויזנטער פודיקע שטיינער ווי זיי וואָלטן געווען קאָרקענע שפּענדלעך.

אויסער דער שטאָט באַגעגנט מען שוין מער דעם פאָלקס מענטשן, דעם איאַקוטשער גאַנץ שיינעם טיפּ מענטש, וואָס איז אַ געמיש פון שפּאַ־

ניש־מאַראָקאַנישן און שפּאַניש־אידישן מיט דעם אינקאַישן און זיין שפּראַך אין קיטשוא, וואָס דער אָפיציעלער שפּאַנישער שפּראַך איז ביז היינט נישט געלונגען אַרויסצוטרייבן פונעם אַלגעמיינעם געברויך אין איאַקורטשאַ, ווי אין קוזקאָ, הואַנקאַוועליקאַ און סעררא דע פּאַסקאָ.

איך האָב מיך אַרומגעשלעפּט איבער די מאָרעשכווירעדיקע, צעקאַליעטשעטע און שמוציקע גאַסן פון איאַקוטשאַ, אין שטאָט ווי אַרום דער שטאָט און אומעטום האָב איך מיך אָנגעשטויסן אַף קלויסטערס, מאָנאַסטירן, סעמינאַריומס, שענקלעך, גלחים און מאָנאַשקעס און שיקערע אינדיאַנער, זעלנער וואָס מען האָט אַרויסגעלאָזט פריי זוכן פאַר זיך אַ „זיווג" אין שטאָט.

אין דער שעה זעט מען איבערהויפּט נישט אַף די איאַקוטשער גאַסן קיין אַנדערע דורכגייער. בלויז אין די פּאַרטאָגן און אַזייגער צען, עלף פאַרמיטאָג זעט מען די פליסיקע פאַרהאָרעוועטע אינדיאַנער קומען אָפן מאַרק מיט זייערע אַרטיקלען, וואָס זיי פאַרקויפן פאַר אַ שיבוש און קויפן איין פאַר זיך אַביסל ביליקע „ציוויליזאַציע" פאַר גאַנץ טייער.

מיין איינזלשע קאַרעטע האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר אַ הויז, וואָס האָט זיך געפונען אין אַ הויף פון אַ גאַנצן בלאָק די גריים, אַרומגעצוימט מיט אַ גראָבער הויכער מויער פון בלאָטענע ציגל און שטיינערנע סלופּעס. אין דעם הויז האָט מען מיך רעקאָמענדירט. עס וואוינען דאָ אַ האַלב טוץ אַריסטאָקראַטישע ווייבער, אַלטע מוידן פון אידיש־שפּאַנישן איכעס.

דאָס הויז איז פול מיט אינדיאַנישע באַדינער און די מוידן אַליין, מיט צעקנייטשטע און געפלעקטע פּענעמער פון ניט צו גרויסער צניעות, פּראַווען איבער זיי, ווי אין די גוטע אַלטע צייטן, ווען זייערע אָבות, אייניקלעך פון משומדים, האָבן געברענט און געבראָטן אידן און געשאָכטן אינדיאַנער, געראַבעוועט זייער פּראַצע, געשענדעט זייערע טעכטער און געווען די קאַפּיטאַנען און גענעראַלן פון די שפּאַנישע רויבער־לעגיאָנען אין נאָמען פון דעם הייליקן קאַטוילישן און ראַכמאָנעספולן גלויבן.

געווען איז נאָך דעמאָלט אין דער מאָדע די פּלוצימדיקע ליבע צו אידן, איבערהויפּט צו די ספרדים. וואָס האָט זיך דערוועקט באַ די שפּאַנישע גייסטלעכע, דיכטער און פּאָליטיקער אונטער דער אַגיטאַציע פון פּולידאָ און זיינע נאָכפאָלגער, אויסצוקויפן די זינד וואָס שפּאַניע איז באַגאַנגען קעגן די אידן מיט דער אינקוויזיציע, מיט די שחיטות און מיט

# צווישן ווילדע און ציוויליזירטע

דעם גירוש פון סוף פופצנטן יאָרהונדערט. פּיאָ באַראָכאַ האָט דעמאָלט געזאָגט, אַז ער שטאַמט פון אידן און אַז באַראָכאַ נעמט זיך פון באַרוך אָדער בערוכאַ; אַלקאַלאַ זאַמאָראַ האָט געזאָגט, אַז ער שטאַמט פון מאַראַנען און טאָקע פון דער שטאָט זאַמאָראַ, וואו עס איז געווען די באַרימטע ישיבה פון שמואל אַלוואַלענסי און אַפילע קעניג אַלפאָנס דער דרייצנטער, האָט אַ קורצע צייט נאָך בערטאַ זינגערמאַנס טריונפאַלער גאַסטראָל־רייזע איבער שפּאַניע. דערקלערט, אַז ער באַוואונדערט די גרויסע קינסטלערן פון דער שפּאַנישער רעציטאַציע, ווייל ער אַליין שטאַמט אויך פון אידן...

די דאָזיקע זעקס אַלטע אַריסטאָקראַטישע מוידן האָבן דעמאָלט אַפּירגעשלעפּט זייער אידישן יחוס פון אונטער די יאָרהונדערטער שמד און אים געלאָזט לופטערן זיך אַף די אויגן פון יעדן אידן, וואָס האָט פאַרבלאָנדזשעט קיין איאַקוטשאַ. איינע פון די זעקס, אַמאַליאַ קאַראַנגעל דע אַבראַהאַם סענעראַ, האָט אָנגעגעבן איר יחוס פון דעם באַרימטן שטייערן־אָפּקויפער און הויפּט־רב פון קאַסטיליע רבי אברהם שניאור אָדער סעניאָר, וועלכער איז צוזאַמען מיט רבי יצחק אַבאַרבאַנעל געגאַנגען צום קעניג פערדינאַנד אויסקויפן דעם אידישן גירוש פאַר דרייסיק טויזנט דוקאַטן און ווען דאָס איז נישט געלונגען, האָט ער זיך אָפּגעשמאַדט צוזאַמען מיט נאָך פופציק טויזנט אידן, וואָס האָבן נישט געוואָלט פאַרלאָזן שפּאַניע. די אַנדערע פינף זיינען שוועסטער, ווייטע קרובות פון דער ערשטער און טראָגן דעם פאַמיליען־נאָמען בורגענים לעוויטאַ דע סאַנטאַ מאַריאַ, וואָס אַזוי האָט זיך אַ נאָמען געגעבן דער משומד שלמה הלוי, אַ בורגאָסער רב, אַ למדן, וואָס האָט זיך געשמאַדט אין 1391 און איז געוואָרן שפּאַנישער ערצבישאָף אונטערן נאָמען פּאַולוס אָדער פּאַבלאָ דע סאַנטאַ מאַריאַ, באַרימט אין דער געשיכטע מיט זיינע שרעקלעכע רדיפות אַף אידן און מיעסער אידן־העצע...

— סי סעניאָר, — האָט צו מיר געטיינעט אַמאַליאַ קאַראַנגעל דע אַבראַהאַם סענעראַ, — מיר זיינען מער ווי הייליקע און עס וואָלט געווען אַ יושר, כאָטשע אונדזערע זיידעס האָבן געקעמפּט קעגן די פרייהייטס אַרמייען, מען זאָל פאַר אונדז באַשטימען אַן אייביקע פּענסיע און אונדז אָפּגעבן גרויס כבוד. ערשטנס, האָבן אונדזערע עלטער־זיידעס נאָך געהאָלפן דעראָבערן דאָס לאַנד בײַ די אינקאַס און צווייטנס, זיינען זיי געווען עמעסע תלמידים פון דער הייליקער אינקוויזיציע. כאָטשע זיי זיינען

## מארקוס פארישעווסקי

געוועזן גרויסע ראבינאָס כודיאָס, האָבן זיי אָבער, אָפּן וואונק, פון דעם הייליקן כואַן באַוטיסטאַ, אָנגענומען דעם קאַטוילישן גלויבן און דערנאָך אָפּגעשמאַדט טויזנטער פון זייערע ברידער. די וואָס האָבן זיך נישט געוואָלט אונטערגעבן זייערע הייליקע באַפעלן, זיינען לעבעדיקערהייט פאַרברענט געוואָרן... סי, סעניאָר, איידער אַזוי שלעכט באַלוינט צו ווערן פאַר דער ציוויליזאַציע וואָס אונזערע עלטערן האָבן אַהער אַריינגעבראַכט און פאַר דער רעליגיע וואָס זיי האָבן געגעבן די געצנדינערישע אינדיאַנער, איידער אַזוי פאַרגעסן צו ווערן, אַז אַפילע קיין שטיקל מאַן האָט קיינע פון אונדז דאָס גליק נישט געהאַט צו באַקומען, ווייל מיר האָבן אָנגעוואוירן אונדזער פאַרמעגן, איז שוין גלייכער צו ווערן אידישקעס... בא די אידן, זאָגן די גלחים, הערשט גרויס אחדות, טאָמער טוט מען ערגיץ אַ אידן שלעכטס, ווערט אַ גוואַלד איבער דער גאַנצער וועלט... אידן, זאָגט מען, זיינען אַלע רייך, מיליאָנערן... אידישע מאַנען האָבן ליב זייערע ווייבער און די ווייבער טוען מיט זיי וואָס זיי ווילן... קום אַריין, ברודער, וועל איך דיר ווייזן די בילדער פון מיינע און פון זייערע אור־עלטערן...

זי האָט מיך אַריינגעפירט אין אַן אַלטן פּאַרלאָזטן גרויסן זאַל, וואו עס האָט געשמעקט מיט שימל און מאָך פון זעלטענעם עפענען טיר און פענצטער. אַף די ווענט זיינען געהאָנגען אייל־בילדער פון די ראַבאָנישע משומדים און אַנדערע, פאַר וועלכע עס האָבן געברענט לאַמפּאַדקעס, האָבן פאָרגעשטעלט די שמד־צערעמאָניעס.

— זעסטו שוין, ברודער, פון וועמען מיר שטאַמען? און איצט זיינען מיר פאַרלאָזט פון דער קירכע אויך, פון אַלץ און פון אַלעמען. כל־זמן מיר האָבן געהאַט געלט, האָבן אַלע זיך צו אונדז געכאַנפּעט און איצט, ווען מיר זיינען שוין האַלב אין די יאָרן, וועט שוין קיין שום אידישער פראַצענטניק נישט וועלן פאַר אונדז חתונה האָבן, און די היזיקע אינגלעך, זיי זיינען דאָך בלויז פיקאַפלאָרעס, ווי די פייגעלעך וואָס צופּן אָפּ די בלומען... סי, סעניאָר, יעזוס און די אַפּאָסטאָלן זיינען אויך געווען אידן... אַ שאָד וואָס מיר זיינען שוין צו אַלט, ווען ניט וואָלטן מיר אַלע געוואָרן אידישקעס... און דו אַליין וואָלסט אפשר אויך זיך גענומען פאַר אַ ווייב איינע פון אונדז און אפשר גאָר מיך אַליין...

---

# צווישן ווילדע און ציוויליזירטע

אפֿן פֿערטן טאָג נאָך מײַן אָנקומען קיין איאַקוטשאַ, זײַנען די טויטע גאַסן פֿון דער טרויעריקער שטאָט פּלוצים באַלעבט געוואָרן, פֿול געוואָרן מיט מענטשן. געווען איז עס דעם 9־טן דעצעמבער פֿון יאָר 1924, ווען פּערו האָט געפֿייערט דעם הונדערטסטן יאָרטאָג זינט דעם גרויסן נצחון, וואָס סוקרעס חילות האָבן אָפּגעהאַלטן איבער די שפּאַניאָלישע אויף דעם הויכן פּלאַכלאַנד צווישן די בערג אַרום איאַקוטשאַ, אין דעם הואַמאַנגאַטאַל.

אַ צען טאָגיקער יום־טוב איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אין איאַקוטשאַ און אָנגעהויבן האָט ער זיך מיט אַ מאַרק־טאָג. פֿון פֿאַרטאָג האָבן די גלעקער פֿון אַלע קלויסטערס, מאָנאַסטירן און קאַפּילעס גענומען צונויפֿרופֿן דעם עולם פֿון דער גאַנצער געגנט אַרום קיין איאַקוטשאַ. צעקלונגען האָבן זיי זיך אויף די פֿאַרשידנסטע קולות, פֿון קוויטשיקע סאָפּראַנער ביז הייזעריקע בעסער, מיט דעם שנעלסטן טעמפּאָ און אויף די העכסטע טענער. הונדערטער געזונטע אינדיאַנער יונגען האָבן מיט זייער גאַנצער גבֿורה געקלאַפּט די שטאָלענע צינגער אין די קופּערנע און מעשענע ראַנדן פֿון די גלעקער און האָבן די שטאָט פֿאַרהילכט.

טויזנטער און טויזנטער אינדיאַנער מיט זייערע ווײַבער און קינדער האָבן זיך געצויגן איבער די שמאָלינקע געסלעך צו די קירכעס. די מענער — אין זייערע טיפּישע קאָלירטע, ברייטע און גאַנץ קורצע הויזן, מיט גראָבע פֿאַרשידנפֿאַרביקע היימיש־געאַרבעטע וויקוניאַ־פּאָנטשאָס; די פֿרויען — אויך אין וואָלענע אָדער אין לײַוונטענע זייער ברייטע און ביז דער ערד לאַנגע קליידלעך, מיט פֿירקאַנטיקע פֿאַרביקע טיכער אויף דער פּלייצע, צוגעשפּיליעטע מיט צוויי עקן פֿון פֿאָרנט בײַ דער ברוסט אָדער אַרום האַלדז, וואָס האָבן געמאַכט דעם אײַנדרוק פֿון אַזעלכע קורצע פּעלערינקעס.

די ווײַבער, פֿון דער רײַכסטער ביז דער אָרימסטער, זײַנען אַלע געווען באַהאָנגען מיט צירונג פֿון קאָפּ ביז די פּיס. די אָרימערע האָבן געטראָגן האַלדזבענדער פֿון שטיינדלעך, פֿון ביינדלעך, פֿון קוואַרץ, פֿון העלצלעך, פֿון כּייעשע און מענטשישע ציין, און אויף די אָרעמס צו צען און מער ביינערנע בראַסלעטן־רײַפֿלעך. די אויערינגען זייערע זײַנען אויך געווען פֿון די זעלבע מאַטעריאַלן. די רײַכערע האָבן געטראָגן צירונג פֿון זילבער, פֿון גאָלד און פּלאַטין, באַזעצט מיט פּאָלירטע און נישט פּאָלירטע איידלשטיינער און שנורן בורשטינענע קרעלן און אַפֿילו עכטע פּערל. גע־

# מאַרקוס פּאַרישעווסקי

זען האָב איך באַ טייל פּרויען אויף די האַנט־געלענקען בראַסלעטן ברייטע פון איין שטיק מעטאַל, מיט גראַווירונגען אין הויכן אָדער נידעריקן רע־ליעוו, אויסגעקלאַפּטע אָדער דורכגעשניטענע מיט געדולדיקע אינדיאַנער הענט און מיט די פּרימיטיווסטע אינסטרומענטן.

אוואַדע 95 פּראָצענט פון די אַלע אינדיאַנער זיינען געקומען צו פוס פון פופציק מייל אַרום איאַקוטשאַ. אַנשטאַט שיך האָבן די מערסטע געטראָגן אַזעלכע סאַנדאַליעס, אַליין געמאַכטע פון אַ שטיקל לעדער אָדער פון אַ שטאַרקער קאָרע, אַ פּאָדעשווע בלויז, איבערגעבונדן צווישן די פינגער און איבערן קנעכל מיט אַ שטריקל פון פּאַלמענבלעטער. נאָך אָרי־מערע זיינען געקומען אינגאַנצן באָרוועסע. כמעט אַלע אינדיאַנערקעס, נאָך גאָר יונגע מיידלעך אַפילו, זיינען געקומען מיט קלומקעס אויף די פּלייצעס. דאָס האָבן זיי געבראַכט זייער סחורה צו פאַרקויפן. מאַמעס און שוועסטערלעך האָבן אַבוץ די קלומקעס נאָך געטראָגן אויף די פּלייצעס אַ קינד אָדער צוויי אין אַ זעקל. איר האָט געקענט זען אַ מיידעלע פון אַ יאָר זיבן אָדער אַכט טראָגן אַזוי אירס אַ יונגער ברידערל, וואָס האָט אויסגעזען גרעסער פון דער שוועסטער אויף וועלכער ער האָט געריטן.

געווען זיינען אָבער אויך אינדיאַנערקעס וואָס האָבן געריטן אויף אייז־לען און מויל־אייזלען און אַפילו אויף ביקעס און אויף קי. דאָס זיינען גע־ווען, זעט אויס, גאַנץ ציוויליזירטע אינדיאַנערקעס וואָס האָבן זיך דער־וועגט צו ברעכן די טראַדיציע נישט צו מאַטערן די בהמות.

געקומען זיינען אויך אויסלענדער, מערסטנס נאָרדאַמעריקאַנער און ענגלענדער, וועלכע האָבן זיך געוואָרפן אין די אויגן מיט זייערע ברייטע געקעסטלטע אָדער שוואַרץ און רויט געפּינטלטע הויזן, מיט זייערע פאָ־טאָגראַפישע אַפּאַראַטן און בינאָקלען אָנגעהאָנגען אויף די אַקסלען. נישט געפעלט האָבן אויך הויכע בייכיקע דייטשן אין רייט־הויזן מיט רויטע באַליעווע־שטיוול, מיט אַ שפּיץ־רוט אין איין האַנט און אין דער צווייטער אַ לאַנגע קייט, אויף וועלכער ער פירט אַ הונט אָדער צוויי; דיפּלאָמאַטן פון פריינטלעכע לענדער, העכערע מיליטער־לייט, וואָס זיינען אָנגעקומען אין אָמניבוסן, אויטאָמאָבילן, מאָטאָציקלעטן און סייד־קאַרס.

דער גרויסער שפּאַציר־פּלאַץ וואָס קעגניבער מיין פענצטער איז וואָס אַ רגע געוואָרן אַלץ פולער מיט מענטשן, ווייסע, שוואַרצע, געלע, גע־מישטע און דעריקער פולבלוטיקע ברוינע אינדיאַנער. פונעם שפּאַציר־

## צווישן ווילדע און ציוויליזירטע

פלאַץ האָט די מענגע געשטראָמט צום מאַרק. אויך איך בין אַהין פאַר־שלעפט געוואָרן מיט דעם מענטשן־שטראָם.

דער מאַרק געפינט זיך אין אַ ברייטן הויף מיט אַ טיילווייזן דאַך, ווי אַ גאַלעריי, פון אַלע פיר זייטן. און מער ווי דער געדרענג, איז דאָרט גרויס דער געשטאַנק, וואָס מען קען אים פאַרגלייכן נאָר צום איפּעש פון קיינמאָל נישט גערייניקטער חזיר־שטאַל. עטלעכע הונדערט אינדיאַנער און אינדיאַנערקעס זיצן אין דעם „האָל" אויסגעזעצט אַף די שפּיץ־פינגער פאַר זייערע זעקלעך, פּעקלעך אָדער קופּקעלעך סחורה: מאַיס, קאַרטאָפל, גערשטן און אַנדערע תבואות, גרינסן און פרוכטן, מילכיקס און פליישׂ; געטרוקנטע. באַם אַריינגאַנג, פון אַלע פיר זייטן, האָבן זיך אויסגעזעצט אויך אַף די שפּיץ־פינגער, אינדיאַנערקעס באַ אימפּראָווויזירטע קיכן מיט זודיקע זופּן, פליישן און הייסע וואורשטלעך.

אַף מיין רייזע צווישן די אינדיאַנער בין איך געוואָרן אויס מפונק און איך האָב מיך פּאַסמאַקעוועט מיט אַ פּאָר וואורשטלעך און האָב געקויפט אַף אַהיים פאַר סורוהאַלפּאַן אַ פּערטל ווילדן אינדיק אַן אָפּגעזאָטענעם, נאָר די מיעסע מדה, וואָס איך האָב געזען פון דער פאַרקויפערן, איז גע־וועז אַזוינס, וואָס איך האָב נאָך צווישן די מיעסע געוואוינהייטן פון די אינדיאַנערקעס ביז דעמאָלט נישט געזען און ווען איך לויף נישט צו צו אַ צווייטער שטעל, וואו מען האָט פאַרקויפט פּיסקאָ, און טרינק נישט אויס פון דעם געשמאַקן פּערואַנער שנאַפּס אַ גאַנץ פערטל ליטער, וואָלט איך מיך זיכער געעקט דאָרט אַפן אָרט: דאָס גאָרנישט מיעסע, זעכצניע־ריקע מיידל האָט גאַנץ פשוט אַרונטערגערוקט די האַנט צום „אותו מקום" און דערנאָך אָפּגעלעקט איר מענסטרואַציע־בלוט פון די פינגער...

פון דאָרט בין איך אַוועק צו די שטעלן וואו מען פאַרקויפט קונסט־זאַכן, פּערפומען און פאַרבן. דער אַיאַקוטשער אינדיאַנער איז שוין באַ־קאַנט אַלס פעיקער טעפער, וועבער, שניצער און מאָלער, ליים־קלעפּער און גראַווירער. עס האָבן אַ שם זייערע טעפּיכער, זייערע קרוגן און זייערע „הואַנקאָס", ווי זיי רופן די געצן אין דער געשטאַלט פון מענטשן און חיות, שלאַנגען און רויב־פייגל, וואָס יעדע אינדיאַנער משפחה האָט זיך איר אייגענעם, אַכוץ דעם אַרויפגעצוואונגענעם קריסטלעכן גאָט און זיי־נע הייליקע. מיט זייער גערולד מאַכן זיי אַלץ. נאָר וואו האָבן זיי זיך אויסגעלערנט מאַכן אָט די פאַרבן און עסענצן, וואָס די ציוויליזירטע כע־מיקער קענען נישט נאָכמאַכן?...

# מ אַ ר ק ו ס   פּ אַ ר י ש ע װ ס ק י

איך האָב איינגעהאַנדלט איינציקע פון די אַנטיקן, נאָר מער ווי אַלץ בין איך געשטאַנען און האָב באַוואונדערט די אייגנאַרטיקע קונסט. ווי איך בין אַזוי געשטאַנען, האָט מיך אַן עלטערע אינדיאַנערקע אָפּגערופן אָן אַ זייט און האָט מיר פאָרגעשלאָגן קויפן אַ רעדוצירטן מענטשן־קאָפּ.

דער קאָפּ איז געווען פון אַ מענטשן אין די דרייסיקער, נאָר רעדוצירט צו אַ צוועלפטער פון זיין נאַטירלעכער גרייס. ביז היינטיקן טאָג איז עס פאַר מיר אַ סוד ווי מען קען דאָס מאַכן אַזוי, אַז נישט געקוקט אַף זיין רעדוצירטקייט, זאָל דער קאָפּ איינהיטן ניט נאָר די ביינער, די הויט און די האָר, נאָר זאָל נישט פאַרלירן זיינע געוועזענע לעבעדיקע שטריכן, זיין פיזיאָנאָמיע.

די אינדיאַנערקע האָט מיר דערציילט: דער קאָפּ איז פון איר זון, וועלכער איז געשטאָרבן פון אַ גרויסער דאָזע קאָקאַין, וואָס ער האָט איינגענומען. זיין פאָטער, דער קאַציק פונעם דאָרף, האָט דעם אייגענעם זונס קאָפּ אָפּגעשניטן און האָט אים קינסטלעך פאַרקלענערט כדי אַזוי אים צו פאַרייביקן. איצט זיינען זיי אין גרויס נויט און ער האָט געשיקט דאָס ווייב, די מאַמע פונעם זון, מיט דעם קאָפּ אָפּן מאַרק אים צו פאַרקויפן. איך האָב נישט לאַנג געטראַכט און האָב געקויפט דעם מענטשן־קאָפּ פאַר איין פערואַנער פונט.

---

נאָכן מאַרק האָבן זיך אָנגעהויבן די הוליאַנקעס. די שענקען האָבן נישט געהאַט קיין רגע רו. אַלע האָבן געטרונקען: פון די קולטורעלסטע ביז די פרימיטיוועסטע, פון די רייכע דאַמען און הערן, פּאָליטיקער, מיליטער־לייט און דיפּלאָמאַטישע פאָרשטייער ביז די ווילדע טשונטשאָס פון טשאַנטשאַ מאַיאָ און פון דאָס דע מאַיאָ און ביז די באָטאָקודאָס פונעם וויי־טן מאַדרע דע דיאָס, וואָס האָבן געבראַכט מיט זיך קיין איאַקוטשאָ עקזאָ־טישע חיות און פייגל און זייערע פעלן צו פאַרקויפן. הונדערטער שיכּורע אינדיאַנער האָבן זיך געוואַלגערט אין די רינשטאָקן, אין די מיסטן, אין די בלאָטעס, נאָכדעם ווי זיי האָבן פאַרטרונקען זייער פּראַצע פון אַסאַך וואָכן, חדשים און אפשר אויך יאָרן.

די נאָך נישט אינגאַנצן שיכּורע אינדיאַנער האָבן אומגעבלאָנקעט אי־בער די צעגראָבענע גאַסן אָנגעפאַרבטע און טאַטווירטע, פאַרשטעלטע פאַר

אָקסן און חזרים, פאַר לאַמאַס, יאַגוארן און בערן. טייל זיינען פאַרשטעלט געווען פאַר תּלינים, פאַר מלאכים, פאַר הייליקע אָדער פאַר אַ שני למלך פון דער קאָנקוויסטאַ־צייט. יעדער יום־טוב ווערט באַ די אינדיאַנער אי־דענטיפיצירט מיט קאַרנאַוואַל און די גלחים קולטיווירן דאָס און גיבן זיך אָפּ דערמיט. די גלחים גופא נעמען אָנטייל אין די יום־טובים — קאַר־נאַוואַלן מיט זייערע טעאַטראַלישע פּראָצעסיעס, וואָס ציען זיך פון איין קלויסטער צום צווייטן, פון איין מאָנאַסטיר אין אַ צווייטן און אויך באַ דעם יאָנטעוו האָבן זיי זיך אַרויסגעלאָזט מיט פּראָצעסיעס אַף עטלעכע הונדערט מעטער די לענג, אויסגעשטעלט לויט דער יעראַרכיע: אַלטע און באַבייכטע, יונגערע און דינערע און גאָר יונגיטשקע און קליינינקע, אינ־דיאַנער און יאַפּאָנעזער, וועלכע זיינען געווייגלעך די פּאַריער צווישן די מאָנאַכן.

אויך אין „אָקסן־געפּעכט" האָט די מאַכט צוגעגרייט צום יום־טוב. אַף אַ גרויס ליידיק פּלאַץ הינטער דער שטאָט, אַרומגעצוימט מיט שטע־כיקע דראָטן, איז זיך צוזאַמענגעלאָפן אַ ווילדער און היסטעריש יובלענ־דיקער המון, פון אַ פּופציק טויזנט מענטשן, ציוויליזירטע און אינדיאַ־נער, מענער און פרויען בייצווזיין אַ באמת טראַגישע פּאַראָדיע אַף דעם שפּאַנישן אָקסן־געפּעכט.

אָנשטאָט די בראַווע און בייזע מאַרענאַ־ביקעס האָט מען אַרויסגע־לאָזט אַף דער אַרענע אָנדערהאַלבן צענדליק פּאַרלעך געזונטע אינדיאַנער בחורים אין אָנגעצויגענע אָקסן־פעלן. דערפאַר אָבער זיינען די שפּיזן אַף די לאַנגע רער־שטעקנס מיט וועלכע עס האָבן בראַווירט די „פּיקאַדאָרעס", רייטנדיק אַף מויל־אייזלען אָנשטאָט אַף פערד, געווען עמעסע, די פענד־לעך מיט שפּיצן, וואָס די „באַנדעריליעראָס" האָבן געשטאָכן אין די „אָק־סענע" נאַקנס און אויך די שווערדן, וואָס די „עספּאַדאָס" האָבן געהאַלטן גרייט אַף אַריינצושטעכן דעם צעווילדעוועטן „אָקס" אינעם העכסטן מאָ־מענט פון צעיושעטקייט, זיינען געווען עמעסע. פיר זיינען זיי געווען די „עספּאַדאָס", צעשטעלט אין באַזונדערע ערטער.

און אַלע — די „פּיקאַדעראָס" אַף די מויל־אייזלען, די „קאַפּאַס" מיט די רויטע טיכער אַף צו רייצן די „אָקסן", די „עספּאַדאָס" און די „באַנדעריליעראָס" — אין פּאַפּירענע באַפּוצעכצן, האָבן גענומען זייער שפּיל טויט־ערנסט: די „קאַפּאַס" האָבן גערייצט די „אָקסן" מיט זייערע רויטע טיכער און די „אָקסן" האָבן אָנגעשטעלט זייערע הערנער זיי דורס

צו זיין, די „פּיקאַדאָרעס" האָבן די שאַרפע שפּיזן אָנגעשטעלט גלייך דעם „אָקס" אינעם מוח צווישן די הערנער און די „באַנדעריליעראָס" האָבן געשטאָכן די פענדלעך די „אָקסן" אין די נאַקנס און דעם עולם האָט גע־רעוועט, געשפּרונגען פון דער הויט און געפּאַטשט היסטעריש אין די הענט באַ יעדן שטאָך וואָס האָט דערלאַנגט איינעם פון די פעכטער מיט זיינע טויטע הערנער און באַ יעדן בריקע מיט קאָפּיטעס וואָס אָ מויל־אייזל האָט דערלאַנגט דעם „אָקס".

פּלוצים האָט אַ ווילדער טייוולאָנישער סוויסטש און אַ גערעווע דורכ־געשניטן דעם גאַנצן פּלאַץ. איינער פון די „פּיקאַדאָרעס" האָט אַ מער־דערלעכן שטאָך געטון דעם „אָקס" און דאָס פּאָרל אין דער אָקסן־פעל איז אַנידערגעפאַלן ווי אַן אונטערגעהאַקטער בוים.

— דערהאַרגע אים, דערשטעך אים, צעטרעט אים! — האָט דער ווילדער המון גערעוועט.

דער שפּיל פאָדערט, אַז נאָכדעם ווי דער „אָקס" איז דערשטאָכן, זאָל דער „טאָרעאַדאָר" זיך פאַרנייגן פאַרן פּובליק אין די לאָזשעס און די פערד זאָלן אוועקשלעפּן דעם פּגר. נאָר דאָ איז עס אַנדערש געשען: אַ צווייטער „אָקס", שוין באמת אַ צעווילדעוועטער, איז שטורמיש אָנגע־לאָפן אַף דעם „פּיקאַדאָר" און אים אַ שליידער געטון צו דער ערד און אַזוי ווילד אויך אַריין צווישן די געהויבענע געסט, וואָס האָבן זיך גע־נומען צעשפּאַרן אין דער מהומה, ווי זיי וואָלטן פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז שוין גאָרנישט קיין שפּיל, נאָר בלוטיקע אינדיאַנישע נקמה. דער הויפּט־טאָרעאַדאָר, אַן עמעסער אַנדאַלוז, וואָס האָט געהאַלטן גרייט אין זיין האַנט זיין לאַנגע צוויי־שאַרפיקע שווערד האָט זיך אַ לאָז געטון נאָך דעם צעווילדעוועטן „אָקס" און זי אַריינגעשטאָכן אין אים איין מאָל און אַ צווייטן מאָל, אַ נאָך שטאַרקערן, און דער פאַרוואונדעטער אָקס האָט אַ מענטשלעכן דאָפּלטן געשריי געטון און איז ווי אַ שטיק בליי אוועקגע־פאַלן אין אַ טייך בלוט צו דער זאַמדיקער ערד...

אַן אַלטע גרייז־גרויע מאַמע, אַן אינדיאַנערקע, וואָס האָט געהאַט די זכיה צו שטיין אינעווייניק, האָט אין דעם געפאַלענעם אָקס דערקענט אירע צוויי זין. אונטערגעקומען זיינען שוועסטער און מומעס און קוזינעס און אַ שרעקלעך געוואוי אַן אינדיאַנישער האָט זיך צעטראָגן איבערן פּלאַץ. די מאַמע, די שוועסטער, האָבן זיך געביסן די הענט, די פינגער ביז בלוט אין ווילדער פאַרצווייפלונג און דער אינדיאַנער המון, וואָס האָט פריער

# צווישן ווילדע און ציוויליזירטע

געיובלט און אפשר מיטגעשריגן אינעם אַלגעמיינעם ענטוזיאַזם: „דער־הארגע אים, דערשטעך אים, צעטרעט אים", האָט איצט מיטגעוויינט, מיטגעקלאָגט...

דאָרט אָבער, אַף דער אַרענע, האָט זיך ערשט איצט אַף אַן עמעסן צעשפּילט דער אַקסן־געפּעכט אַף לעבן און אַף טויט און דער אינדיאַנער המון, פון דער אַנדער זייט פאַרצוימונג, האָט גענומען שטורמען די דראַ־טענע וואַנט כדי אַריינצובאַקומען זיך אינעווייניק און העלפן די אָקסן. רייטער־פּאָליציי האָט זיך אַריינגעריסן צווישן עולם און זעלנער האָבן גע־נומען קלאַפּן מיט דער פלאַכער זייט פון זייערע שווערדן איבער אינדיאַ־נישע קעפּ. אויך אינעווייניק איז געלונגען איינצושטילן דאָס געפּעכט. פּאָליציי, גלחים און מיליטער־לייט העלפן אָפּבינדן די אָקסן־פּעלן. כ'זע מען נעמט אַרויס פונעם צולעצט געפאַלענעם אָקס צוויי יונגע אינדיאַנער ריזן, צוואַנציק־יעריקע. איינער איז געפערלעך פאַרוואונדעט אין בויך און דער צווייטער אינעם נאַקן, אַבוץ קלענערע וואונדן וואָס זיי האָבן באַקומען.

וואו איז ערגיץ די „גיבע הילף"? וואו זיינען ערגיץ די דאָקטוירים, וואָס זיינען זיך צום ספּעקטאַקל אָנגעפאָרן פונעם גאַנצן לאַנד? קיין אַפּ־טייק אַפילע איז נישטאָ קיין אָפּענע. אַלץ איז געשלאָסן צוליבן יום־טוב און די אַפּטייקערס גלוסט זיך ניט צוליב אַזאַ קלייניקייט ווי פאַרבינדן די וואונדן פון אַ פּאָר אינדיאַנער, זיך מטריח זיין... אינעם צווייטן „אָקס", איז איינער פון דעם פּאָרל, דער פעדערשטער, געליגן אינגאַנצן אַ פאַר־בלוטיקטער, מיט אַ צעבראָכענעם ברוסט־קאַסטן, מיט אַ רציחה־שטאָך אין האַלדז און איינער אַפן שטערן. דער צווייטער, דער הינטערשטער, האָט געהאַט אַ טיפע וואונד אין בויך און ביידע פיס זיינען אים געווען צע־בראָכן. די פאַרוואונדעטע האָט מען אַרויסגעטראָגן און די שפּיל איז ווייַ־טער געגאַנגען, ביז אַלע „אָקסן" זיינען באַזיגט געוואָרן, לויטן פּראָגראַם פון דעם יום־טוב לכבוד דעם נצחון איבער די שפּאַניער...

---

און נאָך איין ספּעקטאַקל האָב איך בייגעוואוינט, אויפגעפירט לכבוד דעם יום־טוב: אַ מיליטערישן. געווען איז עס אַ סימולאַקר פון דער בלוטיקער שלאַכט, וואָס איז מיט הונדערט יאָר צוריק פאָרגעקומען אַף דעם זעלבן

# מאַרקוס פּאַרישעווסקי

פּלאַץ, אויף דעם הויפּטטאָג־טאָג. דעם 25־טן דעצעמבער נאָכמיטאָג, האָט דער מאַיאָר סאַלוואַטיעראַ, וועלכער איז אײַנגעשטאַנען אינעם זעלבן האָטעל און איז מיט מיר געוואָרן גוטברודער, מיך אײַנגעלאַדן בײַצווווינען די שלאַכט. און מיר זײַנען אַרויסגעריטן צו דעם פּלאַץ צוזאַמען מיט אַנדערע מיליטער־לײַט און רעגירונגס־באַאַמטע אין דער שפּיץ פון אַ לאַנגער פּראָצעסיע שילער און זעלנער, וואָס האָבן זיך אויפן פּלאַץ צעטײלט אויף צוויי פײַנטלעכע אַרמייען: דער שפּאַניאָלישער און דער פּערואַנישער אָדער אַמעריקאַנישער, מחמת באַשטאַנען איז סוקרעס אַרמיי מערסטנס פון קאָלאָמביאַנער.

צוערשט האָבן מאַרשירט אין פולער מלחמה־אויסשטאַטונג, צו זעקס אין אַ ריי, עטלעכע הונדערט מיידלעך, שילערנס פון די קאָנווענטן און פון די רעגירונגס שולן. אַ צוואַנציק מעטער פאַר זיי, האָבן געריטן אויף העלדישע פערד און מיט אַנטבלויזטע שווערדן, אַ קאָראָנעל און אַ קאַפּיטאַן פון איין זײַט און פון דער צווייט זײַט מײַן גוטער ברודער דער מאַיאָר, וועלכער האָט מיך אײַנגעלאַדן איך זאָל רײַטן לעבן אים. ווער ווייס פאַר וועמען דעם גרויסער עולם צוקוקער האָט מיך אָנגענומען, צוקוקנדיק ווי איך באַגרים מיך מיט דעם פּרעפעקט און רייד מיט דעם מאַיאָר אויף „דו", מחמת דער כבוד, וואָס מען האָט מיר אָפּגעבען, איז געווען ווערדליק פאַר גאָר אַ גרויסער פּערזענלעכקייט...

הינטער די מיידלעך איז געפאָרן אַ הויכע אויסגעפּוצטע קאַרעטע, געשלעפּט פון פיר פאַר רויטע ריזן־פערד, נאַשפּיץ, און אויפן העכסטן אָרט, אין ווײַסן אָנגעטון און אַרומגעהילט מיט פּערואַנער פענער און צווישן אַ שפע מיט בלומען — דאָס שענסטע אָנגעפּאַרבטע מיידל, וואָס האָט צופעליק פאַרווײַלט אין איאַקוטשאָ, אַלס סימוואָל פון דעם פאָטערלאַנד.

— זעסט, פרײַנט, — האָט דער מאַיאָר מיר צוגעוואָרפן אַ פּאָר ווערטער, — איך שפּיי אויף דער בתולה!... די מויד איז גאָרנישט ניט ווערט... אָבער, איצט מוז איך זי רעספּעקטירן צוזאַמען מיט די נאַציאָנאַלע פאַרבן, וואָס זי טראָגט אויף זיך און אַפילו דאָס לעבן אַוועקגעבן! אַזוי איז, אַז מען איז אַ סאָלדאַט!... גאָר גיך אָבער, וועלן בלאָזן אַנדערע ווינטן... אגב, וואָס זאָגסטו? דידאַזיקע בתולה איז עס דער סימוואָל פון אונדזער צניעות...

נאָך דער קאַרעטע זײַנען נאָכגעגאַנגען עטלעכע הונדערט מאַנאַכן, דערנאָך מאַנאַשקעס און הינטער זיי די שילער פון אַלערליי מיטלשולן, באַ־

וואַפּנטע און מיט דער גאַנצער מיליטערישער אויסשטאַטונג. געשלאָסן דעם פּאַראַד האָבן אַ פּיר מאות עכטע זעלנער און גאָר צום סוף צוויי מאות רעקרוטן אינדיאַנער, באַוואָפּנטע מיט הילצערנע ביקסן און טייל־ווייז מיט פּאַשעטע שטעקנס. מען האָט זיי נאָך קיין געווער נישט אָנגעטרויט. נאָר געגאַנגען זיינען אַלע מיט מיליטערישן טראָט.

אָפּגעשטעלט האָט זיך דער פּאַראַד אויף אַ הויכן האַלב־גלייכן פּליין, אַ קנייטש אין אַ פּאַלד פון אַ ריזן־באַרג, צווישן בערגלעך און טיפע טאָלן מיט שוואַרצע אָפּגרונטן. דאָ האָט מען פונאַנדערגעטיילט די צוויי מחנות: די שילער און די שילערינס אונטער דער קאָמאַנדע פון אַן עלצטן, וואָס האָט געהאַט אויף זיך די ראָל פון דעם גענעראַל סוקרע און אַ פּאָר הונדערט מעטער ווייטער די זעלנער און די רעקרוטן אונטער דער קאָמאַנדע פון אַ „שפּאַניאָלישן גענעראַל“.

אָנגעהויבן האָט זיך די שלאַכט מיט אַ שיסעריי פון ביקסן, מעטראַליעס און האַרמאַטן, מיט פּאַפּירענע קוילן, נאַטירלעך, ווי אויף מאַנעוורעס. און נאָך העכער צוויי שעה שיסן און טרומייטערן און פּויקן, האָט זיך דערהערט דער באַפעל:

— אויף די באַיאָנעטן!

די מיידלעך און אינגלעך, מיט זייערע יונגע פּיסלעך און עקזאַלטירטן פּאַטריאָטישן ברען, האָבן זיך אַ לאָז געטון מיט ווילדע געשרייען אויף די „שפּאַניאָלן“, זיינען דורכגעלאָפן זייערע רייען, האָבן אַסאַך פון זיי געכאַפּט געפאַנגען און די איבעריקע „שפּאַניאָלן“ זיינען זיך צעלאָפן צווישן די בערג, איבערלאָזנדיק די פאָנען, דאָס געווער און אַסאַך „טויטע און פאַרוואונדעטע“...

— זעסט, אַמיגאָ, — האָט מיר אויפגעקלערט דער מאַיאָר, — אָט אַזוי שאַפט מען באַ דער יוגנט אַ פּאַטריאָטישע מיסטיק און מען סטימולירט באַ זיי אַ נאַציאָנאַליסטישן קריגערישן גייסט קעגן אונדזערע שונאים, וואָס האָבן אָפּגעריסן שטיקער פון אונדזער פאָטערלאַנד און לויערן נאָך ווייטער אויף דעם אומשולדיקן רייגעם און פרומען פּערו!...

נאָך דער שלאַכט, האָט דער מאַיאָר מיך פאָרגעשטעלט פאַר דער פרייליין „פּאַטריאַ“, וועלכע איז געזעסן באַ אַ פעלד־טישל, לעבן די אימפּראָוויזירטע שענקלעך, וואָס די כינעזישע שענקער האָבן דאָרט באַוויזן אוועקצושטעלן. געזעסן איז זי אַרומגערינגלט מיט העכערע גלחים און אָפיצירן און דאָרט האָבן מיר זיך אויך אוועקגעזעצט און אויסגעטרונקען

## מארקוס פארישעווסקי

א לחיים מיט דער שוין פריילעכער גרופע. געטרונקען האבן מיר קאלטן ביר און צוגעביסן מיט ברענענדיקע, שטארק געזאלצענע כינעזישע ווארשט־לעך, וואס מען האט ווידער געמוזט לעשן מיט ביר. די ווארשטלעך האט יעדן איינעם צוגעטיילט, ווי א כיבוד, דאס פריילן „פאטריא" און אפזאגן איר האט מען נישט געקענט.

כאטשע דער קאפ האט זיך מיר שוין אביסל געדרייט פון צופיל טרינקען, האב איך פונדעסטוועגן נישט פארגעסן זיך איינצוקוקן אינעם ליכטיקן פנים פון דער „פאטריא". און זי האט באמת פארדינט דעם כבוד אויסגעקליבן צו ווערן פאר דעם סימוואל. זי איז געווען א הויכע און א שלאנקע, מיט שאטענע האר און שווארצע געדיכטע און רונדע ברע־מען. אן עמעסע שיינהייט.

די אנדערע טרינקער און דאס פריילן „פאטריא" זיינען שוין געווען ווייט פארשנאשקעט און זי האט אונדז אלעמען פארבעטן צו זיך. זי האט פונדעסטוועגן נישט פארגעסן הויך אפן קול אונדז צו ווארענען, אז זי איז אן אנשטענדיקע בתולה און א קאשערע צנועה, א סימן, מען האט זי אויסגעוויילט פאר דעם סימוואל פונעם פאטערלאנד...

— אויסדערוויילטע סעניאריטא, רייד נישט אזוי און פארבעט נישט קיינעם, פארגעס נישט, אז דא זיצט אן אויסלענדער, וואס קען אנדערש אנעמען דיין איינלאדונג. — האט צו איר געזאגט אפן אויער א העבע־רער גלח, אבער געגנוג הויך אז אלע זאלן אים הערן.

די מיליטערלייט און די גלחים האבן גענומען באדייטונגפול זיך אי־בערקוקן און איך האב נישט געווארט אף קיין מער דייטלעכער אנצוהע־רעניש און האב מיך גאנץ העפלעך מיט אלעמען צעזעגנט.

א שאד, געווען איז דארט אזוי פיל צו זען. און אפשר איז מער ווי דאס נישט אויסן געווען דער קלוגער גלח.

אהיימקומענדיק אין האטעל, האב איך געטראפן א גאסט. הואמאהור־הופא, א ציוויליזירט געקליידטער, איז געזעסן באם בעט לעבן סורוהאל־פאן און איר אונטערגעהאלטן א גלאז קאקא־טיי מיט טרוקענע קיכלעך...

# קאַפּאַק יופּאַנקי

זיצנדיק מיט מיר לעבן בעט פון דער קראַנקער, האָט הואַמאַהואַפּאַ מיך פּלוצים אַ פרעג געטון צי איך ווייס עפּעס פון דער אינקאַישער פאַרגאַנגענהייט. ער אַליין, האָט ער מיר פאַרטרויט אַ סוד, שטאַמט, לויט דער טראַדיציע וואָס די פאַמיליע האָט, פון דער קאַסטע אינקאַישע פּריסטער און אַדעליקע, וואָס די שפּאַניער האָבן אַ נאָמען געגעבן אָרעכאָנעס, מחמת בא זיי איז פאַרבליבן די אַלטע געוואוינהייט צו טראָגן גרויסע רייפלעך אין די אויערן.

— יאָ, יאָ, בלאָנדער האַרעלע, — האָט ער מיר פאַרזיכערט — פון די פּריסטער און פון די אַדעליקע, נאָר ניט פון אַזעלכע ווי די היינטיקע גלחים און גוטבאַזיצער. זיי זיינען נישט געווען רייכער ווי אַלע אַנדערע מענטשן פונעם פאָלק, נאָר געלערנטער, און האָבן געוואוסט ווי אַזוי צו פירן די מענטשן זיי זאָלן זיין גליקלעך... מיט אַסאַך הונדערטער יאָרן צוריק האָבן אַלע מענטשן אין דער גאַנצער צעשפּרייטער אינקאַישער אימפּעריע געמוזט אַרבעטן און ווער עס האָט זיך געפוילט, האָט נישט געהאַט וואָס צו עסן, אַזוי ווי איצט אינעם לאַנד פון די באָלשעוויקעס. די פרויען, אין צייט פון שוואַנגערשאַפט און פון זויגן, זיינען געווען שטרענג געשיצט. די ערד האָט געהערט צום גאַנצן פאָלק. אַלע פאַמיליעס האָבן געהאַט אַ גלייכן חלק ערד, לויט דער צאָל נפשות... יאָ, יאָ, בלאָנדער האַרעלע, אַזוי איז עס געווען!

...די בלוט־דורשטיקע שפּאַניאָלן האָבן אונדז געשטעמפּלט פאַר באַרבאַרן. אָבער, געווען זיינען די אינקאַס נישט קיין באַרבאַרן, נאָר נאַיווע מענטשן, אַ פרידלעך פאָלק, וואָס האָט געלעבט מיט דער זיכערקייט אין זיך און האָט געגלויבט, אַז אויך די שפּאַניאָלן זיינען אַזעלכע פרידלעכע מענטשן. „באַרבאַרן” זיינען די אינקאַס געווען, ווייל זיי האָבן נישט געהאַט קיין פערד און קיין פייער־געווער און קיין פאַלשקייטן, ווי די שפּאַ־

ניאַלן; דערפֿאַר האָבן זיי געהאַט קאַרטאָפֿל און מאַיס און טאַבאַק און קאַקאַאָ, וויקוניאַס און לאַמאַס און עמעסע כאַווערשאַפֿט צווישן זיך. „באַר־באַרן“ זיינען די אינקאַס געווען דערמיט וואָס זיי האָבן זיך אָפּגעגע־שטעלט דעם רויב, וואָס די שפּאַניאָלן האָבן אָנגעהויבן, אַזוי ווי קעגן דעם רויב פֿון די ווילדע אינדיאַנער שבטים, מיט זייערע פּרימיטיווע פֿיילנבויגנס און האָבן געשווינט די נאַכט, וואָס אינטי (די זון) האָט געגעבן צום רוען... און אויך דערמיט זיינען זיי געווען „באַרבאַרן“, וואָס זיי האָבן נישט פֿאַר־שטאַנען די קעציִשע גענג פֿון די גלחים, וואָס האָבן זיי אַריינגענאַרט מיט אַ רחמנות־שמייכעלע און דערנאָך זיי פֿאַרפּייניקט אין דער אינקוויזי־ציִע... זיי האָבן אונדז פֿריער פֿרום פֿאַרגיפֿטיקט ווי די פֿרייִלעכע קלאַפּער־שלאַנג און דערנאָך אונדז דערוואָרגן ווי די אַנאַקאָנדאַ... יאָ, יאָ, בלאָנדער הארעלע, אַזוי איז עס געווען!

...און וואָס גרעסער די רציחה פֿונעם קאָנקיסטאַדאָר, וואָס פֿאַלשער, ציניִשער און רויבעריִשער ער איז געווען, אַלץ אַ גרעסערן לוין האָט ער באַקומען פֿון די ראַכמאָנעספֿולע שפּאַניִשע קעניגן און פֿון זייער פֿרומען כענאַט. פֿראַנציסקאָ פּיזאַרראָ איז פֿאַר זיין טיגעריש האַרץ און שלאַנגישער נשמה דערהויבן געוואָרן צום הויכן ראַנג מאַרקיז און זיין חבר אַלמאַגראָ, וואָס האָט בלויז געהאַט אַ האַרץ פֿון אַ וואָלף און אַ נשמה פֿון אַ היענע, האָט פֿאַר זיינע גרויזאַמקייטן געקראָגן נישט מער ווי דעם טיטל קאַפּיטאַן אַדעלאַנטאַדאָ. זיי, אָט די וואָס האָבן אויסגעהאַרגעט אָן צאָל אינדיאַנער און מוטערס אַפֿילע מיט די קינדער אין זייערע לייבער, וואָס האָבן אומ־געטראָגן זויג־קינדער אויפֿגעשטאָכענע אַף זייערע שפּיזן, זיי זיינען די ביוויליזירטע, די גוטע, הוילע טוגנט און מיר, די אויסגעראָטענע, די גע־פּייניקטע, די באַרויבטע און עקספּלואַטירטע, מיר זיינען פֿאַרבליבן אין דער געשיכטע אַלס די באַרבאַרן...

סורוהאַלפּאַ, וועלכע איז געליגן אין בעט און שטיל געאָטעמט נאָכן אַראָמאַטישן קאָקאַ־טיי, אַזוי אַז איך האָב געמיינט זי שלאָפֿט, האָט זיך האַסטיק אויפֿגעזעצט און מיט אַ פֿאַרוויטלט פּנים אונטער אירע לאַנגע וויעס, האַלב־אַראָפּגעלאָזטע איבער אירע גרויסן אויגן, זיך אָנגערופֿן צו הואַמאַהוהופּאַן:

— דערצייל אים, דערצייל פֿון דעם פֿאַרטרוימטן קאַפּאַק יופּאַנקי! דערצייל עס מיין ציוויליזירטן הארעלע, וועל איך עס אין זיין זכות הערן נאָכאַמאָל!...

## צווישן ווילדע און ציוויליזירטע

זי האָט זיך אפּאָנים צופיל אָנגעשטרענגט דערביי און האָט זיך צוריק אָוועקגעלייגט און הואמאהוהופאַ האָט צוזאַמענגענומען זיינע ברעמען, זיין נידעריקער שטערן האָט זיך צוזאַמענגעקנייטשט און זיינע האָרלאָזע ליפּן האָבן אַ קוים באַמערקבאַרן סקעפּטיש שמייכל געטון. לאַנגזאַם האָט ער זיך אויפגעשטעלט, האָט אָנגענומען די פּאָזע פון אַן אַמאָליקן ווילאַק־אומו (אינקאַישער כהן־גדול), האָט אַרויפגעלייגט זיין לינקע האַנט אויף דער אַנטבלויזטער ברוסט און די רעכטע האָט ער פאַרקלעמט אין אַ דראָענדיקער פויסט, אַן אויסגעצויגענער, ווי אַ נביא. געעפנט האָט ער זיינע גרויסע קאַשטאַן־אויגן, וואָס ער האָט געהאַט צוגעמאַכט בעת ער האָט אָנגענומען די נביא־פּאָזע און פּאַטעטיש אָנגעהויבן:

— אין אַ פּרעכטיקן העל־בלויען און ראָזעווען פאַרטאָג, איידער נאָך דער געטלעכער אינטי האָט אינעם סוידעסדיקן מזרח גענומען עפענען די אויגן נאָכן באַנאַכטיקן דרימל, איז קאַאַפּאַק יופּאַנקי געשטאַנען אויפן דעק פון דער גרויסער קיטשימאַיאַ־שיף. געקוקט האָט ער ווי די נאַכט־קעניגן קיללאַ און אירע מיליאָנען באַגלייטער, די קאָליורס, ווי שימערירנדיקע בריליאַנטן, ווערן אַלץ בלייכער און פלוצים איז ער באַשטראַלט געוואָרן פונעם פייער־פלאַמיקן אינטי, וואָס איז דער גאָט איבער אַלע געטער. געווען איז עס אינעם ערשטן טאָג פונעם חודש ראַימי(*), נאָך פערציק אומגעשלאָפענע נעכט און פערציק אומגעגעסענע טעג. און אינטי האָט מיט זיין צאַרטן שטראַל אויף יופּאַנקיס שטערן אַרויפגעוואָרפן אויף אים אַ האַניקזיסן שלאָף און דערנאָך האָט ער אים באַרירט מיט אַ צווייטן שטראַל און יופּאַנקי האָט זיך אויפגעכאַפּט. דערפילט האָט ער אין די טיפעניש פון זיין פאַרגינפטיקן און פילבאַרן האַרצן אַזאַ אַנגסט, אַליין נישט ווייסנדיק פאַרוואָס...

...אַ צייט איז ער אַזוי געשטאַנען אין זיין בליצנדיק־רויטן און מיט גאָלד געשטיקטן קלייד מיט פּאַרלייגטע הענט אויף דער ברוסט און געקוקט צום קאָלירטן מזרח, וואָס איז נאָך געווען איינגעהילט אינעם נאַכטיקן נעפּל, צווישן די שוואַרץ־גרויע גראַניטענע בערג מיט זייערע ווייסע שפּיצן, וואו יעדע נאַכט באַהאַלט זיך אויס נאָך עד־היום דער סאָטן מיט זיינע וואַליטשים און אַנדערע שדים אין די קוויטיקע וואַטענע וואָלקנס...

---

(*) דער ערשטער טאָג פונעם חודש ראַימי, וואָס פאַלט אויס דעם צוועלפטן דעצעמבער, איז דאָס אינקאַישע ניי־יאָר.

# מארקוס פארישעווסקי

...נאָר ווי קעגן זיין ווילן צו זען די הערלעכע שיין פון דעם צויבערפולן באַגינען, האָט אַ פּיינלעכער געדאַנק אים געהייסן קוקן פּונקט פאַרקערט, צו מערב־זייט, פונוואַנען עס האָט זיך געדאַכט יופּאַנקין ער הערט אַ מעכטיקן קול, וואָס שאַלט וואָס ווייטער אַלץ ווייטיקלעכער און פאַרהילכט די רוימען פון איין עק וועלט ביזן צווייטן. און פון צווישן די ברומענדיקע און שאַלנדיקע קולות, האָט זיך אים געדאַכט, הערט ער מענטשלעכע רייד, אָבער מיט אַ קראַפט פון מיליאָנען דונערן און מיט דעם גערויש פון אַ שרעקלעכן וואַסער־פאַל, וואָס האָבן צו אים אַזוי געזאָגט:

„— אָ, דו קלוגער קאַאַפּאַק יופּאַנקי, וואוהין גייסטו? צו וועלכן שיקזאַל האָסטו זיך באַהאָפּטן? מיט וועלכן ציל האָסטו זיך געלאָזן אין וועג מיט דער אומבאַקאַנטער שיף? זאָג, פאַרוואָס האָסטו פאַרלאָזט דיין מוטער, וועלכע האָט דיר געגעבן דאָס לעבן און מיט איר ברוסט וואָס איז אין דיין מויל געוואָרן צו מילך, האָט זי דיך געשפּייזט ביז דו האָסט דיך דערזעען אַ שטאַרקן און אַ באַשיצטן פון דעם הויראַקאָטשאַ? צי פּייניקט דיך נישט דער גערויאָמער פון דיינע שוצלאָזע ברידער און שוועסטער און דער געוויין פון די הייליקע אַקלאַס (בתולות), וואָס וויינען מיט בלוט נאָך דיר אַצינדערט?...”

אַזוי האָט זיך געדאַכט יופּאַנקין הערט ער ריידן יענע מעכטיקע שטימע, וואָס האָט אָפּגעקלונגען ווי דאָס געזאַנג פון די ים־מיידלעך אין די הויכע רוימען אַף די בערג־שפּיצן פון זיין היימלאַנד און זיך פאַרלוירן דערנאָך אין דער טויטער שטילקייט פון דעם פראָסטיק־קאַלטן טיטיקאַקאַפליין אין יענער סוידעסדיקער דעמערונג בעת ער איז געשטאַנען אַף דער שיף צווישן די שטורמישע און שוימענדיקע כוואַליעס פונעם גרויסן מאַמאַקאָטשאַ (ים). און אין דער זעלבער צייט האָט יופּאַנקי געהערט ריידן אַ צווייטע שטים, וואָס איז געקומען פונעם אויפשיינענדיקן אינטי און האָט אים שטיל געצערטלט און גלייך אין אויער אַריין געשעפּטשעט:

„— גיי יופּאַנקי, גיי גוטער קאַאַפּאַק יופּאַנקי, זוך איין לעבן דעם אמת, וועסטו וויסן ווי אַזוי דיין פאָלק צו ליבן און אים באַפרייען פון פרעמדע געטער, פון פרעמדן יאָך און פון אייגענע באַדריקער. שווים ווייטער מיט אַ וואָלקן־שנעלקייט, לערן די וויסנשאַפטן פון דער וועלט, וועסטו פאַרשטיין ווי דיין פאָלק צו בילדן און אַריינגעבן אין אים אַ גייסט פון שטאָלץ און אַ דראַנג צו פרייהייט און ליבשאַפט פון מענטש צו מענטש... לערן דיין פאָלק צו גראָבן קאַנאַלן אַף צו באַוואַסערן זיינע פעלדער, צו

לייגן בריקן איבער די אָפּגרונטן און אויסהאַקן וועגן איבער די הויכע בערג. בוי פאַר דיין פאָלק שולן, אַסאַך שולן אַנשטאָט טויטע פּאַלאַצן און טעמפּלען, וואו עס האָדעווען זיך פוילעגצער און פּאַראַזיטן. דען נאָר מיט די שולן, וואו דו וועסט לערנען די יונגע קינדער ליבשאַפט צום פאָלק און צו אַרבעט, צו פרייהייט און צו גלייכהייט פאַר אינטי און פאַרן געזעץ, וועט דיין פאָלק ווערן גרויס און מעכטיק ווי זיינע עלטערן דאָרט וואו אינטי ווערט געבוירן, אין דעם ווייטן מזרח..."

דער דאָפּלטער רופן און זיין אינערלעכער אַנגסט האָבן יופּאַנקין שרעקלעך געמאַטערט און געוווייטיקט. און דעמאָלט זיינען אים אָפּן געדאַנק געקומען די דערינערונגען פון זיין שטורמישער און דאָך אייגנטאַניקער יוגנט: דאָס לערנען אין דעם הייליקן קאָריקאַנטשאַ-טעמפּל(*), זיינע חברים, די הייליקע אָקלאָס, פול מיט פייערדיקן רייץ, וואָס פלעגן איב באַדינען... און שפּעטער, ווען ער איז עלטער געוואָרן און אַ מרידה האָט אויפגעבראַזט אין זיין נשמה. קאַאַפּאַק יופּאַנקי האָט זיך אַליין געוואָלט דערקענען, כדי ער זאָל וויסן ווי צו לערנען זיין פאָלק דעם סוד פון לעבן און טויט, פון שאַפן און צעשטערן, פון גוטס און שלעכטס און זאָל גליקלעך זיין. און אָט דער הייליקער דראַנג האָט אים געשטויסן צו גיין און זוכן אין ווייטע פרעמדע לענדער, צווישן די קינדער פונעם גאָט אינטי — דעם הערשער איבער אַלץ וואָס לעבט אונטער זיין שטראַל איבער דער גאַרער וועלט, — ביז ער וועט געפינען דעם האָניק-זיסן באַלזאַם, אַרויסגעצויגן פון די קרייטעכער פון דער גוטער און תמיד בלייכער קיללאַ (לבנה), מיט וועלכע ער זאָל היילן זיינע אייגענע נשמה-וואונדן און די וואונדן פון זיין פאָלק...

אַלע זיינען נאָך געשלאָפן אויף דער גרויסער זעגל-שיף, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ קאַימאַן און זיך געטראָגן אונטערן הימל-געוועלב, וואָס איז באַפאַרבט געווען מיט העל-ראָזעווע, גרין-רויטע, ווייס-שוואַרצע און געל-וויאָלעטענע קאָלירן. אַלע זיינען נאָך געשלאָפן און איינגעאָטעמט די

---

(*) קאָריקאַנטשאַ — דער גאָלדענער פּאַרקן — איז געווען דער אינקאַישער בית מקדש. געהאַט האָט ער אַרום זיך אַ פּאַרקן פון גאָלד און אינעם טעמפּל אַ גאָלדענעם חדר, וואָס איז געווען דער קדשי-קדשים, וואו עס האָט געמעגט אַריינקומען בלויז דער ווילאַק-אומו, דער כהן גדול, אַזוי ווי אין דעם אידישן בית המקדש.

## מאַרקוס פּאַרישעווסקי

פּרישע לופט פונעם אומענדלעכן מאַמאַקאָטשאַ. בלויז די גרויס־שנאָבל־דיקע אַלבאַטראָסן און די שניי־ווייסע מעוועס מיט די אומשולדיקע ים־שוואַלבן זיינען געפלויגן אין אַ קרייז אַרום און איבער דער שיף, ווי זיי וואָלטן איר דעם וועג געוויזן און פאַר יופּאַנקי אַנטפּלעקט זייערע אַל־באַסטער־ווייסע פליגל און זייערע סאַמעטענע העלדזער געשטרעקט און אים מיט זייער גרילציקן געשריי זיין גליקלעכע צוקונפט אָנגעזאָגט...

און דער קלוגער יופּאַנקי האָט די פייגל ליב באַקומען, ווייל געזען האָט ער זייער פרייהייט, זייער זעלבסטשטענדיקייט און זייער אבסאָלוטע אומאָפּהענגיקייט, זייער שווימען אויף וואַסער און אונטערן וואַסער, זייער פליען אין דער לופטן און זייער גיין און לויפן איבער די אינדזלען און איבער די נישט צוטריטלעכע בערג און געטראַכט האָט ער זיך, אַז זיי זיינען עס די ריכטיקע קינדער פון אינטי, די שליחים פון פרייד, פון אומ־באַגרייפלעכן גליק, פון אייביקער צופרידנקייט....

אים איז אָבער זייער טרויעריק געווען, אַליין נישט וויסנדיק פאַר־וואָס. אפשר איז עס געווען דאָס שטילע געוויין פון חרטה פאַרוואָס ער איז ווי אַ פחדן אַנטלאָפן פון זיין גרויזאַמען פאָטער יאַהואַר הואַקקאַק, וואָס האָט יופּאַנקין באַשטראָפט און אים פאַרמישפּעט צו פּאַשען די טשערעדעס פונעם גאָט קאָן אין די טאָלן פון דעם בייזן וואַלקאַן אילי־מאַני? און אפשר האָט זיין געדאַנק דעמאָלט געלאָזט זיך טראָגן מיט דעם וויכער פון זיין אומבויגזאַמען ווילן צו צערייסן די קייטן פון זיין פאָטערס טיראַניי, וואָס האָט אים פאַרמישפּעט הינטער די אויגן צו פאַרגעסונג און פאַרניכטונג, ווייל יופּאַנקי האָט זיך דערוועגט זאָגן דעם פאָטער, אַז ער וויל זיין פאָלק זאָל זיין ווירדיק און זאָל וויסן מער ווי יום־טובים און געטער און אַז דער שקלאַף און דער געפאַנגענער איז אויך אַ מענטש און אַ קינד פון אינטי און מען דאַרף אים נישט פאַרפייניקן? צי אפשר גאָר דערפאַר וואָס יופּאַנקי האָט זיך געלאָזט געווינען פון זיין אייגענעם מעכ־טיקן ווילן אַוועקצושווימען ווייט, זייער ווייט, ביז צום וואונדערלאַנד, וואו עס ווערט געבוירן אינטי?

דער מאַסיוו פעבענער הימל איז אין מזרח־זייט, דאָרט וואוהין די שיף איז געשוואומען, געוואָרן אַלץ העלער און ליכטיקער, וואָס אַ רגע אַלץ מיט מער פּראַכט, אין אַ געמיש פון העל־בלוי מיט שווינדל־פּאַסן פון אַגאַט און אין דער הינטערגרונט פון דעם פייערדיקן הימל־געוועב — ווייס און גרין,

די שטאָט אַרעקיפּאַ. אין הינטערגרונט דער וואולקאַן מיסטי.

פּוקאַנקי
באַלאַנקיע.

סאנטא — פוקאנקי כאַלאַנקיעס
ווייב.

קאראפאהוידא און טאַפארפא — פוקאנקי
כאַלאַנקיעס טעכטער.

# צווישן ווילדע און ציוויליזירטע

רויט און ווייס און שוואַרץ און געל און קאַבער־בלוי, ביז עס איז געבוירן געוואָרן אינטי מיט אַ פּנים פון אַ הייליקער אַקלאַ־אומו (נעוויעטע).

דער ווייטער האָריזאָנט, דאָרט וואו די הימל־בלויקייט קושט זיך מיט דער ערד, וואָס איז אַזוי כווישעכדיק שוואַרץ געווען און כמעט צום אָנטאַפּן נאָנט ווען אינטי איז געשלאָפן, איז נאָך אינטים דערוואַכן, מיט יעדן אויגנבליק געוואָרן אַלץ ווייטער אין אַלע זייטן. און ווען די שיף איז שוין גאָר ווייט געווען פון אינטים היים־ברעגן און אַפילו די העכסטע באַרג־שפּיצן פונעם אַנטיסויאַ (קאָרדיליערע) האָבן זיך שוין נישט אָנגעזען און געזען האָט זיך אַרום נישט מער ווי דער שוימיקער גרין־בלויער וואַסער־תהום, האָט יופּאַנקי, אין זיין איינזאַמקייט, ווייט פון אַלע בייעשע אינסטינקטן, ווייט פון אַזעלכע געבאָטן ווי: יענעמס צונעמען און זיינס נישט געבן, מיט זיין קלאָרן און ווייט־זעענדיקן פאַרשטאַנד באַגריפן ווי אַזוי זיין פאָלק בלויז גוטע מידות צו לערנען...

און יופּאַנקי איז צוריק נישט געפאָרן.

ער איז מיט זיין שיף געשוואומען אַרום דער וועלט.

און נאָכדעם ווי ער האָט באַטראַכט די גאַנצע לענג פונעם אַנטיסויאַ פונעם ווייטן צפון־מזרח ביז אַראָפּ צום דרום־מערב, ביז די קאַלטע אינדזלען, איז ער אַרום דעם שפּיציקן עק פונעם פייערלאַנד, אַריין אינעם אַטלאַנטישן אָקעאַן און דורך אים אינעם גרויסן אַמאַזאָנאַס־טייך. שיפנדיק אַרויף, איז ער צוריק צו זיין בענקענדיקן פאָלק געקומען...

און קאַאַפּאַק יופּאַנקי האָט טאַקע זיין פאָלק באַפרייט פון אַלע פרעמדע געטער און בלויז דעם איינציקן גאָט אינטי זיך געלאָזט, וואָרום אינטי און זיין ווייב קיללאַ לעבן אייביק און שאַפן כסדר אַלץ נייע לעבנס... קאַאַפּאַק יופּאַנקי האָט אויך באַפרייט זיין פאָלק פון פרעמדע און אייגענע שונאים, פון פרעמדע און אייגענע באַדריקער. ער האָט אויסגעבויט אַסאַך שולן, וואו ער האָט זיין פאָלק געבילדעט און האָט אין זיי איינגעוואָרצלט גוטע ברידערלעכע מידות, כּאַווערלעכע געזעצן געגעבן און ליבשאַפט פון מענטש צו מענטש אין זיי איינגעפלאַנצט...

אין זיין צייט האָט קיינער אינעם גאַנצן פּירו־לאַנד (פּערו) נישט געהונגערט, קיינער האָט נישט געלעבט פון דעם צווייטנס פראַצע און יופּאַנקי אַליין פלעגט באַאַרבעטן זיין חלק ערד. דאָס גאַנצע פאָלק איז געווען געבילדעט און האָט דערפאַר פאַרשטאַנען ווי ליב צו האָבן און ווי צו פאַרטיידיקן דאָס זיסע פאָטערלאַנד. ניט ווי אונטער די לעצטע רעגירער,

# מ א ר ק ו ס  פ א ר י ש ע ו ו ס ק י

ווען צופיל ווייבעריי, צופיל כהנים, פאלשקייט, חניפה, גאווה, ברוטאלע מאכט און אומוויסנהייט האבן גענומען די אויבערמאכט און געוועלטיקט... וואס דאס האט געבראכט דערצו, אז א הייפעלע חזרים־פאשער, מיט פיזאררא און אלמאגרא אין דער שפיץ, זאלן איינעמען דאס גרויסע לאנד און מיליאנען אומשולדיקע מענטשן, אלטע לייט, פרויען און קינדער אכזאריעסדיק אויסשעכטן און בארויבן...

אזוי, אזוי, בלאנדער הארעלע, איז עס געווען!

קאאפאק יופאנקי האט דאס לאנד באפרייט פון די טשונטשאס (ווילדע) און אנדערע בארבארן און אויך צווישן זיי האט ער פארשפרייט גוטע מידות, בושה, צניעות און כאווערלעכע געוואוינהייטן. ער האט געבויט גוטע וועגן, שטעט און דערפער; קאנאלן געמאכט אף צו באוואסערן די פעלדער אף די העכסטע פלאכן און צעברעקלטע פליינען. ער האט זיך פארבונדן מיט די טשירוהואנער, מיט די אראוקאנער, טימבוער, טאבאס, טשיבטשאס, טשימוס, אצטעקן, קישיס, מאיאס, גואראניער, קעראנדיער, מיט די רויט־הויטיקע און אפילע מיט אונדזערע פרימיטיווע ברידער פון יאפאן, בינע און אינדאסטאן...

און דערפאר איז קאאפאק יופאנקי, דער קלוגער, דער גוטער און גערעכטער, געווארן דער גאט הויראקאטשא!...

אזוי, אזוי, בלאנדער הארעלע, אזוי איז עס געווען!...

---

ווען סורוהאלפא האט זיך שוין דערפילט אין די כוחות אויפצושטיין פונעם בעט, איז מיר אייגעפאלן דער ווילדער געדאנק, אז איצט איז די בעסטע צייט צו מאכן א ויברח, אויסנוצן די געלעגנהייט וואס איר פעטער איז מיט איר און איבערלאזן מיין אינדיאניש ווייבל. אמת, איך בין איר שטארק דאנקבאר, זי האט מיך צוויי מאל געראטעוועט פון א זיכערן טויט און אויך א גרויס אחריות פיל איך צו איר, ווייל אף מיר האט זי איר גאנץ יונג לעבן אנגעהאנגען, מיר האט זי עס אנגעטרויט און ליב איז זי מיר אויך... אבער, ווי אזוי וועל איך מיך אומקערן צו מיין ווייב און קינד? און דערצו האט זיך אין מיר דערוועקט א גוואלדיקע אמביציע: צו באזוכן און אויספארשן אלע אינדיאנער ישובים פון גאנץ אמעריקע. און אט די ריזיקאלישע אונטערנעמונג האב איך באשלאסן צו מאכן אליין... איך האב

# צווישן ווילדע און ציוויליזירטע

צוגעטראכט אַ פּלאַן ווי אַזוי אויסצוקויפן מיין זינד קעגן סורוהאַלפּאַן און אין דער זעלבער צייט אָפּווענדן פון מיר יעדן פאַרדאַכט: איך האָב איר געגעבן צו באַהאַלטן עטלעכע הונדערט דאָלאַרן, וואָס זאָלן בא איר בלייבן נאָך מיין פאַרשווינדן.

נאָר סיי סורוהאַלפּאַ און סיי איר פעטער הואַמאַהוהופּאַ האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר אָרנטלעכער און קלינגער ווי איך האָב זיי געהאַלטן און זיי האָבן מיך אַזוי געהאַלטן אַפן אויג, אַז מיר איז מיין פּלאַן נישט געלונגען. איך האָב מיך דעמאָלט אונטערגעגעבן מיין גורל און האָב באַשלאָסן מאַכן מיין אינדיאַניש ווייבל פאַר אַן אַרויסהעלפערן אין מיין אַרבעט און הואַמאַהוהופּאַן פאַר מיין שותּף. איך האָב זיי געגומען לערנען מיין סיסטעם פון קונסטשטריקעריי. די לערע האָט געגעבן אַ גלענצנדן רעזולטאַט. און אַזוי זיינען מיר, דריי מייסטער און קינסטלער, אַריבערגעפאָרן קיין אַרעקיפּאַ.

דאָרט, לעבן דעם פייערשפייענדיקן באַרג מיסטי, איז מיט סורוהאַלפּאַ דער שרעקלעכער אומגליק געשען, וואָס האָט זי אוועקגעריסן פון מיר און פון איר פעטער, וואָס האָט צוזאַמען מיט איר נאָך געבאַלעמט פון אַ נייעם קאַאַפּאַק יופּאַנקי, וואָס זאָל דערלייזן די אינדיאַנישע פעלקער.

# אין אַרעקיפּאַ

אין אַרעקיפּאַ, די צווייטע פּערואַנישע שטאָט לויט איר גרויס, מחמת זי ציילט אַריבער הונדערט טויזנט נפשות, די שטאָט, וואָס דער מאַראַן גאַרסיאַ מאַנועל קאַרבאַכאַל, האָט אויסגעבויט אין 1540 אָפּן באַפעל פון פראַנציסקאָ פּיזאַררא, 7.433 פוס איבערן ים־פלאַך אַף דעם שיינעם און פּרוכטבאַרן טאָל וואַזשע הערמאָסאָ צווישן זעקס פייער־שפּייענדיקע בערג, האָב איך דעם ערשטן טאָג פון מיין אָנקומען געהאַט אַ זייער מעשונעדיקע און אומגעריכטע באַגעגעניש מיט מיינעם אַן אַלטן באַקאַנטן פון בוענאָס איירעס.

אַזייגער צען אינדערפרי בין איך אַרויס מיט סורוהאַלפּאַן אין גאַס אָנקוקן די שטאָט און געטראָפן האָבן מיר אירע שמאָלע גאַסן — די שמאָלע גאַסן מיט די בלאָטענע הייזער ווי אין אַלע אינדאָ־שפּאַנישע שטעט — פול געפּאַקט מיט מענטשן. געצויגן האָבן זיך איבער די גאַסן קאַטוילישע פּראָצעסיעס, מיט הונדערטער גלחים, מאָנאַכן און מאָנאַשקעס מכל המי־נים, אָן דער שפּיץ מיט צלאָמים און הייליקע בילדער, מיט די ריחות פון ווייראך און סטעאַרין־ליכט.

אַוועקגעשטעלט האָבן מיר זיך אָפּן טראָטואַר ווי זייטיקע צושויער, נאָר אָנגעשטראָמט האָט איין כוואַליע פרומע לייט נאָך דער צווייטער און האָט מיטגעשלעפּט מיט זיך אַלץ און אַלעמען, אַזוי אַז נישט געווען מער זיינען זייטיקע צושויער, נאָר אַלע זיינען מיטגעגאַנגען מיט די פּראָצע־סיעס און אויך איך מיט סורוהאַלפּאַן.

אַף איין אָרט האָבן מיר זיך אויסגעגלייכט מיט איינער פון די היי־ליקע מחנות און דאָ האָב איך באַמערקט, ווי איינער פון די גלחים וואָס גייען בראש, אַ נידעריטשקער, נידעריקער פון אַלע אַנדערע, מיט אַ קוטשע־ראַוון כמעט נעגערישן קאָפּ און קיילכיקע אויגן אין זיין טונקלען פּנים,

# צווישן ווילדע און ציוויליזירטע

דרייט אלץ דעם קאפ צו מיר און קוקט אף מיר מיט אינטריגירנדיקער צודרינגלעכקייט. א פופצן מינוט זיינען מיר אזוי געגאנגען כמעט אויסגעגלייכט, ביז די פראצעסיע איז שטיין געבליבן, ווייל א צווייטע איז ארויסגעקומען פון א קרייץ־גאס און איז ארוים אף פריער. דער געדרענג וואס איז דערפון געווארן, האט מיך מיט סורוהאלפאן צוגעשטויסן נענטער צו דעם מאדנעם גאלעכל, וואס האט מיר אויסגעזען שטארק באקאנט און איך האב מיך נישט געקענט דערמאנען וואו איך האב אים געזען.

— שלום עליכם! וואס מאכט איר, פארישעווסקי! — האט דער גלח גענומען ריידן צו מיר אין א היימישן און זאפטיקן אידיש. — היינט איז דער גליקלעכסטער טאג אין מיין קאריערע בא מיר... ווייזט אויס, אז אויך אייך האט אונדזער ברודער פון נצרת באשטראלט און דעם מוח געעפנט... אייך ארייגעפירט אינעם רוימיש־קאטוילי־אפאסטאלישן גלויבן...

די היימישקייט און די זאפטקייט פון זיין אידיש האבן מיר דערמאנט ווער דאס איז. איך האב אים אנגערופן באם נאמען און האב אים געזאגט אז ער האט א טעות, מחמת איך האב נישט געשריבן אזעלכע שורות ווי:

„דו וועסט נאך גיט איינמאל א גלויבן דיר זוכן...״

דערמאנט האב איך אים א ליד, וואס ער האט געדרוקט אין א בוענאס איירעסער אילוסטרירטן זשורנאל נאך אין יאר 1913 און האב ווייטער ציטירט פון דעם זעלבן ליד:

„אומוואנדלען אף וועגן, אף פרעמד־אומבאקאנטע
„און קלויבן פארהונגערט נאר ברעקלעך געשענקטע...״

בא דעם געוועזענעם אידישן דיכטער און איצטיקן גלח האבן גענומען פינקלען זיינע קיילעכיקע אויגן און איך האב אים מער נישט געוואלט ווייטון און האב אליין מיט א ווייטיק אין הארצן וואס גיכער אפגעצויגן פון דעם מענטשן, וואס האט געוואלט פארוויגן זיין אומרו אין תפילות צו א פרעמדן גאט, צו א גאט, וואס אין זיין נאמען ווערט יארטויזנטער געפייניקט דאס אידישע פאלק, זיינע ברידער, און וואס אין זיין נאמען זיינען אויסגעראטן געווארן די אלטע אמעריקאנער פעלקער, וועלכע האבן, אלנפאלס, אזא רעכט געהאט צו לעבן פונקט ווי די אריינגעדרונגענע.

אף וויפל סורוהאלפא האט דאס באנומען, האב איך איר געגעבן צו פארשטיין די טראגעדיע פון דעם קליינעם גלח. איך האב איר, נאטירלעך, נישט דערציילט — ווייל זי וואלט דאס סיי ווי ניט פארשטאנען — ווי אזוי דערדאזיקער דיכטער האט אמאל פרעמדע אויסגעווייטיקטע שורות

# מאַרקוס פּאַרישעווסקי

אין שפּאַניש אויסגעגעבן אין אידיש פּאַר זיינע און ווען אַ חבר זיינער האָט דאָס אָנגעוויזן אין דער עפנטלעכקייט, איז ער אַוועק פון דער אידישער פּאָעזיע און פונעם אידישן פאָלק און פון דעמאָלט אָן לאָזט ער זיך מער נישט הערן... איך האָב איר נאָר געזאָגט, אַז אַזוי ווי בא אידן איז קיין מאַנאַסטירן נישטאָ, איז ער אַוועק אין אַ שפּאַניש...

---

ווער עס זאָגט אַרעקיפּאַ, זאָגט שוין אויך מיסטי. דער נאָמען פון דער שטאָט איז פאַרבונדן מיט דעם נאָמען פונעם פייערשפּייענדיקן באַרג, וואָס האָט זי שוין עטלעכע מאָל חרוב געמאַכט צוזאַמען מיט אַנדערע ישובים אויף אַסאַך קילאָמעטער אַרום. אויף טייל גאַסן פון די טעראַסעס און באַלקאָנען פון די העכערע הייזער זעט מען דעם מיסטי אַרויסשטאַרצן מיט זיין גרויליקער מאַיעסטעט צווישן די אַנדערע בערג.

נאָכן 7.000 מעטערדיקן ריז הואַסקאַן, וואָס געפינט זיך ווייט אין צפון בא הואַראַס, איז דער מיסטי מיט זיינע 6.100 מעטער דער ריזיקסטער פון די פּערואַנער וואולקאַנען. נאָך פון דער שיף אויפן פּאַסיפישן אָקעאַן, הונדערט קילאָמעטער ווייט פון אים, האָב איך אים געזען מיט זיין באַשניטן קאָפּ צווישן זיינע חברים באַשנייטע ריזן, ווי אַ קאַפּריזנעם וואַלקן וואָס האָט זיך אַרויסגערוקט העכער איבער אַלע אַנדערע וואָלקנס אין דער הימלישער בלויקייט אַריין, און דעמאָלט נאָך איז מיר פון זיין מעאַויעמדיקער שיינקייט אַ שווידער דורכגעגאַנגען איבערן לייב.

איצט, פון דער נאָענט — כאָטשע ער געפינט זיך עטלעכע צענדליק קילאָמעטער ווייט פון דער שטאָט, דאַכט זיך, אַפילו מיט דעם בלויזן אויג קוקנדיק, צוליב זיין אויסערגעוויינלעכער הייך און פאַרנעם, אַז ער געפינט זיך פון אייך נישט ווייטער ווי אַ דריי אָדער פיר קילאָמעטער — האָב איך געפילט דעם זעלבן שווידער ווי ווען איך האָב געקוקט אויף אים, כאָטשע איך האָב שוין באַוויזן מיט אים היימישער צו ווערן.

אין איינעם אַ קלאָרן און שטאַרק וואַרימען פאַרנאַכט, בין איך אַרויף אויפן טורעם פונעם האָטעל און מיט מיין בינאָקל האָב איך גענומען בעסער איינקוקן זיך אין דעם מחבל. די פאָרעם זיינע איז פון אַ פּילזייטיקן קאָנוס וואָס שטייט אויף אַ ריזיקן פונדאַמענט פון צענדליקער קילאָמעטער אַרום. דער פונדאַמענט, ביז אַן ערך דריטהאַלבן טויזנט מעטער אַרויפצו,

# צווישן ווילדע און ציוויליזירטע

איז באַדעקט מיט אַ זעלטן שיינער גרינקייט, פֿול מיט ביימער און בלו־מען. פֿון דאָרט און העכער ווערט דער באַרג אַלץ מעשופּעדיקער און שפּי־ציקער, ביז ער באַהאַלט אוים זיין פּילזייטיקן באַשנייטן פּנים מיט זיין אייביק אָפֿענעם און שוואַרצן גהינום־מויל צווישן די וואָלקנס.

אין דער מינוט האָט זיך צו מיין נאָז דערטראָגן אַ ריח פֿון אָנגעצונ־דענעם שוועבל אָדער פּולווער־רויך און איך האָב מיין בינאָקל געווענדט אַרויף צום אָפֿענעם קראַטער. נאָר געזען האָב איך נישט מער ווי די קאָ־לאָסאַלע באַשנייטע שפּיצן און קאַפּריזנע קאַרבן און פֿאַלדן און קנייטשן. ערשט ווען איך האָב צוגעוואוינט דאָס אויג, האָב איך דערזען איבער דעם אָפֿענעם מויל פֿונעם מיסטי, אַ טויזנט מעטער איבער דעם באַשנייטן שפּיץ, ווי שיטערע וואָלקנס שוועבן, ווי אַ פּאַרע, אַף איין זייט קראַטער און אַף אַ צווייטער זייט אַ מער געדיכטערע פּאַרע, אַ שוואַרץ־גרויע, דורכ־געמישט מיט רויט־בלויע פֿאַרבן, וואָס האָבן זיך געפּורפּערט און זיך גע־הויבן העכער אין הימל אַריין.

איך האָב דאָס אָנגענומען פֿאַר אַ געוויינלעכער דערשיינונג און האָב וועגן דעם מיט קיינעם נישט גערעדט. אַזייגער צען, נאָך דער וועטשערע, בין איך אַרויפֿגעגאַנגען אַף דער וועראַנדע וואָס אַף דער טעראַסע שפּילן אַ שאָך מיט דעם כינעזער יאַנג־לי־יאַנג, אַ קריסטלעכער פּראָפֿעסאָר פֿון טעאָלאָגיע. געוועזן זיינען אויבן נאָך צוויי מענטשן: אַן איטאַליענער מיטן נאָמען פֿעליפּע איל פּיקאָלאָ און אַ דייטש מיטן נאָמען פֿאָן בירנבאַום, אַ געוועזענער אָבערשט פֿון דער דייטשער אַרמיי און זינט נאָך דער מלחמה אַ באַנק־אָנגעשטעלטער אין אַרעקיפּאַ. ביידע זיינען זיי געזעסן באַם טיש און זיך צוגעקוקט צו דער שאָך־פּאַרטיע. פּלוצים האָט דער אַלטער האָטעל־הונט, וואָס איז געלעגן אונטערן טיש, גענומען שרעקלעך וואָיען. איך האָב מיך אויפֿגעשטעלט אים אַוועקצוטרייבן און בין אַליין פֿאַר שרעק שטיין געבליבן מיט אַן אָפּגענומענעם לשון. פֿון דער טונקלקייט, אין דער זייט וואו דער מיסטי שטייט, האָט זיך אַרויסגעהויבן אַ טונקל־פֿייערדיקער זייל, געמישט מיט אַ שוואַרצן רויך.

ניט אַנדערש, האָב איך מיר געטראַכט, דער באַרג האָט זיך צעשפּילט און אָט צעגיסט זיך די געגנעמדיקע פֿייער־פּלאַמיקע לאַווע פֿון זיין קראַ־טער. איך האָב מיך אַפּילע באַלד באַהערשט און נאָך געוואָלט שפּילן דעם העלד. אָן לשון האָב איך אָנגעוויזן אַף דער דערשיינונג מיינע קאָלעגן, וואָס זיינען געווען ניט ווייניקער אָדער נאָך מער דערשראָקן פֿון מיר. דער

# מאַרקוס פּאַרישעווסקי

בינעזישער פּראָפעסאָר איז אויפגעשפּרונגען און אַזוי אומגליקלעך, אַז ער האָט איבערגעקערט דעם טיש מיט דעם שאָך, מיט די גלעזער משקה און פאַרבייסנס און האָט אָנגעמאַכט אַ עמעסן חורבן. פעליפּע איל פּיקאָלאָ האָט זיך עטוואָס באַהערשט, נאָר געווען איז ער שרעקלעך נערוועז. נאָר פאַן בירנבאָום האָט אונדז באַרויקט און האָט אונדז גענומען אויפקלערן די דערשיינונג.

דער פייער־זייל איז טאַקע פונעם מיסטי — האָט ער געזאָגט — נאָך לויט די סיסמאָגראַפישע פאַרשונגען, וואָס ער האָט די לעצטע טעג גע־מאַכט, ווייסט ער, אַז דערווייל איז קיין געפאַר נישטאָ ווען עס איז פון די זעקס מחבלים וואָס שטייען אַרום אַרעקיפּאַ זאָל זיך צעשפּילן. דאָס פייער איז פון געוויסע אויבערפלעכלעכע גאַזן, וואָס געפינען זיך אינעם קראַטער און האַלטן שוין באַם אויסגיין. אויב מיר ווילן — האָט ער גע־זאָגט מיט יונקערישן שטאָלץ — וועט ער איבערמאָרגן מאַכן מיט אונדז אַ שפּאַציר צו דעם העלד, וואָס וויל אַפּאַנים מיט זיין פייער־זייל דעם הימל אָנוואַרימען.

איך בין אַראָפּגעלאָפן רופן סורוהאַלפּאַן און הואַמאַהוהופּאַן זיי זאָלן אויך זען די זעלטענע דערשיינונג און אויך זיך באַראַטן מיט זיי וועגן דעם פּלאַן צו מאַכן אַ שפּאַציר צום מיסטי. אין קאָרידאָר האָב איך מיך אָנגעשטויסן אָפן פּראָפעסאָר יאַנג־לי־יאַנג, וועלכער איז געשטאַנען אַ טויט־בלייכער און געציטערט ווי אַ פיש.

— ווייסט איר כאָטש וואָס דאָס איז? — האָט ער מיך אָפּגעשטעלט מיט אַ פאַרשטיקטן קול. — דאָס איז אַ קאָמעט אַ שרעקלעכער, אַ שליח פונעם אַלמעכטיקן גאָט ער זאָל איבערקערן די וועלט פאַר די מענטשלעכע זינד, אַזוי ווי סדום און עמורה!...

סורוהאַלפּאַ און הואַמאַהוהופּאַ זיינען שוין געהאַט געשלאָפן און ביז זיי האָבן זיך אָנגעטון און אַרויף מיט מיר אַף דער טעראַסע, איז דער פענאָמען שוין געווען פאַרשוואונדן און זיי האָבן געמיינט, אַז איך האָב מיט זיי געמאַכט אַ שפּאַס. באַלד אָבער האָבן די הינט זיך ווידער צע־וואויעט און נאָך שטאַרקער ווי פריער. אַזוי שניידיק איז געווען דער גע־וואָי, אַז די האָר און נעגל האָבן זיך מיר אויפגעשטעלט. די דערשיינונג, הייסט עס, וועט זיך ווידער באַווייזן. און אַזוי איז עס געווען. אין אַ צוואַנציק מינוט אַרום האָט זיך דערהערט אַ ווייטער פאַרשטיקטער אויפ־רייס. אַ צענטל פון אַ רגע האָט די ערד אונטער די פיס אַ ציטער געטון

## צווישן ווילדע און ציוויליזירטע

און מיטאמאָל האָט זיך באַוויזן דער פייערדיקער זייל, אָבער שוין אָן רויך, נאָר מיט אַ רעגנבויגן־קאָליר, אַ הונדערט מעטער הויך איבער דעם קראַטער.

די ליכטיקייט איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז מיר האָט זיך געדאַכט איך זע מיט מיין בינאָקל אַלץ וואָס עס טוט זיך אַף דער פייערדיקער הויכקייט און אויך אונטן ווייט אַרום דעם פייער־שפּייענדיקן באַרג. און דער שוועבל־ריח האָט זיך געפילט אַזוי שטאַרק, אַז מיר אַלע האָבן זיך צענאָסן ווי מיר וואָלטן אַ שטאַרקן שמעק טאַבאַק געטון און מיר האָבן זיך געמוזט פאַרשטעלן נאָז און מויל. אַכט מינוטן צייט האָט אַזוי אָנגעהאַלטן די ליכטיקייט און האָט דערשראָקן אַלע באַשעפענישן אַרום. מיטאמאָל האָט זיך דאָס פייער אַראָפּגעזעצט און מער זיך נישט באַוויזן.

— ווייסט איר כאָטשע, מיינע אויסדערוויילטע הערן, וואָס פאַר אַ דערשיינונג דאָס איז? — האָט דער פּראָפעסאָר ווידער זיך צוגערוקט צו אונדז און גענומען ריידן שוין דרייסטער און מיט אַ מיסיאָנערישן טאָן. — דאָס איז אַ צייכן פונעם הימל, גאָטס פינגער, וואָס איז אַראָפּגעקומען אָנזאָגן דער פאַרדאָרבענער מענטשהייט, אַז ער וועט איבערקערן די וועלט, צוליב די זינד פון די ווייסע, וואָס מאַכן אומגליקלעך דאָס כינעזישע פאָלק. וואָרום דאָס כינעזישע פאָלק איז קריסטלעך גוט, מיליאָנען כינעזער גלויבן אין קריסטוסן, ווי אין בודאַ און קאָנפוציוס, ווייל אַלע דריי זיינען זיי געטלעך און זיצן אין הימל... און כינע איז דערפאַר די הימלשע אימפּעריע...

קיינער האָט דעם שטענדיק־פרום־שמייכלדיקן פּראָפעסאָר גאָרנישט געענטפערט און, ווייזנדיק זיינע פערדישע געלע ציין, איז ער מיט אַ רעווערענץ, שטיל און כמעט אומבאַמערקטערהייט אַוועק.

פעליפע איל פּיקאָלאָ האָט צו קיינעם נישט גערעדט, נאָר געהאַלטן האָט ער אין איין ציילעמען זיך און שטיל געשעפּטשעט.

איך האָב כמעט איינער אַליין אויסגעטרונקען אַ פלאַש אַלטן פּיסקאָ און האָב געבעטן ביר פאַר אַלעמען. נאָכן ערשטן קופּל ביר, האָט הואַמאַהוהופּאַ זיך אָנגעשטופּט אַ מויל קאָקאַ־בלעטער מיט אַש און אומגייענדיק הין און צוריק, האָט ער אונדז פאַרזיכערט, אַז דאָס פייער איז פונעם מיסטי, אַז אין זיין קראַטער האָבן זיך געמוזט אָנזאַמלען גאַזן פון די פּעטראָל־קוואַלן, וואָס געפינען זיך אין יענע געביטן, פון די שטיין־קוילן און פון דעם טאָרף אין דער געגנט פונעם טיטיקאַקאַ, וואָס האָבן זיך

# מאַרקוס פּאַרישעווסקי

דורכגעשלאָגן אַהין דורך אונטערערדישע קאַנאַלן און אַט די גאַזן האָבן זיך אָנגעצונדן פון דעם אייביקן פייער וואָס ברענט טיף אונטן אינעם מיסטי.

יענע נאַכט האָב איך נישט געקענט איינשלאָפן, טראַכטנדיק פון דעם בינעזערם קריסטלעכקייט, פון פעלעפע איל פיקאָלאָס ציילעמען זיך, פון הואַמאַהואַפּאַס וויכן און פון דעם פאַרשטייענדיקן שפּאַציר צום פייער־שפּייענדיקן באַרג, דעם שניי־באַקרוינטן קעניג פון די בערג אין יענער געגנט.

# אַ שפּאַציר צום וואולקאַן מיסטי

אפן דריטן טאָג נאָך יענער געשעעניש, האַלב פינף אינדערפרי, האָט מען אונדז מיט אַ שטילן קלאַפּ אין דער טיר אויפגעוועקט. די פרימאָרגן־רויטקייט האָט אָנגעזאָגט אַף אַ שיינעם טאָג. אין מזרח־זייט האָט דער באַגינען זיך גענומען אַנטפּלעקן מיט שוועבנדיקע פייערבערג און וואָס אַ רגע אַלץ העלער. דאָס קרייען פון הענער און בילן פון הינט, ווי דאָס טומל'ען פון דער האָטעל־דינערשאַפט האָט זיך אויסגעמישט מיט אַ הירזשען פון פערד, וואָס איז געקומען פון אונטן.

אינעם שטאַל פונעם האָטעל זיינען שוין געשטאַנען אָנגעזאָטלטע פינף פעסטע פערד, פאַר מיר, סורוהאַלפּאַן, הואַמאַהוהופּאַן, דעם דייטש פאָן בירנבאום און פעליפּע איל פּיקאַלאַ, ווי אויך צוויי נישט־געזאָטלטע מויל־אייזלען פאַר די צוויי אינדיאַנער אימאַראַער, וואָס האָבן אונדז באַדאַרפט פירן.

פאָן בירנבאום, דער גענייטער ספּאָרטסמאַן, האָט נישט פאַרגעסן צוגרייטן אַלץ וואָס נויטיקט זיך צו אַזאַ נסיעה, ביז די קלענצטע קלייניקייטן: צוויי פעסטע דיקע שטריק צו 50 מעטער יעדער, מיט דאָפּלטע רינגען און שטאָלענע האָקן; אַ קנויל דינעם נאָר פעסטן שפּאַגאַט פון 500 מעטער; אַ שאַרף שטאָלן העקל; פיר שטאָלענע לאָפּעטעס, אַ שטאָלן זעגל, אַ גראָב־אייזן, אַ ברעך־אייזן, פינף שאַרפע און לאַנגע קינזשאַלן מיט פינף יאַגד־ביקסן און צו 50 שרויט־פּאַטראָנעס פאַר יעדער ביקס, אַבוץ די רעוואָלווערן און מעסערס וואָס יעדער פון אונדז האָט מיט זיך תמיד געטראָגן. ער האָט אויך נישט פאַרגעסן גומי־קישעלעך, וואָס מען בלאָזט אָן ווען מען נוצט זיי צום שלאָפן אָבער צום זעצן זיך אַף זיי, וואַרימע קאָלדרעס און פוטערנע הענטשקעס, פינף לאָגלען וואַסער, וויין און בראַנפן, ברויט און זאַלץ, פּוטער און קעז, קאָנסערוון און נאַשערייען, נאַפט

און דינאמיט, ציגארן און שוועבעלעך, ווי אויך מעדיקאמענטן אלערליי וואס קענען זיך נויטיקן און זיין בולדאג, וועלכן ער האט גערופן קלע־מאנסא. דעם קלעמאנסא, אגב, האט דער געוועזענער דייטשער אבערשט געצערטלט מיט גרויס ליבשאפט, אים געקושט גלייך אינעם פיסק און אים גערופן זון מיינער, קינד פון מיין זעל או"וו.

פאר די צוויי פירערס בלויז האט ער קיין געווער נישט צוגעגרייט, מחמת, ווי ער האט דערציילט, האט ער אדאנק איינעם אזא פירער שיר נישט געהאט א מיעסן סוף. ער האט געדונגען איינעם אן אינדיאנער, א באטאקודא, ער זאל אים פירן צום ווולקאן טשימבאראסא, אין עקוואַ־דאר, האט ער אים פארפירט אין א געגנט פון שרעקלעכע זומפן, פול מיט די געפערלעכסטע שלאנגען, קראקאדילן און אנדערע מחבלים און נאר דורך א נס האט ער זיך ארויסגעראטעוועט פון דארט. און געווען איז עס דערפאר וואס ער האט אים געגעבן געווער אין די הענט. אן געווער, וועלן זיי אונדז מוזן פאלגן און ווייזן דעם בעסטן וועג אהין און צוריק, ווען מיר וועלן זיי הייסן... איך בין א דייטשער מיליטערמאן, פאר אלעמען, האט ער זיך בארימט, און איך ווייס גענוי ווער עס דארף באפעלן און ווער עס דארף פאלגן... וויל מען הערשן, מוז מען פריער פאר אליין זען צו אנטוואפענען די וועלכע מען וויל באהערשן. קייזער ווילהעלמס פעלער איז געווען, וואס ער האט נישט קודם פארניכטעט די פראנצויזישע און די ענגלישע וואפן־אינדוסטריע... וואלט ער דאס געטון וואלט ער געווען אימ־פעראטאר פון דער וועלט... איין סאלדאט, א גוטער דייטשער סאלדאט, מיט א מעטראליע און האנט־גראנאטן בא דער זייט, קען באהערשן הונ־דערט, טויזנט אנטוואפנטע לומפן, ווי קלוג זיי זאלן ניט זיין... אט זעט איר דאך: מיט עפעס מער ווי צוויי הונדערט באוואפנטע קאלעגן האט פראנציסקא פיזארא באהערשט אזא מעכטיק פאלק ווי די אינקאס זיי־נען געווען...

האלב זעקס האבן מיר זיך אויפגעזעצט אף אונדזערע פערד און די אימאראיער, אונדזערע פירער. א הונדערט מעטער פאר אונדז, בארוועס און מיט שווערע קלומקעס אף די פלייצעס, זיינען נאכגעלאפן זייערע מויל־אייזלען, לויט זייער געוואוינהייט נישט צו פייניקן די בהמות. ביז האלב צען זיינען מיר געריטן איבער א הויכן געדרייטן וועג, צווישן א געדיכ־טעניש פון ביימער און הויכע גראזן, שטיקלעך באארבעטן פעלד, פאשע־לאנקעס און שטרעקעס מדבר מיט שארפע גלאז־שטיינער, ביז מיר זיינען

# צווישן ווילדע און ציוויליזירטע

צוגעקומען צו א גרופע מעגאליטן, רעשטן פון א קליינעם טעמפל נאך פון די טיאהואנאקא־צייטן און דארט, אף א בלוי־גראניטענעם באדן, האבן מיר אונדזער ערשטן אפרו געמאכט.

אונדזער געפעק האבן מיר אפגעלייגט לעבן איינעם פון די גרויסע שטיינער, וואס האט לויט מיין פארשטעלונג געמוזט זיין א מזבח, אף וועלכן די אור־אלטע טיאהואנאקאס פלעגן מקריב זיין קרבנות און ארום אים אפריכטן זייערע תפילות. די גאנצע גרופע מעגאליטן אף דעם גלייכן פעלזיקן שטיקל פלאץ איז פארוואקסן מיט הויכע, געדיכטע און כמעט נאך פרימיטיווע ביימער, מיט א וואלד א גאנצן וואס איז פול מיט אלער־ליי חיות, שרצים און פייגל. הואמאהוהופא מיט די צוויי אימאראיער זיי־נען אריין אין וואלד און האבן געבראכט פון דארט גרויסע בינטן טרוקענע צווייגן און אף דעם אמאליקן מזבח האבן זי צעלייגט א פייער, אף וועלכן כורוהאלפא און פעליפע איל פיקאלא האבן זיך גענומען צוגרייטן עסן און איך מיט פאן בירנבאומען זיינען מיר אוועק אין דער געדיכטעניש מיט אונדזערע מעסערס און ביקסן עפעס צו דערשיסן צום מיטיק.

אין דעם וואלד האב איך שיר נישט פארגעסן נאכוואס איך בין אהין געקומען. די מוזיק פון אונדזערע אייגענע טריט, די נאנטע און די ווייטע אפקלאנגען פון דער מינדסטער באוועגונג, דער מעלאנכאלישער געזאנג פון די נאכטיגאלן, דאס טרילן פון די קאנאריקלעך, פון די דראסלען און שטיגליצן, דער ריח פון די ווילדע לארבער, רויזן און זשאסמינען האט מיך ווי פארשיקערט און ווען ניט פאן בירנבאומס הינטישער זון קלעמאנסא, וועלכער האט פון דער נעסט ארויסגעטריבן א ווילד ציגל, וואלט איך גאר־נישט געוועזן געשאסן. פאן בירנבאום האט דערשאסן צוויי קוראפאטוועס און א האז.

דאס אלץ האבן מיר אפן מזבח אפגעבראטן, מחמת, מיט זיין גאנצער פינקטלעכקייט, פראקטישקייט און דיסציפלינירטקייט, האט דער דייטש פארגעסן מיטצונעמען א גרעסערן טאפ צום קאכן. געגעסן האבן מיר דעם רייכן פרישטיק שנעל און אן צערעמאניעס. געאיילט האבן מיר זיך צו מאכן דעם ערשטן טאג וואס מער וועג. דאך, ביז די פערד און מויל־אייז־לען האבן זיך גוט אונטערגעפאשעט און זיך אנגעטרונקען באם נאנטן קוואל, וואו די אימאראיער האבן זיי צוגעפירט, איז געווארן האלב איינס נאכמיטאג.

פון דעם ערשטן אפרו־פלאץ איז אונדז אויסגעקומען צו רייטן איבער

# מארקוס פארישעווסקי

א זייער צעברעקלטן און צעקאליעטשעטן וועג, מערסטנס בארג אראפ, אבער אויך בארג ארויף, מאכנדיק אומקרייזן ארום א מעשופעדיק־שפיציקן פעל־זיקן בערגל ארויף און אראפ, ביז מיר זיינען סוף־כל־סוף צוגעקומען צו דעם ארט וואו מיר האבן באדארפט. דער וועג, גיכער א שמאלע סטעזשקע, האט געפירט לענגאויס א שרעקלעך טיפן און שמאלן טאל, וואס זיין אפ־גרונט האט פון דער טיפקייט ארויס אונדז די אויגן געבלענדט מיט זיין גלאנציקער פינצטערניש. דאך, נישט געקוקט אף דער געפאר אראפצופאלן פון דעם הויקערדיקן וועג אין טיפן אפגרונט, האבן מיר צוגעיילט אונדזערע פערד זיי זאלן לויפן וואס שנעלער. די פערד האבן אונדז פונדעסטוועגן נית שטענדיק געפאלגט. און נישט דערפאר וואס זיי האבן זיך געפוילט, נאר ווייל זיי האבן מיט זייער אינסטינקט פארגעזען און פארגעפילט יעדע סכנה. געיאגט האבן מיר זיי, ווייל מיר האבן געוואלט וואס פריער צו־קומען כאטשע צו דער באזע פונעם מיסטי, כדי אויסצומיידן דעם רעגן־שטורעם, וואס אונדזער געלערנטער דייטש האט פארויסגעזאגט. לויט מיין איינזען, און ווי סורוהאלפא האט מיר צוגעגעבן, האט עס געהאלטן גאנץ ווייט פון א רעגן, נאר אויסגעפירט האט דער דייטש, וועלכן מיר האבן אויסגעקליבן פאר „שעף פון דער עקספעדיציע".

באזונדערס האט עס אונדז גופא געטריבן, ווייל אונדז אלעמען האט זיך געדאכט, אז אט, אט זיינען מיר שוין באם מיסטי. דער „אט,אט" האט אבער געדויערט, מיט אונדזער גאנצן איילן זיך, מער ווי צוויי טעג בלויז ביז די פאדער־בערג, וואס טיילן אים ערשט אפ מיט א טאל און מיט טיפע אפגרונטן. דער מיסטי האט גענארט דאס אויג מיט זיין גלאנציקייט. גלאנציק איז זיין קאליר ביז צום שניי און נאך מער גלאנצט דער שניי אין זיינע שפאלטן. פון דער ווייטסטער ווייט זעט ער אויס גאנץ נאנט. און נאך מער גענארט ער אין א שיינעם זומער־טאג, ווען זיין שטראלנ־דיקער שניי בליאסקעט מיט זיינע מיריאדן שמאראגדן און זאפירן גלייך אין די אויגן.

אויסגעקומען איז, אז וואס נענטער מיר זיינען צו אונדזער ציל, אלץ ווייטער, האט זיך אונדז געדאכט, זיינען מיר פון אים. און דא נאך האט סורוהאלפא, דאס בראווע נאטור־קינד, ווי קענן איר טבע, גענומען זיך שרעקן פאר עפעס. איר הארץ זאגט איר, איר אינדיאנישער פארגעפיל, אז מיט איר וועט עפעס שרעקלעכעס געשען...

וואלט עס געווען בלויז אן מיר געווענדט, וואלט איך עס איר זיכער

## צווישן ווילדע און ציוויליזירטע

געווען נאָכגעגעבן. נאָר די מערהייט האָט אפילע נישט געוואָלט הערן וועגן אומקערן זיך באַלד נאָך דעם ערשטן טאָג, נאָך איידער מיר זיינען צוגע־קומען אפילע צו די פאָדער־בערג פונעם מיסטי, און געווען איז שוין אויך זייער שפּעט, פאַרנאַכט, גיין צווישן די בערג אין דער פינצטער איז אויך נישט מעגלעך. איך האָב קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט ווי צו באַרויקן סורוהאַלפּאַן און אויספאָלגן דעם ווילן פון דער מערהייט.

פּונקט זיבן אַזייגער, תחילת־נאַכט, זיינען מיר שטיין געבליבן אי־בער אַ ברייטן פּלאַך. צי איז נישט אַ פּלאַן אָפּצושטעלן זיך דאָ אויף נאַכט־לעגער? די אימאַראַיער האָבן אָבער אונדז אָפּגעראָטן דערפון. ערשטנס דראָעט אונדז דאָ אַ געפאַר פון די ווילדע חיות, אויף די פליינען גייט אום דער יאַגואַר, דער פּומאַ און דער שאַקאַל און צווייטנס, פליען דאָ אום, אויף דער הויך, ניין הונדערט מעטער איבערן ים־פּלאַך, גאַנצע כמאַרעס בייסנדע פליגעלעך און אויך די אָדלערס, דער קאָנדאָר, דער בויטרע און אַנדערע גרויסע רויב־פייגל מאַכן דאָ אָפטע וויזיטן און עס איז אַ געפאַר דאָ צו שלאָפן אויף דער פרייער לופט. באַשלאָסן האָבן מיר דעריבער אַרויסצו־שיקן די צוויי אימאַראַיער צוזאַמען מיט הואַמאַהואַפּאַן, ווי מרגלים, זיי זאָלן מיט זייערע אָדלער־אויגן אויסשפּירן די געגנט, צי איז נישט פאַראַן ערגיץ נאָנט אַ מענטשלעכער ישוב. אַנטשיידן האָט דערין סורוהאַלפּאַ, וועלכע האָט גאַנץ ערנסט דערקלערט, אַז זי וואָלט שוין בעסער געוואָלט קעמפן מיט אַ קאָנדאָר איידער מיט די בייזע פליגעלעך, וואָס עסן אויך די אויגן.

אין אַ דריי פערטל שעה אַרום זיינען די מרגלים צוריקגעקומען מיט דער בשורה, אַז זיי האָבן אויסגעפונען אַ גרויסע אינדיאַנער באַלעבאַ־טישקייט און די פאַמיליע האָט אונדז זייער גערן איינגעלאַדן אויף וועטשע־רע און אויף איבערנעכטיקן אונטער זייער דאַך.

---

די באַלעבאַטישקייט אין וועלכער מיר זיינען אָנגעקומען, איז באַ־שטאַנען פון אַ רויט־ציגלנער געביידע, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ גרויסע שטאַל אָדער שפייכלער מיט אַ שטרויענעם רוסישן דאַך און איז איינגע־טיילט געווען, מיט נידעריקע שטיינערנע צווישן־ווענטלעך, אין פיר אָפּ־טיילונגען. איינע פאַר חזרים, ציגן, שעפּסן און קראָליקעס; די צווייטע,

# מארקוס פאַרישעווסקי

פאַר א טויץ ניט איבעריק פעטע קיעלעך מיט איינעם א גרויסן און שאַרף־הערנערדיקן בוהיי, וועלכער איז געשטאַנען באַזונדער, מיט א מעשענעם רינג אין דער נאָז, צען שיינע מויל־אייזלען, פינף קליינע אייזעלעך מיט משונה־לאַנגע אויערן, אביסל וויקוניאַס, גואַנאַקאָס און פיר פאַרהויזלעכ־טע טאַפּירן מיט צוויי גרויסע ווילדע חזרים אין א באַזונדערער פאַר־צוימונג; אין דער דריטער אָפּטיילונג האָט דער באַלעבאָס געהאַלטן די תבואות פון זיינע פעלדער און אין דער פערטער האָט ער אַליין געוואוינט מיט זיין משפחה.

איבערן ברייטן הויף זיינען אומגעגאַנגען הונדערטער היימישע עו־פות, ווילדע קאַטשקעס, גענדז און אינדיקעס, מיט אונטערגעשוירענע פליגל, כדי זיי זאָלן נישט קענען אוועקפליען. דאָס הויזגעזינד, א טיפּישע קיטשואַ־משפחה פון פערצן פּאַרשוין, האָט אונדז אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס, ווי אייגענע, מיט דעם כאַראַקטעריסטישן אַרומנעמען און גוט־ברודערישן אָנפּאַטשן דריי מאָל אין פּלייצע און תיכף, אומגעפרעגט, אונדז דערלאַנגט פולע ערדענע קריגלעך מיט ציגן־מילך און דערנאָך מכבד גע־ווען, אונדז אייראָפּעער, מיט ריזיקע, דיקע און לאַנגע ציגאַרן ווי די מאַיס־קאַטשענעס, אַליין געוויקלטע פון סעלעקציאָנירטע טאַבאַק־בלעטער און די אינדיאַנער — מיט פולע הויפנס קאָקאַ־בלעטער מיט אַש צום קייען.

דער פּאַטער, א גוטמוטיקער פופציק־יעריקער קיטשואַ־אינדיאַנער, מיט דעם שפּאַנישן נאָמען דאָמינגאָ הינאָכאָסאָ, האָט זיך געהייסן רופן פון די אינדיאַנער פואַנקי כאַלאַנקיע — רויטער קאָפּ, — ווייל ער איז דער טשאַטשאַ אומו (כהן גדול און נביא) פון דער גאַנצער וואולקאַן־געגנט. און געהאַט האָט ער באמת א רויטן קאָפּ האָר, אָן אָפּגעפאַרבטן מיט אַזאַ ספּעציעלער פאַרב, וואָס ער אַליין מאַכט פון די זאַפטן וואָס ער באַקומט אַרויס פון אַלערליי קרייטעכצער און פון בערעזעס און דעמבעס. זיינע פעך־שוואַרצע האָר פאַרבט ער אַף רויט אַלס צייכן פון אויסדערוויילטקייט.

זיין עלצטער זון, קאַריקאַנטשאַ, פון א יאָר פינף און צוואַנציק, א ריזן־יונג ווי פון בראָנדז אויסגעגאָסן און דעם פּאָטערס גייסטיקער גע־הילף, ווי די עלטערע פינף מיידלעך, מיט באַרוועסע, קויטיקע פיס, נאָר אין פיל־קאָלירטע קליידלעך פון אייגענער וועבעריי אָנגעטון, מיט גרויסע אויע־רינגען, מיט אַלערליי סטענגעס אין די שוואַרצע צעפּ, מיט שנירן קרעלן פון קאָלירטע שטיינדלעך קוואַרץ און צינערנע בלענדעס אַרום זייערע פיין־פּאָרמירטע פאַרפירערישע העלדזער, האָבן נאָך א מינוט צווייפלען, אונדז

אַן אָפּרו בײַ די רעאַלע אַנדן־בערג.

אַ גרופּע קאָנדאָרס בײַ די רעשטן פֿון זייערס אַ קרבן.

אויף העפּלעך באַגריסט, אומגעאַרמט און גוטברודעריש געפּאַטשט אין דער פּלייצע ווי גוטע באַקאַנטע.

געשען איז, אַז ווי נאָר מיר האָבן געהאַט אַריבערגעטראָטן דעם שטייגערנעם פּלויט פון אָנדערהאַלבן מעטער די הויך און אַריינגעקומען אין הויף, זיינען אונדז באַפאַלן פון אַלע זייטן אַ טוץ הינט פון אַלערליי גרויס און פאַן בירנבאַומס הונט, קלעמאַנסאַ, האָט באַוויזן אַז ער איז ווערט צו טראָגן דעם נאָמען פון דעם פראַנצויזישן „טיגער". איינער אַליין האָט ער זיך אַקעגנגעשטעלט דער גאַנצער טשאַטע, באַ צוויי זייערע האָט ער איבערגעביסן די גאָרגלען און באַ איינעם אַ קליינעם הינטל האָט ער דעם פּיסק אַריינגעכאַפּט און אים צעקעלט און ווען ניט די באַלעבאַטים וואָס זיינען אָנגעלאָפן מיט קאַלטע עמערס וואַסער און ווען נישט בירנבאַום מיט זיין באַפעל, וואָלט ער זיי אַלעמען צעריסן.

דאָס אינדיאַנישע קליינוואַרג, האָט דערהערט דאָס סקוואַוואַטשען פון די הינט, זיינען זיי אַריין אין שטוב און פון דאָרט אַריבערגעשפּרונגען דאָס ווענטל צו די חזרים, וועלכע האָבן זיך פון דעם פּלוצימדיקן וויזיט אויך צעכריוקעט. און אַז זיי האָבן דורך די שפּאַלטן פון דער שטאַל געזען איך און הואַמאַהופּאַ טרינקען כוסות מיט זייערע טאַטע־מאַמע און ווי סורוהאַלפּאַ שמועסט פריידלעך מיט זייערע עלטערע שוועסטער. ווי דער דייטש און דער איטאַליענער שמועסן מיט זייער עלטערן ברודער, האָבן זיי זיך איינציקווייז און הינטערוויילעכס אַרויסגערוקט פון דער חזרים־שטאַל, צערויענדיק דעם געשטאַנק זייגעם און ווי די הינטלעך זיך אויסגעצויגן אַף דער ערד אַרום אונדז, ווער מיט די בייכער אַרויף און ווער מיט די הינטנס. געווען איז צווישן זיי אַ מיידל פון אַ יאָר צוועלף און אַ אינגל פון אַ יאָר עלף.

פאַר די צוויי הינט וואָס קלעמאַנסאַ האָט דערהאַרגעט, איז פאַן בירנבאַום מושווע געוואָרן מיט קאָריקאַנטשאַן פאַר צוואַנציק סאָל, וואָס ער האָט אים תיכף אָפּגעציילט אין דער האַנט אַריין און די אינדיאַנער גוטכקייט און פריינטשאַפט איז נאָך גרעסער געוואָרן.

צו דער וועטשערע האָבן מיר זיך איינגעטיילט אין צוויי גרופּעס: בירנבאַום, איל פּיקאָלאָ, איך און סורוהאַלפּאַ, האָבן מיר זיך אַוועקגעזעצט באַזונדער, אַף דריי־פיסיקע שטרויענע בענקלעך און הואַמאַהופּאַ מיט די צוויי אימאַראַיער האָבן זיך אַוועקגעזעצט אַף די שפּיץ־פינגער צוזאַמען מיט די באַלעבאַטים, וואָס זיינען אויסגעזעצט געווען אַרום אַ

# מאַרקוס פּאַרישעווסקי

גרויסן קופּערנעם קעסל, וואָס איז געשטאַנען אַף אַ זייער נידעריקן שטיי־נערנעם טיש און געגעסן, ניט איבערקלייבנדיק אַלץ וואָס די באַלעבאָסטע, פּואַנקי כאַלאַנקיעס ווייב, סאַנטאַ, אַ דריבנע און פלינקע אינדיאַנערקע מיט אַ גרויסן שטרויענעם הוט תמיד אַפן קאָפּ, האָט זיי דערלאַנגט יעדן אין אַ באַזונדער ערדן שיסעלע.

געגעסן האָבן מיר באַ דער שיין פון אַ פיין צעברענט פייער פון שוויר־קע צווייגן. און כאַטשע עס איז געווען גענוג וואַרים אינדרויסן, זיינען מיר דאָך געזעסן נישט ווייט פונעם גהינום און געשלונגען דעם רויך פון די צווייגן, כדי די מאָסקיטן זאָל צו אונדז נישט צוטרעטן. געדאַנקט האָבן מיר דער גוטער סאַנטאַ פאַר אירע גוטע מאכלים, פון וועלכע מיר האָבן זיך אָפּגעזאָגט, וויל... זי האָט זיך דאָך נישט געריכט אַף אונדז און דער־צו האָבן מיר אַליין געבראַכט מיט זיך פון כל־טוב... מיר האָבן אויפגע־געסן דעם רעשט ווילדע ציג, וואָס איך האָב אינדערפרי דערשאָסן און פאַרביסן מיט קאָנסערוון. דערנאָך האָבן מיר פאַרזופּט מיט פּיסקאָ און מכבד געווען אויך די בני־בית: פּואַנקין, סאַנטאַן און קאַריקאַנטשאַן מיט גרעסערע כוסות און די איבעריקע מיט קלענערע, וואָס אַלע, די קלענסטע אַפילע, האָבן אויסגעזופּט אין איין אָטעם.

שלאָפן האָבן מיר תחילת געזעכנט אינדרויסן, אונטערן פרייען הימל, נאָר צוליב די מאָסקיטן און מיליאָנען ליכט־פליגעלעך, האָבן מיר געמוזט איינוויליקן און שלאָפן אין שטוב, צוזאַמען מיט דעם גאַנצן הויזגעזינד. דער ריזיקער קאַריקאַנטשאַ האָט אַריינגעשטעלט אינמיטן „זאַל" אַ גרויסן ערדענעם פייערטאָפּ און אָנגעשאָטן אַף אים פייכטע סאָסנע־זעגעכץ, כדי עס זאָל רויכערן אַ גאַנצע נאַכט און פאַרטרייבן די מאָסקיטן. די מוידן האָבן אָנגעטראָגן אַ פולע שטוב מיט פרישער האָבער־שטרוי און זי איי־בערגעדעקט מיט וואָלענע קאָלדרעס פון אייגענער שפּינעכץ און בלויז פאַר די שטוביקע אָוועקגעלייגט קליינע פאַרשמאַלצעוואַטע שטרוי־זעקלעך אַלס קאָפּנקישנס, וואָס האָבן שרעקלעך געאָווערט.

פאַרן שלאָפן גיין האָבן די עלטערע מיידלעך און איבערהויפּט די אַכ־צן־יאָריקע קאַראַפּאַהוידאַ און די זעכצן־יאָריקע טאָפּאַרפּאַ זיך געוואַשן די פּים, דעם קאָפּ און זיך געקעמט, ווי צו דער חתונה. די פרישע שטרוי און זייער וואַשן זיך האָט אַף אונדז געמאַכט אַן איינדרוק פון ריינקייט, און מיד זיינען מיר געווען פון דער נסיעה און פון דער זאַטקייט און מיר זיינען איינגעשלאָפן אַף דעם אַלגעמיינעם בעט צוזאַמען מיט דער משפּחה. בלויז

# צווישן ווילדע און ציוויליזירטע

דער עלצטער זון, קאריקאטשא, הואמאהוהופא און די צוויי אימאראיער זיינען נישט געשלאפן אין שטוב. אין שטוב, האבן זיי געזאגט, זעען זיי ניט די שטערן. זיי זיינען אריבערגעקראכן צום סטויג גערשטנשטרוי און דארט דורכגעשלאפן די נאכט נישט ליגנדיק קיין שום אכט אף די פלי־געלעך.

פאראן איז אבער אין פערו נאך ערגערס ווי מאסקיטן, די אומפלייט. און נאך א קורצן דרעמל, האבן זיי מיך אויפגעוועקט און איך האב מיך געדרייט אף אלע זייטן. אין דער פינצטער, האב איך פלוצים דערפילט לעבן מיר נאך א וועזן. געמיינט האב איך אז דאס האט זיך צוגעקייקלט צו מיר פעליפע איל פיקאלא, וואס דרייט זיך אוודאי ווי איך אף אלע זייטן א געביסענער פון די אומפלייט און איך האב אים א פרעג געטון וועגן דעם. אנשטאט איל פיקאלא האט מיר אבער א מיידלש קול היים אריינ־געשעפטשעט אין אויער:

— הום, ניין, מיך בייסט קיין זאך ניט ווען איך ליג לעבן דיר, סו־מאק הואינא (שיינער יונג). און מיין שוועסטער טאפארפא, וואס ליגט לעבן מיר, זאגט אויך אזוי...

דאס איז געווען די שיינע, קרעפטיקע קאראפאהוידא. זי איז ארי־בערגעקראכן איבער מיר און מיט כוח מיך צוגעצויגן צו זיך, אריינעמענדיק מיך צווישן איר און טאפארפא. און זיי האבן מיך אף א פאר שעה אוועק־גערויבט פון מיין וואונדערלעכער און זויבערער סורוהאלפא.

אינדרויסן איז נאך געווען פינצטער און בלויז אין מזרח האט גע־נומען טונקל־גרוי ווערן, ווי אויפגעוועקט האט אונדז א מעכטיקער שאלן פון א שופר. דאס האט קאריקאנטשא צען מאל נאכאנאנד געבלאזן אין א דריי־הארנדיקן טרומייטער, כדי אויפצוועקן אונדז, די פרעמדע. די בני־בית זיינען שוין געזעסן ארום פייער, געקייעט געבראטענעם מאיס און גע־טרונקען קאווע פון דעמבענע שישקעס. די קליינינקע, שטארק מאגערע באלעבאסטע, אן אנגעפארבטע, א באצירטע מיט אירע קרעלן און פאטשער־קעס, מיט דעם גרויסן שטרויענעם הוט אפן קאפ, איז אומגעלאפן פון איין ארט אפן צווייטן ווי א יונגע שטיפערישע ציג, און אירע טעכטער כואנא, קאראפאהוידא און טאפארפא, האבן גליקלעכע און שמייכלדיקע אונדז דערלאנגט אין גוט אויסגעוואשענע ליימענע טעפלעך פיינע קאקא־טיי. נאך באנאכט, פארן שלאפן, האט הואמאהוהופא זיי אויפגעקלערט, אז די גרינ־גאס האבן ליב צו עסן און טרינקען פון ריינע כלים. נאך דער טיי האבן זיי

# מאַרקוס פאַרישעווסקי

אונדז מכבד געווען מיט פרישער ציגן־מילך און געשמאַקן שעפסן־קעז.

אזייגער פינף פאַרטאָג, נאָכדעם ווי מיר האָבן זיך אַרומגערייניקט פון דעם אומפלייט, וואָס האָט אונדז פאַרפלייצט, האָבן מיר זיך גענומען גרייטן אין וועג. קאַריקאַנטשאַ האָט אונדז געראָטן נישט מיטצונעמען די פערד און אויך נישט די מויל־אייזלען, מחמת מיר וועלן אָנטרעפן אַ געגנט, וויי־טער אַרויפצו צום וואולקאַן, וואָס איז נישט צום דורכרייטן: אַ שטיק וויסטע, פול מיט שטיינער, וואָס דער מיסטי, האָט אַרויסגעוואָרפן פון זיך. אויך זיינען דאָרט די וועגן אַזעלכע שמאָלע און געהויקערט, אַז ס'איז אַ סכנה אַראָפצופאַלן צוזאַמען מיט דעם פערד אין תהום אריין. געזאָגט האָט ער אונדז אויך, אַז פאַראַן זיינען דאָרט אַזעלכע אויסטערלישע בייזע חיות, אַזעלכע מינים פלעזיאָזאורס, ווי די וואָס מען האָט זייערע ביינער געפונען אין פאַטאַגאָניע, וואָס האַלטן זיך אויף אין די ערטער וואָס זיינען באַוואַקסן, און זיי וועלן איינשלינגען אונדזערע בהמות ווי נאָר מיר וועלן זיי אָפלאָזן צום פאַשען.

דער נאַטור־פאָרשער פאָן בירנבאום איז פאַר אַלעמען געווען אַ סאָל־דאַט און ער האָט אויפגענומען קאַריקאַנטשאַס גוזמאות וועגן די פאַנטאַס־טישע חיות נישט ווי אַ וויסנשאַפטסמענטש נאָר ווי אַ סאָלדאַט. ער האָט נישט אין אַכט גענומען מיינע פּראָטעסטן, אַז מען טאָר נישט ערנסט נע־מען די אַבערגלויבערישע מאַיסעס פון דעם איינגעבילדעטן אינדיאַנער און אַז אויב דאָרט איז דאָ אַזאַ געגנט, וועלן מיר פאַרן באַטרעטן זי, שטעלן אַ ביוואַק און דאָרט איבערלאָזן די בהמות אויף דער השגחה פון די אימאַ־ראַיער... ער איז דער איינציקער פאַראַנטוואָרטלעכער פאַר די פערד און מויל־אייזלען, האָט ער געטענהט און ער האָט זיי איבערגעלאָזט צוזאַמען מיט די אימאַראַיער און צוזאַמען מיט זיין הונט. כאָטשע ער הייסט קלע־מאַנסאַ, האָט ער געזאָגט, איז ער אים טייערער ווי אַלע פראַנצויזן פון דער גאָרער וועלט און ער וואָלט אים נישט פאַרביטן פאַר די גרעסטע הונ־דערט דייטשע פּערזענלעכקייטן און ער וויל ניט שטעלן זיין לעבן אין סכנה. וואָס שייך די אימאַראַיער, דאַרף ער זיי ניט האָבן, ווייל ער ווייסט שוין אַליין דעם וועג צום וואולקאַן. איך האָב געמוזט נאָכגעבן, ווייל די איינציקע וואָס האָט געהאַלטן מיט מיר, איז געווען סורוהאַלפאַ. אפילע הואַמאַהוהופאַ האָט זיך געשטעלט אויף דער זייט פון דעם דייטש. און אַדאַנק דער עקשנות פונעם דייטש, האָבן מיר געליטן אַ דאָפּלטן אומגליק.

---

# צווישן ווילדע און ציוויליזירטע

צוליב דעם וואָס מיר האָבן איבערגעלאָזט די פערד און מויל־אייזלען מיט די צוויי איכאַראַיער, האָבן מיר אויך געמוזט איבערלאָזן זייער אַסאַך גאָר נוצלעכע זאַכן און מכשירים, וואָס נויטיקן זיך צו אַזאַ נסיעה. ס׳איז דאָך נישט מעגלעך געווען מיר זאָלן אַף זיך טראָגן די משא וואָס די בהמות מיט די צוויי מענטשן האָבן אַף זיך געטראָגן.

אַ זעכצן קילאָמעטער פון פוקאַנקי כאַלאַנקיעס הויז זיינען מיר געגאַנגען איבער אַ בערך נישקאָשעדיקן וועג. פון דאָרט האָבן מיר געמוזט דורכמאַכן אַנדערהאַלבן קילאָמעטער קריכנדיק אַף אַלע פיר, אָדער שלעפנדיק זיך אַף די בייכער צווישן שטעכערעס און שאַרפע שטיינער און מיר זיינען אַרויס פון דאָרט צעדראַפּעטע און צעקאַליעטשעטע. נאָכדעם זיינען מיר אַרויף אַף אַ סטעפּ פון אַש אויסגעמישט מיט לעכערדיקע שטיינער, וואָס האָבן אויסגעזען ווי פאַרשטיינערטע ים־שוואָמען פון אַלערליי פאַרמען און פאַרבן. ווייטער האָבן מיר אָנגעטראָפן אַף אַ רויטן אַש, וואָס איז אין טייל ערטער געווען עטלעכע מעטער טיף און מיר האָבן געמוזט זיין זייער פאָרזיכטיק נישט אַריינצופאַלן אין אַזאַ אַש־אָפּגרונט. דער דייטש מיט הואַמאַהואַפּאַן, וועלכע זיינען שוין געווען פּראַקטישער אין אַזעלכע נסיעות, זיינען געגאַנגען פאָרויס מיט לאַנגע שטעקנס און האָבן געמאָסטן די טיפקייט פונעם אַש און איך, סורוהאַלפּאַ און פּעליפּע איל פּיקאָלאָ זיינען מיר זיי נאָכגעגאַנגען פוסטריט.

דורכגעקומען דאָס אַש־פעלד, זיינען מיר ווידער אַריין אין אַ שטיק געדיכטן וואַלד, וואָס איז געווען ווי אַ מין המשך פון יענער געדיכטעניש וואָס פאַר דעם אַש. אַ כמעט נישט דורכדרינגלעכע פאַרוואַקסענע טייגע איז דאָס געווען און מאַכנדיק זיך אַ וועג דורך איר מיט דעם שווערן געפּעק אַף די פּלייצעס, האָבן מיר צעריסן אַף זיך ניט נאָר די קליידער, נאָר אויך די לייבער. בלוט האָט אונדז גערונען פון יעדן אבר, בעייסן דראַפּען זיך צווישן דעם זשאַנגל, האָבן מיר געזען הויך אינעם רוים די ריזן־קאָנדאָרס, וואָס האָבן געמאַכט דעם איינדרוק פון אויסשפּיר־אַעראָפּלאַנען מיט נאַקעטע בלוי־רויטע העלדזער, וואָס שרייען מיט מעשונעדיקע טריונף־געשרייען. אויך דער פּומאַ איז נישט געשלאָפן און אַנדערע לייבן־קעץ, וואָס האָבן זיך געלאָזט הערן מיט קעצישן געוויין, כאָטשע געווען איז עס באַטאָג, און האָבן געוואָרפן אַף אונדז אַ מורא. בלויז סורוהאַלפּאַ, וואָס האָט געהאַט אַזעלכע בייזע פאַרגעפילן באַלד נאָכן אַרויסרייטן פון אַרעקיפּאַ, איז דאָ געווען בראַוו און האָט אַרויסגעוויזן מוט און געוואַגטקייט

און מיט איר מוטיקן שפּרינגען און לאַכן האָט זי אונדז אַלעמען געמוטיקט.

ווי מיר זיינען נאָר אַרויס פון דעם דערנער־וועלדל, זיינען מיר שטיין געבליבן פּנים אל פּנים מיט אַ זייער טיפן און שנעל לויפנדיקן טייכל, צום גליק נישט ברייטער ווי אַ צוואַנציק מעטער, וואָס מיר האָבן, נאָך אַן אָפּרו פון אַ האַלבער שעה צייט, דורכגעשוואומען. דאָ האָט פעליפּע איל פּיקאָלאָ באַוויזן עמעסע שווים־קונסט. אַזוי ווי ניט סורוהאַלפאַ און ניט הואַמאַהוהופּאַ האָבן געקענט שווימען, האָט ער דאָס ערשטע אַריבערגעפּעקלט הואַמאַהוהופּאַן, דערנאָך סורוהאַלפאַן און צולעצט דאָס גאַנצע געפּעק אונדזערס און ערשט דערנאָך איז ער ווידער אַריבערגעשוואומען, כדי צוזאַמען מיט אונדז זיך אַריינוואַרפן אינעם שטאַרקן וואַסער, אַף יעדן פאַל, טאָמער נויטיקן מיר זיך אין הילף.

— וואָס אַן אמת — האָט מיר פאָן בירנבאַום אַ זאָג געטון אָפּן אויער — ווען דאָס סמבטיון־טייכל וואָלט חלילה ברייטער געווען מיט נאָך אַ צוואַנציק אָדער דרייסיק מעטער, ווייס איך ניט צי איך וואָלט אַליין דערגרייכט דעם צווייטן ברעג.

אָפּגייענדיק פונעם טייכל אַ טויזנט מעטער, זיינען מיר שטיין געבליבן פאַר אַ שטיינערנעם מויער, אַ גלייכן ווי אַ ווירע, פון אַ דריי הונדערט פוס די הויך און איבער טויזנט מעטער די לענג, ווי געבויט פון פירקאַנטיקע און מער קאַנטיקע שטיינער און צוזאַמענגעקלעפּט מיט פּאַרהאַרטעוועטער לאַווע. איין שטיק סאָלידע מאַסע האָט דער מויער אויסגעזען. רעכטס האָבן מיר פאַר זיך געזען אַ שרעקלעך טיפן תהום, הינטער אונדז דער ברויזנדער טייך און באַלד נאָך אים — דער דערנער־וואַלד און אַנטקעגן — דער הויכער מויער, וואָס מיר האָבן אים תחילת אָנגענומען פאַר אַ פעסטונג אָדער פאַר אַ מאָנאַסטיר. גענומען האָבן מיר זיך אַף לינקס, גלייך מיט דער וואַנט. און אָפּגייענדיק אַזוי אַן ערך צוויי הונדערט מעטער, האָבן מיר באַמערקט אינעם מויער אַ דריי־קאַנטיקן יאָך פון אַ דריי מעטער בײַ דער באַזע און פיר מעטער די הויך בײַם אויבערשטן ווינקל. געווען איז עס אַן אַריינגאַנג אין אַ פינצטערן טונעל, וואָס מיר האָבן תחילת אָנגענומען פאַר אַ הייל פון די פּאַרצייטיקע אינדיאַנער און אפשר אַ באַהעלטעניש פאַר באַנדיטן. יעדער פון אונדז האָט אַריינגעקוקט אין דעם לאָך און אַזוי ווי קיינער פון אונדז האָט גאָרנישט ניט געזען וואָס דאָרטן טוט זיך, זיינען מיר אַוועק פון דאָרט מיט אַן אינסטינקטיוון פחד.

# צווישן ווילדע און ציוויליזירטע

ווידער זיינען מיר אָפּגעגאַנגען אַן ערך צוויי הונדערט מעטער, זיך האַלטנדיק אַלץ בײַ דעם מיסטעריעזן מויער, און ווידער זיינען מיר שטיין געבליבן פאַר אַן אָפּגרונט. די וואַנט האָט דאָ זיך פאַרענדיקט, ווי אָפּגעהאַקט, פון אויבן אין דער הויך ביז טיף אַראָפּ אין דער אומענדלעכקייט.

— דאָ איז ווידער אַ תהום! — האָט פאַן בירנבאַום אויסגעשריגן אַ באַגייסטערטער פון דער שרעקלעכקייט.

— יאָ, אַ גרונטלאָזער תהום! — האָב איך קאַלט צוגעגעבן.

איך האָב צוויי מאָל אַריינגעוואָרפן אַ וואולקאַן־שטיין פון אַ קילאָ די וואָג און ביידע מאָל האָט עס געדויערט פערצן סעקונדן ביז עס האָט זיך דערהערט אַ שוואַכער אָפּקלאַנג פון זיין פאַלן. און גראָד זיינען די שטיינער געפאַלן נישט גלייך אַראָפּ אינעם אָפּגרונט, נאָר אָנגעשלאָגן זיך אָן זיין שטיינערנער וואַנט.

פאַן בירנבאַום, דער נאַטור־פאָרשער, האָט געוואָלט צוגיין זען וואָס עס טוט זיך אונטן אינעם תהום. מיר האָבן אים אָבער נישט געלאָזט, מורא האָבנדיק עס זאָל זיך צומאָל ניט איינוואַלגערן דער ברעג און מיר האָבן אים אַרומגעבונדן מיט אַ לאַנגן און פעסטן שטריק אַרום דער ברוסט, און אַזוי איז ער, פאָרזיכטיק, מעסטנדיק די טריט, צוגעגאַנגען ביז גאָר נאָנט. ווען ער איז געווען ניט מער ווי דריי מעטער פונעם אָפּגרונט, האָט ער זיך אויסגעצויגן אויף דער ערד און אָפּן בויך זיך צוגעשלעפט ביז ער האָט געקענט אַראָפּבייגן דעם קאָפּ איבער דער פינצטערער טיפעניש. מיט זיין עלעקטרישן לעמפל האָט ער געפרואווט אַראָפּלייכטן, אפשר וועט ער דערזען דעם דעק. די טיפקייט דאָרט איז אָבער געווען אַזוי גרויס, אַז דאָס עלעקטרישע ליכט האָט נישט געקענט דערגרייכן ביז אַראָפּ. ער האָט דעמאָלט גענומען פון די שטיינער וואָס זיינען געליגן אַרום אים און גוט צילנדיק, גלייך אַראָפּגעוואָרפן. פיל מאָל האָט ער אַזוי אַראָפּגעוואָרפן די שטיינער, מיט אַ פויזע פון אַ האַלבער מינוט פון איין מאָל וואָרפן ביזן צווייטן און האָט זיך איינגעהערט צו דעם קלאַנג, וואָס האָט צו זיינע אויערן נישט דערגרייכט. נאָכן פערטן שטיין, האָט ער ווידער גענומען באַלויכטן דעם דעק מיט זיין עלעקטרישן לעמפל און צום סוף האָט ער אָנגעשטעלט זיין פאָטאָגראַפישן אַפּאַראַט, וואָס ער האָט געהאַט הענגען בײַ אים איבערן אַקסל, האָט אונטערגעצונדן אַביסל מאַגנעזיע און אָפּגעפאָטאָגראַפירט דעם אומענדלעכן אָפּגרונט.

# מאַרקוס פּאַרישעווסקי

ווי נאָר פּאָן בירנבאַום האָט דאָס באַוויזן צו טון, האָט ער אַ כאָרכ־לענדיקן געשריי געגעבן:

— ראַטעוועט, איך שטאַרב!

נאָכן געשריי, האָט זיין קאָפּ זיך אַרונטערגעלאָזט איבער דער הויל־קייט פונעם תהום און מער האָט ער קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט. מיר האָבן גלייך פאַרשטאַנען, אַז ער איז פאַרטשאַדעט געוואָרן און מיר האָבן אַף שנעל, אָבער זייער פאָרזיכטיק אַ צי געטון דעם שטריק און אים אָפּ־געשלעפּט עטלעכע מעטער פונעם ברעג און איך מיט הואַמאַהוהופּאַן זיי־נען מיר צוגעלאָפן און אים פון דאָרט אַוועקגעטראָגן אַף דעם אָרט וואו סורוהאַלפּאַ און פעליפּע איל פּיקאָלאָ זיינען געשטאַנען לעבן דעם געפּעק.

תחילת האָב איך געמיינט, אַז ער איז טויט, ווייל דאָס פּנים בא אים איז געווען גרין און געל, די אויגן אָפן און איבערגעדרייט. נאָר נאָכדעם ווי מיר האָבן אים אַריינגעגאָסן אינעם מויל אַביסל אייז־קאַלטע וואַסער פון אַ באַרג־שטראָם און נאָכדעם ווי מיר האָבן אים איינגעריבן די ברוסט און די שלייפן מיט אַלקאָהאָל און צוגעטראָגן צו דער נאָז אַ שטאַרקן אַמאָניאַק, איז ער געקומען צו זיך. נאָך אַ צען מינוט ליגן ווי אידיאָטי־זירט, האָט ער געבעטן מען זאָל אים העלפן זיך אויפזעצן און דערלאַנגען דעם לאָגל מיט קאָניאַק, פון וועלכער ער האָט עטלעכע זופּ געטון און דערנאָך ערשט גענומען דערציילן פון וואָס ער האָט געכאַלעשט.

— דאָס איז — האָט ער געזאָגט — אַ שפּאַלט אַזאַ, פאַרבליבן פון דער לעצטער אויפטרייסלונג, וואָס דער מיסטי האָט אַרויסגערופן. ברייט איז דער שפּאַלט נישט מער ווי צען מעטער און לאַנג איז ער איבער טויזנט מעטער. טיף איז ער אויך, לויט מיין מיינונג, איבער טויזנט מעטער. בעת איך בין געלעגן אויסגעצויגן מיטן פּנים צום אָפּגרונט, האָבן מיינע אויגן קוים דערגרייכט ביז צו אַ טיפעניש פון אַ פערציק ביז פופציק מעטער און מיט דער הילף פון מיין עלעקטרישן לעמפּל אפשר נאָך אַ הונדערט מע־טער. ווייטער האָב איך גאָרנישט געזען, ווייל דער גאַז, וואָס הויערט דאָרט ווי אַ געדיכטער נעפּל, וואָס טיפער אַלץ געדיכטער, און מיט אַ ריח ווי דער דאַמף פון קאָכנדיק קאַלך, האָט זיך מיטאַמאָל גענומען הויבן אַף אַרויף נאָכדעם ווי איך האָב אַראָפּגעוואָרפן די שטיינער און האָט מיך שיר ניט דערשטיקט. ווער ווייס — האָט דער פּרייס געלט־גייציק אונטערגע־שטראָכן — וויפל קוביקמעטער גאַזן פון פליסיקע טייערע מינעראַלן עס זיינען אָנגעזאַמלט אַפן דעק פון דעם תהום! אַז איך וועל צוריקקומען

# צווישן ווילדע און ציוויליזירטע

בשלום אין שטאָט אַריין, וועל איך מיר אויסזוכן אַ רייכן שותף צו עקס־פּלואַטירן דידאָזיקע רייכטימער און וועל ווערן אַ מיליאָנער...

אָפּגעוואַרט אַ האַלבע שעה ביז פּאָן בירנבאום האָט זיך געפילט גע־נוג געקרעפטיקט, האָבן מיר זיך געלאָזט גיין צוריק מיט דעם מויער ביז צו דעם דריי־עקיקן לאָך וואָס מיר האָבן פריער געזען אינעם מויער. גע־ווען איז עס אַזייגער צען אינדערפרי. דאָרט האָבן מיר ווידער אָפּגע־לייגט אונדזערע פּעקלעך, גענומען עפּעס אין מויל אַריין און זיך געגרייט אַריינגיין אין דעם מיסטעריעזן טונעל און זען וואָס עס טוט זיך אויף דער צווייטער זייט, אויב עס וועט נאָר מעגלעך זיין אים דורכצוגיין. אַז דער לאָך ציט זיך דורך דער גאַנצער ברייט פונעם מויער, זיינען מיר זיכער געווען, מחמת בעת מיר האָבן זיך וועגעשטעלט אין דער מיט זיינער, האָט געיאָגט אויף אונדז אַ צוג־ווינט, אַ באַווייז אַז דער לאָך האָט אַן אַרויסגאַנג.

— ווער ווייס אָבער — האָט הואַמאַהוהופּאַ אַ וואָרטשע געטאָן ווי צו זיך — צי אין טונעל געפינט זיך ניט ווידער עפּעס איבעראַשנדיקס, אַ תהום, אַ טיף וואַסער, צי גאָר אַ נעסט פון גיפטיקע גאַזן...

דער גורל איז געפאַלן אויף מיר איך זאָל זיין דער ערשטער אַריינצו־גיין און מיט פּופּציק מעטער פּאָרויס פאַר אַלעמען. מען האָט מיך אַרומ־געבונדן מיט אַ שטריק אַרום דער ברוסט און זיין עק האָבן געהאַלטן אַלע איבעריקע. איך האָב גענומען גיין, ניט אָן האַרץ־קלאַפּעניש, אין דעם פינצטערן טונעל, מיט אַ געלאָדענעם פּיסטויל אין דער רעכטער האַנט, מיין שטעקן־שווערדל אין דער לינקער און אַן עלעקטריש לעמפּל אָנגע־האָנגען אויף דער ברוסט. מיטאַמאָל אָבער האָט סורוהאַלפּאַ גענומען שרייען:

— איך וויל לעבן און אויך שטאַרבן מיט מיין פּוקאַ־האַרעלע צו־זאַמען!

און הואַמאַהוהופּאַ האָט אויך גענומען טיינען, אַז דער יושר איז ער זאָל גיין צוזאַמען מיט מיר, וואָרום ער קען בעסער פון מיר אַזעלכע גע־פערלעכע דורכגענג.

נאָך אַ קורצער באַראַטונג, איז אָפּגעשטימט געוואָרן, אַז איך מיט הואַמאַהוהופּאַן זאָלן מיר גיין צוזאַמען באַם פאָרויסיקן עק שטריק און סורוהאַלפּאַ, בירנבאום און פעליפּע איל פּיקאָלאָ זאָלן גיין פון הינטן, צו־האַלטנדיק דעם צווייטן עק. איך בין אַריין אינעם שוואַרצן לאָך און הואַ־מאַהוהופּאַ לינקס פון מיר, מיט זיין שאַרפן קינזשאַל אין דער לינקער האַנט

# מאַרקוס פּאַרישעווסקי

און מיט אַ גאָר לאַנגן שטאָלענעם רערן־שטעקל, פון די וואָס רוקן זיך צו־
זאַמען, אין דער רעכטער האַנט. באַ מיין אַריינגיין בין איך געווען זיכער,
אַז קיין לעבעדיקער וועל איך שוין פון דאָרט ניט אַרויס. דאָס אייגענע
האָט געטראַכט הואַמאַהוהופּאַ. דאָך בין איך געגאַנגען. בעסער שטאַרבן
— האָב איך צו מיר געזאָגט — איידער זיין אַ פּייגלינג!

ווען מיר זיינען אָפּגעגאַנגען אינעווייניק ניט מער ווי אַ זעכציק קור־
צע טריט, האָט מען שוין גאָרניט געזען. אַזוי פינצטער איז געווען. און גיט
אַזוי צוליב דער לענג פונעם טונעל, ווי צוליב די עלף זיגזאַגן וואָס מיר
האָבן דורכגעמאַכט און מען האָט צוליב זיי נישט געקענט זען די צווייטע
זייט. געווען איז דער טונעל אינעווייניק אַ צען מעטער ברייט אַף אַ פינף
מעטער הויך. כאָטשע מיר האָבן אונדזערע פּוסטריטן באַלויכטן מיט די
עלעקטרישע לעמפּלעך, האָבן מיר געמוזט זיין זייער פּאָרזיכטיק נישט צו
פאַלן און ברעכן האַלדז און נאַקן איבער דער גרויסער צאָל אָנגעוואָרפענע
שטיינער. אָפּגעגאַנגען זיינען מיר אַזוי, נישט ריידנדיק אַ וואָרט צווישן
אונדז, ווי מיר וואָלטן דעם אָטעם איינגעהאַלטן, אַן ערך הונדערט מעטער
און ערשט דאָ האָבן אונדזערע לעמפּלעך און אונדזערע מענטשן־געשטאַל־
טן דערוועקט אַ שניידיק פּישטשען, ווי דאָס סקריפּען פון ניט געשמירטע
רעדער אין אַ שווערן וואָגן, אַז אַ דראָזש איז אַריבער איבער אונדזערע
נערוון. אָנגעטראָפן האָבן מיר מחנות פלעדערמייז און וואַמפּירן. גרויסע
און שטינקענדיקע זיינען די פלעדערמייז געהאָנגען מיט זייערע הינטער־
שטע פיסלעך־פליגלען אָנגעקלאַמערט אינעם סופיט און אָן די אַרויסגע־
שטאַרצטע פון די ווענט פעלזן־שפּיצן. און סאָוועס, אויסטערליש גרויסע,
מיט פּענימער פון אַלטע בייזע מכשפות, אין די טויזנטער, האָבן אַף זיי
געלויערט. אויפגערעגט פון אונדזער חוצפּה צו באַטרעטן זייער פינצטערן
לאַבערינט, זיינען זיי אונדז געפלויגן ממש אין פּנים אַריין מיט אַ טייוולאָ־
ניש געלעכטער און אַנדערע מיט אַ יאָמערדיק געוויין.

באַ דער שיין פון אונדזערע עלעקטרישע לעמפּלעך, האָבן מיר אַף
שנעל אַלץ באַטראַכט, פאַרצייכנט און פאָטאָגראַפירט די אינטערעסאַנטע
ערטער. בעת מעשה האָב איך באַנומען דעם טונעל ווי דעם מויער פון אויבן
ווי אַ קאָמפּליצירטע אינזשעניערן־אַרבעט פונעם וואולקאַן מיסטי בעת
זיינע אויסברוכן פון ווער ווייס וויפל טויזנטער יאָרן צוריק. ווען ער האָט
פון זיך אַרויסגעשליידערט פייער, שטיין און פליסיקע לאַווע, האָט ער
דאָס אַזוי מייסטערהאַפט אויסגעלייגט אַט דעם גרויסן באַרג אין דער פּאָ־

# צווישן ווילדע און ציוויליזירטע

רעם פון א ריזן־מויער און אט דעם אויסטערלישן טונעל...

די מחנות דערשראקענע פלעדערמייז און וואמפירן און די ראצבישע סאוועס, וואס האבן זיך געיאגט נאך זיי, האבן אונדז זייער פיל געשטערט אין אונדזער ארבעט באם באטראכטן און פאטאגראפירן. דאך האבן מיר זיך באמיט צו זען וואס מער. די ווענט, דער סופיט און דער דיל זיינען פונקט דער היפוך פון דער מיסטעריע אין דער אויבערשטער סטרוקטור. פון אומעטום שטארצן די שטיינער, גרעסערע און קלענערע פון פארשידענע פארמען און פארשידענע קאלירן. געווען זיינען צווישן זיי טייל גרעסערע שטיינער מיט א פאספארישער אייגנשאפט, אז אף עטלעכע מעטער ארום זיי איז מעגלעך געווען צו זען אן דער הילף פון די עלעקטרישע לעמפלעך אין די פינצטערסטע ווינקלען פונעם איימעדיקן טונעל.

אינעם לעצטן אויסבויג האבן מיר זיך אנגעשטויסן אף הונדערטער סטאלאקטיטן און סטאלאגמיטן פון אלערליי פארמען און קאלירן. אין טייל ערטער זיינען זיי זיך צוזאמענגעקומען, די קרישטאלענע שפיצן וואס זיינען אראפגעהאנגען פונעם סופיט און די וואס זיינען ארויסגעוואקסן פונעם שטיינערנעם דיל, מיט די שפיצן ארויף. ווען מיר וואלטן נישט געווען אזוי באלאדן מיט אונדזערע שווערע פעקלעך וואלטן מיר זיכער יעדער פון אונדז מיטגענומען א קרישטאלענעם סטראמפ. אזוי אבער, האבן מיר בלויז געזוכט דעם שענסטן און דעם קאמפליצירטסטן. איך האב געהאט דאס גליק צו באמערקן א זעלטענעם סטאלאקטיט מיט אפצווייגונגען ווי א קאמפליצירטער הירשן־הארן און מיט אזא שמאראגדן־גלאנץ, אז מיר זיינען אלע נישטוימעם געווארן פון דער שיינקייט און וואונדערלעכע אייגנשאפטן פון דער ברוטא־נאטור.

כדי אים אפצוזעגן, איז דער לאנגער פעליפע איל פיקאלא מיט זיין מעטער צוויי און ניינציק די הויך, ארויפגעקראכן צו מיר און הואמאהור־הופאן אף די אקסלען, נאכדעם ווי מיר האבן זיך אוועקגעשטעלט אף א שטיין פון איבער צוויי מעטער די הויך און נאך א פאר מינוט זעגן, האט ער אים אפגעבראכן באם סאמע געבורט. פארגעשטעלט האבן מיר זיך ווער ווייס וויפל דער וואונדערלעכער סטאלאקטיט וועט וועגן. צום סוף האט ער געוואויגן קוים פינף קילאגראם. געווען איז ער אינעווייניק אינגאנצן הויל ווי א באמבוק און האט די לענג פון א מעטער מיט זעקס און פופציק צענטימעטער. צוגענומען האט אים פאר זיך פאן בירנבאום אלס נאטורפארשער. אין זיין לאבאראטאריע, האט ער געזאגט, וועט ער מאכן

פון אים און אנאליז און זיך דערוויסן פון וואסערע שטאפן ער באשטייט און וויפל טויזנטער יארן עס האט געדויערט ביז דער סטאלאקטיט איז צו אזא גרויס געקומען.

— דאס קומט — האט זיך הואמאהופא אנגערופן פון א צוזאמענמיש פון אלערליי מעטאלן מיט אזא מין נאטירלעכן פארצעליי און א פליסיקן צושטאנד, ערגעץ וואו איבערן סופיט און פילטרירט זיך דורך טראפנסווייז א צייט פון יארטויזנטער. די סטאלאקטיטן זיינען די פארקריסטאליזירטע טראפנס וואס זיינען הענגען געבליבן, בעת די סטאלאגמיטן זיינען די וואס האבן אראפגעטריפט, טריף נאך טריף אף דעם זעלבן ארט און זייענען אזוי ארום אויסגעוואקסן ווי רערן, ווי שטעקנס אדער ווי מנורות פארנעם דיל מיט די שפיצן ארויף...

שוין כמעט באם ארויסגאנג פון דעם קרישטאלענעם לאבירינט, זייענען מיר ווידער איבעראשט געווארן פון מחנות פלעדערמייז און הונדערטער סאוועס, קאראנטשאס און טשימאנגאס, וואס האבן זיך געיאגט נאך זיי. און ווען מיר זיינען בשלום ארויס פון דעם 280 מעטער לאנגן טונעל מיט גאנצע ביינער אף דער ליכטיקער וועלט, זיינען מיר אלע געווען טויטבלייכע, גרין און געלע, גיכער ענלעכע אף מתים און באדעקט מיט א קאלטן שווייס און מיט א קברים־געשטאנק.

דערפאר האט זיך פאר אונדזערע אויגן ווידער אנטפלעקט א זעלטן שיינע צויבערפולע פאנאראמע: גלייך קעגניבער דעם מויל פונעם טונעל, ניט מער ווי עטלעכע קילאמעטער ווייט, ווי אונדז האט זיך געדאכט, האט זיך געזען דער מיסטי מיט זיין גאנצער גרויזאמער מאיעסטעטישקייט און כוצפעדיקער פאריסנקייט. פון אט דער נאנטער ווייטקייט, באם אפגלאנץ פון דער גליענדיקער זון, האב איך פאר מיינע אויגן געזען דעם שטיינערנעם ריז ווי פון א ספעציעלן מעטאל געגאסן, מיט טיפע קארבן אף זיין גרוילנדן וויים־גלאנציקן קאפ מיט שעמערירנדן שניי באדעקט.

געשפרייט האט זיך פאר אונדז, אף א מרחק פון קנאפע צוויי קילאמעטער, ווי מיר האבן געשאצט, א ברייטער טאל באדעקט מיט פרימיטיוון גרינעם וואלד, מיט ביימער צעדרייטע און איינגעפלאכטענע איינער אין צווייטן, אין טייל ערטער אזוי געדיכט ווי איין צווייגן־מאסע. און פון אט די ביימער, ווי אונדז האט זיך געדאכט, שטארצט ארויס דער מיסטי.

אריינגעלאזט האבן מיר זיך אין דער געדיכטער ווילדעניש איבער א מוראשקע־סטעזשקע צווישן הויכן גרינעם גראז אין דעם בערך שמאלן

# צווישן ווילדע און ציוויליזירטע

און לאנגן וועלדל. וואס ווייטער איז דאס וועלדל געווארן אלץ געדיכטער. געגאנגען זיינען מיר צווישן נידעריקע ביימער מיט גראבע שטאמען און ברייטע צווייגן, און צווישן די גראבע שטאמען — אנדערע דינינקע, ראַ־כיטישע, פארדרייטע און איינגעוואקסענע איינס אינעם צווייטן און וואו ניט וואו א ריזיקער הויכער בוים, וואס זיין גרינער הוט וויגט זיך הויך אינעם רוים איבער אלע אנדערע ביימער ארום אים. אף איינעם אזא בוים האב איך ארויפגעקלעטערט, כדי צו זען ווי ברייט עס איז מיט אן אמת דער וואלד. ארויסגעוויזן האט זיך, אז דער וואלד איז נישט ברייטער ווי צוויי קילאמעטער און אז פון דעם ארט וואו מיר האבן זיך געפונען, פעלט אונדז דורכצושלאגן זיך דורך דער געדיכטעניש נישט מער ווי עטלעכע הונדערט מעטער.

ארויסגעקומען פון דער געדיכטעניש, האבן מיר אנגעטראפן א פלאך בערגל פון א פופציק מעטער די הויך, אן ביימער, נאר דערפאר באדעקט אין טייל ערטער מיט א הויכן און דופטיקן גראז, פול מיט ווילדע בלומען. ארויפקלעטערן אף דעם בערגל איז אונדז אנגעקומען גאנץ לייכט, מחמת געהויבן האט ער זיך מיט א לאנגזאמער מעשופעדיקייט, צווישן פינף און צען מעטער אף יעדע הונדערט. פון דעם בערגל האבן מיר געקענט גוט באטראכטן די לאנדשאפט ארום, ארויף און אראפ. אויסגעפונען האבן מיר א גרויסן פירקאנטיקן שטיין, הינטער וועלכן מיר האבן אראפגעלייגט אונדזער געפעק און מיר האבן זיך אוועקגעזעצט אין זיין שאטן אפרוען און זיך שיצן פון דער ברענענדיקער יאנואר־זון.

אף דעם שטיין האבן מיר דערנאך ארויפגעקלעטערט, איך און דער דייטש, און מיט אונדזערע בינאקלען האבן מיר באקוקט די געגנט, איבער־הויפט דעם וואולקאן, וואס איז פון דארט מיט אן אמת שוין גארנישט ווייט. דער פלאכער בארג, אף וועלכן מיר האבן זיך געפונען, האט געהאט אן ערך צוויי קילאמעטער די לענג און איין קילאמעטער די ברייט, לויט אונדזער שאצונג. אין צפון־זייט האט זיך געפונען א ברייטער און טיפער טאל; אין מערב האט זיך געצויגן דער וואלד און נאכדעם ווי ער האט פארקירעוועט א צען מעטער ווייטער פונעם בערגל, האט ער זיך פארלוירן אין דער ווייטקייט און אין מזרח איז פאר אונדז געשטאנען דער וואול־קאן אפגעטיילט מיט א מורא׳דיקן תהום.

ווי מיר האבן געהאלטן אין באטראכטן די לאנדשאפט, האבן מיר פלוצים דערהערט אן אויסטערלישן ברום און א ווילדן גאלאפ צווישן דעם

# מאַרקוס פּאַרישעווסקי

וואַלד און דעם טאָל. אַלע פינף האָבן מיר אָנגעשטעלט אונדזערע ביקסן אין דער זייט פונוואַנען עס האָט זיך געהערט וואָס אַ רגע אַלץ נענטער דער געלאַף. אַרויסגעלאָפן זיינען פונעם וואַלד דריי קליינע הירשלעך און. נאָך זיי אַ גרעסערע, די מוטער, און בליץ־שנעל זיך צעשפּרייט אין אַלע ריכטונגען. אַ רגע שפּעטער, איז אַרויסגעלאָפן אַ פינפטער הירש, גאָר אַ גרויסער, דער פאָטער, זעט אויס, און אויף אים, אויף זיין רוקן, איינגעקלאַמערט מיט זיינע שאַרפע ציין און נעגל, אַ פּומאַ.

אַלע האָבן מיר אויסגעשאָסן אין איין זאַלפּ. נאָר פאַן בירנבאום האָט זיך פאַרהאַלטן רואיקער פון אונדז און בעסער געצילט און ער האָט מיט דעם ערשטן שאָס געטראָפן דעם פּומאַ און מיט דעם צווייטן דעם הירש, וועלכער איז געלאָפן גלייך אויף אונדז און מיט זיינע גרויסע דערשראָקענע אויגן ווי געבעטן בא אונדז רחמנות און הילף. דער פּומאַ, אָדער ווי מען רופט אים אויך דער אמעריקאַנער לייב, האָט געקראָגן די דום־דום קויל צווישן די אויגן פון אַן ערך פערציק מעטער די ווייט און איז מיט אַ צעשמעטערטן קאָפּ אָפּן אָרט טויט געבליבן, איינגעגראָבן מיט זיינע ציין אינעם נאַקן פונעם הירש, מיט די נעגל פון זיינע פעדערשטע לאַפּעס אינעם רוקן און די נעגל פון זיינע הינטערשטע לאַפּעס אינעם הירשס הינטערביילעך. דער הירש, פאַרקערט, ווי צעקאַליעטשעט ער איז געווען, האָט נאָך געלעבט און געקוקט אויף אונדז מיט זיינע גרויסע אויגן. ביז הואמאַהוהופּאַ האָט זיך אויף אים דערבאַרימט, האָט אַרויסגעצויגן זיין שאַרפן מעסער און מיט איין שניט צווישן די גלידער, אַראָפּגעשניטן דעם קאָפּ בא אים, כדי אַ סוף צו מאַכן צו זיינע ליידן.

בעת איך מיט הואמאַהוהופּאַן האָבן מיר געשונדן דעם הירשס פעל, האָט די פּליישיקע סורוהאַלפּאַ געמאַכט אַ פייער אויף אָפּצובראָטן זיין פלייש צום באַלדיקן מאָלצייט און אויף שפּעטערדיקן פּראָוויאַנט. פאַן בירנבאום און פעליפּע איל פּיקאַלאָ האָבן זיך גענומען שינדן דעם פּומאַ. די הירשן־פעל האָבן מיר אויסגעשפּרייט אויף דעם שטיין מיט דער האָריקער זייט אַראָפּ, כדי די פליישיקע זייט זאָל זיך אַביסל צוטריקענען אויף דער ברע־נענדיקער זון. די פּומאַ־פעל האָט דער דייטש אויפגעהאַנגען צום טרוקענען זיך אויף אַ נידעריק ביימל נישט ווייט פונעם שטיין.

געווען איז שוין אַזייגער האַלב איינס נאָך האַלבן טאָג און מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט צופרידענע פראַווען אונדזער מאָלצייט. מיט דעם הירשן־פלייש וואָס האָט זיך געשפּירט מיט ווינט. אויפגעלייגטע, האָבן מיר

## צווישן ווילדע און ציוויליזירטע

געשפּאַסט און זיך געקיבעצט איבער דעם דייטשם כאַלעשן באַם אָפּ־גרונט; איבער סורוהאַלפּאַס און הואַמאַהוהופּאַס נישט קענען שווימען, וואָס ווען נישט דער איטאַליענער, וואָלטן זיי זיכער געווען דערטרונקען געוואָרן; איבער מיין בלייך ווערן באַם אַריינגיין אינעם פינצטערן טונעל און איבער איל פּיקאָלאָס אויסטערלישער הייך, איבער זיין מאָגערקייט און זיינע גרויסע אויגן־גלעזער. דאָס שטיק פלייש וואָס סורוהאַלפּאַ האָט אָפּגע־בראָטן אַף פּראָוויאַנט, האָבן מיר איינגעפּאַקט אין צעלאָפּאַן־פּאַפּיר און דערנאָך ערשט אַריינגעלייגט אין אַ גומענעם זעקל און באַהאַלטן צוזאַ־מען מיט די אַנדערע שפּייזן אונטער אַ קופּע גרעסערע שטיינער, כדי קיין שום חיה אָדער פויגל זאָל עס ניט אויפפרעסן.

# אַ קאָנדאָר כאַפּט סורוהאַלפּאַן

מער פון אַלעמען איז אויפגעלייגט געווען באַם עסן די שטיפערישע סורוהאַלפּאַ. זי האָט געפּלוידערט, געלאַכט און געשפּרונגען, געזונגען און געטאַנצט און האָט קאָקעטירט דערביי ניט ערגער ווי די ציוויליזירטע גרויסשטאָטישע דאַמען.

דערפּאַר האָט הואַמאַהוּפּאַ גאָרנישט גערעדט. ער האָט נאָר געטון דאָס וואָס איך האָב אים געהייסן און דאָס וואָס אַלע האָבן געטון. נאָכן עסן, האָט פּעליפּע איל פּיקאָלאָ גענומען זינגען זיין באַליבט נאַפּאָליטאַניש ליד „טאָרנא אַ סאָררענטאָ" און אַנדערע נאַפּאָליטאַנישע מאָטיוון מיט זיין פיינער באַריטאָן־שטימע און אַלע האָבן זיך איינגעהערט מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט. נאָכן אָפּזינגען, האָט ער פאַרפירט אַ שמועס מיט דעם דייטש וועגן זיין „דוטשע" און וועגן דער ווירקונג פון זיין ריצנייל־פּאָליטיק אויף די אַנטיפאַשיסטן די ערשטע חדשים פון זיין מאַכט. דער דייטש האָט אים צוגעבאָמקעט:

— נו, יאָ, באַשטימט, נאָר דער פאַשיזם קען ראַטעווען די אַדעליקע וועלט, די קעניגן און פּרינצן, גראַפן און באַראָנען און אויך דעם גרויס־קאַפּיטאַל און די רעליגיע פון אונטערגאַנג... אָט איז אונדזער היטלער, ער געפעלט מיר... די דייטשן, זאָגט ער, זיינען די ריינסטע ראַסע פון דער וועלט... ס'איז נישט אמת: אָט איז מיין זיידע געווען אַ פּרומער פּוילישער איד און מיין מאַמע איז גאָר אַן אַראַבערין, נאָר ס'געפעלט מיר, ער וועקט באַ די מאַסן דעם דייטשן שטאָלץ, אַז דייטשלאַנד איז איבער אַלעס, וואָרום נאָר די דייטשן זיינען דאָס אויסדערוויילטע פאָלק צו הערשן איבער אַלע אַנדערע פעלקער און ראַסן און ניט קיין אַנדערס... איך בין גענאַרט, טיף גענאַרט — האָט ער שטיל געזאָגט, ווי ער וואָלט מורא געהאַט עמיצער פון די סאָציאַליסטן אָדער קאָמוניסטן זאָל אים דערהערן

# צווישן ווילדע און ציוויליזירטע

צי אפילו אַ פאַשיסט און בעת מעשה, נערוועז געדרייט זיינע ווילהעל־מישע וואָנצעס אַף אַרויף. — פאַר דער קריג און קריגס־צייט בין איך גע־ווען אַ דעמאָקראַט. אַלעס אין דייטשלאַנד איז דעמאָלט געווען דעמאָקראַ־טיש. די אַריסטאָקראַטיע אַפילו און דער קייזער זעלבסט. איצט אָבער, ווען דאָס פאָלק האָט פאַראַטן דעם קייזערס הייליקע פּערזאָן, בין איך נישט מער דעמאָקראַט און אַפילו דער נאָמען דייטש איז מיר צופיל. שיידעמאַן פאַרנעמט ביסמאַרקס פּלאַץ און דער זאָטלמאַכער עבערט פאַרנעמט פריד־ריך דעם גרויסנס שטול. איז דאָס ניט שרעקלעך? איז דאָס ניט אַ בייזע איראָניע פונעם שיקזאַל?...

אַן אויפגערעגטער, האָט ער זיך ווידער אָנגעשטאָפּט אַ לילקע מיט טאַבאַק, זי אָנגעצונדן און זיך אויסגעצויגן אַפן גראָז, לאַנדיק וואָלקנס רויך פונעם מויל.

הואַמאַהוהופּאַ האָט זיך אויך אויסגעצויגן אַפן גראָז מיטן פּנים אַרויף און קייענדיק די קאָקאַ, איז ער איינגעשלאָפן.

איינגעשלאָפן איז אויך דער דייטש און דער נאַפּאָליטאַנער און איך האָב ווידער אַרויפגעקלעטערט אַפן שטיין, לעבן וועלכן מיר האָבן גע־מאַכט אונדזער לאַגער און ווידער גענומען באַטראַכטן די געגנט אַרום, וואָס פאַר אונדז האָט נאָך אפשר קיין ציוויליזירטער פוס נישט געטראָטן.

די ווילדע סורוהאַלפּאַ, וועלכע האָט זיך געהאַט אויסגעשמירט די הענט און דאָס פּנים מיט דעם בלוט פון דעם הירש און דעם פּומאַ, איז אַוועק צום טייכל, אַ צוויי הונדערט מעטער ווייט, אָפּוואַשן פון זיך די רעשטן פון די צוויי חיות.

אַז עס זיינען אַריבער אַ פופצן מינוט און סורוהאַלפּאַ איז נאָך נישט געהאַט צוריקגעקומען, בין איך אומרויק געוואָרן און געלאָפן זי אויפ־זוכן. געטראָפן האָב איך זי זיצן באַם טייכל וואָס איז געלאָפן און גערוישט איבער די אָנגעקייקלטע שטיינער, מוטער־נאַקעט צווישן די גרינע בלעטער פון אַ געדיכטן קוסט וואַסער־טוליפּאַנען, אַרומגערינגלט פון אַנדערע וואַ־סער־פלאַנצן, און האַלטן די פיס אינעם קרישטאָל־קלאָרן וואַסער. געזעסן איז זי, געשפּיגלט זיך און געלאַכט צו זיך אַליין.

געשטאַנען בין איך אַ צוויי מעטער ווייט הינטער אירע פּלייצעס און צום הונדערטסטן מאָל באַוואונדערט איר זעלטן שיינעם קערפּער מיט די קליינע אַטלעטישע פאָרמען... איר מוז זיך דאַכטן, אַז זי זעט אַ אינקאַ־מלאך אינעם וואַסער־שפּיגל... ווי שפּילעוודיק זי איז געווען באַם עסן! ווי

## מאַרקוס פּאַרישעווסקי

קאַקעטיש! וועמען האָט זי דאָס געצייגט? זי באַוואונדערט איצט אוודאי איר רייצנדיקע שיינקייט!...

איך האָב איר נישט געוואָלט שטערן איר קינדערשן גליק און האָב אויך נישט געוואָלט אַז מיינע צופעליקע קלאַגן זאָלן קומען אונדז זוכן און זי טרעפן אַזאַ... איך מוז מודה זיין, אַז כאָטשע איך האָב גוט געקענט איר אַפּערוויליקייט, געטריישאַפט און ליבשאַפט צו מיר, בין איך תחילת געווען גאָר גלייכגילטיק צו איר. מיט דער צייט אָבער האָב איך מיך אין איר אַזוי פאַרליבט, אַז איך בין אייפערזיכטיק געווען אויף יעדן וואָס האָט געקוקט אויף איר... באַזונדערס האָב איך מורא געהאַט דער היציקער איטאַליענער זאָל זי ניט זען אַ נאַקעטע. ער וואָלט פאַרלוירן יעדע אַכטונג צו איר. און דאָס האָב איך אומבאַדינגט געוואָלט אויסמיידן. איך בין צוריקגעלאָפן צו מיינע קלאַגן פּשוט פאַרהיטן זיי זאָלן אונדז נישט גיין זוכן.

אין פּופצן מינוט אַרום בין איך ווידער געגאַנגען זען וואָס זי טוט און האָב זי שוין געטראָפן אָן אָנגעטוענע, שוין מיט דעם לעדערנעם רימען און קינזשאַל באַ דער לינקער זייט און בלויז דער רעוואָלווער אירער מיט דער ביקס זיינען געלעגן אויף דער ערד. געשטאַנען איז זי נאָך אַ באָרוועסע מיט די שטיוול אונטערן אָרעם באַ אַ קאַליזשע וואַסער פול מיט זשאַבעאייעלעך און האָלאַוואַסטיקעס און געשאַרט אין איר מיט אַ טרוקענער צווייג.

אויך דאָס מאָל האָט מיך סורוהאַלפּאַ נישט באַמערקט, ווייל אויך די גרינע קאַליזשע איז פאַרשטעלט געווען מיט געדיכטע ביימלעך, איבערהויפּט מיט ווערבע־ביימלעך און וואַסער־ליליען, אַרומגערינגלט מיט קאַקטוסן און אַלערליי מינים שאַרפע וואַסער־גראָזן. איך בין צוגעגאַנגען אַ צען טריט פון איר און בין שטיין געבליבן אַ פּאָר מינוט.

אַ געהיימער פּחד האָט מיך פּלוצים באַהערשט, אַ געהיימער ווי איינגאַנצן די געגנט, און האָט זיך איינגעגראָבן מיט זיינע שאַרפע נעגל טיף אין מיין נשמה. געדאַכט האָט זיך מיר ווי איך הער אַ אונטערערדיש דינערן, ווי אַ וויט געפּילדער, וואָס דערטראָגט זיך צו מיר אַלץ נעענטער און דייטלעכער. דער מיסטי — האָב איך אַ טראַכט געטון — וועט מיסטאָמע באַלד אָנהויבן שפּייען מיט זיין פליסיקן פייער און וועט אונדז אַלעמען אין איין אויגנבליק פאַרוואַנדלען צוזאַמען מיט אַלץ וואָס אַרום, אין רויער נאַטור...

# צווישן ווילדע און ציוויליזירטע

איך האָב אפילו באַלד אַ טראַכט געטון צי איז עס ניט דערפאַר וואָס איך בין געשטאַנען אַזאַ לאַנגע צייט איינער אַליין מיט דער דאָזיקער גראַנדיעזער נאַטור, מיט דער אייביקייט, און די גרויליקע מחשבה איז ניט מער ווי דער לאָגישער סוף פון מיינע טראַכטעניש, פון מיין בטל ווערן פאַר דער דאָזיקער גרויסקייט, בעת איך בין געשטאַנען איינער אַליין אויפן שטיין און געקוקט אויף דער אומבאַקאַנטער און אומענדלעכער וועלט?...

נאָר איך האָב מיך באַהערשט און בין צוגעגאַנגען צו סורוהאַלפאַן און איר ממש באַפוילן זי זאָל זיך וואָס שנעלער אָנטון די זאַכן מיט די שטיוול, ווייל — האָב איך איר דערקלערט — איך האָב ערשט געהערט אַן אונטערערדיש געדונער און איך האָב מורא, אַז דער ווולקאַן וועט זיך צעשפילן...

סורוהאַלפאַ האָט זיך ווילד צעלאַכט און האָט מיך אָנגעקוקט ווי אַ מאַמע קוקט אויף אַ אומבאַהאָלפן קינד און צו מיר אַ זאָג געטון לאַקאָניש:

— ביזט, דאַכט זיך, אַ ציוויליזירטער, אַ געלערנטער, און פאַרשטייסט ניט וואָס אַ פּאַשעטע אינדיאַנערקע פאַרשטייט דאָס! נישט קיין דונערן האָסטו געהערט, ניט קיין אונטערערדישע און ניט קיין הימלשע, נאָר אַ געלויף פון „טשולענגאָס", פון יונגע הירשן און אַ געשריי פון קאָנדאָרס, וואָס יאָגן זיך נאָך זיי, ווי ציוויליזירטע האַרן, וואָס יאָגן זיך נאָך די פאַרפאַלגטע און וואַפנלאָזע אינדיאַנער...

זי האָט דאָס אָפּגעזאָגט און תיכף זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטאַם פון אַן איבערגעקערטן בוים און זיך גענומען אַרומוואַשן די פיס, כדי אָנצוטון די זאָקן. איך האָב קיין אַכט נישט געלייגט אויף איר דערקלערונג, וואָס איך האָב אָנגענומען פאַר אַן איינבילדונג פון סורוהאַלפאַן, וועלכער עס ליגן נאָר אינזינען אָדלערס, חיות און פאַרפאַלגטע אינדיאַנער, און בין אַוועק אויפוועקן מיינע קאָלעגן און זיי איבערגעבן, וואָס מיר האָט זיך געדוכט.

איך האָב קוים צייט געהאַט צוצוגיין צו זיי און זיי אַ רוף טון זיי זאָלן זיך גרייטן אין וועג אַריין, ווי די לופט האָט פּלוצים דורכגעשניטן סורוהאַלפאַס אַ פאַרצווייפלטער געשריי:

— ראַטעוועט! שנעל! קאָנדאָרס זיינען מיך באַפאַלן!

ווי געביסן פון אַ שלאַנג, האָבן אַלע דריי זיך האַסטיק אויפגעשטעלט, מיר האָבן געכאַפּט אונדזערע ביקסן און זיך געלאָזט לויפן צו סורוהאַלפאַן. געפלעפטע האָבן מיר דערזען ווי אַ ריזיקער קאָנדאָר פליט מיט

# מארקוס פארישעווסקי

איר אַן ערך צוואַנציק מעטער הויך און אַרום אים אַכט קלענערע קאָנ־דאָרס, זיין הויזגעזינד, אפּאַנים, וואָס בילדעט אַרום אים אַ וואַך.

ווי דער אָדלער האָט אונדז נאָר באַמערקט, האָט ער זיך געפּרוּווט אויפהייבן מיט זיין משא העבער, נאָר די משא איז צו שווער געווען פאַר אים און ער האָט זיך אָנשטאָט דעם אַראָפּגעלאָזט נידעריקער, ניט מער ווי עלף אָדער צוועלף מעטער הויך, און, צום גליק, איבער דעם גלייכן פלאַץ, משמעות, אויך דערפאַר וואָס ער האָט זיך נישט געקענט אויפ־הייבן איבער די העכערע שטיינער און ביימער וואָס אינעם וואַלדיקן טאָל. נאָך אַ קורצער ווײַלע איז ער שוין געפלויגן מיט סורוהאַלפּאַן אַזוי פּאַמע־לעך, אַז מיר זיינען אין איין מינוט לויפן נאָך אים, שוין געווען כמעט אונטער אים, אַזוי אַז איך האָב גוט געקענט זען דעם פאַרצווייפלטן גע־ראַנגל פון סורוהאַלפּאַן און די אָנשטרענגונגען פון דעם אָדלער, וועלכער האָט געוואָלט וואָס שנעלער אַוועקפליען מיט זיין קרבן. געהאַלטן האָט ער סורוהאַלפּאַן פאַרן לעדערנעם רעקל, אַ צוואַנציק צענטימעטער נידע־ריקער פונעם קאָלנער.

סורוהאַלפּאַס ביקס מיט איר רעוואָלווער האָבן מיר געטראָפן ליגן אַ צען מעטער ווייט איינס פון דאָס אַנדערע. די ביקס איז געליגן לעבן אַ דערהאַרגעטער זשאַראַראַ־שלאַנג. ווייזט אויס, אַז דער אָדלער האָט סור־רוהאַלפּאַן אַ כאַפּ געטון אין דעם מאָמענט ווען זי האָט מיט דער קאָלבע פון איר ביקס דערהאַרגעט די שלאַנג, וואָס האָט געמוזט אַרויס פונעם זומפּ און זי געוואָלט בייסן און די ביקס איז איר, משמעות, פון די הענט אַרויסגעפאַלן, בעת דער קאָנדאָר האָט זי אומגעריכט אַ כאַפּ געטון פון הינטן.

באַלד ווי איך האָב דערזען סורוהאַלפּאַן אין די נעגל פונעם אָדלער, צווישן הימל און באַרג, האָב איך געמיינט זי איז שוין טויט, ווייל עס האָט געטריפט בלוט פון איר. דאָס איז אָבער בלויז געווען בלוט פון דער וואונד וואָס דער מחבל האָט איר געמאַכט מיט די נעגל בעת ער האָט זי אָנגעכאַפּט. אַלע האָבן מיר אין אַ רגע אַרום דערזען אַז זי לעבט. און זעענדיק ווי דער אָדלער מאַטערט זיך מיט זיין שווערער משא — סורו־האַפּאַ האָט דעמאָלט געוואויגן פופציק קילאָגראַם — און לאָזט זיך אַראָפּ נידעריקער אָנשטאָט אויפצוהויבן זיך, האָבן מיר אַלע דערוואַרט אַז סוף כל סוף וועט ער זיך אַראָפּלאָזן און מיר וועלן דעם קאָנדאָר אָנלערנען פאַר זיין חוצפּה.

# צווישן ווילדע און ציוויליזירטע

נאָר דער הייס בלוטיקער נאַפּאָליטאַנער האָט ניט אַנדערש נאָר געוואָלט ווייזן אַז ער קען טרעפן אין ציל. אַן איטאַליענישער אינזשעניער — האָט ער געשריגן — מאַכט קיינמאָל נישט קיין טעות. מיר האָבן אים געוואָרנט און געטייטנעט צו אים אַז שיסנדיק מיט שרויט — ווייל געהאַט האָט ער נאָר שרויט־גילזן — וואָס צעשפּרייט זיך, וועט אַ טייל אויך טרעפן סורוהאַלפּאַן, און אַפילע ער זאָל בלויז טרעפן דעם קאָנדאָר, וועט ער פון דער הויך פון צוועלף מעטער אַראָפּפאַלן אַף די שטיינער און סורוהאַלפּאַ וועט צוזאַמען מיט אים צעשמעטערט ווערן. עס האָט געכאַפּט און אויסגעשאָסן.

צום גליק, האָט הואַמאַהוּפּאַ באַצייטנס אַ שטויס געטון די ביקס און זי האָט אויסגעשאָסן אין אַן אַנדער ריכטונג. דער אָפּגעווענדטער שאָס איז געווען זייער אַ גליקלעכער. דער צעשפּרייטער שרויט האָט געטראָפן אין פיר פון די קלענערע אָדלערס, וועלכע זיינען נאָך אַ מינוט שוועבן, אַראָפּגעפאַלן צו דער ערד און אויך האָט פון דעם שאָס דער אָנגעמאַטערטער גרויסער אָדלער זיך אַראָפּגעלאָזט עטלעכע מעטער נידעריקער, אַזוי אַז ער איז שוין געווען נישט מער ווי פיר מעטער פון דער ערד.

מיט האַרץ־קלאַפּעניש האָב איך געזען, ווי סורוהאַלפּאַ האָט ענדלעך אַרויסגעשלעפּט איר קינזשאַל פונעם שיידל און אים אויפגעהויבן הויך איבערן קאָפּ וועלנדיק מיט אים איינשניידן דעם אָדלער די פיס און אין זעלבן מאָמענט האָט הואַמאַהוּפּאַ קונציק פאַרוואָרפן אַ שלייף איבער סורוהאַלפּאַס קאָפּ און אַקסל, כדי זי אַראָפּצוציען. פונקט, אָבער, אין דער זעלבער רגע האָט ווידער אָפּגעהילכט אַ שאָס פון איל פּיקאָלאָס ביקס און סורוהאַלפּאַ איז אַראָפּגעפאַלן פון אַ הויך ווינציקער ווי פיר מעטער מיט אַן אַראָפּגעשאָסענעם שאַרבן. און דער קאָנדאָר איז, ווי אַן אָפּגעבונדענער באַלאָן, בליץ־שנעל אַרויף אין דער הויך, צוזאַמען מיט דעם רעשט מאָנסטערס און פאַרשוואונדן צווישן די וואָלקנס.

קוים דריי מינוט האָט געדויערט פון סורוהאַלפּאַס געכאַפּט ווערן ביז איר דערשיסונג.

---

דער ניט־ווילנדיקער מערדער — וואָרום געווען איז איל פּיקאָלאָ, נאָך אַלעמען, ניט מער ווי אַ הייס־בלוטיקער נעוראַסטעניקער, אָפּטמאָל ביז משוגעת, און איינגעבילדעט אין זיין שיס־קונסט און דערהיצט מיט

# מאַרקוס פּאַרישעווסקי

דעם „דערפֿאָלג" פֿון זיין ערשטן שאָס — באַגרייפֿנדיק וואָס ער האָט אָפּגעטון און מורא האָבנדיק פֿאַר נקמה, האָט אוועקגעשליידערט די ביקס און געלאָזט זיך לויפֿן אַף זיינע פֿלינקע זשיראַפֿן־פֿיס. הוּאַמאַהוּהו־פּאַ, וועלכער האָט מיר געהאַט איבערגעגעבן זיין ביקס בעת ער האָט פֿאַר־וואָרפֿן דעם שלייף אַף סורוהאַלפֿאַן, האָט אַרויסגעכאַפּט זיין מעסער און זיך געלאָזט לויפֿן נאָך איל פּיקאַלאָ און געשריגן מיט מעשונעדיקע קולות:

— שטיי, פּאַשיסטישער פּייגלינג! שטיי, פּאַשיסטישע היענע, וואָס אַנטלויפֿסטו!

און איך מיט פֿאַן בירנבאַומען זיינען מיר צוגעלאָפֿן צו דער אומ־גליקלעכער זי צו ראַטעווען. אפשר איז זי בלויז פֿאַרוואונדעט. נאָר עס איז שוין נישט געווען וועמען צו ראַטעווען, ווייל דער גאַנצער מוח איז איר געווען צעריבן פֿון די גרויסע שרויטן, וואָס נוצן צו האַרגענען גרויסע חיות...

אין אַן ערך אַ האַלבער שעה אַרום איז הוּאַמאַהוּפּאַ צוריקגעקומען און קריצנדיק מיט די ציין, האָט ער ווי גערעדט צו זיך:

— די פּאַשיסטישע בעסטיע האָט אויך געלעבט... ער איז געווען פֿלינקער פֿון מיר, האָב איך אים נישט געקענט דעריאָגן און נקמה געמען... אויב ער איז אַנטלאָפֿן, איז דאָך אַ באַוויז, אַז ער האָט זי אַבזיכטלעך גע־האַרגעט... לויפֿנדיק, איז ער אַראָפּגעפֿאַלן אין אַ טיפֿן תהום... זאָל אים גאָט מוחל זיין, אויב ער איז דערהאַרגעט געוואָרן...

דערנאָך איז ער צוגעגאַנגען צו דער טויטער, האָט באַטראַכט איר צעשמעטערטן קאָפּ און אין מיינס אַ קעשענע־טיכל האָט ער צוזאַמענגע־נומען איר בלוט, וואָס איז שוין געווען פֿאַרגליווערט, אַרויפֿגעלייגט אַף דער וואונד און פֿאַרבונדן מיט מיינס אַ צווייט קעשענע־טיכל. אַ רויקער, האָט ער מיך געבעטן איך זאָל אים העלפֿן גוט צעשפּרייטן די פֿליגל פֿונעם אָדלער — וואָס איז נאָך אַ פּופּצן מינוט פֿליען אַרויף, אַראָפּגעפֿאַלן אפשר פֿון טויזנט מעטער די הויך, אַ געטראָפֿענער פֿון איל פּיקאַלאָס שרויטן אין בויך — און פֿאַן בירנבאַום האָט אים איבערגעמאָסטן. געהאַלטן האָט ער מיט צעשפּרייטע פֿליגל דריי מעטער מיט זעכציק צענטימעטער. מיט אונדזער מיטהילף, האָט ער גענומען די טויטע סורוהאַלפּאַ אַפֿן אַקסל און באַמערקנדיק טרערן בא מיר אין די אויגן, האָט ער מיט אַ הייזעריקער שטימע, פֿול מיט צער און פֿאַרצווייפֿלונג, זיך אָנגערופֿן צו מיר:

— הער אויס, האַר מיינער, דו האָסט דאָך ניט קיין שולד אין איר

# צווישן ווילדע און ציוויליזירטע

טויט און איך טראָג נישט קיין האס און קיין נקמה־געפילן צו דיר. לויט די אינדיאַנער געזעצן איז זי דיינע, איצט אַ טויטע, ווי פריער אַ לעבעדיקע, זי איז אָבער אויך מיינע, אַ צווייגעלע פון מיין שטאַם, בעט איך דיך, גוטער בלאָנדער מיינער, לאָז מיך גיין מיט איר און כ'וועל זי באַהאַלטן אין אַן אָרט, וואו קיין אייראָפּעער פוס האָט נאָך, דוכט מיר, נישט געטראָטן...

ער האָט זיך צעוויינט אַפן קול, אַפן אינדיאַנער שטייגער, און מיט דער טויטער משא אַפן אַקסל און מיט לאַנגע טריט, האָט ער גענומען גיין און איך מיט פאָן בירנבאַומען זיינען נאָכגעגאַנגען שטומע און פאַרצווייפלטע אַן ערך פינף קילאָמעטער איבער בערגלעך און טאָלן, ביז ער האָט אונדז צוגעפירט צו אַ קאָנוס־אַרטיקן פעלז פון רויטן גראַניט.

# אין דער מערת המכפלה

דער פעלז האָט געהאַט אַ פופציק מעטער אין דורכשניט באַם באַזיס. אַף דער הויך פון צוואַנציק מעטער איז ער געווען אָפּגעבראָכן. דער אָפּגעבראָכענער שפּיץ, צו דין ווערליק אַ פאָרזעצונג פון דעם פעלז, איז ווי אַן אָפּגעבראָכן פּיסקל פון אַ ליקע, געליגן לעבן דעם שטאַם פונעם פעלז, אַף אַ פערטל איינגעגראָבן אין דער ערד. דער קאַלטער דייטש האָט אינעם מאָמענט פון אונדזער גרעסטן צער נישט פאַרגעסן אָן זיין טוריסטישער נייגיריקייט און האָט געגוי אָפּגעמאָסטן דעם אַראָפּגעפאַלענעם שפּיץ, וואָס האָט געהאַט אכצן מעטער מיט זעכציק צענטימעטער אין דער לענג, עלף מעטער די גרעב באַם אָפּגעבראָכענעם אָרט און דריי מעטער באַם סאַמע שפּיץ.

גלייך באַ דער ערד פונעם גראַניטענעם שטאַם, צווישן הויפנס אָנגעוואָרפענע שטיינער, האָב איך באַמערקט אַן אָפענע שטיינערנע טיר, אַן ענלעכע צו דעם לאָך באַם אַריינגאַנג אינעם טונעל. אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז דער פעלז איז אַ מין „מערת המכפלה". און אַהין האָבן מיר אַלע דריי אַריינגעטראָגן דעם מת און אַראָפּגעלייגט אַף דעם שטיינערנעם דיל אין מיטן אַ ראַכוועסדיקער הייל.

שווייגנדיקערהייט, האָבן מיר נאָכגעטון אַלץ וואָס הואַמאַהופּאַ האָט געטון. מיר זיינען אַרויסגעגאַנגען פון דער הייל און אויפגעזוכט די גרעסטע שטיינער, וואָס מיר האָבן געקענט דערטראָגן, און מיט זיי האָבן מיר אַרומגעלייגט סורוהאַלפּאַס טויטן קערפּער. איבער די גרעסערע שטיינער האָבן מיר אַוועקגעלייגט קלענערע און איבער זיי ווידער גרעסערע, בילדנדיק דיקע ווענט אַרום און איבערגעלייגט האָבן מיר זיי מיט פלאַכע ברייטע שטיינער, ביז אָנדערהאַלבן מעטער די הייך. אויפגעבויט האָבן מיר אַזוי אַרום אַ קאָלאָסאַלן שטיינערנעם קבר.

# צווישן ווילדע און ציוויליזירטע

בעיסן לייגן די שטיינער, האָב איך ווי אַ גענײטער מױערער, געזען, אַז אין די װענטלעך זאָל קײן שום שפּאַרונקעלע נישט זײן, אַז ניט נאָר אַ פויגל, אַ חיה אָדער אַ שלאַנג זאָל צו דער לײבע נישט קענען צוקומען, נאָר אַפילו קײן לופט נישט. איך האָב אַלע שפּאַרונקעס פאַרשאָטן מיט דריבנע שטײנדלעך און מיט זאַמד און אויף דעם זאַמד װידער שטײנדלעך...

געװען זײנען דאָס די פײנלעכסטע מאָמענטן פון מײנע אומצעליקע רײזעס איבער די אַמעריקאַנער מדבריות.

---

די הײל װאו מיר האָבן מקבר געװען די דערשאָסענע, איז אינדער־עמעסן אַ גאַנץ גרױסער זאַל, פּרימיטיװ אױסגעהאַקט אין דעם ריזיקן גראַניטענעם קאָנוס מיט הונדערטער און אפשר מיט טױזנטער יאָרן צו־ריק. נישט קײן נאַטור־אַרבעט איז זי, װי יענע טונעל, נאָר אַן אַרבעט פון די ערשטע אַמעריקאַנער, אסאַך יאָרהונדערטער אפשר פאַר די אינ־קאַס. גרױס איז די דאָזיקע הײל פינף מיט אַ האַלבן מעטער די ברײט אויף צװעלף די טיף און אַ מעטער מיט נײן און זעכציק די הײך.

דער ברײטבײניקער דײטש מיט זײנע הונדערט צװײ און זיבעציק צענטימעטער הױך, האָט זיך תחילת גוט דעם קאָפּ צעבײלט טראָץ זײן פּאַרזיכטיקײט אַלס נאַטור־פאָשער, מיליטערמאַן און ספּאָרטלער. ער האָט זיך פאַרענטפערט, אַז ער איז אַזױ דערשיטערט פון דעם דאָפּלטן אומגליק, אַז ער האָט נישט באַמערקט די נידעריקײט פונעם שטײנערנעם סופיט און באַלד טאַקע האָט ער אָנגעטון אויף זײן אָפּגעראַזירטן שמאַל־ציקן קאָפּ זײן האַרטן ספּאָרט־קאַשקעט.

אײדער מיר זײנען אין דער הײל אַרײנגעגאַנגען, האָט זיך מיר גע־דאַכט, אַז דאָרט איז שטאָק פינצטער, נאָר זײענדיק שױן אינעװײניק האָבן מיר גאַנץ גענוג שײן געהאַט און מיר האָבן געקענט באַטראַכטן די עקזאָטישע הײל. די װענט זײנען געװען שװאַרץ און פאַרשימלט פון אַלט־קײט און געטראָגן האָט זיך דאָרט אַ ריח פון טױט, אַז אַן אימה האָט מיך אַרומגענומען, נישט װיסנדיק פאַרװאָס.

פאָן בירנבאַום האָט זיך אַפּאָנים פאַרגעסן, אַז ער איז אַ דײטש, אַ הױכער מיליטערמאַן און איך אַ איד און ער איז צו מיר צוגעגאַנגען, האָט מיך מכבד געװען מיט אַ גראָבן האַבאַנאַ־ציגאַר, האָט מיך גענומען אונטערן אָרעם און מיר געזאָגט אַפן אויער:

# מאַרקוס פּאַרישעווסקי

— אַך, ווי אומהיימלעך! ווי שרעקפול און רעטזועלהאַפט די הייל איז! עס שמעקט מיט קאַטאַקאָמבע, דאַנערוועטער, העלע און טייפל נאָך איין מאָל!

איך האָב מיך זייער גוט איינגעקוקט אין די ווענט און האָב גאָר־נישט באַמערקט אַחוץ שוואַרצקייט און שימל, נאָר אַז פאַן בירנבאום האָט שטיל, ווי פאַר זיך, אַ שעפּטשע געטון, אַז אין דידאַזיקע מאַסיווע ווענט פון הארטן גראַניט מוזן זיך געפינען געהיימע טירן אָדער כאָטשע נאָך איין טיר, וואָס פירט אין אַנדערע היילן, האָב איך מיט מיין גאַנצער ווילנסקראַפט איינגעגראָבן מיינע אויגן אין יעדן מינדסטן ראָץ אָדער צייכן אין די ווענט און האָב טאַקע אויסגעפונען אין דער וואַנט רעכטס פונעם אריינגאַנג, שוין הארט באַם ווינקל פונעם הינטערגרונד, אַ געהיימע טיר אין אַ צווייטער הייל אריין.

— דאַ אהער דאַרף קיינער נישט אריינגיין! דאָס אָרט איז הייליק און פרעמדע וועלף און ווייסע טייוואָלים דאַרפן זיין פון דער ווייטנס! — האָט הואַמאַהוהופּאַ אַ רעווע געטון מיט העלישן צאָרן, ווען מיר האָבן גענומען פּרוּאוון די טיר.

ווילד־פּרימיטיוו אָבער קינסטלעריש איז די טיר געמאַכט, ווי ווילד און וואונדערבאַר דאָס אָרט גופא איז. אויסגעהאַקט איז זי פונעם זעלבן רויטן גראַניט, אַ מעטער מיט פערציק די הייך, אַ מעטער מיט צוויי און פופציק די ברייט און כמעט אַ האַלבער מעטער די גרעב. די טיר האָט אַ מיטן־שרויף, ווי די מאָדערנע פראָנט־טירן אין די גרויסע געשעפט־היי־זער, וואו איינער קען אריינגיין בעת דער צווייטער גייט ארויס און איי־נער זאָל דעם צווייטן נישט באַמערקן. געפּרואווט האָבן מיר, איך מיט דעם דייטש, עפענען די טיר, נאָר זי האָט זיך פון אָרט נישט גערירט. און הואַמאַהוהופּאַ, נישט נאָר האָט ער אונדז נישט געוואָלט העלפן, נאָר גע־קוקט האָט ער נאָך אויף אונדז מיט פייער אין די אויגן, פול מיט נקמה און שרעקלעכן צאָרן און געוואָרנט מיר זאָלן זיך נישט דערוועגן די טיר צו עפענען.

ערשט ווען איך בין צוגעגאַנגען צו הואַמאַהוהופּאַן און אים אַ בעט געטון אין קיטשואַ, האָט ער איינער אַליין אַ מעכטיקן שטויס געטון די שטיינערנע טיר און זי האָט זיך לאַנגזאַם געעפנט. ווי נאָר אָבער איך מיט פאַן בירנבאומען האָבן צייט געהאַט אריבערצוטרעטן די שוועל, האָט זיך די טיר אַליין צוגעמאַכט, בלייבנדיק שטיין אויף איר פריערדיקן אָרט און

## צווישן ווילדע און ציוויליזירטע

איך מיט דעם דייטש זיינען מיר שטיין געבליבן אין דער קבר־פינצטערניש.

איך ווייס ניט ווי אזוי פאַן בירנבאום האָט זיך געפילט אין דער אומגעריכטער לאַגע, אַז אָפּגעשלאָסענער אין דער פינצטערניש, פאַר־דומפּנקייט און קאַטאַקאָמבע־שטילקייט, ווי ער האָט אויסגעזען אין יענע מינוטן, וואָס האָבן זיך פאַר מיר געצויגן ווי יאָרן; איך אָבער, בין אין דער ערשטער רגע, ווי די טיר האָט זיך הינטער אונדז הערמעטיש פאַר־מאַכט, באַהערשט געוואָרן פון אַ שרעקלעכן כעס, ביז קדחת־וואַרפּעניש. זאָל הואַמאַהוהופאַ מיך האָבן אַזוי עקלהאַפט פאַראַטן פאַר דעם אַלעמען וואָס איך האָב פאַר אים און סורוהאַלפאַן געטון? — האָב איך מיך גע־טראַכט. — אמת, זי האָט מיך צוויי מאָל געראַטעוועט... האָב איך דאָך איר און אים בלויז גוטס געטון דערפאַר!... און אויב מיט איר איז געשען דאָס אומגליק, האָט עס דאָך געקענט טרעפן מיט מיר, צי מיט אַ צווייטן!... ניין, ס'איז נישט מעגלעך אַז אינדיאַנער זאָל אַזוינס טון. איך וואָלט עס געגלויבט אַף וועלכן עס איז אייראָפּעער, אַז אינדיאַנער וועט אָבער נישט באַצאָלן מיט שלעכטס פאַר גוטס!... און אַז איך האָב אומזיסט געוואַרט און די טיר האָט זיך נישט געעפנט, בין איך אין דער פינצטערער ווירק־לעכקייט ווי פאַרשטיינערט געוואָרן, ווי איך וואָלט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שטיק אייז...

פאַן בירנבאום איז געשטאַנען אַ ווײַלע, נאָר באַלד נאָכן ערשטן טויטלעכן איינדרוק, האָט ער זיך אָוועקגעשלייכט טיפער אין דער „מערת המכפלה". איך האָב אים גערופן, געראָטן צו זיין פאָרזיכטיק. ער האָט מיר אָבער גאָרנישט געענטפערט און באַלד צוריקטרעפן צו מיר האָט ער אין דער פינצטער נישט געקענט. די שרעק פון בלייבן אַף אייביק אין דעם שרעקלעכן חושך, לעבעדיקערהייט באַגראָבן אין שכנות מיט סורוהאַלפאַן, האָט בײַ אים אָפּגענומען דאָס לשון.

— יאָ, קאַמעראַד, — האָט ער דערנאָך, ווי ער האָט מיך ווידער אָנ־געטאַפּט, שטילינקערהייט, קוים וואָס איך האָב אים געהערט, מיר אריינ־גערעדט אין אויער אריין, — איך בין קיינמאָל נישט געווען קיין אבער־גלויביקער, נאָר איצט האָט זיך מיר באמת געדאַכט ווי עמיץ האַלט מיך פאַר די פיס. נאָך איצט דאַכט זיך מיר ווי מיינע פיס וואָלטן געווען פון בליי. איך האָב קוים אַ פאָר טריט געקענט מאַכן מיט מיינע פיס אין דער טויט־טן־הייל...

אויך איך בין זיכער געווען, אַז איך וועל שוין דאָרט אַף תמיד פאַר־

בלייבן, אַז דאָרט איז שוין מיין היים אַף אַלע אייביקייטן. בפרט װען פֿאָן בירנבאַום איז נאָך אייניקע מינוטן אַרומקריכן צוריקגעקומען צו מיר, אויפכאַפנדיק דאָס פעדעמל שיין װאָס האָט אַקשאָנעסדיק זיך אַריינגעשפּאַרט דורך די צװיי זייטיקע און דעם אויבערשטן שפּעלטל, װאָס צװישן דער טיר און איר ראַם.

— װייסט איר, קאַמאַראַד, װאָס איך װעל אייך זאָגן? — האָט ער, נאָך אַ קורצער הפסקה, מיר װידער אַ זאָג געטון. — מיר דאַכט, אַז דער פאַרפלוכטער הואַמאַהוהופאַ, דאָנערװעטער נאָך איין מאָל, אייער אינדיאַנער אָנקל, האָט אונדז געניאַל פאַראַטן אויִם נקמה פאַר סורוהאַלפּאַס טויט און מיר װעלן דאָ מוזן שטאַרבן פון הונגער און דורשט... און אַלץ איבער דעם העסלעכן און פאַכדאָנעסדיקן, פאַרפלוכטן „בויך־שניידער”, דעם דומען „מאַקאַראָנען־פרעסער”, װעלכער האָט אַזױ אידיאָטיש אומגעבראַכט אייער שיין, צויבערפול װייבל!... אַזױ זיינען שוין די איטאַליענער! עמעסדיקע פאַרעטער!... אַזױ האָבן זיי פאַראַטן אונדזער אַליאַנץ און האָבן דערקלערט מלחמה עסטרייך אין אַ געפערלעכן מאָמענט... אַזױ האָט אויך ראָמולאָ פאַראַטן זיין ברודער רעמאָ און אים דערהאַרגעט, ברוטוס זיין פראָטעקטאָר יוליוס צעזאַר, טיטוס זיין אידישע פרינצעסן בעראָניקאַ, נעראָן זיין מוטער און זיין װייב, זיין באַליבטן דיכטער פּעטראָניאָ און זיין לערער סענעקאַ... אַזױ זיינען עס די איטאַליענער... זיי זיינען דאָך די עמעסע יורשים פון די פאַרעטערישע און בלוטיקע רוימער... נישט װאָר, אידישער קאַמאַראַד?...

— אמת! — האָב איך אים געענטפערט. — די רוימער זיינען געװען בלוטדורשטיקע און בלוטדורשטיק זיינען אויך די פאַשיסטן... נו, און די דייטשן זיינען דען בעסער?... דער דייטש איז זייער אַ גוטער מענטש, װען ער איז אַבסאָלוט אומבאַװאָפנט. האָט ער נאָר געװער אין דער האַנט, איז ער פעיק צו טון דאָס ערגסטע. גיפטיקע שלאַנגען װערן אויך אומשעדלעך און אַפילע נוצלעך, װען מען נעמט בא זיי אַרויס די דריזן און די בייטלען סם װאָס זיי טראָגן אין זיי...

— אַזױ? גלייבט איר צו דאָס דעמאָקראַטישע און סאָציאַליסטישע דייטשלאַנד צו אַ גיפטיקער שלאַנג? דאָנערװעטער, נאָך איין מאָל! — איז פֿאָן בירנבאַום צו מיר צוגעשטאַנען.

איך האָב אים מער נישט געענטפערט.

נאָך אַ קורצער פּויזע, האָט ער זיך אָנגערופן צו מיר, אַז דער בעס־

# צווישן ווילדע און ציוויליזירטע

מער פלאן זיינער איז אריינשיסן איינער דעם צווייטן א קויל אין שלייף... נאר אזוי ווי ער האט זיין פיסטויל פארגעסן לעבן סורוהאלפאס קבר און אויך זיין מעסער און זיין ביקס צוזאמען מיט דעם עלעקטרישן לעמפל, האט ער מיך געבעטן איך זאל אים אויסלייען מיין בראונינג אדער די ביקס. אז ניט, איז כאטשע דעם קינזשאל... איך האב, פארשטייט זיך, אים אויסגעלאכט. אויב שיסן אדער שטעכן, האב איך אים געזאגט, קען איך בעסער פון אים און איך בין דערווייל נאך ניט אזא פחדן איך זאל ווארטן אז ער, דער דייטש, זאל מיר דאס לעבן צונעמען... אין מיר, גראד, האט זיך א האפענונג דערוועקט, ווען מיינע אויגן האבן זיך גענומען צוגעוואוינען צו דער פינצטערניש און האב געקוקט אף די דריי פעדימלעך שיין, וואס האבן זיך אריינגעשפארט דורך די טיר־שפאלטן.

געזען אז ער קען גארנישט פויעלן בא מיר, האט פאן בירנבאום נאך עטלעכע מאל איבערגעכאזערט זיין „דאנערוועטער, נאך איין מאל, דומער קאפ, העלע און טייפל" און האט זיך א מידער און פארצווייפלטער אנידערגעזעצט אפן שטיינערנעם דיל און אנגעשפארט דעם קאפ אן דער טיר. איך, פארקערט, האב גובר געווען אין מיר דעם טכילעסדיקן טויטשרעק און שוין מיד פון שרייען און רופן הואמאהוהופאן ער זאל אונדז עפענען, האב איך גענומען ארומקריכן איבער דער פינצטערער הייל, שארנדיק מיט די פיס און טאפנדיק פאר זיך מיט דער ביקס, אויס פארזיכטיקייט ניט אריינצופאלן אין עפעס א פאסטקע אדער אין א תהום, כאטשע איך האב כיי ווי געהאט זייער שוואכע האפענונגען ארויסצוקומען פון דארט א לעבעדיקער.

אזוי בין איך צוגעקומען צו עפעס אזוינס וואס מיינע פינגער האבן אנגעטאפט און איך וואלט געשווארן אז דאס איז א בעט. איך האב ווייטער געטאפט מיט די פינגער, וואס האבן מיר איצט געדינט פאר אויגן, און האב אנגעטאפט אפן בעט א טויטן מענטשן... פון גרויל, בין איך אף א מאמענט ממש ווי פארגליווערט געווארן. מיר האט זיך דורכגעטראגן אין געדאנק, אז דער מענטש איז אוודע אומגעקומען דא פון הונגער און דורשט נאכדעם ווי פארעטער האבן אים דא אהער אריינגענארט...

אן אויפגערעגטער, האב איך פארגעסן אן יעדער סכנה, וואס אזא סוידעספולע הייל קען אין זיך האבן און בין ממש צוגעלאפן צו דער טיר, געפירט פון די פעדימלעך שיין ארום דער טיר, וואו דער דייטש איז געשטאנען און האט מיט די לעצטע כוחות, א פארצווייפלטער און א פאר־

סאָפּעטער, געשטופּט די טויזנט־קילאָדיקע טיר זי זאָל זיך עפענען. און פאַר גרויס צאָרן, האָב איך שוין נישט געבעטן, נאָר מיט מיינע גאַנצע כּוחות אַ רעווע געטון:

— הואַמאַהוהופּאַ, עפן אויף!

און אין דעם ברייטסטן פון די שמאָלינקע שפּאַרעס, האָב איך אָנגע־צילט מיין בראַונינג און אויסגעשאָסן.

די שווערע טיר האָט זיך געגעבן אַ דריי אום און הואַמאַהוהופּאַ איז ווילד פאַר רציחה אַריינגעלאָפן, האַלטנדיק אין איין האַנט זיין בלאַנקענ־דיקן מעסער און אין דער צווייטער זיין עלעקטריש לעמפּל. אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז הואַמאַהוהופּאַ האָט גאָר קיין בייז נישט געמיינט. נאָכדעם ווי מיר זיינען אַריין אינעווייניק, איז ער געשטאַנען אַ קורצע ווײַלע הינ־טער דער טיר און תּחילת געפּרואווט אַריינקוקן צו אונדז. נאָר ער האָט גאָרנישט געזען און ס'האָט אים געוואונדערט וואָס ער זעט ניט די שיין פון אונדזערע עלעקטרישע לעמפּלעך. דערנאָך האָט ער צוגעלייגט דעם אויער כּדי כאָטשע עפּעס צו הערן. נאָר קיין שום קלאַנג האָט זיך צו אים נישט דערטראָגן דורך דער שרעקלעך דיקער גראַניטענער טיר. און, דער אמת איז דאָך, אַז פון נערוועזיטעט, האָבן מיר לכתּחילה קוים געקענט עפּעס שטאַמלען, בעת אונדז האָט זיך געדאַכט, אַז מיר שרייען צו אים מיט די באַנומענסטע קולות. נאָר אַז איך האָב אַ עמעסן געשריי געטון אין דער שפּאַרע, האָט הואַמאַהוהופּאַ שוין דערהערט און מיט זיינע שטאָ־לענע אַקסלען געעפנט די שווערע טיר.

פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב הואַמאַהוהופּאַן נישט דערציילט וועגן דעם, אַז איך האָב אַ רגע געצווייפלט אין אים און אַז אין דער פינצטער־ניש און מיסעמעשונע־פאַרצווייפלונג, האָב איך מיך דערשראָקן פאַר עפּעס אַ מת אָדער פאַר דעם דומפּיקן פינצטערן קבר... זאָל ער ניט קוקן אויף מיר ווי אויף עפּעס אַ טכויר, אַ פּחדן... וואָרום הואַמאַהוהופּאַ האָט זיך גאָר אין געדאַנק נישט געקענט פאָרשטעלן, אַז זיין געזונטער, דרייסטער און ריזיקאַלישער פּלימעניק! זאָל אויף אים האָבן אַ חשד פון פאַראַט און זאָל זיך דערשרעקן פאַר אַ קאַטאַקאָמבע און אַן אויסגעטרוקנטן מת. ווען הואַמאַהוהופּאַ האָט דערהערט מיין ענערגישן הילפס רוף און באַלד נאָכ־דעם דעם שאָס, איז אים אַפילו געדאַנק געקומען, אַז מיר האָבן אַוואַדע אויס־געפונען אין דער קאַטאַקאָמבע עפּעס אַן אוצר און אַז דער דייטש האָט מיך געוואָלט הארגענען כּדי אַליין מיט אים צו פאַרבלייבן...

# צווישן ווילדע און ציוויליזירטע

— ווייל די נעשאָמעלאָזע גייציקע דייטשע היענעס זיינען דאָך צו אַל־דאָס ערגסטע פעיק! האָט הואַמאַהוהופּאַ אַף לעצט אַ ברום געטון. און ווען ער האָט דערזען דעם גאַטורפּאַרשערס גרין־געלן צעקרומטן פּרצוף מיט אימת־מות אין די אויגן, האָט ער אַ רעווע געטון אונטער דער נאָז: — ווען ניט דו, עקלהאַפטע היענע, ווען ניט דו, גיפטיקע שלאַנג, ווען ניט דו, נעשאָמעלאָזער הונט, וואָלט דאָך מיין ברודערן־טאָכטער געלעבט!... דו, פאַרשאָלטענער דייטש, האָסט אונדז איינגעלאַדן צו מאַכן דעם פאַרשאָל־טענעם שפּאַציר און אין אַ געפערלעכן מאָמענט, האָסטו צוריקגעשיקט די אימאַראַיער מיט די פערד און אויך דעם בראַוון הונט דיינעם, וואָס איז מענטשלעכער פון דיר. וואָלסטו דיין הונט ניט צוריקגעשיקט, וואָלט אפשר אויך דער דאָפּלטער אומגליק נישט געטראָפן...

און וועגנדיק זיך צו מיר האָט ער שוין געלאַסענער גענומען ריידן: — ווען נישט דו, גרינגאָ, וואָס איך פאַרעכן דיך שוין ווי איינעם פון מיין שבט, כאָטשע סורוהאַלפּאַ ליגט שוין אונטער יענעם באַרג שטיינער, — דער פאַרהאַרטעוועטער אינדיאַנער האָט מיט אַ טרער אין די אויגן אָנגע־וויזן אַף דעם דייטש, ווי ער וואָלט דאָס געווען סורוהאַלפּאַס קבר — וואָלט איך אָט דעם פאַרשאָלטענעם דייטש מיט דעם מאַנאַקל אַפן לינקן אויג און מיט דעם וואַליטשי (טייוול) אין האַרץ, געלאָזט פייגערן דאָ פון הונגער און דורשט ווי אַ מעשוגענעם הונט!... און נאָר צוליב דיר, ווייל דו ביזט דער ערשטער ווייסער וואָס האָט מיך באַהאַנדלט ווי אַ מענטש, וועל איז דיין טייוולאָנישן דייטש קיין שום שלעכטס נישט טון... איך וויל דיך נישט ערגערן...

בעת הואַמאַהוהופּאַ האָט אַזוי אויסגעגאָסן פאַר מיר זיין פאַרביטע־רונג, האָט דער דייטש, אַ קליין געוואָרענער, אַ נעבעכדיקער, זיך אַרויס־געשלייכט בשתיקה פון דער טיר און האָט אַראָפּגענומען פון סורוהאַלפּאַס קבר זיינע לעמפּלעך, די ביקס, דעם פּיסטויל און דעם שטילעט און איז צוריקגעקומען שוין מיט זיין גאַנצער מיליטערישער אויסשטאַטונג און מיט אַן אָנגעצונדן לעמפּל אין דער האַנט. ערשט דעמאָלט האָב איך מיך דערמאָנט, אַז בײַ מיר אין רענצל צוזאַמען מיט מיין פאָטאָגראַפישן אַפּאַ־ראַט, וואָס איז געהאָנגען בײַ מיר אַפן לינקן אַקסל, האָב איך אויך צוויי עלעקטרישע לעמפּלעך.

איך האָב אַרויסגענומען איינס פון מיינע לעמפּלעך און אָנגעצונדן. מיט די שטראַמען ליכט פון אונדזערע דריי אָנגעצונדענע לעמפּלעך, האָבן

מיר, ווי מיט מעכטיקע רעפלעקטארן באלויכטן דעם גאנצן זאל און מיר האבן זיך געלאזט גיין אים אויספארשן גאנץ מונטערע און שלום געמאכטע. אפילע דער פארביטערטער הואמאהופא איז אביסל פריינטלעכער געווארן לגבי דעם שוין עטוואס געבראכענעם פאן בירנבאום.

# מארקוס פארישעווסקי

---

באלויכטן מיט די עלעקטרישע לעמפלעך, האט זיך פאר אונדזערע אויגן פארגעשטעלט א זעלטן ראכוועסדיקער זאל: איבער אכצן מעטער די ברייט, פינף און דרייסיק מעטער די טיף און א מעטער מיט אכציק די הויך. זעקס דיקע רונדע און פאלירטע זיילן, אויסגעהאקטע פון דעם זעלבן גראניטענעם פעלז, יעדער זייל פופציק צענטימעטער אין דורכשניט, אויסגעשטעלט פונקט אין דער מיט לענגוים דעם זאל, האבן אונטערגעשפארט דעם מאסיוון גראניטענעם סופיט. אבוץ די זעקס דיקע זיילן, זיינען אין דער ברייט צעשטעלט געווען זעקס דינערע, פירקאנטיקע, דרייסיק צענטימעטער די גרעב און שוין נישט קיין פאלירטע. דאס האבן די אמאליקע טיאהואנאקאס אזוי זארגפעליק באווארנט דעם גראנדיעזן סופיט פון איינוואלגערונג אין פאל פון אן ערדציטערניש.

אף די גלאט פאלירטע ווענט און אפן סופיט זיינען נאך פארבליבן צייכנס פון די אמאליקע אויסגעמאלטע און אויסגעקריצטע פיגורן פון קריגער, מלכים, כוהנים און הייליקע בתולות. אף איינינקע פון די טיף אויסגעקריצטע פיגורן האט זיך געמערקט, אז זיי זיינען אמאל געווען מיט גאלד באדעקט. דאס אייגענע איז קענטיק געווען אף די פיגורן פון הויכן רעליעוו. מעגלעך, אז די אינדיאנער גופא האבן דאס גאלד ארונטערגענומען אויס מורא דאס זאל נית ארייפאלן צו די בלוטדורשטיקע און גאלדגייציקע קאנקוויסטאדארן אין די הענט. און אין משך פון דער צייט איז דאס ארט פארווילדערט געווארן און פון אלעמען פארגעסן.

אין די צוויי ווענט פון לינקס און רעכטס, האבן מיר געפונען צו פיר טירן, אזעלכע ווי באם אריינגאנג, און געפירט האבן זיי אין אנדערע צימערן, אויך ליידיקע און בלויז מיט צייכנס פון אמאליקע אוצרות און באפוצונגען, וואס מיר האבן אף טייל שניצונגען אין די ווענט דערקענט.

אונדזער ערשטע זאך אבער איז געווען, ווי נאר מיר האבן אנגעצונדן אונדזערע עלעקטרישע לעמפלעך, זוכן דעם טויטן, וועלכן איך האב

## צווישן ווילדע און ציוויליזירטע

אין דער פינצטער אנגעטאפט. און געפונען האבן מיר אים אף א בעט אויסגעהאקט אין אלבאסטער־ווייסן שטיין בא פופציק צענטימעטער הויך פונעם דיל, צווישן דעם דריטן און דעם פערטן זייל. געווען איז די מומיע פון א מאן, וואס איז געליגן מיטן פנים ארויף און געהאלטן די פיס אויסגעבויגן ווי א בריק. דער קערפער מיט דער הויט און האר אפילע, איינגעשרומפן און איינגעדארט ווי אלטער טרוקענער ווארשט, איז נאך געווען גוט קאנסערווירט. איבער דער גאנצער לענג פונעם בויך, אין דער סאמע מיט, האט זיך געמערקט א נאט. א סימן, אז די באלזאמירער האבן בא דעם טויטן ארויסגענומען די געדערים און די הוילקייט פארבאלזאמירט און צוריק פארנייט.

אף אלע פינגער פון די הענט, וואס זיינען געליגן פעסט אף די קניען, ווי אף די געלענקען פון די הענט און אף די שינדביינער פון די פיס העכער פון די קנעכלען, האט ער געהאט רינגען. מען האט נישט געקענט וויסן צי די רינגען זיינען פון גאלד אדער פון אן אנדער מעטאל, מחמת פון אלטקייט זיינען זיי געווען פארשימלט און ניט איך און ניט אפילע דער גייציקער דייטש, וועלכער האט רק געזוכט אוצרות, האבן געוואגט זיי ארָאפצונעמען אדער אפילע אף דער מומיעס גלידער איינצוקראצן, כדי זיך צו דערוויסן פון וועלכן מעטאל זיי זיינען. הואמאהוהופא איז כסדר געשטאנען מיט זיין שרעקלעכן מעסער און אונדז געווארנט נישט אנצורירן די מומיע, וואס האט אמאל געלעבט, געווען מעכטיק און ער האט זי געהאלטן פאר א הייליקייט. א באוויז, שוין אזוי פיל הונדערטער יארן ווי דער טויטער ליגט און איז נאך נישט פארפוילט. און נאך א באוויז, אלע מענטשן ווערן באגראבן אין דער ערד און דערדאזיקער מת ליגט אין א שטיינערנעם סקלעפ.

אין דער רעכטער האנט האט די מומיע געהאלטן אף דער קני א „הואנקא”, אזא געץ מיט א קאפ פון א יאגואר און דעם קערפער פון א בתולה, אויסגעארבעט פון א מעטאל און באזעצט מיט שמאראגדן, זאפירן און רובינען. מיר האבן אויפמערקזאם באטראכט דעם געץ און לויט זיין געל־רויטלעכן קאליר, זיינען מיר געקומען צו דער מסקנא, אז ער מוז זיין פון גאלד אדער ווייניקסטנס גאלד געמישט מיט קופער. הואמאהוהופא האט אויך צו דעם געץ נישט געלאזט זיך צורירן. דערלויבט האט ער אונדז נעמען מיט זיך א בויגן מיט צען ביינערנע פיילן מיט זילבערנע שפיצן, א קליינטשיק זילבערן העקל מיט א הענטל פון א קינדערשן פוס־

## מארקוס פארישעווסקי

ביין און א מיניאטור פון אן אויסגעקרומט שווערדל, ווי א טערקישע ציי־מיטארע, וואס זיינען געליגן בא דער זייט פונעם מת. מיר האט ער גע־געבן דאס העקל מיט דעם שווערדל און פינף פיילן און פאן בירנבאומען דעם בויגן מיט פינף פיילן.

בירנבאום האט נאך ווייטער געזוכט און געגישטערט וואס אזוינס ער זאל קענען צונעמען, נאר נישט געפינענדיק גארניט וויכטיקס, האט ער זיך עטלעכע מאל צורעכט געמאכט דעם מאנאקל, האט פארוויכערט די לילקע און צו זיך אליין עפעס א מורמל געטון מיט רעטזעלהאפטן שמייכל. צי האט ער נישט געטראכט, אז ער וועט שוין אהער קומען א צווייט מאל און דא אסאך רייכטימער געפינען...

ארויסגייענדיק פון דארט, האט הואמאהוהופא מיר שטיל א זאג געטון אין דער קיטשוא־שפראך, אז אויב איך אינטערעסיר מיך אין דער מומיע, וואס ער האט אין בירנבאומס קעגנווארט נישט געלאזט אפילע אנרירן, וועט ער זי מיר ברענגען מיט אלץ וואס ארום איר און אף איר און נאך איינע, שוין א פארשטיינערטע, וואס איז אווארע שוין טויזנטער יארן אלט. איך האב גארנישט געענטפערט און בלויז א שאקל געטון מיטן קאפ, אז איך בין גאנץ גערן צו זיין דער באזיצער פון אזא ארכעאלאגישן אוצר. איך דארף דא דערציילן, אז ער האט מיר די מומיע טאקע צוגע־שטעלט, נאר אין דעם צירונג. דער דייטש האט באלד אפן אנדערן טאג די מומיע באגאנוועט.

הואמאהוהופא האט זארגפעליק צוגעמאכט די שטיינערנע טיר און אף דעם אינדיאנישן שטייגער זיך געגומען באקלאגן סורוהאלפאן און אויסרעכענען אירע מעלות. און אלץ מיט אזא יעלאלעדיקן העשען, אז אפילו דעם פארשטיינערטן דייטש האבן זיך געשטעלט טרערן אין די אויגן.

# צוריק פונעם מיסטי

די שרעקלעכע אנדן־נאכט האָט זיך גענומען רוקן אַף אונדז מיט גיגאַנטישע טריט און מיר האָבן געמוזט זיך צווײַלן וואָס פריער צוריקצוקומען צו אונדזער פראָוויאַנט אײדער עס ווערט פינצטער. צוריק געגאַנגען זײַנען מיר איבער די געפערלעכע בערגלעך און טאָלן, אָן דעם מינדסטן צײכן פון עפּעס אַ וועג. געמאַכט האָבן מיר גאָר לאַנגע שפּאַן, כאָטשע אַף יעדן טראָט זײַנען מיר געווען אין סכנה געהאַרגעט צו ווערן. אַהין גײענדיק, בעת דער טרויעריקער לויה, האָבן מיר זיך נישט צוגעקוקט, נישט איך און נישט פּאַן בירנבאַום, צו דער געגנט דורך וואַנען מיר זײַנען געגאַנגען און בלויז נאָכגעהאַלטן הואַמאַהופּאַס טריט. און איצט, צוריקוועגס, זײַנען מיר אינגאַנצן דעזאָריענטירט געווען און מיר האָבן ווידער געמוזט נאָכגײן, שפּאַן נאָך שפּאַן, הואַמאַהופּאַן, וועלכער איז געגאַנגען פאָרויס, ווי אַ סטרונע אויסגעצויגן.

געווען איז ערשט אַזײגער פינף, נאָך אַ שטיק צו נאַכט, מחמת די זון זעצט זיך דאָרט אין יענער תקופה ערשט אַ פערטל נאָך אַכט. אָבער צווישן די הויכע בערג ווערט פרי פינצטער און שפּעט ליכטיק. די הויכע באַרג־שפּיצן וואַרפן זײערע גרויסע שאָטנס אַף יעדער געגנט. פון אַלע זײַטן האָב איך ווידער געזען טיפע אָפּגרונטן, וועלכע האָבן אין דעם גרויל פון דער דעמערונג אין דער וויסטע, אויסגעזען נאָך שרעקלעכער. פון זײערע תהומות האָט זיך געהויבן אַרויף אַ געדיכטער נעפּל, ווי שוואַרצע וואָלקנס מיט ווײַסע אָדער ראָזעווע פלעקן, וואָס מען זעט פאַר אַ שטורעם.

נאָכגעגאַנגען זײַנען מיר שטום הואַמאַהופּאַן, וועלכער האָט אונדז נאָר פון צײַט צו צײַט געוואָרנט מיר זאָלן זיך היטן און זען וואו מיר שטעלן די פיס. ער פאָרויס, איך נאָך אים און הינטער מיר פּאַן בירנבאַום.

וואוהין גײען מיר? — האָב איך זיך אַלײן געפרעגט. איך האָב נישט געוואַגט איבערצורײסן די מאָנאָטאָנע שטילע מעלאָדיע פון עפּעס אַן עלעגיש ליד, וואָס הואַמאַהופּאַ האָט ווײנענדיק געזונגען.

# מארקוס פארישעווסקי

נאָך אַ שעה גיין אַזוי אַף בלינד, זיינען מיר צוגעקומען צום ריזיקן שטיין, וואו מיר האָבן געפּראַוועט אונדזער פריילעכע סעודה פאַר דעם אומגליק. אַלץ איז געלעגן אַף זיין אָרט, באַהאַלטן אונטער אַ הויפן גרע־סערע שטיינער. און בלויז די צוויי פעלן, דער אָפּגעשונדענער פּומאַ און אַפילע דאָס מיסט פון די חיות איז געווען אויפגעפרעסן.

מיר האָבן אויסגעטרונקען צו גרויסע כּוסות פּיסקאָ און פון דער פייערדיקער משקה האָבן מיר באַקומען מוט און אַפּעטיט. ווי עמעסע בעלי־חיים, פעסטע און געזונטע יונגען, האָבן מיר אַריינגעפרעסן. תּחילת, האָב איך האָב גאָרנישט געוואָלט טועם זיין, ווייל ערשט אַוועקזעצנדיק זיך נאָך דעם נאָכאַנאַנדיקן טראַנס פון די פּאַסירונגען, האָב איך דערפילט ווי מיין האַרץ איז צעוויייטיקט. נאָר הואַמאַהואפאַ האָט מיר געגעבן אויסצוטריג־קען אַ צווייטע גלאָז פּיסקאָ און מיך געטרייסט:

— עס, גרינגאָ, עס כּל־זמן דו לעבסט, וואָרום סורוהאַלפּאַן וועסטו שוין סיי ווי לעבעדיק נישט מאַכן!...

און איך האָב געגעסן. דער אַפּעטיט נאָך דער שטאַרקער משקה, דער אינסטינקט פון לעבן, איז געווען שטאַרקער פונעם צער.

גענומען האָבן מיר מיט זיך אַף צוויי מאָל עסן און טרינקען און די נויטיקערע און ווערטפולערע זאַכן און מיר האָבן זיך געלאָזט אין וועג אַריין אַף צוריק. קודם, אַהין פון וואַנען מיר זיינען נאָר וואָס געקומען. צוריק צו סורוהאַלפּאַס קבר. מיר האָבן זיך באַראָטן ווער פון אונדז זאָל איצט זיין דער וועגווייזער אין דער שפּעטער שעה. געווען איז שוין פינף מינוט פאַר האַלב אַכט און הואַמאַהואפאַ האָט דערקלערט, אַז ער פילט זיך שוין ווידער דערשיטערט און ער איז נישט זיכער צי וועט ער איצט טרעפן דעם וועג אַהין. בירנבאַום האָט די זאַך גענומען אַף זיך. אַלס דער־פאַרענער ספּאָרטסמאַן, האָט ער געגעבן צו פאַרשטיין, געדענקט ער די געדרייטסטע וועגן, און אין משך פון איין האַלבער שעה וועלן מיר זיין צוריק אונטערן דאַך פון דער קאַטאַקאָמבע.

ליידער איז עס ניט אַזוי געווען. ווי נאָר מיר זיינען דורכגעגאַנגען אַ דריי קילאָמעטער, זיינען מיר אַרויף אַף אַ פלאַכן און ווי אייז גלאַטן שטיינערנעם באַרג, וואו מיר האָבן אָנגעטראָפן אונדזער ערשטע געפאַר. נאָך אָנדערהאַלבן קילאָמעטער קלעטערן איבערן גלאַטיקן שטיין, צום גליק מיט אַ זייער שוואַכן מעשופּע אַרויף, זיינען מיר צוגעקומען צו אַ שפּאַלט פון אַ דריי מעטער די ברייט און פינף מעטער די טיף און וואָס ווייטער

# צווישן ווילדע און ציוויליזירטע

פֿון דאָרט אַלץ ברייטער און טיפֿער ביז ער פֿאַרענדיקט זיך אין אַ טיפֿן אָפּגרונט.

דאָ מוז איך מיך באַרימען, אַז כאָטשע איך בין ניט אַזאַ נאַטור־פֿאָרשער ווי פֿאַן בירנבאַום, איז מיר איינגעפֿאַלן אַ מיטל ווי אַזוי אַריבערצוגיין דעם שפּאַלט אָן שום געפֿאַר. באַמערקט האָב איך אַ פֿיר מעטער ווייט פֿונעם שטייניקן ראַנד, בײַ דעם פֿלאַכסטן אָרט, אַז דער שטיין איז טיף אָנגעשפּאָלטן אַ פֿינף צענטימעטער די ברייט און עלף מעטער די לענג. אין אָט דער אָנגעשפּאָלטנקייט האָב איך אַריינגעלייגט פֿיר שאַכטלען דינאַמיט, וואָס איך האָב איינגעוויקלט אין אַ נאָז־טיכל און דורכגעבונדן מיט אַ ספּעציעלן קנייטל, וואָס האָט אויף יעדע פֿינף צענטימער דיסטאַנץ געהאַט קערנדלעך פּולווער, כדי עס זאָל זיכערער ברענען. דעם דינאַמיט האָב איך אַראָפּגעשטופּט טיף אינעם שפּעלטל און דעם עק פֿונעם קנייטל געלאָזט אויבן. אָנגעשאָטן האָבן מיר דערנאָך אין דער עפֿענונג עטלעכע גרעסערע שטיינער און דעם קנויט אונטערגעצונדן. מיר זיינען אָפּגעלאָפֿן אַ פֿופֿציק מעטער ווייט און זיך אויסגעצויגן אויף שטיין. עס האָט קוים געדויערט זעקס מינוט צייט ווי די נאַכט־שטילקייט אין די קאָרדיליערן איז פֿאַרהילכט געוואָרן פֿון אַ שרעקלעכן דונערן און קראַכן. דער באַרג האָט אויפֿגעציטערט און די לופֿט איז פֿול געוואָרן מיט שטויב און דינאַמיט־גערוך. שטיקער שטיין זיינען זיך צעפֿלויגן אין אַלע זייטן און האָבן דערגרייכט אַזש צו אונדז. און ווען מיר זיינען צוריקגעקומען צום שפּאַלט, איז ער געווען פֿאַרשאָטן אויף גאַנצע עלף מעטער די לענג.

ערשט ווען מיר זיינען אַרויף אויף דעם פֿאַרשאָטענעם אָרט, האָבן מיר רעכט געקענט זען דעם באַרג־שפּאַלט, וואָס איז געוואָרן אַלץ טיפֿער און ברייטער. פֿאַן בירנבאַום האָט געזאָגט, אַז אויב עס איז באמת פֿאַראַן אַ גיהנום, מוז דאָס אַוודאי זיין דער וועג אַהין.

נישט באַוויזן האָבן מיר אָפּצוגיין אַן אַכט הונדערט מעטער נאָך דעם געגנעמדיקן שפּאַלט, ווי מיר האָבן אָנגעטראָפֿן אויף אַ צווייטן אָפּגרונט. שוין ניט פֿון יענעם מין אָפּגרונטן, וואָס שניידן זיך איין טיף אין די געדערים פֿון דער ערד ווי שפּאַלטן אָדער גריבער, נאָר ווי דער ראַנד פֿון אַ הויכן פֿלאַכן באַרג, וואָס איז אָפּגעהאַקט ווי אַ מויער גלייך, ביז אַ טיפֿן טאָל. געשאַצט האָבן מיר די טיף פֿון דעם אָפּגרונד אין ניין הונדערט אָדער נאָך מער מעטער.

דאָ איז שוין ווידער געווען אַן אַרבעט פֿאַר מיר. פֿאַן בירנבאַום האָט

## מארקוס פארישעווסקי

מיך ארומגעבונדן בא דער ברוסט מיט דעם זעלבן שטריק און אף דעם זעלבן אופן ווי איך האב אים געהאט ארומגעבונדן באם ערשטן אפ־גרונט, וואס מיר האבן אנגעטראפן נישט ווייט פונעם טונעל, און הואמאַ־דוהופא מיט בירנבאומען האבן אים צוגעהאלטן באם צווייטן עק. צוויי מעטער פאר דעם אפגרונט האב איך מיך אויסגעצויגן אף דער ערד און האב מיך ווי א שלאנג צוגערוקט אפן בויך ביז מיין האלבער קאפ איז געווען איבער דעם תהום.

מיט דעם בלויזן אויג האב איך פון דארט געזען אונטן פיר קאלירן: גרין און ווייס, שווארץ און רויט. און דאס נאר אדאנק דעם וואס די זון האט מיר צוגעשיינט בעת זעצן זיך אין טאל, קעגניבער דעם בארג, און האט צעגאסן איבערן טאל איר פארנאכטיק רויטלעך ליכט און די לבנה, א פולע, איז שוין געשטאנען הויך אין הימל און זיך דורכגעשלאגן דורך די פוכענע ראז־באפארבטע וואלקנדלעך. וויפל איך האב מיך ניט אנגע־שטרענגט צו זען עפעס מאמאשעסדיקס, איז עס מיר נישט געלונגען. איך האב נישט געקענט אונטערשיידן איין אביעקט פונעם צווייטן. ערשט ווען איך האב גענומען צום אויג מיין בינאקל, האב איך דערזען א גרויסע אינ־דיאנער קאלאניע. גרינע, באארבעטע פעלדער און מענטשן מיט זייערע בהמות און אפילו עופות האב איך געזען.

מיר האבן גענומען גיין און גאר שנעל לענגאויס דעם מעשופעדיקן ראנד, אפשר וועלן מיר בא דער קנאפער שיין פונעם זון־אונטערגאנג גע־פינען א וועג אראפצוקלעטערן צום אינדיאנער דארף. געגאנגען זיינען מיר מיט גרויס איינשטעלעניש הארט באם ברעג, ווארום גענוג איז געווען איין פאלשער שפאן, אז מיר זאלן אראפפאלן פון עטלעכע טויזנט פוס די הייך. געווען זיינען אבער ערטער, וואו מיר האבן זיך געמוזט שלעפן מיט אונדזער געפעק אף אלע פיר.

פלוצים איז די זון אונטערגעגאנגען און אויך די לבנה האט זיך בא־האלטן צווישן די וואלקן און מאמענטאל איז פינצטער געווארן און דא שטייען מיר ווידער פאר א תהום. דער גורל איז ווידער געפאלן אף מיר איך זאל צוגיין אראפקוקן. ווידער האב איך גענומען נפשי בכפי, זיך ארומ־געבונדן מיט דעם שטריק ארום דער ברוסט, וואס הואמאהוהופא און פאן בירנבאום האבן אים צוגעהאלטן. נאר געווען איז אזוי פינצטער, אז איך האב מיינע אייגענע הענט נישט געזען. איך האב מיר גענומען צולייכטן מיט דעם עלעקטרישן לעמפל און געגאנגען לענגאויס דעם ראנד, בעת מיינע

# צווישן ווילדע און ציוויליזירטע

צוויי קאָלעגן זײַנען נאָכגעגאַנגען אין דער פינצטער, נישט מער ווי אַ צען מעטער פון מיר.

אין אַן אָרט האָב איך מיך ווידער אויסגעצויגן אַף דער ערד און גענומען אַראָפּקוקן מיט דעם בינאָקל, נאָר געווען איז אַזאַ שוואַרצע פינצטערניש, אַז איך האָב גאָרנישט געזען. איך האָב דעמאָלט גענומען אַראָפּוואַרפן שטיינער, כדי צו הערן זייער אָפּקלאַנג, נאָר איך האָב גאָרנישט געהערט. מיר איז אײַנגעפאַלן צוצובינדן צו מײַן אָנגעצונדענעם עלעקטרישן לעמפּל דעם פינף הונדערט מעטער לאַנגן שפּאַגאַט און דאָס אַראָפּגעלאָזט אינעם אָפּגרונט מיטן געדאַנק עפּעס צו דערזען וואָס אונטן טוט זיך. ווען איך האָב שוין געהאַט אַראָפּגעלאָזט די גאַנצע פינף הונדערט מעטער, האָב איך דערפילט אַ שטאַרקן צי אַראָפּ פאַרן שפּאַגאַט און ער איז מיר פון די הענט אַרויסגעריסן געוואָרן.

אַ גליק וואָס הואַמאַהוהופּאַ און פאָן בירנבאַום האָבן געהאַלטן שטײף אָנגעצויגן דעם שטריק, ווען ניט, וואָלט דער צי פון אונטן מיך אַראָפּגעשלעפּט אינעם אָפּגרונט. איך האָב דעמאָלט געבעטן מײַנע קאָלעגן זיי זאָלן מיך אַוועקשלעפּן פונעם ראַנד. דער אָפּגרונט ווײַזט אויס צו זײַן שרעקלעך טיף, האָב איך געזאָגט, דאָס מוז זײַן דער טיפסטער פון די אַלע וואָס מיר האָבן הײַנט אָנגעטראָפן...

דערווײַל איז געוואָרן אַלץ פינצטערער, אַלץ קעלטער און אויך איימעדיקער און געהיימניספולער די נאַכט. מיר האָבן אַרויסגענומען אונדזערע וויקוניאַ־פּאָנטשאָס און זיך אײַנגעוויקלט אין זיי און זיך אַוועקגעזעצט אַף אַ לאַנגן שטיין, וואָס האָט אונדז נאָך מער פאַרפרוירן. מיר האָבן קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט און געמוזט בלײַבן נעכטיקן אונטערן פרײַען הימל, מחמת יעדער שפּאַן ווײַטער אין דער פינצטערניש, האָט געשטעלט אונדזער לעבן אין סכנה. געווען איז די פינצטערניש אַזוי געדיכט, אַז אונדזערע עלעקטרישע לעמפּלעך האָבן זייער שיין געוואָרפן אַף אַ צענטכיילעך דיסטאַנץ.

איינער פון אונדז האָט געמוזט בלײַבן שטיין אַף דער וואַך, בעת די אַנדערע צוויי וועלן שלאָפן. איך האָב געוואָרפן גורל און אַף מײַן שלימאַזל, האָב איך אַרויסגעצויגן דאָס פּאַטאַלע קניפּל. פאָן בירנבאַום און הואַמאַהוהופּאַ זײַנען טאַקע באַלד אײַנגעשלאָפן און איך בין אַרויפגעקראָכן אַף דעם לאַנגן שטיין, לעבן וועלכן זיי זײַנען געשלאָפן און האָב מיך אײַנגעהערט צו די געשרײען פון די רויב־פייגל, צום מיאַוקען

## מאַרקוס פּאַרישעווסקי

און רעווען פון די פּומאַס און די אַנדערע חיות פון דער קעצישער משפּחה, צום כריוקען פון די ווילדע חזרים און צום וואויען פון די וועלף און די שאַקאַלן...

נאָך אַ שעה צייט שטיין אויף דער וואַך, איז מיר שטאַרק קאַלט געוואָרן, נישט געקוקט אויף דעם וואַרימען פּאַנטשאָ וואָס איך האָב געטראָגן און האָב מיך אַריינגעזעצט צווישן די שלאָפנדיקע. מיר איז אָבער דערפון נישט וואַרימער געוואָרן. נאָר איך בין דאָך אַנדרעמלט געוואָרן. מיר האָט זיך געכאָלעמט די שטיפערישע סורוהאַלפּאַ מיט איר שעלמישן רייץ, ווי זי פאַרטיידיקט מיך פון זשאַראַראַס, פון קלאַפּער־שלאַנגען און קאָראַלן־שלאַנגען און ווי זי נעמט מיך פאַר דער האַנט און פירט מיך מיט מוטערלעכער צערטלעכקייט פאַרביי אַ קאָנדאָר־נעסט און מיט איר קינזשאַל פאַרטיידיקט זי מיך און באַשיצט מיך פון די אָדלערס, פון זייערע נעגל, שנאָבלען און פליגל... איך האָב מיך אויפגעכאַפּט אין עקזאַלטירטער און אויפגעשווידערט פון דערווירקלעכקייט, האָב איך מיך אין דער שטיל צעוויינט און בין אויפגעשפּרונגען אַ צעוויטיקטער. איך האָב אַרויסגענומען דעם זייגער צו זען וויפל צייט עס פעלט נאָך צו בייטן מיין וואַך און אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז געשלאָפן בין איך נישט מער ווי צען מינוט און אַז מיר פעלט נאָך צו וואַכן אַ שעה מיט פופציק מינוט.

כאָטשע איך בין געזעסן אויף אַ לעדערנער וואַליזע צווישן צוויי שלאָפנדיקע מענטשן און איינגעהילט אין אַ וויקוניאַ־מאַנטל ביז איבערן קאָפּ, איז מיר אָבער וואָס אַ רגע געוואָרן אַלץ קעלטער און געדאַכט האָט זיך מיר אַז די פיס ווערן מיר אָפּגעפרוירן. און יעדעס מאָל וואָס איך האָב אַ דרימל געטון, האָט זיך מיר געכאָלעמט סורוהאַלפּאַ באַ אַנדערע העראָאישע געלעגנהייטן. דאָס לעצטע מאָל בין איך אויפגעשפּרונגען פון איר הילף־רוף און מיט אַ פאָרוואורף צו מיר: „ראַטעוועט, שנעל, קאָנדאָרס זיינען מיך באַפאַלן!" „גרינגאָ מיינער, ביזט מיר שולדיק אַ חוב, איך האָב דיך עטלעכע מאָל געראַטעוועט און דו מיך קיין איין מאָל ניט!..."

ווייטער האָט מיך שוין קיין שלאָף נישט גענומען און זיצנדיק אַ שפּאַרע ווײַלע, האָט זיך מיר גענומען דאַכטן ווי איך הער אַ ווייטן הענערגעקריי און אַ בייזע האַווקעריי פון הינט. איך האָב מיר געטראַכט, אַז דאָס מוזן זיין אַזעלכע רויב־פייגל, וואָס קרייען ווי הענער און דאָס בילעריי מוז זיין פון הונגעריקע וועלף...

איך האָב אַ טראַכט געטון וועגן אַ קוק טון אויפן זייגער, צי איז שוין

# צווישן ווילדע און ציוויליזירטע

ניט צייט אויפצוועקן מיינע פעטער, נאָר איך האָב מיך אָפּגעהאַלטן. ראשית, איז מיר שוין אָנגענעם געווען צו הערן דעם געפּילדער פון די „בייזע נאַכט־חיות" און צווייטנס, איז מיר אַזוי קאַלט געווען, אַז מיר האָט זיך ניט געגלוסט אַרויסנעמען די הענט פון אונטערן וואַרעמען פּאָנטשאָ אַף דער פּראַקטיקער לופט און אָנצינדן אַ שוועבעלע. מיין עלעקטריש לעמפּל האָט עמיצער פונעם טאָל בײַ מיר פון דער האַנט אַרויסגעריסן בעת איך האָב עס אַראָפּגעלאָזן אַן אָנגעצונדנס אַפן שפּאַגאַט.

אָפּגעזעסן ביז איך אַזוי נאָך אַ שעה צייט — די שעה האָב איך גערעכנט אין דער פינצטער, אָפּציילנדיק זייער לאַנגזאַם, שוין צו לאַנגזאַם, פון איינס ביז דריי טויזנט זעקס הונדערט — און שוין אַ דערוואַרימטער, אַדאַנק דעם צווייטן פּאָנטשאָ, מיט וועלכן איך האָב מיר די פיס אַרומגעוויקלט, האָב איך אַרויסגענומען דעם זייגער צו זען ווי שפּעט עס איז. נאָר געווען איז אַזוי פינצטער, אַז איך האָב ניט געזען די ווייזערס, און ניט נאָר די ווייזערס, נאָר אַפילו די הענט מיינע און דאָס נאַז־טיכל וואָס איך האָב געהאַלטן אין דער האַנט, האָב איך ניט געזען. ערשט דעמאָלט האָב איך אַרויסגענומען די שוועבעלעך פון דער קעשענע און בײַם שיין פון אַ שוועבעלע דערזען, אַז ס'איז צען מינוט צו צוויי. דאָס הייסט אַז איך האָב געוואַכט פון ניין אייגער ביז צוויי פאַרטאָג, מיט צוויי שעה מער ווי איך האָב באַדאַרפט.

דאָס בילן און קרייען וואָס איז געקומען פון ערגיץ אונטן אַרויף מיט אַן אָנגרייפערישן געפּילדער, האָט אין מיין צעשרויפטן מוח צוזאַמענגעמישט אַלערליי אויסטערלישע פאַרשטעלונגען, איינע שרעקלעכער פון דער צווייטער. פון יעדן ווייטן ביל פון אַ הונט און פון יעדן קריי פון אַ האָן, האָט זיך מיר געדאַכט, אַז וועלף און שאַקאַלן אָדער קאָנדאָרס און האַלקאָנען באַפאַלן אונדז. און אַזאַ ווילדע אימה האָט מיך אַרומגענומען, אַז ווען איך האָב גענומען וועקן מיינע קאָלעגן און איך האָב זיי ניט געקענט דערוועקן, האָב איך גענומען שיסן. ערשטנס, זיי אויפצוועקן און צווייטנס, אָפּשרעקן די בייזע חיות, וואָס גרייטן זיך אונדז איבערצופאַלן. איך האָב געשאָסן פון מיין בראַונינג מיט אַן הפסקה פון צוואַנציק סעקונדן צווישן איין שאָס און דעם צווייטן. אַזוי האָב איך אויסגעשאָסן צען מאָל און זיי זיינען אַלץ געשלאָפן. ווען זיי וואָלטן ניט געווען אַזוי שטאַרק געבראָפּעט, וואָלט איך זיכער געמיינט, אַז זיי זיינען אַף טויט פאַרפרוירן געוואָרן. אין דער טיפער שטילקייט האָט זייער כראָפּען מיט

# מאַרקוס פּאַרישעווסקי

אַ ווידער־קול זיך אָפּגעשלאָגן אַף די באַשנייטע שפּיצן אַרום. אַדאַנק זייער מאָדנעם כראַפּען האָט זיך מיר גאָרנישט געוואָלט שלאָפֿן. ער האָט מיך צעשטרייט אין מיין טויטער איינזאַמקייט און אין מיין טרויער.

אויטאָמאַטיש האָב איך ווידער גענומען ציילן פֿון איינס ביז 3.600. שוין דריי דער זייגער פֿאַרטאָג. וואָס אַ רגע איז אַלץ שטילער געוואָרן. אַלע נאַכט־באַשעפֿענישן האָבן זיך שוין אָנגעפֿרעסן מיט פֿלייש און אָנגעזויפֿן מיט בלוט און האָבן אָפּגעשטעלט זייער אָנגרייפֿעריש געשריי... אַזוי איימעדיק, דורכדרינגלעך איז די שטילקייט געוואָרן, אַז געדאַכט האָט זיך מיר איך הער מיין אייגענעם האַרצנס שלאָג און דאָס לויפֿן פֿון די בלוטן אין מיינע אָדערן. אַזוי זיינען געלאָפֿן די סעקונדן, די מינוטן און די שאָען און ווען איך האָב דערזען אַפֿן פֿעך־שוואַרצן הימל דעם זילבער־ווייסן מאָרגן־שטערן, אַ סימן פֿון נאָענטן טאָג, איז דער פּחד פֿון מיר אינגאַנצן פֿאַרשוואונדן.

איך האָב ווידער אָנגעצונדן אַ שוועבעלע און געזען אַז ס'איז שוין פֿיר דער זייגער פֿאַרטאָג. איך מוז מיינע צוויי אויסנוצערס אָנלערנען, האָב איך אַ טראַכט געטון, און איך האָב געכאַפּט מיין ביקס, וואָס איז געלעגן לעבן מיר און האָב אָפּגעפֿייערט, צוויי מאָל איינס נאָכן אַנדערן, עטלעכע צענטימעטער איבער זייערע קעפּ. ערשט דעמאָלט האָבן זיי זיך ביידע אויפֿגעכאַפּט און מיך געפֿרעגט וואָס אַזוינס האָט פּאַסירט...

איך האָב זיי דערויף גאָרנישט געענטפֿערט און נאָר אָנגעוויזן אַפֿן זייגער. איינגעהילט אין מיינע פּאָנטשאָס איבערן קאָפּ, בין איך שנעל איינגעשלאָפֿן. ווי מיר שיינט, זיינען מיינע קאָלעגן נישט געווען אַזוי גע־וויסנהאַפֿט ווי איך. נאָכדעם ווי איך האָב מיך אָוועקגעלייגט, האָבן זיי זיך ווידער געלייגט שלאָפֿן. און ווען מיר האָבן זיך אויפֿגעכאַפּט, איז שוין געווען גרויסער טאָג, צען מינוט נאָך ניין.

בירנבאַום איז דער ערשטער געגעצנדיק צוגעגאַנגען צום ראַנד פֿונעם אָפּגרונט און אַ שטאַרקן פּאַטש געטון מיט די הענט אויסשיסנדיק אַ הילכיקן געלעכטער. איך און הואַמאַהואַפּאַ זיינען מיר צוגעלאָפֿן זען וואָס דאָרט איז געשען און ווי איבעראַשט זיינען מיר געווען, ווען מיר האָבן דערזען, אַז ביז דעם ערשטן „אַראָפּ" איז צומאָל קיין הונדערט מעטער נישטאָ און אַז דאָרט וואוינט אַ גאַנצע אינדיאַנער קאָלאָניע און אַן ערך טויזנט מעטער ווייטער, מיט צוויי הונדערט מעטער נידעריקער געפֿינט זיך אַ גאָר גרויס אינדיאַנער דאָרף.

# צווישן ווילדע און ציוויליזירטע

די שטיינער וואָס איך האָב באַנאַכט אַראָפּגעוואָרפן, האָבן נישט אָפּגעקלונגען, מחמת אַ פּופּציק מעטער נידעריקער פון דעם אָרט וואו איך בין באַנאַכט געליגן און געוואָרפן די שטיינער, שטאַרצט אַרויס אַ ריזיקער פעלז, אַף וועלכן עס האָט זיך פאַרקליבן אַן אינדיאַנער פאַמיליע און דאָרט אויפגעשטעלט אַ הייזקע מיט אַ שטרויענעם דאַך. און אַפן דאַך איז נאָך דערצו געליגן אָנגעקאָשעטע גרינע היי צום טרוקענען. מיין עלעקטריש לעמפּל, וואָס איך האָב אַראָפּגעלאָזט מיט דעם לאַנגן שפּאַגאַט, האָט אויך געמוזט אַרויסרייסן פון מיינע הענט עמיצער פון דער אינדיאַנישער הייזקע.

דערפרייטע, האָבן מיר אויסגעטרונקען גלייך פון דער לעדערנער פלאַש צו עטלעכע גרויסע שלונג פּיסקאָ און פאַרביסן מיט שטיקלעך הירשן־פלייש און שעפּסן־קעז און מיר האָבן זיך גענומען אַראָפּקלעטערן צום ערשטן אינדיאַנישן ישוב. דאָס האָט אונדז גענומען גאַנצע פינף שעה צייט. קלעטערנדיק אַראָפּ און אַרויף, הין און צוריק, און אַרום זיך, זיינען מיר אַריינגעקומען אין דעם דאָרף, וואו עס האָבן געוואוינט אוראָ־אינדיאַנער.

נאָך עטלעכע טעג אָפּרו, האָבן זיי אונדז אָפּגעפירט צוריק קיין אַרעקיפּאַ.

# אַ לויה אין די בערג

אפן וועג צווישן אַרעקיפּאַ און פּונאָ, געפינט זיך אַ געגנט פון אינדיאַנער אָרימשאַפט, מיט אַ גאַנץ אייגנאַרטיקן שטייגער לעבן, אייגנאַרטיקער באַשעפטיקונג, אייגנאַרטיקער קליידונג, אייגנאַרטיקער מוזיק און אייגנאַרטיקע מנהגים. דער אינדיאַנער פון דער געגנט איז אַ פּויער, האַנט־אַרבעטער און הענדלער אין דער זעלבער צייט. אַרויסגעשטופּטע פּונעם טאָל, וואָס איז פאַרנומען געוואָרן פון לאַטיפונדיסטן פּיציכטער וועלכע גיבן זיך אָפּ מיט דער קרייצונג פון פאַרשידענע וואָלבהמות, האָבן זיך דידאָזיקע אינדיאַנער פאַרקליבן אויף דעם שטיינערדיקן הויכן פּליין, וואו זיי האָדעווען קליינע טשערעדקעס ציגן און שעפּסן, מאָגערע אַלפּאַקאַס און לאַמאַס. אַזוי ווי דידאָזיקע ווירטשאַפט גיט זיי ניט אויף חיונה, האָבן זיי זיך גענומען צו מלאכה, צו פאַרשידענע האַנט־אַרבעטן. זיי שפּינען און וועבן, אַרבעטן אויס אַלערליי ערדערנע כלים און וואָס נאָר מען קען מאַכן פון די פּראָדוקטן וואָס זייער ווירטשאַפט גיט זיי. און דאָס אַלץ טראָגן זיי אום אָדער פירן אום צו פאַרקויפן איבער די וועגן אָדער באַ די באַן־סטאַנציעס לענגאויס דער אייזנבאַן וואָס ציט זיך ביז פּונאָ און ווייטער ביז קוזקאָ. צו די באַן־סטאַנציעס ברענגען זיי אַרויס אַכוצדעם אויך שפּייז־אַרטיקלען: ציגן־מילך און שעפּסן־קעז, געקאָכטע און געבראָטענע עופות, וואורשטן און געפּרעגלטע פישלעך, וואָס זיי כאַפּן אין די אָזערעס אָדער אין די זומפּיקע טיפענישן, פעלעכלעך פון פאַרשידענע חיות, שליידער־שטיינער, וואָס די אינדיאַנער זיינען גרויסע בעריעס צו האַרגענען מיט זיי קליינע חיות, אאַ"וו.

מיט דער באַן פאָרנדיק אָדער איבער די שאָסייען, זעט איר זיי שפּאַנען מיט די קלומקעס אויף די אַקסלען, ווי די הויזירער איבער די מזרח־אייראָפּעישע דערפער מיט אַ שטעקן אין דער האַנט, וואָס דינט זיי פאַר

# צווישן ווילדע און ציוויליזירטע

אַ מעטער, אָדער טרייבן אַן אייזל, באַלאָדן מיט פּעקלעך, אין וועלכע זיי פירן פּאַנטשאָס און טיכער, טישטעכער און קאָלדרעס, גאָבעלינען און דיוואַנעס אָדער טעפּ אַלערליי, פיינע סעראַמיקע־אַרבעט און פּאָרצעליי. אויך אונטערוועגנס פאַרגינט זיך נישט דער אינדיאַנער אָדער אינדיאַנערקע צו גיין ליידיק, ווי אונדזערע ווייבער אַמאָל מיט דעם שטענדיקן גאַנג־שפּיזלעך אין די הענט און קניילעכל ביינוול אינעם פאַרטעך, שטריקנדיק אַ זאָק, אַזוי טראָגן זיי מיט זיך זייערע וועב־מכשירים און שפּאַנענדיק, וועבן זיי אַ האַנטוך אָדער דרייען אַ וואָלענעם פאָדעם.

די הויזירער זיינען מערסטנס די מענער און עס האָט זיך אויסנעאַרבעט פון זיי אַ טיפּ פעסטגעבויטע מיטלוואוקסיקע אינדיאַנער, פון זון און פון ווינט פאַרהאַרטעוועטע אומדערמידלעכע גייער. די פרויען, וואָס מען זעט מערסטנס זיצן באַ די באַן־סטאַנציעס מיט די שיסעלעך שפּייזפּראָדוקטן צום פאַרקויפן, זיינען דריבנע, פּיפּיקע, פּאָרזיכטיקע און אומצוטרוילעכע, ווי אונדזערע מזרח־אייראָפּעישע מאַרק־אידענקעלעך. אויך די קינדער זיינען זיי מחנך צו דער מאַרק־פּרנסה. קינד און קייט זעט מען זיי באַ די באַן־סטאַנציעס פאַרלייגן זייער סחורה, איבערהויפּט עסנוואַרג, מעג זיין אַביסל זאַלץ אין אַ טאָרבעלע... קיין בעטלער זעט מען ניט צווישן זיי, אַלע שטרייכן זיי אונטער זייער אינדיאַנישע ווערדע און זוכן בלויז עפּעס צו פאַרדינען... די ווייבער האָבן אַ נאָמען מיט זייער צניעות. חס וחלילה עמיצער זאָל זען אַ נאַקעטקייט זייערע. די נאַקעטקייט איז שטרענג רעזערווירט פאַר איר מאַן און אויך בלויז באַנאַכט ווען אין דער הייזקע איז פינצטער. אפשר איז עס דערפאַר וואָס דאָ הערשן מערסטנס שטאַרקע קעלטן, אַדאַנק דער הויכער לאַגע פונעם פּליין. און דערפאַר זעט איר זיי זיצן פאַר זייערע קופּקעלעך „סחורה” אויף די שפּיץ פינגער, די פּיס באַהאַלטן אונטער זייערע ברייטע יאַקעס, וואָס זיי טראָגן איינע אויף די אַנדערע, מיט די פירעקעכדיקע וואָלענע טיכער אויף דער פּלייצע, פאַרשפּיליעטע אָדער פאַרקנעפּלטע האַרט באַם האַלדז און מיט אַ שטרויענעם אָדער וואָלענעם הוט אויפן קאָפּ.

אָבער דערמיט קען מען נאָך נישט דערקלערן דעם פאַקט, וואָס די אינדיאַנער, ווי די אינדיאַנערקעס פון דער געגנט נוצן כמעט נישט קיין קאָלירטע מלבושים, ווי מען זעט דאָס אין אַלע אַנדערע אינדיאַנער ישובים. אַליין קליידן זיי זיך גרוי. זייערע הוטן פון וואָל אָדער פון שאַרפן גראָז, זיינען טונקל־גרויע. די פּאַנטשאָס האָבן אַלע שאַטירונגען פון גרוי

און פון קיין שום אַנדער קאָליר. אויך די פרויען־קליידער זיינען גרויע: העל־גרוי, טונקל־גרוי, גרין־גרוי, אַש־גרוי, בלוי־גרוי. אַפילו די וועסטלעך וואָס די פרויען טראָגן דאָ, אַזוי ווי די מענער, זיינען גרויע. דאָס געוועב וואָס זיי פאַרקויפן, צייכנט זיך גראָד אויס מיט דער רייכקייט פון די קאָלירן.

נאָר איין זאַך פאַרמאָגן זיי אַ רייכפאַרביקע — די מוזיק זייערע. גייט זיך אַזוי אַזאַ אינדיאַנער מיט זיינע קלומקעס און מיט זיין מעטער־שטעקן אָדער ער גייט נאָך דעם באַלאָדענעם אייזל זיינעם און עס ווערט אים דערעסן דאָס וואַרפן מיט דעם שפינדל צווישן די אָסנאָוועס, נעמט ער אַרויס פון צווישן זיין געפעק זיין „טשאַראַנגאָ" (פינף־סטרוניקע באַנדורע) אָדער זיין „אוקעלעלע" (אַ מין אינדיאַנישע באַלאַלייקע) און נעמט שפילן אַ „הואַילאַטשאַ", אַ „בואַיזשאַקאַ" אָדער אַן „איאַראַטשי".

אַז איך וועל אייך זאָגן אַז די הואַילאַטשאַ איז אַ מין אינדיאַנישע „דוינע" אָדער אַ „וואָלעכל", וועט איר קוים האָבן אַ באַגריף דערפון. די הואַילאַטשאַ ווערט געזונגען און געשפילט אַף די העכסטע טענער און צעגיסט זיך אין דער טיף, אין דער הויך און אין דער ברייט, ווי אַ מעכטיקע כוואַליע, ווי אַן אַרויסרוף דעם אייביקן אוראַגאַן פון דער הויכער וויסטע, וואָס פייפט און ברומט, יאָמערט און לאַכט און ווערט אַלץ שטאַרקער, באַלד גייט זי איבער אין אַן עלעגיע, אין אַזאַ נאָגנדיקן טרויער און פלוצים ווערט זי קינדיש־פריידיק און שטיפעריש ווי אַ קאַנאַריקל און צום סוף צעשאַלט זי זיך מיט אַ זיגערישן מלחמה־מאַרש... דאָס איז אַ נאַטור־סימפאָניע געשפילט אַף דער פאָשעטער אינדיאַנישער באַנדורע.

נאַטור־מעלאָדיעס זיינען אויך די אינדיאַנישע פריילעכסן, וואָס מען רופט „בואַיזשאַנאַ". אין זיי טאַנצט דער ווינט אַ פריילעכס. דער ווינט אַף יענע הויכע שטיינערנע וועגן זינגט אַריין דעם גייער אין די אויערן און זאָגט אים צו אַלע גליקן און פאַרוויגט אים אין גלויבן, אין עקסטאַז און פאַרטראָגט אים מיט זיין סטיכיע ווער ווייסט אין וועלכע ווייטקייטן און הויכקייטן. זיי ווערן געזונגען און באַגלייט מיט דער אוקעלעלע. די „איאַראַטשי" ווערט געשפילט מערסטנס אַף דער אַנטאַראַ, אַף אַ בלאָז־אינסטרומענט פון זעכצן זייער דינינקע רערן־שטעקלעך. די טענער זיינען קורצע און אָפגעהאַקטע און מאַכן אָפט דעם איינדרוק ווי דאָס זשומען פון אַ זשוק, וואָס האָט זיך פאַרפּלאָנטערט מיט אַ פיסל אין דער נעץ פון אַ שפין. די מעלאָדיע איז אין זיי אַ געמיש פון טרויעריקן מאַרש מיט

# צווישן ווילדע און ציוויליזירטע

פרייליכן דזשאז. די איינגעהאלטענע נאטן קומען ארויס ווי דאס לאנגזאמע כארכלען פון א גוסס און די שנעלע זיינען שטורמיש ווי א שטורמווינט אין די שמאלע דורכגענג צווישן די באשנייטע שפיצן פון די אורענדלעכע אנדן־בערג.

אין א פארנאכט, בין איך מיט דעם לאנגזאמען געמישטן צוג, וואס גייט ארויס פון כוליאקא אפן וועג צו קוזקא, אנגעקומען אין דעם דערפל פוקארא, וואו עס איז פאראן א פאבריק פון עמאלירטע ערדענע כלים אינעם פארצייטיקן אינקא־טיאהואנאקא־נאזקא־סטיל, מיט אינדיאנישע פיגורן און קאלירן אין הויכן און טיפן רעליעף. די ארבעטער אין דער פאבריק זיינען אינדיאנער פון דערדאזיקער געגנט, פויערים — האנט־ארבעטער. איך האב אומגעבלאנקעט איינער אליין אין א העפטיקן שטורמווינט אף דעם וויסטן פליין, אן א בוים, אן א גרעזל אפילע צווישן איין הייזקע און דער צווייטער. די לופט איז פול געווען מיט סאליטרע־שטויב און דער הימל, א נידעריקער, איז אנגעוואלגערט געווען מיט גרויע וואלקנס, איין וואלקן געדיכטער פונעם צווייטן, איינער טונקעלער פונעם צווייטן. אין מערב האט דורך א שפאלט אין די פאררויטלטע וואלקנס די בלוט־רויטע זון געווארפן אירע לעצטע שטראלן אינעם לאנגזאמען בין השמשות. און צו מיין אויער האט זיך דערטראגן א געוויין. צוערשט א סאלא־געיאמער און דערנאך אין כאר.

נאך דעם קול בין איך צוגעקומען צו א נידעריקער הייזקע פון בלאטענע רויע ציגל, ווי אלע אינדיאנישע הייזקעס, און געטראפן האב איך דארט א צוויי הונדערט אינדיאנער, מענער, פרויען און קינדער, וואס זיינען געקומען צו דער לויה פון א הונדערט־יאריקן קאציק. מען האט ערשט געהאט ארויסגעטראגן דעם מת פון דער שטוב. געליגן איז ער אין א קאסטן פון גישט געפארבטע אף שנעל אפגעהובלטע ברעטער און ארום אים עטלעכע הייליקע בילדער, אויסגעבארגטע פון דער קירכע. דער אינדיאנער גלח, אין א ווייס העמדל, מיט דעם געלן מעשענעם צלם אין דער האנט, האט נישט אויפגעהערט זאגן און זינגען אימאריש. זעקס קלאגערנס, יאנטעוודיק פארפוצטע אין ברייטע גרויע וואלענע קליידער, ווי קרענאלינעס, האבן דאס אנגעמאכט די יללה, וואס איך האב געהערט פון א קילאמעטער די ווייט.

דער הויפט־יאמער איז געווען בעת ארויפלייגן דעם בר־מנין אף די רוקנס פון צוויי גרויע אייזלען. צום געיאמער איז צוגעקומען דער גע־

## מאַרקוס פּאַרישעווסקי

שריי פון די אייזלען, אַף וועלכן עס האָבן אָפּגעענטפערט אַלע אייזלען פון דעם ישוב. אָנגעהויבן האָט איינע פון די וויינערקעס מיט אַ האַרץ־רייסנדיקן יאָמער, אַ סאַלאַ. ווען זי האָט פאַרענדיקט, האָט אָנגעהויבן יאָמערן אַ צווייטע און אַזוי ווייטער ביז יעדע איינע פון די זעקס וויי־נערקעס האָט אַף איר אופן אויסגערעכנט די מעלות פון דעם פאַרשטאָר־בענעם. דערנאָך האָבן די זעקס אָנגעהויבן יאָמערן אין כאָר. נאָך זיי האָבן זיך צעיאָמערט אַלע צוויייהונדערט מיילער, די מענער, די פרויען און די קינדער. און אויך די אייזלען האָבן געיאָמערט.

מיטאַמאָל איז שטיל געבליבן און דער גלח מיט דעם מעשענעם צלם אין איין האַנט און דעם געבעט־בוך אין דער צווייטער, האָט זיך צע־זונגען אין אימאַראַיש און גלייך נאָך אים די גאַנצע לויה. וואָס ווייטער איז דאָס געזאַנג געוואָרן אַלץ רויקער, ערנסטער, ערפּוכטיקער און אויך האַרמאָנישער. געזונגען האָבן זיי אַ ליד פון פּאַשעטע ווערטער, נאָר אַזוי מעלאַנכאָליש, טראַגיש, אַז מיר איז אַ ציטער דורך איבערן לייב.

באַוויזן האָבן זיך צווישן די זינגער „טשאַראַנגאָס" און „אַנטאַראַס" און אונטער די שאַרף־הויכע טענער פון די סטרונעס און געזום פון די זעכצן־רעריקע פייפלעך, האָט דאָס געזאַנג זיך געגומען הויבן אַלץ העכער און העכער און איז געוואָרן איינס מיט דער באַרג־סטיכיע, איינס מיט דעם אייביק יאָמערדיקן ווינט פון דער קאַלטער וויסטע. און געדאַכט האָט זיך מיר ווי די ווערטער פון דעם קלאָג־ליד פאַלן פון אויבן, פון די איי־ביק באַשנייטע באַרג־שפּיצן:

אַללין מאַמאַי הואַגני,
אַללין טאַטאַי קאַאַגפּאַס
לליפּיג קגאַנק גאַניאַן,
אַלפּאַג סאַק גאַנפּיניאַן...

וואָס אין אידיש קען דאָס הייסן:

די גוטע מאַמע וואָס האָט דיך געליבט,
דער גוטער טאַטע וואָס דו האָסט געהאַט,
זיי זיינען שוין אויך פון אַלעמען פאַרגעסן,
זיי זיינען אינעם האַרץ פון דער ערד...

# צווישן ווילדע און ציוויליזירטע

די טרויער־קאַראַוואַנע האָט זיך געקרויזט באַרג־אַרויף, באַרג־אַראָפּ, אָט רעכטס און אָט לינקס, ביז איך בין הינטערשטעליק געבליבן און דאָס געוויין פון די ווייבער מיט דעם געזאַנג פון די מענער און אַקאָמפּאַנימענט פון די „טשאַראַנגאָס” און „אַנטאַראַס” האָט זיך מיר געהערט וואָס אַמאָל אַלץ ווייטער און ווייטער ביז די לויה איז פאַרשוואונדן און ביז דאָס געזאַנג איז פאַרשטומט געוואָרן.

# אינהאַלט:

זייט


| | |
|---|---|
| פאַרוואָרט פון פּ. קאַץ — — — — — — — — — — — | 3 |
| דורך באָליוויע קיין פּערו — — — — — — — — — — | 7 |
| אין לאַ קיאַקאַ — — — — — — — — — — — — — | 10 |
| אין לאַ פּאַז — — — — — — — — — — — — — — | 12 |
| אַ ים אין די בערג — — — — — — — — — — — — | 16 |
| פּונאָ — — — — — — — — — — — — — — — — | 24 |
| מיט דער דער מאַפּע פאַר די אויגן — — — — — — — | 30 |
| קאַליאַאָ — לימאַ — — — — — — — — — — — — | 37 |
| אַ וויזיט אין אַ סאַמבאַ־משפּחה — — — — — — — — | 42 |
| דאָניאַ וויקטאָריאַ, איך און איר מאַן — — — — — — — | 44 |
| וויירעך — — — — — — — — — — — — — — — | 50 |
| קוענטעניקעס — — — — — — — — — — — — — | 52 |
| אַ פרומער איד — — — — — — — — — — — — — | 58 |
| מיטן אוקאַיאַלי צו איקיטאָס — — — — — — — — — | 62 |
| הואַיקאַטשינאַ — — — — — — — — — — — — — | 65 |
| אונטער דער פאָן פון די שטערן און שטרייפן — — — | 70 |
| אין דער שמעלץ־פאַבריק פון אָראָיאַ — — — — — — — | 80 |
| 4.387 פוס טיף אין דער ערד — — — — — — — — | 87 |
| כאַוכאַ — — — — — — — — — — — — — — — — | 96 |
| סורוהאַלפּאַ — — — — — — — — — — — — — — | 102 |
| סאַנטאַ ראָסאַ — — — — — — — — — — — — — | 110 |
| מיט פינף און דרייסיק גלחים בא איין טיש — — — — | 116 |
| האַמאָי־פּוקאַ — — — — — — — — — — — — — | 128 |
| אַ חופּה־וועטשערע אין די בערג — — — — — — — — | 137 |
| הואַנקאַיאָ — — — — — — — — — — — — — — | 145 |
| דער וועג קיין איאַקוטשאָ — — — — — — — — — — | 157 |
| מעכאָראַדאָ — — — — — — — — — — — — — — | 159 |
| אויף אַ פרומען וואָגן — — — — — — — — — — — | 165 |
| אין אַ כינעזישער אכסניה — — — — — — — — — — | 175 |
| אַ קאַטאַסטראָפע מיט פינף קרבנות — — — — — — — | 182 |
| די וואַליטשי־נעסט — — — — — — — — — — — — | 189 |
| איאַקוטשאַ — — — — — — — — — — — — — — | 196 |
| קאַאַפאַק יופאַנקי — — — — — — — — — — — — | 219 |
| אין אַרעקיפּאַ — — — — — — — — — — — — — | 228 |
| אַ שפּאַציר צום וואולקאַן מיסטי — — — — — — — — | 235 |
| אַ קאָנדאָר כאַפּט סורוהאַלפּאַן — — — — — — — — | 256 |
| אין דער מערת המכפּלה — — — — — — — — — — | 264 |
| צוריק פונעם מיסטי — — — — — — — — — — — — | 275 |
| אַ לויה אין די בערג — — — — — — — — — — — | 284 |

# תיקון טעות

| זייט | שורה | שטייט | דאַרף זיין |
|---|---|---|---|
| 14 | 15 | בי | בין |
| 19 | 16 | אינטיקאַטשאַ | הויראַקאָטשאַ |
| 34 | 17 | מאַיאָריעס | מאַאָריעס |
| 38 | 13 | דעם | דער |
| 65 | 9 | אַלבאַטראַסן | אַלקאַטראַסן |
| 132 | 24 | נאָר אָן זייף, | נאָר אָן זייף, שענק מיר אַ שטיקל גרינג־גאָ־זייף |
| 165 | 25 | דער | דעם |
| 184 | 6 | זיינען בהמות | זיינע בהמות |
| 184 | 26 | דעם | דער |
| 224 | 2 | אַלבאַטראָסן | אַלקאַטראַסן און אַל־באַטראָסן |
| 252 | 5 | און | אין |

IMPRESO EN LA ARGENTINA
QUEDA HECHO EL DEPOSITO
QUE DISPONE LA LEY 11723

דאָס דאָזיקע בוך, געדרוקט אין דרוקעריי
פון כוליאַ קויפמאַן, כונין 344, בוענאָס
איירעס, איז פאַרענדיקט געוואָרן דעם
30-טן יוני 1944.

Este libro se terminó de imprimir
el día 30 de junio de 1944, en los
Talleres Gráficos de Julio Kaufman,
calle Junín 344, Buenos Aires.